STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06512

A HALBER YORHUNDERT YIDISHE DERTSIUNG

A. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ האַלבער יאָרהונדערט
יידישע דערציונג

ארויסגעגעבן דורך צבי יתום
ריאָ — בראזיל

* * * *

התשי״ז — 1957

[illegible]

א. גאָלאָמב

אַ האַלבער יאָרהונדערט
יידישע דערציונג

☆

פארלאג „מאָנטע סקאָפוס"
ריאָ דע זשאַניירא
בראַזיל

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן דורך דעם
„קרייז פון ייוואָ־פריינד"
אין ריאָ דע זשאַניירא, — בראַזיל

דער האָנאָראַר פון מחבר און אַלע עווענטועלע
הכנסות פון דאָזיקן בוך גייען לטובת דעם
„קרייז פון ייוואָ־פריינד" אין ריאָ — בראַזיל.

דאָס פּאַפּיר פאַרן בוך איז געגעבן געוואָרן
פון דער משפחה קלאַבין, דורך
ה׳ וואָלף קלאַבין ע״ה.

געבענטשט זאָל זיין די מינוט, ווען עס איז אברהם גאָלאָמבן געקומען אויפֿן זינען צו שרייבן זיינע זכרונות, און געבענטשט זאָל זיין זיין כוח צו דערפֿירן דעם פּלאַן צו אַ גמר. ווארעם דאָס בוך האָט אַ גרויסע ווער־דע און וואָס ווייטער עס וועט זיך אָפּרוקן די צייט וואָס ווערט דאָ באַשריבן, אַלץ וויכטיקער וועט עס ווערן.

גאָלאָמב האָט איבערגעלעבט אַ סך און די יאָרן ווען ער האָט זיך אויסגעפֿורעמט ווי אַ פּעדאַגאָג זיינען געווען גורל־יאָרן אין דער יידישער געזעלשאַפֿט. דאָס אַלטע האָט זיך געבראָכן און ניט נאָר פֿון זיך אַליין, נאָר די יונגע האָבן געשמאַק צוגעהאָלפֿן. צווישן זיך גופֿא, ווידער, זיינען די יונגע אויך געווען צעטיילט.

צי איז שוין טאַקע אַלץ, אין דער טראַדיציע, פּסול אָדער מען דאַרף טיילן אירע איבערטראָגן אין דער נייער וועלט אריין? צי איז פֿאַראַן נוציקס נאָר אין דעם אַלטן שטאָף, צי אפשר גאָר אויך אין די אַלטע מעטאָדן? צי איז טאַקע מאָדערן אַזאַ סגולה צו געזונדהייט?

אין דעם דאָזיקן געפּלאָנטער פֿון פֿאַקטן, מענטשן און שיטות האָט אַ יונגער־מאַן געפּרוּווט זיך אָריענ־טירן. ער האָט ניט געהאַט קיין צייט צו לערנען זיך שווימען איידער ער וועט אריין אין טייך. אין טיפֿן שטראָם האָט ער זיך געלערנט לערנענדיק אַנדערע, געמאַכט מיט די הענט ווי שווימערס טוען, געשלונגען וואַסער ביי אַ פֿאַלשן מאַך מיט די הענט, אָבער ער איז געוואָרן אַ שווימער, ווייל ער האָט געמיינט מיט אַן אמת.

גאָלאָמב אַליין וועט געוויס ניט איינשטימען מיט מיר, אַז ער איז געוואָרן אַ מייסטער. טאָמער איז פאַראַן איינער וואָס איז טיף אומצופרידן מיט אברהם גאָלאָמבן, איז דאָס אברהם גאָלאָמב אַליין! אַזוי דאַרף זיין. דער זוכער האָט קיין מאָל ניט קיין געפיל אַז ער האָט געפונען. וואָס שייך געפינען? דאָס לעבן איז אַ זוכעניש. אָבער גאָלאָמב האָט איבערגעלאָזט זיין שטעמפּל אומעטום ווו ער האָט געלעבט זיין לעבן פון אַ דערציער. איך האָב געטראָפן היפש מענטשן וואָס ער האָט זיי מדריך געווען, און זיי האַלטן ניט פון זיין שיטה. אָבער זיי האַלטן און וועלן אַלע מאָל האַלטן פון גאָלאָמבן.

גאָט איז זיין עדות אַז ניט מיט לאַשטשן זיך, ניט מיט צופּאַסן זיך, ניט מיט פאַרשווייגן, האָט ער זיך קונה געווען די ליבשאַפט פון זיינע תלמידים און דעם רעספּעקט פון די שולטוערס און כללטוערס. די ריבאייזנקייט פון זיין נאַטור דערלאָזט ניט צו דעם. אָבער ווידער אַ מאָל: היינט, ווי ביים אָנהייב פון זיין לעבנסוועג, מיינט ער אויף אַן אמת. דער אמת קען וויי טאָן — אָבער פאַריבל האָבן אויף אים האָט ניט קיין טעם.

הינטער דעם בוך, וואָס דער לייענער האַלט איצט אין האַנט, שטייט אַ פּערזענלעכקייט. וואָס פאַר אַ גרעסערן שבח קען מען זאָגן אויף אַ מענטשן? און עס איז אַ גרויסע פרייד פאַר מיר, וואָס אָט דער מענטש איז מיינער אַ נאָענטער גוטער־פריינד פון כמה צענדליקער יאָרן.

ניו יאָרק, אויגוסט 1956.

מ. ווײַנרײַך

א מתנה
פון
צום

אינהאַלט

אַרייַנפיר	1
חדר און ישיבה־יאָרן	21
אַ שטרייק אין ישיבה	33
דאָס לערנען אין ישיבה	37
דער אַלגעמיינער צושטאַנד	43
די גראָדנער פּעדאַגאָגישע קורסן	49
רעפאָרמירטע תלמוד־תורות	57
אַ ייִדישע מיידלשול אין צאַרישן רוסלאַנד	67
אין אַ זומערשול פאַר די אַרויסגעטריבענע קינדער	79
אַ יאָר אין פּעטראָגראַד	83
די קיעווער תקופה פון ייִדישער קולטור־שעפערישקייט	95
די אָוונט־קורסן אין קיעוו	105
די ירידה	109
די לערערשאַפט	111
אין ווילנע	121
פּושקאַרניע	137
דער סעמינאַר	145
דער סוף פון סעמינאַר	159
דער סעמינאַר ווי אַ פּעדאַגאָגישע לאַבאָראַטאָריע	163
די ייִדישע שול אין ווילנער פּראָווינץ	173
אין ארץ ישראל	181
וועגן דערציונג אין ארץ ישראל	193
אין קאַנאַדע	199
אין אַ ייִדישער שול אין אַמעריקע	201
צונאָב	211

אריינפיר

עס האָט זיך טראַגיש געענדיקט אַ וווּנדערבאַרע תקופה אין דער יידישער געשיכטע, עס איז אוועק אין פאַרגאַנגענהייט אַ יאָרהונדערט פון אַזאַ גוואַלדיקער דינאַמיק, וואָס קיין שום פריערדיקער קען זיך צו אים ניט פאַרגלייכן. אין צאָלן האָט זיך דאָס יידישע פאָלק פאַרפירפאַכט — פון אַרום פיר מיליאָן אין מיטן פון פאָריקן יאָרהונדערט זיינען מיר געוואָרן אַ פאָלק פון כמעט זיבעצן מיליאָן ערב דער היטלער־שחיטה; נאָך אַזאַ פאַרמערונג ווייס ניט אונדזער געשיכטע. פון אַ פאָלק וואָס איז כמעט אין גאַנצן געווען קאָנצענטרירט אין איין געאָגראַפישן געביט פון דער וועלט האָבן מיר זיך פאַרשפרייט און פאַרזייט, פאַרזייט און פאַרפלאַנצט אין אַלע טיילן פון דער וועלט, איבער דער גאָרער ערד. מ׳ר זיינען געוואָרן אַ וועלט־פאָלק. און ביז היינט איז גערעכט די גמרא וואָס זאָגט, אַז דאָס גליק פון אונדזער קיום האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אונדזער געאָגראַפישער צעשפּרייטונג. אין דער זעלביקער צייט האָט די גאַנצע צעשפּרייטונג אונדזערע באַקומען אינעווייניק כמעט אַן איינהייטלעכן כאַראַקטער. שטאַרקע, מעכטיקע ישובים זיינען אויפגעקומען אין נייע לענדער און אין זיי אַלע האָט געהערשט איין גייסט — דער גייסט און דער שעפערישער אימפעט פון מזרח־אייראָפּעאישער יידישער קולטור. בכל אופן אין אָנהייב. וויי, וויי, ווי מיר וואָלטן אויסגעזען איצט אָן די נייע ישובים אין די אַמעריקעס און אין אַפריקע וכדומה! פון קליינע, ספּאָראַדישע חלומות פון אַ בנימין השלישי, פון קליינשטעטלדיקע בענקענישן, זיינען אויסגעוואַקסן באַוועגונגען פון אַ ביל״ו און ביז אַן אייגענער מדינה. עס איז פאַרשטייט זיך, ניט ריכטיק צו זאָגן, אַז די פּאָגראָמען האָבן געשאַפן די ביל״ו. ריכטיק איז אַז דאָ איז געווען דער פּונק וואָס האָט די פּאָטענציעלע ענערגיע פאַרוואַנדלט אין קינעטיק, די פּאָטענץ איז געווען פון פריער.

פון אַ געשלאָסענער כמעט אויסשליסלעך רעליגיעזער געמיינשאַפט זיינען מיר געוואָרן אַ פאָלק מיט אַ וועלטלעכער קולטור, מיט אַ ליטעראַטור, וואָס קען זיך פאַרמעסטן מיט אַלע אַנדערע ליטעראַטורן אויף דער וועלט, אַ ליטעראַטור וואָס נאָר אַ וועלטפאָלק מיט אַן אַלטער קולטור קען שאַפן. און זי איז נאָך קיין הונדערט יאָר ניט אַלט! עס זיינען אויפגעקומען יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, סאָציאַלע אינסטיטוציעס מיט ביודזשעטן וואָס ניט אַבי וואָסער מלוכה עס קען זיך פאַרגינען; פּאַרטייען, אידעאָלאָגיעס, ריכטונגען, אַ מוזיק, אַ טעאַטער — אַ שלל מיט דינאַמיק אויף אַלע געביטן פון לעבן.

עס האָט זיך דיאמעטראל געענדערט די גאנצע דערציונגס־סיסטעם פון א פאָלק. עס איז אראָפ פון סצענע די אַלטע סיסטעם וואָס האָט געצויגן איר יחוס נאָך פון סאַמע אַלטערטום. און אָט די גוואַלדיקע איבערקערעניש איז ניט גענוג באלויכטן — זייער אָפט ביז גאָר טענדענציעז און ניט אלעמאָל ריכטיק.

● ● ●

דער שרייבער פון די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך איז אפשר מער ווי אַנדערע באַקאַנט מיט די פּראָצעסן אויף דעם געביט פון יידישער דערציונג, איבערהויפּט אין דער צווייטער העלפט פון דעם יאָרהונדערט. און איך האלט עס פאר מיין מאָראַלישן חוב צו פארעפנטלעכן דאָס וואָס איך ווייס. אַליין א לערער ביי דער אַרבעט מער ווי 45 יאָר, אלע מאָל אין יידישע געזעלשאפטלעכע שולן, כמעט אין אַלע לענדער ווו אזוינע שולן עקזיסטירן, אלע מאָל אין פאקוס פון די אומרוכוואַליעס אויף דעם געביט, צוזאמען מיט אַנדערע געחלומט חלומות פון אויפשווונג און אַן עדות פון דער ירידה, ארייננעפלאָכטן אין די אידעאָלאָגישע וויכוחים אַרום דער יידישער דערציונג, קיינמאָל ניט קיין זייטיקער, געהאָלפן אויפשטעלן דורות יינגערע לערערס, — איז עס א הייליקער חוב פון אַזאַ איינעם צו פאַרשרייבן דאָס וואָס ער ווייס פון אָט דער קאָכיקער תקופה. אפשר וועט עס צונוץ קומען, אפשר וועט מען עס דאַרפן.

● ● ●

די תקופה דאַרף צעטיילט ווערן אויף צוויי כמעט גלייכע העלפטן: ביזן סוף ניינצנטן י״ה און די ערשטע העלפט פון צוואַנציקסטן. די טענדענצן פון די צוויי טיילן זיינען געווען דיאַמעטראַל־קעגנגעזעצטע. דער ערשטער פעריאָד האָט געטראָגן די פאָן פון השכלה און האָט געשטורעמט מיט נעגאַציע, מיט דער אַנטיטעזע צו אַלץ וואָס האָט געטראָגן דעם חותם פון יידישער טראַדיציע. עס איז געווען די צייט פון דער השכלה, וואָס האָט אין אַלץ וואָס יידיש איז געזען בלויז דאָס נעגאַטיווע; די יונגע העברעאישע ליטעראַטור האָט מיט די שוואַרצסטע פאַרבן געמאָלט דאָס יידישע לעבן, אין אירע פוסטריט איז געגאַנגען די ערשטע טריט אויך די יידישע ליטעראַטור, אַלץ קריטיק און ניט מער, סאַטירע בייסיקע און... ניט ווייניק האַס און ביטול. דער פאָטער פון דער רוסישער השכלה ר׳ יצחק בער לעווינזאָן שרייבט אין יאָר פון דער קאַנטאָניסטן־גזרה (1827) אויף דעם רוסישן קייסער ניקאָליי דעם ערשטן „מלכי חסד״. דער ווילנער „אבי המשוררים העברים״ אדם הכוהן לעבענזאָן שרייבט א גרויסע פּאָעמע וועגן די צרות פון דער וועלט („החמלה״), באַוויינט ער דאָרט א הון וואָס דער שוחט קוילעט אָבער ער דערמאָנט ניט די טראַגעדיע פון יידישע מאַמעס, וואָס כאַפּערס כאַפּן ביי זיי ארויס קליינע קינדער זיי צו שמדן, צו מאַכן פאר קאַנטאָניסטן, זיי אומצוברענגען, אָפּצורייסן זיי אויף א גאַנץ לעבן שוין. דאָס האָט ער ניט באַמערקט. דער גרעסטער דיכטער פון דער תקופה זעט אין גאַנצן יידישן לעבן נאָר

שלעכטס און א צווייטער פירט אויס, אז רבנים האָבן זיך אָנגעזעצט אויף יידן און מאַכן זיי אומגליקלעך („הדם והחיים") און אזוי כסדר, וכל המרבה — ווער עס קריט קירט מער איז א גרעסערער שרייבער. הייגט ווער רעדט נאָך די יידישע שרייבערס וואָס האָבן שוין זיך „דערהויבן" צו שרייבן אין רוסיש! (דאָס ערשטע יידישע ווערק אין רוסיש איז דערשינען אין 1802 פון דעם שפעטערדיקן משומד לייב נעוואכאוויטש) — די האָבן שוין אָפן און דרייסט אָפגעלאַכט פון די וואָס שרייבן נאָך מיט די „אַסירישע קוואַדראַטעלעך" (געמיינט די יידישע אותיות, לעוו לעוואַנדע אין „רוסקי יעווריי". שפעטער, נאָך די פּאָגראָמען, א חובב ציון און אַליין געשריבן אין העברעאיש), — די האָבן אָפן געפּריידיקט אסימילאַציע און צונויפשמעלצונג מיט דעם רוסישן פאָלק. „סליאַניע" (צונויפגוס) איז געווען דער אידעאַל, וועגן דעם האָט מען זיך געבעטן ביי די „גרויסמוטיקע און גוטהערציקע זין פון צפון, די גרויסרוסן" (פון דעם לייב נעוואכאוויטשעס „דאָס געוויין פון יהודה'ס טאָכטער" — אין העברעאיש און אין רוסיש 1802). דאָס האָט געפּרעדיקט שפעטער אָסיפּ ראַבינאָוויטש און אפילו לעאָן פינסקער און סאָ־לאָווייטשיק, וואָס האָבן זיך ערשט שפעטער נאָך די פּאָגראָמען, אָפּגעזאָגט פון דעם אידעאַל, וואָס איז פריער געפּריידיקט געוואָרן אָפן און דרייסט. יעדער אידייע קומט צוערשט אין איר אָפענער געשטאַלט, ערשט שפעטער, ווען זי ווערט עטוואָס אומ־אָנשטענדיק, קליידט זי זיך אָן אין א מאַסקע, כדי מען זאָל זי ניט דערקענען, אָבער זי בלייבט אין לעבן אויך ווייטער ווירקן פאַרשטעלטערהייט. אזוי איז אויך מיט דער אסימילאַציע, וואָס איז לכתחילה געגאַנגען אָפן אונטער איר אמתן פּרצוף אין אַלע לענדער, און אין רוסלאַנד — ביז די פּאָגראָמען אין דריטן פערטל פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען זי האָט געביטן אירע לאָזונגען, די שילדן אָט ווי אַלע באַנקראָטירטע פירמעס וואָס שרייבן זיך אויף אַן אַנדער נאָמען... די חברה מפיצי השכלה וואָס האָט אין די כמעט זעכציק יאָר פון איר לעבן (געשלאָסן אין 1920 דורך די קאָמוניסטן) אויפגעטאָן זייער פיל פאַר דער נאַציאָנאַלער דערציונג פון יידן אין רוסלאַנד, האָט זיך לכתחילה געזאָלט גרינדן (אין 1853) ווי א געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן צווישן יידן אין רוסלאַנד די רוסישע שפּראַך און בילדונג. מען האָט געחלומט וועגן דער צייט ווען יידן וועלן אפילו דאַווענען אויף רוסיש. באשר די צאַרישע רעגירונג האָט ניט דערלויבט, און אין צווייטן סטאַטוט, וואָס איז יאָ באַשטעטיקט געוואָרן איז געבליבן בלויז "געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן יידן אין רוסלאַנד". פאַרוואָס די רעגירונג האָט ניט געוואָלט באַשטעטיקן דעם ערשטן פּראָיעקט איז מיר ניט באַקאַנט, אפשר דער־פאַר ווייל מען האָט אונדז פיינט אפילו אַסימילירטערהייט. אין דער יידישער לי־טעראַטור (אויף ביידע שפּראַכן) איז שווער צו געפינען א גוט וואָרט אויפן חשבון פון יידן און זייער אַרט לעבן. אָפט זיינען די שריפטן פול מיט שנאה, מיט ווייטיק וואָס מען געהערט צו אַזאַ פאָלק. דער רוסישער פּויער איז געוואָרן אין די אויגן פון די יידישע משכילים דער אידעאַל פון מענטשישקייט און פון ערלעכקייט. מען

דאַרף צוגעבן — עס איז אין דער רוסישער ליטעראַטור געווען די צייט פון פאָלקיזם, האָבן יידן פּאַרליבטע אין דער דאָזיקער ליטעראַטור איבערגענומען אויך אָט די ליבע צום הייליקן רוסישן פויער. יידישע משכילים האָבן גענומען שיכורן ניט ווייל עס האָט זיי געצויגן דער טרונק, נאָר כדי צו זיין געגליכן צום פויער. איינער פון די דאָזיקע יידן האָט אפילו זוכה געווען זיך צו שמדן, חתונה האָבן מיט אַן אמתער פויערטע און שטאַרבן ווי א הייליקער פויער — אָנגעשיכורט זיך און געפאַלן אין גאַס אין סאַמע רינשטאָק אריין, „ויצאה נשמתו בגלעזל", ווי טביה האָט געזאָגט. צי ער איז געווען איינער? מיר דוכט זיך, אז ניט. אָבער א יידן, א פשוטן פאָלקסמענטש האָט מען טאַקע פיינט געהאַט, און וואָס ער האָט געטאָן איז אין די אויגן פון די משכילים געווען שלעכט. דער חדר, דער קלאַסישער יידישער אַנשטאַלט מיט א טראַדיציע פון באַלד צוויי טויזנט יאָר אין א סביבה פון פעלקער אַנאַלפאַבעטן איז געווען פאַררעכנט פאַר א סימבאָל פון אַלדאָסבייז. אפילו אַזאַ אוהב ישראל ווי שלום עליכם האָט נאָך געשריבן וועגן מלמד ווי וועגן א גזלן א סאַדיסט (דאָס מעסערל). די ישיבה וואָס איר פּעדאַגאָגיק וואָלט נאָך היינט געקאָנט גילטן פאַר אַן אידעאַל פאַר די וועגן ביי אַנדערע פעלקער, איז געווען פאַרהאַסט און פאַרמיאוסט. דאָס יידישע פאָלק איז אין יענער תקופה געווען צעטיילט אויף צוויי פיינטלעכע מחנות: די גאַנצע פאָלקישע מאַסע מיט איר שטרענגער אָפּגעהיטקייט בנוגע צו אַלץ וואָס איז טראַדיציאָנעל פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט — דאָס הייפעלע משכילים, וואָס האָט באַרעכטיקט אַלע גזרות קשות פון דער צאַרישער רעגירונג בנוגע צו יידן און האָט געהאַט א טאָפּלטן אידעאַל: אַלע יידן זאָלן ווערן גויים און אויב דאָס ניט איז כאָטש אליין זיך באַפרייען פון יידישן האָרב. דאָס פאָלק האָט געצאָלט דער השכלה מיט דער זעלביקער מטבע: מען האָט זי פיינט געהאַט בתכלית השינאה און ווען מען האָט געקאָנט, פלעגט מען זיך גאָר ניט איידל באַגיין מיט זיי. דעם ריב"ל (ר' יצחק בער לעווינזאָן) האָט מען גערופן „דער בעל הטוטקע" (לויט זיין ספר „תעודה בישראל". תעודה — טוטקע). אָדם הכוהן האָט אין ווילנע אין זיין צייט און אויך שפּעטער געהאַט דעם נאָמען „בערקע מיכיילישיקער" און מען פלעגט נאָך דערלייגן א „ימח שמו". ער איז געווען אַן איידעם אין שטעטל מיכיילישאָק, פון דאַנען דער נאָמען מיכיילישיקער. ווען ביי אים איז געשטאָרבן אין עלטער פון א פאָר און צוואַנציק יאָר דער באמת טאַלאַנטירטער דיכטער, זיין זון מיכה יוסף, האָבן פרומע יידן זיך געפרייט, שיר ניט געטאַנצט אין גאַס „ביי בערקע מיכיילישיקער איז א זון געפּאַלן" (ווי מען רעדט וועגן א בהמה). איך געדענק גוט, אז ווען מיין פרומער זיידע פלעגט פאַרבייגיין דער ווילנער כאָרשול (אין איר ערשטער דירה, אויף א צווייטן גאָרן לעבן זאַוואַלנע גאַס), פלעגט ער אויסשפּייען און זאָגן דעם באַקאַנטן „שקץ תשקצנו ותאב תתאבנו כי חרם הוא". די שול איז טאַקע בשעתה געגרינדעט געוואָרן פון אָדם הכוהן. פאַר אונדז היינט איז עס טאַקע שווער צו באַנעמען אַזאַ האַס, אָבער ווען מען נעמט די דאָזיקע

פלוגתא אין פערספעקטיוו פון צייט ווייס איך ניט ווער עס איז מער געווען שולדיק. מיר דאַכט זיך אז פון די משכּילים האָט מען דאָך געמעגט מער פאָדערן, לכל הפּחות. צווייטנס האָבן די פרומע מער געפילט דעם פּולס פון דער געשיכטע: די משכּילים האָבן דאָך כּמעט ניט געלאָזן קיין יורשים אין יידישן פאָלק: זייערע קינדער און זייערע תּלמידים האָבן אַלע געענדיקט אויף יענער זייט פון יידישקייט. בכל אופן איז גערעכט דער היסטאָריקער פּ. מארעק וואָס האלט אז די משכּילים זיינען געווען די שולדיקע („צוויי דערציונגען", מאָסקווע 1909, רוסיש).

עס איז פארשטייט זיך, ניט שייך צו קומען איצט מיט באשולדיקונגען אויף צוריק מיט א הונדערט יאָר, אָבער מען זעט עס איצט קלאָר: עס איז שווער, כּמעט אוממעגלעך צו געפינען צווישן יידן א דירעקטן פיזישן אָדער גייסטיקן אָפּשטאַמלער פון די ערשטע משכּילים. דער גאַנצער אַקטיוו פון יידישן פאָלק און אפשר פון יידן בכלל שטאַמט פון דעם צווייטן לאַגער, ניט פון די משכּילים. און דאָס איז ביי אונדז דער איינציקער קריטער אָפּצושאַצן א באַוועגונג אין יידנטום: וווּהין זי האָט געפירט.

אין רוסישן פוילן איז די שפּאַלטונג אויף צוויי אַנטקעגנדיקע מחנות געווען נאָך שאַרפער און נאָך בולטער: חסידים און אַסימילאַנטן. דאָ האָט די השכּלה באַלד געקראָגן איר ריכטיקן און אויפריכטיקן פּרצוף־אַסימילאַציע. אין אַנדערע ערטער פון דעם באַרימטן „תּחום המושב" (ווּ יידן האָבן אין רוסלאנד געמעגט וווינען) איז דער אידעאַל פון אַסימילאַציע געווען דאָס רוסישע פאָלק, און פון אים איז מען שוין פשוט געווען געאָגראפיש אָפּגעטיילט. מען האָט געלעבט צווישן סובאָרדינירטע פעלקער וואָס האָבן די יידן ניט צוגעצויגן. אַנדערש איז דאָס געווען מיט די פּאָליאַקן ביז דעם צווייטן אויפשטאַנד. דאָ איז די אַסימילאַציע מיט די פּאָליאַקן טאַקע געווען גרינגער, די פּאָלאָניזאַציע — האָפּערדיקער, דרייסטער, דער וועג פון השכּלה ביז שמד (און אָפט ביז אנטיסעמיטיזם) — דירעקטער און גראדער.

דער יידישער רענעסאַנס שטאַמט אין גאַנצן ניט פון דער השכּלה נייערט פון דעם צווייטן לאגער. א בוים דערקענט מען לויט זיינע פּרוכט און א באוועגונג — לויט אירע תּולדות.

אָבער איך גיי דאָ ניט משפּטן די השכּלה און די משכּילים. אויב מיר זאָלן אָננעמען די אלטע יידישע דערציונג ווי דעם טעזיס, און דעמאָלט וועט די השכּלה זיין ביי אונדז דער אַנטיטעזיס, איז עס געווען נאַטירלעך דאָס אַנטלויפן צום צווייטן עקסטרעם, דאָס פאָלק איז געווען דער טעזיס, איז אלץ וואָס פאָלקיש און פאָלקסטימלעך, געווען שלעכט און טריף און מאוס און העסלעך.

אָבער אויפן סאַמע שוועל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך די סיטואַציע געביטן, ווידער אמאָל א שפּרונג פון עק ביז עק. די פּאָגראָמען אין רוס־

לאַנד האָבן אויסגעניכטערט א סך פון די משכּילים, מען האָט דערזען אז דער שידוך מיט דעם רוס איז נאָך ווייט, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער אָדעסער ד״ר סאָלאָווייטשיק, ל. פינסקערס חבר און מיטרעדאקטאָר פון זייער בשותפות־דיקן רוסיפיקאטאָרישן זשורנאל, אז היות ווי וועגן „סליאניע״ (צונויפשמעלצונג מיט דעם רוסישן פאָלק) קען דערווייל קיין רייד ניט זיין, האָט ער דעריבער ניט וואָס צו טאָן אין דער אָדעסער אָפּטייל פון דער חברה מפיצי השכלה. (טשע־ריקאָווער, געשיכטע פון מפיצי השכלה, רוסיש) דאָס האָט אויך געבראַכט פינס־קערן צו זיין „אויטאָעמאַנציפּאַציע״. נאָך מער האָט זיכער געהאט א השפעה די אַלגעמיינע דערוואַכונג פון די ברייטערע מאַסן אין רוסלאַנד א דאַנק דער פויע־רים־באפרייונג (1861) און דער אינדוסטריאַליזאַציע, און אפשר אויך א דאַנק דעם פאָלקיזם ביי די רוסן ווי אויך דעם אויפקום פון סאָציאַליזם. מיט איין וואָרט, דער שווערפּונקט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט זיך גענומען איבעררוקן פון די שפּיצן צו די מאַסן. דער איבעררוק האָט זיך גלייך אָפּגעשפּילט אין דער ליטעראַטור. די קריטיק איז געוואָרן געווענדעט צו די אויבערשטע שיכטן בעיקר, מען האָט זיך אָנגעהויבן אָננעמען פאַר די מאַסן, די נייע טענער זיינען שוין קענטיק ביי מענדעלען. אָנשטאָט יל״גן שטייט אויף ביאַליק. עס באַווייזט זיך שלום עליכם ניט מיט סאַטירע נאָר מיט פאָלקסטימלעכן הומאָר. אָנשטאָט די ערשטע פּרצעס שאַרפע קריטישע זאַכן קומען פון אונטער זיין פען ארויס די פאָלקסטימ־לעכע געשיכטן און „חסידיש״, עס האָט א צי געטאָן צו דער גאָלדענער קייט. אָנשטאָט דעם משכיל מיכל גאָרדאָן קומט אויף דער האַרציקער אברהם רייזען. פון „זשאַרגאָן״ הייבט מען אָן צו גיין צו „יידיש״. אָנשטאָט דעם אידעאַל פון „צונויפשמעלצונג״ קומען אויף נייע ריכטונגען צו אייגענער יידישער אויטאָנאָ־מיע, אָנשטאָט וואָס פריער איז דער מצב פון די יידן אין מערב־אייראָפּע געווען דער אידעאַל פון די משכילים אין רוסלאַנד,האָט זיך איצט ארויסגערוקט דער שטאָלצער מזרח־ייד אחד העם און ער האָט זיי, די מערב־יידן, אויפגעוואָרפן זיי־ער „קנעכטשאַפט אין פרייהייט״. אָנשטאָט דעם וואָס פריער האָט מען געלערנט דעם לאָזונג „אין פאָלק אריין״ (ביי דער רוסישער אינטעליגענץ), האָט איצט די יידישע אינטעליגענץ מיט אמאָל דערזען דאָס אייגענע יידישע פאָלק. מען נעמט זיך אפילו שטודירן און זאַמלען דעם יידישן פאָלקלאָר (אויך פּרץ, דער משומד בלאָך, א. בערנשטיין און אַנדערע). אנשטאָט זיך צו קוויקן מיט רוסישע פאָלקס־געזאַנגען הייבן אָן יידישע סטודענטן אין א מאָסקווע צי אין א פעטערבורג צו חלומען וועגן יידישער מוזיק, זאַמלט מען פאָלקס־לידער. אָנשטאָט וואָס א י. לעוויטאַן האָט געמאָלן רוסישע פייזאַזשן און דער ווילנער מאָטקע (מאַרק אַנ־טאָקאָלסקי) האָט געהאַמערט איוואַן דעם גרויזאַמען און יעקאַטערינע די גרוי־סע וכדומה, האָבן יידישע מאָלער און קינסטלער דערזען א יידישע קונסט און א שלל מיט יידישע טעמעס. עס האָט זיך אויפגעהויבן א צאָל באַוועגונגען צו אייגענער פאַרזיכיקייט, אין דער אָדער יענער פאָרעם. מיט איין וואָרט, די

תקופה פון אנטיטעזיס האָט זיך געענדיקט, עס האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון סינטעז. אָנשטאָט דער ריכטונג פ ו ן פ אָ ל ק איז אויפגעקומען א ריכטונג צ ו ם פ אָ ל ק.

עס פארשטייט זיך אז אין דער געשיכטע איז ניטאָ קיין שארפע איבערברוכן: דעם און דעם טאָג ענדיקט זיך איין תקופה און עס קומט אָן פונקט צוועלף ביי נאַכט א נייע תקופה. קיינמאָל ניט אזוי. איין תקופה גיסט זיך אריבער אין דער צווייטער. ביי אונדז האָט דער סינטעז־פעריאָד געירשנט אָן א שיר שטריכן פון דעם אַנטיטעזיס און זיי פארטונקלען אָפט דאָס אמתע בילד פון דעם נייעם סינטעז.

אפילו ווען רעוואָלוציעס שווענקען כלומרשט אָפּ אל דאָס פאַרגאַנגענע, איז עס בלויז אַן אילוזיע. דער פּראָצעס פון א רעוואָלוציע גייט ווי אַן ארביטע: זי דערווייטערט זיך דיאַמעטראל ווייט און אָט קערט זי זיך אום צו איר ארויס־גאַנגספּונקט צוריק. דאָס זיינען די קרייזן אין דער געשיכטע. אָט אזוי האָט אויך די יידישע קולטור־געשיכטע דורכגעמאַכט אין משך פון דער באהאנדלטער תקופה א פולן אומקרייז פון אַלטן טעזיס דורך דעם אנטיטעזיס צום נאָרמאַלן סינטעז — פון די „שומרי החומות“, דער אַלטער טראַדיציע דורך דעם רעוואָלוציאָנערן „הדת והחיים“ וכדומה ביז צו דער „גאָלדענער קייט“. דער דאָזיקער נאָרמאלער קרייז האָט זיך אָבער ניט באַוויזן צו פארענדיקן, נאָך איז דער סינטעז ניט אריין אין לעבן, עס האָט זיך נאָך ניט צונויפגעלעבט אין גאַנצן די אַלטע טראַדיציע מיט דעם נייעם פארדייטן, און אונדזער נאָרמאַלער גאַנג איז דורך א בייזער האַנט איבערגעריסן געוואָרן. דער חורבן פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום האָט אָפּגע־שטעלט דעם נאָרמאַלן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דעם סינטעז, דעם שעפערישן צעבלי פון יידישער קולטור אויף אלע געביטן. די נייע ישובים — גאָט ווייס אויף וואָסערע וועגן זיי לאָזן זיך גיין! אלע זיינען זיי קינדער דווקא פון דעם מזרח־אייראָפּע־אישן יידנטום, אָבער די סימפּטאָמען ווייזן אז זייער וועג גייט ניט אהין, ניט אין דער געזונטער ריכטונג, נייערט עס גייט אין טריט פון דעם מערב־אייראָפּעאישן יידנטום. וואוהין? — צו אויסיידישונג. זיצן מיר אויף די חורבות פון דעם צע־בליטן סינטעז און מיר באמיען זיך אונטערצופירן סך הכלען. טוען מיר דאָס.

ב

דערציונג ביי יידן אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

די דערציונג ביי יידן אין מזרח־אייראָפּע האָט אין דער באהאנדלטער תקופה אויך דורכגעמאכט די פריער אָנגעמערקטע דריי עטאַפּן. דער טעזיס איז געווען דער אוראַלטער חדר און ישיבה. ווי אלץ וואָס איז ביי יידן געווען טראַדי־ציאָנעל, איז אויך דער חדר און ישיבה געווען רעליגיעז פאַרהייליקט. די פּראָגראַמען

און מעטאָדן זיינען אויך געווען ניט אָפּהענגיק פון אינדיווידועלע נייגונגען פון די לערער־מלמדים און רביים, נייערט אלץ איז געווען פעסטגעשטעלט טראַדיציאָ־נעל. א פאָלק האָט געלעבט הונדערטער יאָרן צווישן פעלקער־אַנאַלפאַבעטן, וואָס האָבן פון קיין בוך ניט געוווּסט, און דאָך האָט דאָס פאָלק ניט געהאַט קיין אַנאַל־פאַבעטן. בכל אופן צווישן מענער. אָן א מליצה, געזעצן און אָן פאָליציי־צוואַנג האָט א פאָלק געהאַט א פעסטע אַלגעמיינע, אייגהייטלעכע, אָבליגאַטאָרישע (הגם בלויז מאָראַלישע, אָבער דאָך אָפּגעהיטענע) דעמאָקראַטישע דערציונגס־סיסטעם, זי האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען נאָך פארן חורבן, אין א צייט ווען די היינ־טיקע קולטור־פעלקער האָבן דאָס אפילו אין חלום ניט געהאַט, אויב אפילו מען זאָל אָננעמען אז עס איז ביי זיי געווען ווער עס זאָל חלומען פון דעם. די סיסטעם איז באַשטאַנען פון דריי טיילן — חדר (אָנהייב־שול), מיטלשול און העכערע שול אין פאָרעם פון ישיבות העכערע און נידעריקערע, און פון לערנען א גאַנץ לעבן אינדיווידועל און קאָלעקטיוו אין פאָרעם פון ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס פאַר דעם ציל — חברות, וואָס האָבן ניט אויסן־געלאָזט קיין שום שיכט פון פאָלק. קיין מאָל האָט א ייד ניט געענדיקט לערנען, דאָס לערנען איז ניט געווען קיין צוגריי־טונג צו עפּעס א קאַריער אין לעבן, עס איז געווען א טייל פון לעבן גופא. עס איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן א טראַדיציאָנעלן יידן אָן לערנען, אָן א ספר. דאָס גאַנצע פאָלק האָט געהאַלטן אין איין לערנען — מאַן און ווייב, קינדער און אַלטע. איטלעכער אויף זיין וועג און שטייגער. ניט אומזיסט זיינען מיר געווען דער „עם הספר". ווען דורות פון אַנדערע שכנים־פעלקער האָבן קיין בוך ניט אָנ־געזען, איז געווען כמעט אוממעגלעך צו זען א יידישע שטוב אָן א ספר. דאָס איז געווען דער בעסטער „מעבל" אין א שטוב. ספרים פלעגט מען געבן אין נדן, מען פלעגט זיי לאָזן בירושה ווי א רייכטום. ביים בעל־מלאכה איבער זיין וואַרשטאַט איז געווען א פאָליצקע מיט עטלעכע „ספרימלעך", וואָס ער פלעגט „מעיין זיין" אין זיי ווען ער פלעגט זיך אָפּרוען. א וואַנט מיט ספרים איז געווען א שטאָלץ אין א שטוב, לופטערן די ספרים פאַר פסח איז געווען אַן עבודת הקודש פאַר קינדער; בלעטער צעריסענע פון אַלטע ספרים זיינען געווען הייליק (שמע, שמות, אַרויסגערעדט שיימעס), מען פלעגט זיי קלייבן אין גניזות אין שול און מקבר זיין. קענען לערנען, האָבן צייט צו לערנען איז געווען א חלום אפילו פון א פשוטן יידן (טביה דער מילכיקער). געלערנטקייט איז געווען א יחוס מער ווי געלט. א גביר פלעגט זיך איינקויפן אין יחוס דורך אן איידעם א למדן, וואָס ער פלעגט אים געבן „אייביקע קעסט" נאָר ער זאָל זיצן און לערנען, און ער, דער שווער, פלעגט זיין שטאָלץ און גליקלעך אז ער פלעגט הערן דעם „קול התורה" פון זיין טאָכטערס מאַן. עס איז היינט אונדז זיך שווער פאָרצושטעלן די ראָל וואָס לערנען האָט גע־האַט ביי יידן אין דער טראַדיציע. יעדער ייד האָט צי רייך האָט געדאַרפט „קובע עתים לתורה זיין" באַשטימען צייט צו לערנען, אָפּרייסן פון זיין אַרבעט, און ווער רעדט א שבת, א יום טוב, ווען מען איז פריי. דאָ איז דאָך ניט שייך צו זאָגן:

איז דען דאָ א בעסערער פאַרגעניגן ווי א שטיקל תורה אַליין צו לערנען אָדער צו הערן פון א רבין. דערמיט האָט זיך אויך דער פשוטער ייד געפילט „אז ער איז א שטיקל מענטש אויף דער וועלט". חברות (אָרגאַניזאַציעס) פלעגן צאָלן א רבין ער זאָל לערנען אין די שבתים מיט דעם עולם, מען פלעגט אויסהאַלטן ספּעציעלע מגידים, און אין קלענערע שטעטלעך פלעגן ארומוואַנדערן מגידים צו האַלטן פאַר דעם עולם תורה־דרשות, און מען האָט ניט געדאַרפט שטאַרק בעטן יידן זאָלן קומען הערן א מגיד. פאַרקערט, מען פלעגט לויפן „לעקן די פינגער", זיך מחייה צו זיין מיט א שטיקל געשמאַקער תורה, וואָס מען פלעגט ביי יעדער געלעגנהייט איבערחזרן. געווען באַרימטע מגידים, זאָגערס, מטיפים, רעדנערס וואָס יידן פלעגן האַלטן פאַר א גליק זיי צו האָבן געהערט כאָטש איין מאָל אין לעבן. אויף צוזאַמענקומס, אויף א חתונה, א ברית וכדומה איז דער בעסטער כיבוד געווען ווידער א „שטיקל תורה". וואָס פאַר א טעם, איך בעט אייך, קען האָבן א יידישע שמחה אָן תורה? אָן א „יידיש וואָרט?" אז מען פלעגט געבן צו א חתונה מתנות זיינען זיי געווען „דרשה־געשאַנק" פאַר דעם חתנס א דרשה וואָס ער האָט געהאַלטן, און חברים פלעגן זיך מיט אים מתווכח זיין, דיסקוטירן. אבלים — נאָכן טויט פון א נאָענטן — פלעגן לערנען א פרק משניות פאַר דער עלית נשמה פון געשטאָרבענעם; ביי א נאָרוואָס געבאָרענעם קינד פלעגן קומען חדר־יינגלעך לייענען קריאת־שמע. פון געבוירן ווערן און ביזן טויט פלעגט די תורה, דאָס לערנען באַגלייטן דעם יידן. א משפחה־יום־טוב פלעגן יידן פּראַווען ניט אין דעם געבוירנטאָג פון א קינד נאָר ווען ער פלעגט אָנהייבן א ספר לערנען. כימיין וואָס איז די שמחה אז א קינד איז געוואָרן דרייצן צי פופצן יאָר? א בהמה קען דאָך אויך האָבן יאָרנטעג? אַנדערש איז אז דאָס קינד האָט אָנגעהויבן חומש, צי ער האָט מסיים געווען א מסיכתא גמרא!

אונדז אינטערעסירט דאָ איבערהויפּט דאָס לערנען פון די קינדער. פאַרקערט ווי עס איז איינגעשטעלט איצט ביי דער וועלט, איז ביי יידן אין דער טראַדיציע די אָנהייבשול — דער חדר — געווען א געצאָלטע און די מיטלשול מיט דער הויכשול — די ישיבה — געווען אן אומזיסטע. נאָך מער: אין חדר פלעגט אפילו אן אָרעמער טאַטע צאָלן שכר לימוד. אין ישיבה אָבער איז ניט בלויז דאָס לערנען געווען אָן געלט,— שטאָט און שטעטל פלעגט נאָך אויסהאלטן די לערנערס מיט טעג, צי מיט געלט שטיצע. עס איז געווען אין איינקלאַנג מיט די באַדערפעניש פון פאָלק: די אָנהייבשול האָט געגרייט קינדער זיי זאָלן קענען זיין מיטגלידער אין דער יידישער געזעלשאַפט. די ישיבה אָבער פלעגט גרייטן די אינטעליגענץ פון פאָלק, ניט פאַר דער אינדיווידועלער באַדערפעניש נייערט פאַר די נוצן פון פאָלק בכלל. איז דאָס טאַקע געוואָרן דער חוב פון דעם יידישן ציבור בכלל. און ניט געקוקט אויף דעם אינדיווידועלן כאַראַקטער פון דעם חדר, האָט דאָך דער ציבור, די געזעלשאַפט ניט דערלאָזן די אָרעמע קינדער זאָלן בלייבן אויסן. דערצו האָט געדינט די חברה „תלמוד תורה" וואָס האָט באַזאָרגט די אָרעמע קינדער אין

א חדר, אָדער, אויב עס איז געווען א סך, אין א באַזונדערן חדר, וואָס האָט לכתחילה געטראָגן דעם נאָמען „חדר פון דער חברה תלמוד תורה", און שפּעטער איז דער נאָמען פאַרקירצט געווען צו סתם „תלמוד תורה", ווּ עס לערנען אָרעמע קינדער (אין אמעריקע האָט דער נאָמען געקראָגן אן אנדער אינהאַלט).

אין דער פּעדאַגאָגיק פון חדר, אין דעם סיסטעם פון לערנען האָב איך ניט געפונען קיין מעטאָדן, קיין וועגן וואָס עס זאָל כדאי זיין איצט נאָכצוגיין, זיי אריבערצונעמען אין די מאָדערנע שולן. אַנדערש איז אָבער די ישיבה: אירע מע־טאָדן און דרכים פון לערנען וואָלטן אויך היינט געווען א גרויסע ברכה פאַר יידישע און אַלגעמיינע שולן. עס איז בפירוש א חטא פון יידן וואָס זיי אַנטוויקלען ניט היינט די זעלביקע מעטאָדן פון דער יידישער דערציונגס־טראַדיציע.

דער פּראָצענט גייסטיקע שעפערישע מענטשן וואָס די ישיבות פלעגן ארויס־געבן איז געווען ניט אין פאַרגלייך גרעסער ווי דאָס האָבן מאָדערנע העכערע שולן.

דער אַנטיטעזיס — די השכלה — האָט אויף דעם געביט ניט באַמערקט קיינע פון די מעלות, זי האָט נאָר געזען חסרונות און ניט מער. זי האָט געקעמפט ניט בלויז קעגן אָט די חסרונות, נאָר קעגן אַלץ, „ביקש לעקור את הכול" — ניט אַנדערש אומברענגען די „פעסטונגען פון פינצטערניש", די „מורדי אור" פאַר־טרייבן פון יידישן לעבן. סיזיינען געווען די „שוברי החומות" וואָס האָבן געוואָלט פאַרבייטן די אַלטע „שומרי החומות". און אַלע מיטלען זיינען געווען כשר אין קאַמף, אפילו שטילערהייט אונטערמסרן די וואָלאָזשינער ישיבה, אפילו שיקן אן אנאָנימע בקשה צו די „מלכי חסד" פון רוסלאַנד מען זאָל פאַרווערן יידן צו טראָגן זייער טראַדיציאָנעלן טראַכט (ווילנער משכילים). די משכילים האָבן אויך זיך גענומען צו בויען שולן אָנשטאָט דעם חדר. די ערשטע אַזאַ שול אין רוסלאַנד איז געגרינדעט געוואָרן אין אומאַן (קיעווער גובי.) אין 1822 דורך דעם משכיל חיים חייקל הורוויטש. נאָך דעם זיינען אויפגעקומען עולכע שולן אין אַנדערע שטעט — אין זשיטאָמיר, אין קישינעוו, אין אָדעס, אין ווילנע און אין ריגע. קיין קענטיקע שפּורן אין יידישן לעבן האָבן די שולן ניט געלאָזן.

איז אָבער געקומען פאַר די יידן אין רוסלאַנד נאָך איין „אויסלייזער" פון דער פינצטערניש. דאָס איז געווען די צאַרישע רעגירונג פון ניקאָליי דעם ערשטן (ניקאָליי דער שטעקן, האָט אים דאָס רוסישע פאָלק געקרוינט.) דאָס איז די זעל־ביקע רעגירונג, וואָס האָט צוגעטראַכט די קאַנטאָניסטן־גזרה, וואָס האָט געטריבן יידן פון די דערפער, זי האָט עס איצט גענומען אויך זאָרגן פאַר יידישער בילדונג, הגם פאַר דער בילדונג פון דעם אייגענעם רוסישן פאָלק האָט מען נאָך זיך גאָר קנאַפּ געזאָרגט, און אויב יאָ, איז פאַרקערט, ווי צו באַוואָרענען זיך, אז „די וואָס זיינען געבוירן צו בלייבן אין די נידעריקע שטאַנדן זאָלן דורך בילדונג ניט ארויס־הייבן זיך איבער דעם שטאַנד ווּ זיי איז באַשערט צו בלייבן" (פון א צירקולאַר

פון דער זעלביקער רעגירונג). די משכילים, וואָס האָבן קענטיק זייער פאָלק ניט ליבער געהאַט ווי די רעגירונג פון די „מלכי חסד", האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט די פּלענער און ניט פאַרשטאַנען, אַז דער ענין שולן איז פאַר דער רעגירונג איין טייל פון דער פּראָגראַם ווי פּטור צו ווערן פון יידן, צוזאַמען מיט די אַנדערע „גזרות", ווי די טראַדיציע־געטרייע יידן האָבן טאַקע אָנגענומען די נייַע „שול גזרה". די געהיימע כוונה פון דער רעגירונג, וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן פון א בריוו צום צאַר פון בילדונגס־מיניסטער גראָוואַראָוו, איז טאַקע געווען ביסלעכווייַז דערפירן די יידן ביז שמד (די ווענדונג איז נאָך דער רעוואָלוציע געפונען געוואָרן אין א געהיימען אַרכיוו און איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך העסען און דובנאָוו דאַכט זיך אין 1920) די משכילים האָבן עס אָבער ניט פאַרשטאַנען, אָדער עס האָט זיי ניט געאַרט. דאָס האָט אָבער יאָ בחוש דערפילט די „פינצטערע" מאַסע יידן, ווי מיר וועלן עס באַלד זען.

אין מיטן פון די פערציקער יאָרן פון פאָריקן י"ה האָט זיך אין ריגע געגרינדעט א רעפאָרמירטע יידישע קהילה מיט א שול. פאַרן אָנפירער האָט מען געבראַכט א ייד פון דייטשלאַנד, דעם ד"ר מאַקס ליליענטאַל. ער האָט עס געדאַרפט זיין דער פּרעדיקער אין כאָר־שול און דער אָנפירער פון דער קינדער־שול. די רעגירונג האָט אים אַרויסגערופן קיין פּעטערבורג ער זאָל זיך נעמען פּראָפּאַגאַנדירן בילדונג צווישן יידן. ליליענטאַל האָט זיך געלאָזט אָנריידן און איינריידן און האָט געמאַכט א רייזע איבערן תחום המושב (די ראַיאָנען ווו יידן האָבן געמעגט וווינען). די משכילים זיינען געווען גליקלעך, אָבער די גרויסע יידישע טראַדיציאָנעלע מאַסן האָבן ניט געוואָלט הערן. „שקאָלעס ניע זשעלאַיעם!" האָט מען געשריען, און א סוף! אין מינסק האָט מען ליליענטאַלן אפילו אויסהערן ניט געוואָלט. אין ווילנער גרויסער שול האָט מען אין א שבת, ווען דער שליח פון דער צאַרישער רעגירונג האָט זיך געלאָזט אויפרופן צו דער תורה, פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל אויפריכטיק פאַרזיכערן, אַז די רעגירונג האָט ניט קיין שמד־כוונות. ליליענטאַל האָט דראַמאַטיש געשוווירן... ריהאָט טאַקע נאָך דעם זיין שבועה געהיט: ער, דער דייטשישער ייד האָט סוף כל סוף יאָ דערשפּירט די שמד־כוונות פון דער רעגירונג און ער איז מיט איין מאָל נעלם געוואָרן פון רוסלאַנד, ער האָט אויפגעטויכט ביי די ערשטע רעפאָרמער אין אַמעריקע (צינצינאַטי). די משכילים אָבער, אין רוסלאַנד, זיינען געבליבן געטרייע חסידים פון די צאַרישע חסדים און זיי האָבן זיך געפרייט, געקוואָלן פון דעם ליכט וואָס וועט אויפשיינען איבער יעקבס אָרעמע געצעלטן דורך די שולן וואָס די רעגירונג האָט געבויט אויף די געלטער פון א ספּעציעלן יידישן אָפּצאָל, שטייער פון שבת־ליכט און פון דער באַרימטער „קאַראָבקע"־שטייער אויף כשר פלייש. מיט די שטייערן האָט די רעגירונג באַלעבאַטעוועט זייער ניט עקאָנאָמיש און אַלעמאָל פלעגן זיין „רעשטלעך" וואָס די רעגירונג פלעגט שוין פאַרטאָן אויף אירע זאַכן. די שולן גופא זיינען געווען נעבעכדיקע, בראש זיינען אַלע מאָל געשטאַנען רוסן, אויסגעדינטע זעלנער, שכורים און גאַנץ בכבודיקע עם־ארצים,

וואָס האָבן קיין קאָרעקטן רוסיש אָפט ניט געקענט שרייבן. די שולן האָבן גע־ליטן כסדר פון א פערמאַנענטן „תלמידים־הונגער". אָנשטענדיקע עלטערן פלעגן זיי אויסמיידן ווי א פעסט. כדי יוצא צו זיין פאַר אן אינספעקטאָר, פלעגט מען עפּעס צוצאָלן אָרעמע יידן זיי זאָלן שיקן זייערע קינדער אהין, צו „פאַרשטעכן די אויגן" פון דעם אינספּעקטאָר, אָדער אונטערקויפן מיט א גלעזל בראָנפן דעם פאַרוואַלטער פון דער שול, אבי יוצא צו זיין פאַר דער רעגירונג און דאָך ניט שיקן די קינדער אין דער „גזרה שול" אריין.

א באַזונדער קאַפּיטל זיינען געווען רדיפות אויף די מלמדים און חדרים. מען האָט קודם־כל געדאַרפט אַ פּאַטענט, מען האָט זיי געצוווּנגען צו נוצן דעם תנ"ך מיט דעם ביאור פון מענדעלסאָן און מיט דער איבערזעצונג אויף דיי־טשן דייטש (כדי די יידן זאָלן זיך אָפּגעוווינען פון דעם „שלעכטן" יידיש). די רעגירונג האָט ארויסגעגעבן אַליין דעם דאָזיקן תנ"ך (אויפן חשבון פון יידישע געלטער!). זי האָט געצוווּנגען יידישע רבנים זיי זאָלן געבן א הסכמה אויף דער אויסגאַבע. מלמדים פלעגן קויפן דעם תנ"ך (א גזרה!) און אים פאַרשטייט זיך, ניט נוצן. עס האָט ניט געהאָלפן די הסכמה פון די רבנים, ווייל אַלע האָבן גע־וווּסט אז זי איז דאָך אן ארויסגעפּרעסטע און ניט מער.

איך האָב אַמאָל ייִנגלווייז פאַרנדיק צו גאַסט צום זיידן מיטגענומען דעם תנך מיט דער איבערזעצונג. מיין זיידע האָט זיין האַנט אריינגעלייגט אין דער קעשענע פון קאַפּאָטע — כדי ניט אָנצורירן דעם ספר מיט דער בלויזער האַנט. געעפנט און דערזען וואָס דאָס איז, האָט ער דעם תנ"ך א וואַרף געטאָן אויף דער ערד און צו מיר האָט ער שטרענג א זאָג געטאָן: „וואַרפסט ניט ארויס דעם טריף פסול, — וואַרף איך ארויס דיך מיט אים צוזאַמען"... אין א צייט ארום האָב איך זיך דערוווּסט, אז איין מאָל האָט א פּאָליציאַנט אין מיטן גאַס אָפּגעשאָרן דעם זיידן איין פאה און א האַלבע קאַפּאָטע. דער זיידע האָט גלייך דאָס פּנים פאַרבונדן מיט א טיכל און האָט א גאַנץ לעבן געפּאַסט אין דעם יאָרצייט נאָך דער קאַפּאָטע. מען האָט געמעגט טראָגן אזוינע קליינע נאָר מיט א שטייער („קאַראָבקע בגדים") און אזוי ווי מיין זיידע איז קענטיק ניט געווען צווישן די גבירים, האָט ער דעם שטייער ניט געצאָלט. דעמלט האָב איך אויך פאַרשטאַנען פאַרוואָס מיין זיידע איז אזוי אין כעס אויף די משכילים.

• • •

דאָס איז געווען די ערשטע תקופה פון דער השכלה אין רוסלאַנד. דעמלט האָט מען געשטרעבט צו דייטש: עס איז נענטער צו יידיש, יידן וועלן זיך גיכער אויסמענטשלען און זיי וועלן זיך צוגעוווינען צו דייטש. אגב איז דאָך די השכלה געקומען קיין רוסלאַנד פון גאַליציע און פון פּרייסן, ווו דייטש איז געווען די הערשנדיקע שפּראַך, און דערפאַר האָט מען ביי יידן די ערשטע משכילים אין רוס־

לאַנד טאַקע געווען „בערלינטשיקעס", „דייטשן". „ער גייט אָנגעטאָן דייטש", האָט געמיינט ווי א משכיל, ווי א ייד פון דייטשלאַנד.

ווען עס איז אָבער נאָך דער קרימער מלחמה, אין אלעקסאַנדער דעם צווייטנס צייטן אויפגעקומען אן עקאָנאָמישע אויפלעבונג, באַנען, פּויערים באַפרייאונג, אינדוסטריע, — האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען א יידישע בורזשואַזיע, איבערהויפּט צווישן די „פּאדראַטשיקעס" (קאָנטראַקטאָרן פאַר דער רעגירונג) וכדומה. גלייך האָט זיך אנגעהויבן א רוסיפיקאַציע אין די גרעסערע יידישע שטעט. יידן האָבן גענומען ריידן רוסיש, מען האָט זיך גענומען רייסן אין די רו־סישע גימנאַזיעס אריין, אזוי אז די רעגירונג האָט זיך דערשראָקן און גענומען באַגרענעצן דעם אויפנעם פון יידן אין די גימנאַזיעס וווּ עס האָבן זיך געלערנט די פּריצישע קינדער וכדומה. אָנשטאָט מענדעלסאָנס דייטשישער איבערזעצונג פון תנ"ך, האָט דער ערשטער יידישער סטודענט אין רוסלאַנד לעוו מאַנדעלשטאַם איבערגעזעצט דעם חומש אין רוסיש. פּעטערבורגער יידישע גבירים האָבן פאַר־טראַכט צו שאַפן א געזעלשאַפט צו פארשפּרייטן די רוסישע שפּראַך און בילדונג צווישן יידן. פון דעם פּראָיעקט איז מיט צען יאָר שפּעטער אויפגעקומען טאַקע די געזעלשאַפט „מפיצי השכלה" וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן און וואָס וועט נאָך אָפט דערמאָנט ווערן אין דער אַרבעט.

עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע יידישע צייטשריפטן אויף רוסיש. עס האָט אויך געווירקט די שטאַרקע און שטרענגע רוסיפיקאַציע־פּאָליטיק, וואָס די רוסי־שע רעגירונג, האָט געפירט אין ליטע נאָך דעם פּוילישן אויפשטאַנד. אין די זיי־בעציקער יאָרן האָט א רוסישער דורכפאָרער איבער ליטע געשריבן „אפילו די „זשי־דעס" האָבן גענומען ריידן רוסיש".

דערצו האָבן אויך צוגעהאָלפן די צוויי ראַבינער־שולן וואָס די רעגירונג האָט געעפנט אין זשיטאָמיר און אין ווילנע צוצוגרייטן „מאָדערנע" רבנים און לערערס. אין דער טראַדיציע האָבן יידן קיינמאָל ניט געגרייט ספּעציעל קיין פּראָפעסיאָ־נאַלן. לערנען האָבן געדאַרפט אלע און לשמה. עס האָבן ניט געפעלט קיין רבנים און אויך ניט קיין לערערס. צווישן די לעצטע איז דער פּראָצענט גוטע פּעדאַגאָגן געווען ניט קלענער ווי צווישן די וואָס גרייטן זיך ספּעציעל און קריגן דיפּלאָמען. צווישן מיינע רביים, לערערס און פּראָפעסאָרן, זיינען די פּאָר בעסטע געווען טאַ־קע ראשי ישיבות. מענדעלע מוכר ספרים וואָס האָט פאַרמאָגט א ביסל צופיל משׂ־כילישע נעגאַציע־טענדענצן צו דער יידישער טראַדיציע, אז ער קומט צו באַשרייבן זיין אייגענע קינדהייט, האָט ער צו דערציילן וועגן א מלמד אן אויסגעצייכנטן דער־ציער (ליפּע ראובנס). דאָס ניט גרייטן ספּעציעל קיין פּראָפעסיאָנאַלן איז געווען ניט קיין חסרון נאָר בפירוש א מעלה. און אָט פאַרוואָס: די יידישע סיסטעם פון לערנען האָט ניט געהאַלטן פון „צוגרייטן", מען האָט זיך געדאַרפט כסדר, א גאַנץ לעבן גרייטן. ווידער פּלעגט דאָס יידישע לערנען זייער שטאַרק לייגן אַכט אויף

דער אינטואיציע, אויף די „חידושים" וואָס דער תלמיד איז אליין מחדש, און דאָס איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דער שעפערישקייט פון יעדער פּראָפע־סיאָנאַל. אויך אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער דערציונג האָבן די גרעסטע פּיאָנערישע פאַרדינסטן הן אין רוסלאַנד און הן אין ארץ ישראל גע־האַט דווקא די געוועזענע ישיבה־בחורים, הגם זייער וויסן איז ניט אלעמאָל געווען אָן דעפעקטן. זיי האָבן אבער אלעמאָל געהאַט די מעלה צו קענען ממלא זיין אליין דאָס וואָס די צוגרייטונג האָט זיי ניט געגעבן. אָבער די רוסישע רעגירונג האָט עס ניט געוואָלט וויסן און אפשר ניט געקאָנט וויסן. און אז זי האָט געוואָלט האָבן לערערס און רבנים געטריישע מאָשקעס, האָט זי זיי גענומען גרייטן אין די צווייי ראבינער־שולן. דאָס רוב לערערס זיינען אין די שולן געווען טאַקע יידן, אָבער די אויפזיכט איז תמיד געווען אין די הענט פון רוסן. דאָס רוב געענדיקטע זיינען געווען געטריישע רוסיפיקאַטאָרן מיט א היפשער דאָזע שינאת ישראל. מיר האָבן אין ארכיוו פון ווילנער ראבינער־שול (וואָס איז מגולגל געוואָרן בשעתו אין ייוו״א־ווילנע) געפונען א בריוו פון דירעקטאָר צום הייליקן סינאָד אין פּעטערבורג, ווו ער בעט מען זאָל מקרב זיין צוויי פון זיינע תלמידים וואָס לאָזן זיך אין פּעטערבורג דאָרטן אריבערצוגיין אונטער די פליגלען פון דעם אמתן קריסטלעכן, פּראַוואָס־לאַווגעם גלויבן". פאַרשטייט זיך, אז די יידן האָבן אויף אָט די ארויפגעצוווּנגענע כלומרשטע רבנים געקוקט ווי אויף באַאַמטע. זיי פלעגן פירן די מעטריקאַציע ביי יידן, האַלטן רעדעס אין שול אין די טעג פון קייזערלעכע יום־טובים (טאַבעל־טעג) און שפּילן אין קאָרטן מיט דעם פּריסטאַוו. פאַרשטייט זיך, אז עס איז ניטאָ קיין כלל אָן אויסנאַמען, און עס זיינען פון די ראבינער־שולן ארויס עטלעכע גאָר געהויבענע יידן. איך וועל אָנרופן נאָר א פּאָר: דאָקטאָר י. ל. קאַנטאָר און ד״ר קאַצענעלסאָן, לעוו לעוואַנדא אין ווילנע איז אויך געווען א תלמיד דאָרטן. לכתחילה איז ער געווען אַן עקסטרעמער רוסיפיקאַטאָר, וואָס האָט גאָרניט געהאַט אויך קעגן שמד (זיינע דערציילונגען „זי איז געשטאָרבן א יידישקע" און „דער גרויסער רעמיז" ביידע אין רוסיש), שפּעטער נאָך די פּאָגראָמען איז ער געוואָרן א חובב־ציון. ער האָט פריער אָפּגעלאַכט פון די שרייבער וואָס נוצן די „אַסירישע קוואַ־דראַטלעך" (דער יידישער אלף־בית) שפּעטער האָט ער אליין געשריבן אין העב־רעאיש. געשטאָרבן איז ער אין א משוגעים־הויז. אויך מענדעלע מוכר ספרים און אברהם גאָלדפאַדען זיינען א געוויסע צייט געווען תלמידים אין זשיטאָמירער ראַ־בינער־שול. די לעצטע האָט די רעגירונג געשלאָסן באלד. די ווילנער איז געווען ביזן יאָר 1873 ווען די רעגירונג האָט זי איבערגעמאכט אויף דעם „מלוכהשן יידישן לערער־אינסטיטוט". דער לעצטער האָט עקזיסטירט ביז דעם יאָר 1915, ווען די רוסן האָבן עוואַקואירט ווילנע. אויך דער אינסטיטוט איז געווען א רו־סיפיקאַטאָרישער. כדי אָפּצוטיילן די תלמידים פון דער גאַנצער יידישער געזעל־שאַפט און פון געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט מען זיי געהאַלטן פינף יאָר אין גע־שלאָסענעם אינטערנאַט. פאַר לייענען יידיש, פאַר ריידן יידיש פלעגט מען באַ־

שטראָפן. אין מיטן ווילנע — אן אָפּגעשלאָסענער רוסישער אינדזל הינטער א פאַרמאכטן טויער! אין ארכיוו האָבן מיר געפונען א שטראָף אויף דעם שפּעטער באַרימטן ווילנער יידישן לערער יעקב גערשטיין דערפאר וואָס ער האָט ליב צונויפצונעמען חברים און זינגען יידישער לידער! אזא עבירה! די געענדיקטע תלמידים, די „אינסטיטוטשיקעס" פלעגט די רעגירונג אליין באשטימען אין שולן אויף אַרבעט, און דער גרעסטער טייל זייערער האָט ניט ווייניק אַסימילאַציע אריינגעבראַכט אין די יידישע קרייזן. עס זיינען אָבער אויך דאָ געווען אויסנאַמען און מער ווי אין די פריערדיקע ראַבינער־שולן: די צייט איז דאָך שוין געווען אַן אַנדערע. פון אינסטיטוט זיינען ארויס צווישן אַנדערע אייב קאַהאַן, ד״ר ניסן טוראָוו, ד״ר ש. טשארנא, גרשון פלודערמאַכער, דער פריער אָנגערופענער יעקב גערשטיין, די בונדיסטן נח פאָרטנאָי (פון איין שטעטל מיט אייב קאַהאַנען), לנוגאזשאנסקי, מאַקסים שטערן, וואָס האָבן ענערגיש געקעמפט קעגן דער רוסיפיקאַציע. אסך פון זיי האָבן ניט קיין קליינע פארדינסטן פאר דעם שפּעטער אנטוויקלטן יידישן שולוועזן. דאָך בלייבט דער אלגעמיינער טיפּ פון אַן אינסטיטוטשיק — א רוסיפיקאַטאָר. געווען צווישן זיי ניט ווייניק פשוטע פלאַכע אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן זיך באַמיט צו אַנטלויפן פון א יידישער געזעלשאפט און פלעגן זיין גליקלעך זיך צו חברן מיט א פאָליציאַנט א שיכור, אבי א רוס... ביים קאָרטן־טישל פלעגט מען זיך ניט זשענירן אָפּצולאַכן פון א יידן און דאָס זעלביקע פלעגט מען זיך אויך דערלויבן אריינצוברענגען אין קלאַס... די קינדער אָבער פלעגן דאָס אָננעמען רואיק: מאלע וואָס מען זאָגט אויף יידן!...

מלוכהשע שולן זיינען געווען פארשיידענע: פאָלקסשולן — דריי־יאָריקע אָנהייב־שולן, וואָס האָבן געגעבן א ביסל רוסיש־שפּראַך, אריטמעטיק און רוסישע געשיכטע. דאָס זיינען געווען אלף־בית שולן. געווען אין גרעסערע שטעט זעקס־יאָריקע אָנהייב־שולן מיט א ברייטערער פּראָגראַם. אויך ביי די ישיבות האָבן געמוזט זיין רוסישע שולן.

אָט דאָס איז געווען דאָס אלגעמיינע בילד פון דער יידישער דערציונג אין רוסלאנד צום סוף פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט. דאָ האָט זיך א סך געענדערט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסע עמיגראַציע פון א טאָפּעלען כאַראַקטער: פון די קליינע שטעטלעך אין די גרויסע אריין, און קיין אמעריקע. עס זיינען אויפגעקומען נייע באַוועגונגען — חיבת־ציון, ציוניזם, סאָציאַליזם. דאָס שטילע, געזעצטע און רואיקע לעבן האָט גענומען ברויזן, יורן הן אידעאָלאָגיש און הן פאַקטיש. דאָ האָט זיך בולט ארויסגעוויזן אַז דער אלטער חדר איז מער ניט צוגעפּאַסט צו די געענדערטע באַדינגונגען. דער חדר איז געווען צוגעפּאַסט צו דער סביבה פון קליינשטעטל, ער האָט געדארפט אריינפירן די קינדער אין דער סביבה פון דערוואַקסענע יידן, פון בית־מדרש, פון איינפאַכע, דורותדיקע נאָרמען פון לעבן, וואָס זיינען פון ערגעץ ניט באַדראָט געוואָרן, אין א סביבה ווו אלע יידן זיינען

אייגנטלעך א גאַנץ לעבן געגאַנגען אין חדר. דאָרטן, אין דעם אַלטן קליינשטעטל האָט דער חדר געדאַרפט בלויז אויסלערנען עברי זאָגן. אַלדאָס איבעריקע האָט שוין די שטוב און בית־מדרש געגעבן.

ווי נאָר אָבער דאָס שטעטל איז צערודערט געוואָרן, עס האָט זיך אָנגעהויבן די אורבאַניזאַציע פון יידן, די עמיגראַציע, — גלייך האָט דער חדר אויפגעהערט צו טויגן. „א בריוועלע דער מאַמען" איז געוואָרן א פּראָבלעם, הייגט — און אַדרעס! דער בעל מלאכה האָט זיך שוין געמוזט אַנדערש גרייטן צו זיין פאַך. דאָ האָט שוין דער חדר גאָרניט געקענט געבן. די ישיבה האָט מיט דערפאָלג אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון די געענדערטע פאָדערונגען. א דערפאָלגרייכער פאַבריקאַנט אין די שטאָטן, אז מען פרעגט אים ווו האָט ער זיך אויסגעלערנט זיין פאַך, ענטפערט ער — אין „ראַמאַלעס־אַקאַדעמיע" אין ווילנע (ראַמאַלעס ישיבה). די ישיבה האָט ניט געגרייט צו עפּעס, זי האָט אָבער געגרייט דער מענטש זאָל טויגן צו אַלץ. דער חדר אָבער האָט מער ניט געטויגט.

מען דאַרף נאָך דערציילן וועגן דער דערציונג פון די יידישע קינדער ביי די משכילים וואָס ווילן אַנטלויפן פון פאָלק, ניט פון דער צאַרישער רעגירונג וואָס וויל אָפּרייסן יידן פון זייער פאָלק, נייערט פון פאָלק גופא. מען האָט געוואָלט שולן וואָס זאָלן געבן דאָס וואָס דער חדר גיט און נאָך מער, דאָס וואָס אין אים פעלט. אין שטעט און אין שטעטלעך האָט מען גענומען בויען שולן. אָבער א שול דאַרף א דערלויבעניש פון דער רעגירונג, און קריגן אזא דערלויבעניש איז געווען גאָר שווער. ווי קען די צאַרישע רעגירונג געטרויען יידן צו בויען שולן? זיי קענען דאָך נאָך חלילה פּלאַנצן קראַמאָלע און רעוואָלוציע? הייגט מוז מען דאָך האָבן לערערס און ווי קען די מלוכה ניט האָבן קיין השגחה וועד עס לערנט? מיט איין וואָרט — קריעת ים־סוף! אָבער יידן פלעגן זיך אן עצה געבן און מען האָט געעפנט שולן. די שולן זיינען לגמרי געווען אַנדערש ווי די מלוכהשע, דאָ האָט געהערשט גאָר אַן אַנדער גייסט. דאָס איז געווען תמיד א יידיש־נאַציאָנאַלער גייסט און אויך האָט מען זיך באַמיט אהער אריינצוברענגען די בעסטע פּעדאַגאָגישע אידייען וואָס מען האָט נאָר געקענט געפינען אין דער רוסישער פּראָגרעסיווער, געזעלשאַפטלעכער שול. און דווקא אין צאַרישן רוסלאַנד איז די פּראָגרעסיווע איניציאַטיוו אין דער פּעדאַגאָגיק געשטאַנען אויף א הייך, וואָס ווייט קענען אמעריקאַנער שולן צו איר ניט דערגרייכן. עס איז געווען אפשר ווי א רעאַקציע צו דער גאַנצער ביוראָקראַטיע, אָבער א פאַקט: יעדער שול און יעדער לערער האָט זיך באַמיט אריינצוטראָגן עפּעס נייעס, עפּעס בעסערס אין דער אַרבעט. די אַרבעט און די פּראָגראַמען זיינען אויך ניט געווען אזוי שטאַרק רעגלאַמענטירט און — ווי אויסטערליש דאָס זאָל ניט קלינגען — האָבן די לערער געהאַט מער פרייהייט אין זייער טאָגטעגלעכער אַרבעט. מען האָט אין די לערער־קרייזן פיינט געהאַט דעם טיפּ לערער וואָס קומט אין שול אריין בלויז אָפּגעבן זיינע שעהן, אָפּנעמען

זײַן געהאַלט און מער ניט. מען האָט זיי גערופן „פּריקאַזטשיקי״ (אָנגעשטעלטע),
„לעקציע־פּאַרקויפער״ וכדומה. און די רוסישע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט האָט זיי־
ער הויך געשעצט די שטרעבנדיקע פּעדאַגאָגיק. אַזוינע שולן ווי בעסטוזשעוו אין
פּעטערבורג, ווי לעסגאַפטס קורסן, ווי שאַניאַווסקי אין מאָסקווע וואָלטן אויך
היינט געווען ווייט העכער פון היינטיקע מאָדערנע שולן. און עס איז נאַטירלעך
אַז יידן אין רוסלאַנד האָט עס געצויגן צו דער פּראָגרעסיווער פּעדאַגאָגיק, און די
יידישע געזעלשאַפטלעכע שולן זײַנען ווייט ניט אָפּגעשטאַנען.

די לערערס אין די דאָזיקע נייע יידישע שולן זײַנען געווען ווידער אַמאָל גע־
וועזענע ישיבה־בחורים און די אַלגעמיינע לימודים האָבן איבערהויפּט געלערנט
— לערערינס, יידישע טעכטער וואָס האָבן זייער בילדונג געקראָגן אויף די העכ־
רע פרויען־קורסן אין רוסלאַנד אָדער אין אוניווערסיטעטן אין אויסלאַנד. די פרוי־
אין רוסלאַנד האָט אַ סך וויניקער זיך באַפרידיקט מיט דער ראָל פון באַלעבאָסטע
ווי אַנדערשוווּ. אין די אוניווערסיטעטן, וואָס אין גאַנץ רוסלאַנד זײַנען זיי געווען
בלויז צען האָט מען קיין פרויען ניט געוואָלט אָננעמען, האָט מען געלערנט אין
פּריוואַטע אוניווערסיטעטן, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט זיי ניט פאַרגונען דעם
נאָמען און זיי האָבן געגאָלטן אונטער דעם באַשיידענעם נאָמען „העכערע פרויען־
קורסן״. יידישע טעכטער האָבן זיך געריסן אַהין און ווען זיי פלעגן ניט קענען
קריגן קיין ווינרעכט, האָבן אַ סך אפילו זיך געלאָזט אויף אַזאַ קרבן ווי אַרויס־
נעמען אַ בילעט פון אַ פּראָסטיטוטקע. די יידישע פרויען וואָס האָבן געשפּילט
אַזאַ גרויסע ראָל אין די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן אויך פאַרנומען דעם
הויפּטאָרט אין די נייע געזעלשאַפטלעכע שולן. איבערהויפּט האָט מען געשעצט
הויך די תלמידות פון דעם גרויסן רוסישן פּעדאַגאָג לעסגאַפט. די יידישע לימודים
האָבן געפירט איבערהויפּט געוועזענע ישיבה־בחורים, אויטאָדידאַקטן מיט דעם
אָפיציעלן טיטול פון „פּריוואַטע לערערס״. און הגם אין זייער סיסטעמאַטישער
בילדונג זײַנען זיי אָפּגעשטאַנען על פּי רוב פון די לערערינס, האָבן זיי אָבער מיט
זייער ענערגיע, דרייסטע עקספּערימענטן און אויפטוען זיי אַריבערגעשטיגן. פון
זיי האָבן זיך ווערבירט די פּיאָנערן־לערערס וואָס האָבן אויפגעשטעלט דעם העב־
רעאישן שול־וועזן אין ארץ ישראל. זייער הויפּט מעלה איז באַשטאַנען איבער־
הויפּט אין דעם וואָס זיי האָבן ניט „געענדיקט״, ניט געהאַט קיין דיפּלאָמען און
אויך ניט קיין געפיל אַז זיי האָבן זיך שוין אויסגעלערנט אַלץ וואָס זיי דאַרפן. מיט
זייער התמדה און דראַנג צו „חידושים״ וואָס זיי האָבן געבראַכט פון דער ישיבה
נאָך, האָבן זיי באמת אויפגעטאָן אַ סך, עס איז אין זיי געווען אַן אומרו און אַ
זוכעניש, וואָס קיין אַנדער סיסטעם פון דערציִונג האָט ניט געקאָנט אַנטוויקלען.

אינסטיטוטשיקעס־תלמידים פון מלוכהשן לערער־אינסטיטוט — זײַנען אין
די געזעלשאַפטלעכע שולן כמעט ניט געווען, האָט אין זיי ניט געשמעקט דער ריח
פון דעם „קאַזיאָנעס״ מונדיר. איבערהויפּט זײַנען די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע
שולן געווען מיידלשולן. די ייִנגלעך פלעגט מען נאָך אַלץ מער שיקן אין חדר.

ניט געלונגען איז דער פּרוּוו פון די „חדרים מתוקנים" — רעפאָרמירטע חדרים ווו מען האָט דעם הויפּטטראָפּ געלייגט אויף דעם „הדיבור העברי" — ריידן העברעאיש. נאָך אַן עקספּערימענט פון געציילטע עטלעכע יאָרן, זיינען זיי אַלע געשלאָסן געוואָרן. כמעט אַלע זייערע לערערס זיינען אַוועק קיין ארץ ישראל און דאָרטן האָבן זיי יאָ באַוויזן וואָס אין רוסלאַנד איז ניט געלונגען. ניט בלויז האָט דאָ געווירקט די מלחמה פון דער אָרטאָדאָקסיע קעגן די „חדרים מסוכנים", ווי זיי האָבן איבערגעדרייט דעם נאָמען. נאָר די עלטערנשאַפט גופא איז געבליבן ניט צופרידן: זיי זיינען דאָך אַלע געווען בלויז אָנהייב־שולן, וואָס האָבן אריבערגענומען אַלע דעפעקטן פון דער אייראָפּעאישער שול — די בענק, די מיינונגען וכדומה. זיי האָבן אָבער ניט געקאָנט געבן די תלמידים דאָס ביסל „בית מדרש־יידישקייט", וואָס דער חדר האָט יאָ געגעבן און דאָס ביסל העברעאישע ווערטער וואָס זיי האָבן יאָ געגעבן האָט זיך שפּעטער געמוזט אויסוועפּן אין גאַנצן.

אנדערש איז דאָס געווען אין די מיידלשולן. דאָ איז ניט געווען קיין פריערדיקע טראַדיציע, וואָס זאָל שטערן איינצופירן נייעסן, עס האָט זיך אויך ניט פאַרלאַנגט קיין שום בית־מדרש־יידישקייט, עס איז ניט געווען קיין קאָנקורענץ ניט פון חדר און ניט פון מלוכה־שולן. איז דאָ געווען א ניי פעלד פון יידישער דערציונג, און דערפאַר זיינען דאָ די אויפטוען טאַקע געווען גרעסערע.

מען דאַרף נאָך דערציילן וועגן דער דערציונג פון די יידישע קינדער ביי די „ישובניקעס". עס האָבן דאָך געלעבט יידן ניט בלויז אין שטעט און שטעטלעך, נאָך אויך צעשאָטענע, איינציקע משפחות אין דערפער, אין קרעטשמעס ביי די וועגן, פאַכטערס און שווייגערס אין די פריצישע הויפן, מילנערס, אַרענדאַרן וכדומה. און אויך זיי, אָפט פאַרגרעבטע יידן, האָבן ניט מפקיר געווען די יידישע דערציונג פון די קינדער. מען פלעגט די יינגלעך אָדער שיקן אין שטעטל אריין צו א מלמד אָדער מען פלעגט נעמען א מלמד צו זיך אין דאָרף אריין. אז די צעטרייסלונג פון אלטן לעבן איז דערגאַנגען אויך אהער, האָט מען געזוכט אויך דאָ נייע „מלמדים". פלעגט מען נעמען אַן „עקסטערן" אויף א זמן אָדער צוויי. געווען דאָך א סך געוועזענע ישיבה־בחורים וואָס זיינען ארויס „לתרבות רעה", זיך גענומען לערנען אַלגעמיינע לימודים אליין און זיך „גרייטן צו עקזאַמענעס". אָבער עסן דאַרף מען דאָך אויך, פלעגט מען זיך באַזאָרגן מיט איינעס, צוויי פּריוואַטע „אורּאָקן" (לעקציעס). אז מען פלעגט זיך היפּש אָנהונגערן אין שטאָט, פלעגט מען גערן אָננעמען א „קאָנדיציע" אין א דאָרף, אויף א ישוב, צוקנעלן דאָרטן מיט א פּאָר קינדער און דערפאַר האָבן דאָרט עסן (אָפט זייער גוט!) און אָנקלייבן א פּאָר רובל אויף שפּעטער. אָט די עקסטערנס (וואָס לערנען זיך אין דרויסן פון די שולן) האָבן טאַקע פאַרנומען אַן אָרט אין דער דערציונגס־סיסטעם ביי יידן. די יידישע ליטעראַטור האָט זיי ניט פאַרגעסן. אין ווילנע לעבן דעם שולהויף איז געווען ביי עפּעס א יידן אין שטוב א גאַנצע „בירזשע", וואָס פלעגט עס צושטעלן די עקסטערנס אויף די ישובים.

אָט דאָס איז דער סך הכל פון דער יידישער דערציונג אויפן שוועל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. עס האָבן עקזיסטירט שולן פון אלטן טעזיס, פון דעם אַנטיטעזיס און אויך פון סינטעז. דער אלטער חדר, תלמוד תורה און ישיבה זיינען נאָך געווען פעסט איינגעוואָרצלט אין יידישן לעבן.

די געזעלשאפטלעכע השכלה־שול — דער אַנטיטעזיס — איז שוין כמעט אין גאַנצן ניט געווען. אָבער די מלוכהשע רוסיפיקאַטאָרישע שולן מיט זייער טיפערער — די אינסטיטוטשיקעס — האָבן פארנומען זייער אָרט.

צום סינטעז רעכן איך צו די מאָדערנע געזעלשאַפטלעכע יידישע שולן איבערהויפט פאר מיידלעך. אלע זיינען זיי געווען אויף רוסיש, אָבער זייער גייסט איז געווען באמת א יידישער און א יידישלעכער. וועגן איינפירן יידיש אָדער העברעאיש אָפן האָט נאָך קיין רייד ניט געקאָנט זיין: ניט די רעגירונג וואָלט עס געלאָזן, ניט די יידן וואָס האָבן נאָך גענוצט דאָס וואָרט „זשאַרגאָן" האָבן דאָס געטראכט צו פרובירן. די פראָבע צו העברעאיזירן די דערציונג אין די חדרים מתוקנים איז לכתחילה ניט געלונגען.

צו דעם אלעם איז נאָך כדאי צוצוגעבן, אז אין צאַרישן רוסלאַנד איז ניט געווען קיין אָבליגאַטאָרישע בילדונג. קיין צוואַנג פאר די עלטערן צו שיקן די קינדער אין א שול. און ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען איז עס געווען דווקא א מעלה: די רעגירונג האָט זיך ניט צו שטאַרק געמישט אין די פראָגראַמען און אין דער אינעווייניקסטער פירונג פון שול. אבי נאָר מען זאָל די קינדער ניט מאַכן פאר רעוואָלוציאָנערן. פראָגראַמען פאר שולן זיינען געווען פארשיידענע לויט דעם אנטידעמאָקראטישן שטאנדן־פּרינציפּ: פאר פריצים, איין טיפּ שול — גימנאזיעס, און „אינסטיטוטן פאר וווילגעבאָרענע פריילינס" און רעאלשולן פאר שטאָטישע מענטשן, איבערהויפט פאר סוחרים. פון דער אנדערער זייט — דאָרפישע שולכעלעך, קהילה־שולכעלעך (פרימאר־שולן ביי די קלויסטערס). בעת די גימנאזיעס זייען געווען רייך געשטעלט, פּרעכטיקע געביידעס, גוטע לאבאָראטאָריעס וכדומה וכדומה, פלעגט אָפט אין די דאָרפשולן דער טינט פארפרוירן ווערן אין די קלאַסצימערן. עס זיינען ניט איינמאָל געגאנגען פאראָרדענונגען פון פעטערבורג, צו זען, זאָרגן אז די „קעכינס קינדער" זאָלן ניט אריינדרינגען חלילה אין די בעסערע שולן; אז קיינער זאָל דורך די שולן ניט וועלן ארויסהייבן זיך איבערן שטאַנד, ווי אים איז באַשערט צו בלייבן". דאָס איז געווען א געהיימער צירקולאַר פון דעם באַרימטן קייסער ניקאָליי דעם ערשטן.

און דאָך איז פאר יידן אין דעם געווען אויך א טובה: די יידישע עלטערן האָבן אליין געהאט א צוואנג־דערציונג, וואָסער פאָטער האָט עס ניט געזאָרגט פאַר דער בילדונג פון די קינדער?! און אז עס איז ניטאָ צו צאָלן שכר־לימוד, איז דאָ א תלמוד־תורה. דערפאר אָבער האָבן די יידישע שולן אליין געקאָנט בויען זייערע

פראָגראַמען, איינשטעלן זייער גאַנצע דערציִונג און זייער אָפּט פלעגן זיי ארייננעמען א סך מער ווי דאָס האָט זיי דערלויבט די אָפיציעלע דערלויבעניש צו עפענען די שול. איך אליין האָב א צייט שפּעטער געלערנט אין א שול וואָס האָט געהאַט רעכט צו זיין א צווייקלאַסיקע, און זי האָט געהאַט גאַנצע זעקס קלאַסן מיט א פּראָגראַם פון לימודים, וואָס דער אינספּעקטאָר האָט ניט געטאָרט וויסן. אויך די רוסישע בעסערע שולן פלעגן „ארייננגנבענען" לימודים וואָס מען האָט ניט געטאָרט לערנען. איבערהויפּט איז עס געווען שייך צו נאַטורוויסנשאַפטן, וואָס די צארישע רעגירונג האָט פאר דעם מורא געהאַט ווי א שד פאר ווייַרויך, און זי האָט עטלעכע מאָל בפירוש פארבאָטן דאָס צו לערנען... (זאָלן אמעריקאַנער ניט לאַכן: מען האָט נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן אין די שטאַטן געמשפּט א לערער פאר לערנען... דאַרוויניזם, ניט דאָ געדאַכט). קומט אויס אז אין דעם צאַרישן אומרעכט האָבן די געזעצלאָזע ייִדישע שולן געהאַט מער רעכט ווי עס איז אַנדערשוווּ. א פּאַראַדאָקס, אָבער א פאַקט איז עס.

חדר און ישיבה־יאָרן

נאָך דעם אַלגעמיינעם אַריינפיר, וועל איך סיסטעמאַטיש נעמען דערציילן מיינע אייגענע זכרונות, דעם פולן איבערגאַנג פון דער אַמאָליקער, טראַדיציאָנעלער דערציִונג ביז די מאָדערנע יידישע סיסטעמען. איך האָב דעם איבערגאַנג אַליין דורכגעמאַכט ווי א תלמיד און ווי א לערער. איך האָב געהאַט די זכיה צו זיין איינער פון די ערשטע טרוימערס און בויערס פון דעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן און איך בין אויך איינער פון די קנאַפּע וואָס האָבן דערלעבט ביז זיין ירידה. פיל איך דעם גאַנצן חוב צו דערציילן וואָס איך ווייס אויף די אַלע געביטן.

פון חדר געדענק איך זייער ווייניק. איך דערמאָן זיך ווי דער רבי פלעגט אונדז פירן זיך באָדן אין טייך און אויפן וועג פלעגט מען זינגען „המלמד ידי לקרב ואצבעותי למלחמה". איך דערמאָן זיך אויך ווי מיר האָבן געלערנט איוב און הנאה געהאַט פון דעם אויסרייד „ואסלדה בחילה לא יחמול". איך דערמאָן זיך די חדרשע שפּילן אין קנעפּלעך, אין „קאַמער־קאַמער־הויז" וכדומה. שבת ביי טאָג פלעגט מען קומען אין חדר ווען דער רבי פלעגט נאָך שלאָפן. פלעגן מיר זיך פרעגן ווערטער פון חומש. שפּעטער פלעגט דער רבי דערציילן מעשיות פון אגדה. זיי האָבן שטאַרק געווירקט אויף אונדזער פאַנטאַזיע.

צו אַכט יאָר געדענק איך זיך שוין אין קליינעם שטעטלשן בית מדרש, ווינטער — אין קליינעם שטיבל, ווייל די גרויסע שול פלעגט געהייצט ווערן נאָר פרייטיק. דאָ אין קליינעם שטיבל פלעגט מען דאַוונען א גאַנצע וואָך און דאָ פלעג איך זיצן א גאַנצן טאָג ביי דעם אויוון און אַפילו ביז גאַנץ שפּעט אין דער פינצטער און לערנען מיט דעם „וועוויער" קלויזניק. וועוויער האָט מען אים גערופן דערפאַר ווייל ער איז צו אונדז געקומען פון דעם שטעטל וועוויע. געקומען, זיך געזעצט לערנען, פאַר זיך, געגעסן טעג, געוואַרט אויף א שידוך און אויפן פּריזיוו. ער איז דאָס געווען מיין רבי. געלערנט האָט ער מיט מיר נאָר גמרא און פון זיין לערנען געדענק איך גאָרניט. כ׳געדענק אז ער פלעגט מיך לאָזן אויף גאַנצע אָוונטן אַליין. ער פלעגט גלייך נאָך מעריב אַוועקגיין. דער בית מדרש שטייט כמעט אין פעלד, אָפּגערוקט פון אַנדערע הייזער. אַרום איז פינצטער. איך זיץ ביים אויוון מיט איין קליין ליכטל. פון דער צווייטער זייט אויוון ליגט יודקע דער משוגענער און לאַכט זיין משוגענעם געלעכטער. אין דרויסן בלאָזט א ווינט, טראָגט שניי אויף די טונקעלע פענצטער. די פרישע קלעצער פון די

װענט פֿלאַצן פֿון צייט צו צייט פֿון פֿראָסט, עס דערהערט זיך א שטאַרקער קלאַפּ װי שדים װאָלטן געזעצט אין די װענט... פֿון איין שטאַרקן קלאַפּ הייבן אָן די װענט צו ציטערן, דער זייגער פֿאַלט אַראָפּ מיט א הילך פֿון װאַנט, יודקע דער משוגענער צעלאַכט זיך, איך בין אַליין אין דער גאַנצער שול. עפּענען די טיר אין פֿינצטערן װינטיקן דרויסן צו לויפֿן אהיים האָב איך מורא... כ׳זיץ ביי דער אָפֿענער גמרא, עס שווידערט מיך אין גאַנצן, די װאָרצלען פֿון די האָר שטעכן, כ׳האַלט אין איין שרייען „שמע ישראל". זעלטן װען דער רבי מיינער פֿלעגט מיט מיר בלייבן אין בית מדרש, פֿלעגט אַרויסגיין מיט מיר אויפֿן פֿעלד הינטער דער שול. ער האָט צוגעטראַכט א שפּיל: געמאַכט פֿון שניי פֿיר קופּעס, זיי אָװעקגעשטעלט װי פֿיר װענטעלעך, צװישן זיי אָנגעצונדן א ליכטל: זאָלן יידן מיינען אז עס ליגט אן אוצר אין פֿעלד.

ביי טאָג פֿלעגט ער אויך זייער אָפֿט אװעקגיין, קומען איידער יידן קלייבן זיך צו מינחה. דעמאָלט פֿלעגט ער זיך נעמען שטאַרק שאָקלען איבערן שטענדער און צוזינגען: „אי, לאָמיר זיך אַראָפּנעמען א מוסר פֿון איסר־װאָלפֿס קליאַטשקע־לעך". װאָס פֿאַר א מוסר יענע „קליאַטשעס" פֿון דעם יידישן גביר אין קאָװנע האָבן אונדז געקאָנט געבן װייס איך ביז היינטיקן טאָג ניט. אַמאָל, אין א שטי־מונג, פֿלעגט ער זיך צעשאָקלען מיט א צװייטן זמר:

„מיט א באַרװעס, מיט א זאַק
מיט א גרויסן יאַמשינשטאַק".

װען איך פֿלעג זיין אַליין ביי טאָג, פֿלעג איך זיך אַמאָל אַרויסכאַפּן אין דרויסן זיך א גליטש טאָן. האָב איך דאָ ניט געהאַט קיין דערפֿאָלג: געפֿאַלן און זיך אַזוי צעבלוטיקט דאָס פּנים, אַז עס איז ביז איצט געבליבן א סימן. איך האָב נאָך געמוזט באַהאַלטן אין שטוב אז איך האָב עס געקראָגן װעלנדיק זיך גליטשן „װי אַלע שקצים". דערפֿאַר, װען ער פֿלעגט זיין אין גוטן מוט, פֿלעגט ער זיך מיט מיר באַראַטן װעגן די שידוכים װאָס מען ליגט אים פֿאָר. ער האָט מיך אויסגעלערנט שפּילן אין דאַמעס, אין ציגן־װאָלף. אַזוי פֿון גוטן מוט, מסתמא צוליב פֿאַרװיילונג, פֿלעגט ער מיר גוט אָנברעכן די ביינער. אז איך פֿלעג נעמען װיינען, פֿלעגט ער מיך מפּצה זיין. מיט װאָס?

— איך זאָל אויפֿמישן א גמרא װוּ איך װיל און ער װעט אויף יעדער װאָרט פֿרעגן א קשיא און ענטפֿערן א תירוץ. צי פֿון דעם פֿלעגט מיר אויפֿהערן װיי צו טאָן פֿון די קלעפּ װאָס איך האָב באַקומען פֿריער, װייס איך ניט, נאָר עס פֿלעגט מיך באַרויקן.

איין מאָל װען איך האָב שטאַרק געװיינט פֿון װייטאָק, האָט ער מיך מפּצה געװען דערמיט װאָס ער האָט מיט מיר געלערנט א תוספות. איז פֿאַר מיר

געווען א גרויסער יום טוב, כ'בין געלאָפן אהיים און איידער איך האב נאך געעפנט די טיר, האב איך דערציילט די גרויסע שמחה, אז איך לערן שוין תוספות.

א סך מער ווי דאס לערנען מיט מיין יונגן רבין האבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון די מעשיות וואס יידן פלעגן דערציילן אין בית מדרש בין מינחה למעריב. מעשיות וועגן א פייערדיקן בעזים אויפן הימל, וואס מען האט געזען ערב דער טערקישער מלחמה; וועגן צוויי קרוין־שטערן וואס האָבן זיך געקריגט אויפן הימל; מעשיות פון אלטע יידן וואס האבן ליב געהאט צו דערציילן ווי זיי האָבן זיך יינגלווייז אויסבאהאלטן פון די כאפערס וואס פלעגן כאפן קליינע קינדער פאר קאנטאניסטן; מעשיות וועגן אלעקסאנדער דעם צווייטן וואס האט זיך פארשטעלט פאר א פויער א בעטלער און געגאנגען איבערן לאנד זען ווי עס לעבן זיינע אונטערטאנער און איבערהויפט האט ער זיך אינטערעסירט מיט דעם לעבן פון די יידן; מעשיות וועגן מאָטיע־פערד־גנב וואס פלעגט צו כל נדרי שטיין אין קיטל און טלית און בעטן ביי גאָט, אז וועמען ער דאַרף שטראפן זאל ער דאָס טאן דורך זיין האנט; מעשיות וועגן דער יידישער טאכטער וואָס האט זיך געשמדט און ווען מען האט זי געפירט אין קלויסטער האבן אלע יידן געפאסט הינטער פארשלאסענע טיר און טויער און מען האָט איר טאטן געפונען א טויטן אויפן בוידעם נאך דעם ווי ער האָט אפגעפאסט פערציק טאג כסדר; מעשיות וועגן שדים וואס האבן זיך פארשטעלט פאר מענטשן, פאר פערד, וואלפקולאקעס, שרעטעלעך, וועגן מתים וואס פלעגן ניט לאזן פארבייפארן פארביי בית עולם און שלעפן די פורמאנעס צו זיך ווייל עס איז זיי אומעטיק צו ליגן אליין. ערשט נאך דער גרויסער כאלערע, ווען דער בית עולם איז פול געווארן, איז שוין מער ניט געווען קיין סכנה צו פארן ביינאכט. געווען א מעשה וועגן א גרויסן פריץ א גראף וואס איז געווארן א גזיר און געוואלט זיך מגייר זיין, ווערן א ייד, באשר די ווייב און דער קייסער לאזן אים ניט... ליב געהאט האָב איך די מעשיות וועגן דעם גרויסן „קאראָט פון די ליגנערס" (שטעטלשע יידן וואס האבן ליב געהאט צו דערציילן „אומקאנטראלירטע" מעשיות). שטארק ליב געהאט האב איך די מעשה ווי שיע יאנקל פלעגט נעמען דערציילן וואונדיירים פון א ספר וואס ער האָט דעם נאמען „די קליאטשע", וואס פאליציע טאר ניט וויסן פון דעם און וואָס דערציילט אזוי שיין וועגן יידישן לעבן... אט די אלע מעשיות האבן געהאט א שטארקע השפעה. אבער אויך דער שטייגער האָט א סך געטאן. די סעודות ביי דעם גבאי אין די הושענא רבה. חנא דער גרויסער פלעגט מאכן פינצטער, אנצינדן בראנפן אין טעצלעך, זיך אנטאן א קיטל און נעמען כאפן מלאכים... נאך דעם פלעגט מען שיכורלעך שוין פירן דעם גבאי אין שול אריין אונטער א חופה פון סכך פון די סוכות, וואס מען דאַרף שוין ניט. פריילעך פלעגט זיין צו „אתה הראית"! וויפל געשלעגן... דאס לויפן אין מיטן נאכט צו סליחות... דער אויסגעשטערנטער הימל האָט זיך פון פארנאכט איבערגעדרייט: דער גרויסער

שטערנבער שטייט ניט אויף זיין אָרט! ניט אנדערש — יידן האבן שטארק געזינ־דיקט און עס גרייט זיך אויף זיי א שטראָף... שמחת תורה נאָך קריאת התורה פלעגט בינע בודבישקער טאנצן מיט דער תורה און זינגען „ראדויסיא איזראעל". נאָך דעם פלעגט ער פירן דעם גאנצן עולם צו אונדז אהיים, פלעגט ארויסנעמען פון אויוון די פאן טרוקענע קרעפּלעך אין פּאָלע פון זיין קאפּאטע און טיילן אלעמען. בייטאג פלעגט חנא דער גרויסער איבערקערן זיין פוטער מיט דעם פּעלץ אין דרויסן און גיין אויף אלע פיר ווי א בער... דער טאטע האָט ארגאניזירט א „מאכל כשר" פאר די יידישע סאלדאטן וואס זיינען געשטאנען אין שטעטל, פלעגט ער גיין צופוס איבער די ארומיקע שטעטלעך קלייבן געלטער. ער וועט דאָך ניט נעמען פון די קהלשע געלטער פאר זיין פארן און קיין אייגענע איז ניט געווען. פלעגט ער אלע פרייטיק לויפן צו די אפיצערן בעטן מען זאל אָפּלאזן די יידישע סאלדאטן אויף שבת צו גיין עסן אין יידישע הייזער. פלעגט א פורים, א שימחת תורה טאקע ביי אונדז זיין זייער פריילעך. אלע יידישע סאלדאטן וואס פלעגן אנטלויפן קיין אמעריקע פלעגן דאס אלץ דורכמאכן ביי אונדז אין שטוב. דער טאטע שאפט א ציוניסטישע ארגאניזאציע וואס טראגט דעם באשיידענעם נאמען „תומכי ציון". יידן קויפן א שקל אויף אויסצוצאלן ביסלעכווייז צו צוויי קאפּיקעס א וואָך. עס קומט אן די איינציקע אקציע פון דער יידישער באנק, וואס דער טאטע האט געקויפט אויסצוצאלן. דער טאטע וואשט די הענט און מאכט א ברכה... עס איז עפּעס א יום טוב, דער פעטער לייזער קומט צו אונדז אויף קידוש, גלייך פון דאווענען. ער איז א בריה צו זאגן גראמען ווי א בדחן, דער עולם לעקט די פינגער; דער טאטע ווייזט אויך זיין בריהשיט: ער האָט עטלעכע לידער, וואס ער זינגט מיט א ניגון ביי פאסיקע געלעגנהייטן. איינס הייסט „שה פזורה ישראל", פארשטייט זיך אז עס באהאנדלט אין גראמען די יידישע לאגע אין דער וועלט. מסתמא אנגעשמעקט מיט אליקום צונזער, מיט אנדערע בארימטע בדחנים...

אין שטעטל קומען מגידים, צווישן זיי — בריהם ארויסצורופן טרערן ביי יידן. עס באווייזן זיך די ערשטע ציוניסטישע דרשנים. ווי היינט געדענק איך א האלב טונקעלן - בית מדרש פאר מערב, א יונגער דרשן מאָלט א בילד ווי גדעון דרעשט זיין ווייץ גאר אין א ווינקעלער כדי „להנים מפני מדין" — צו ראטע־ווען דאָס פּאָלק פון מדין, — און ער פירט אויס מיט א ניגון אז דאָס גאנצע לעבן פון יידן אין דער גאנצער וועלט איז אלע מאל „להנים" — צו ראטעווען דאָס ביסלע אנגעהאָרעוועטע פון מדין, פון אנדערע, להנים מפני רומעניע, מפני מאראקא, להנים מפני פינטעלעך... יידן קוקן זיך איבער, זיי פארשטייען אז די פינטעלעך מיינען זייער רוסלאנד. יידן קלייבן נחת פון דער שיינער דרשה. וואָכן האלט מען אין איבערחזרן דעם פּשטל, מען זאגט עס איבער, מען זינגט אלע מאל פון דאָס ניי אליקום צונזערס „די באן", „די סאכע"... אין די לאנגע ווינ־טערדיקע פרייטיק־נעכט, מען לייגט זיך אזוי פרי, איז מען פארטאג שוין אויס־געשלאָפן, שטייט מען אויף א זייגער צוויי און מען כאפּט עפּעס א ספר. וואס

זאָל מען טאָן? און אז דאָס נאָפּטלעמפּל איז שוין אויסגעגאַנגען, כאַפּט מען זיך צו אין בית מדרש הערן מעשיות... ניט אומזיסט זאָגט דער טאַטע, אז אין א יידישער שטוב פאַרשפּאַרט מען צו לערנען. — דאָס גאַנצע לעבן איז איין שטיק תורה.

* * *

לאַנג אַזוי לערנען איז דאָך קיין תכלית ניט, געדענק איך זיך אָרום צען אָדער עלף יאָר שוין אין ווילנע, אין ראַמיילעס ישיבה. צוויי אַזוינע ישיבות פאַר קליינע קינדער זיינען געווען אין ווילנע — די ראַמיילעס קלויז און די קצבישע. די ראַמיילעס איז געווען עלטער. נאָך מאַנטעפיאָר איז געווען אירער א באַזוכער ווען ער איז דורכגעפאָרן ווילנע אין מיטן פון ניינצנטן י״ה. זי איז אָבער געווען פאַררעכנט פאַר א ביסל אַפּיקורסיש... ביי די ישיבות האָבן געמוזט עקזיסטירן רוסישע „פאָלקשולן״, לויט די פּראָגראַמען מסתמא נאָך פון ד״ר מאַקס ליליענטאַלס צייטן. איז אָט די פאָלקשול ביי דער ראַמיילעס-ישיבה געווען בעסער געשטעלט און זי האָט געהאַט א שטאַרקערע השפּעה אויף די קינדער, און טאַקע דערפאַר איז א גרעסערע טייל תלמידים פון דער ישיבה אַוועק „לתרבות רעה״ ווי די רביים, די ראשי ישיבה פלעגן זיך קלאָגן.

די ישיבה האָט זיך געפונען אויף דער יידישער גאַס פּונקט אַנטקעגן דעם גאונס קלויז וואָס אויף דעם שול הויף. זי איז באַשטאַנען פון פיר גאָרן. אונטן זיינען ווי געווינטלעך געווען קראָמען און קרעמלעך. אויף דעם צווייטן גאָרן איז געווען דער בית מדרש און א קליינע קאַנצעלאַריע. אויף דעם דריטן גאָרן זיינען געווען דריי מערווייניק צוגעפּאַסטע קלאַסצימערן. אויף דעם העכסטן גאָרן זיינען געווען צוויי גרויסע שלאָפצימערן פאַר די תלמידים וואָס האָבן זוכה געווען צו האָבן דאָרטן א בעטל. קיין וואַסערלייטונג, קיין עלעקטרי און קיין סאַניטאַרע איינריכטונגען זיינען אין אַלטן מויער ניט געווען (מיט א צען יאָר שפּעטער איז דער גאַנצער מויער איינגעפאַלן און אפילו דערהרגעט א פּאָר מענטשן). געהאַט האָט די ישיבה פיר שיעורים (קלאַסן) אויף גמרא און דריי קלאַסן אין דער פאָלקשול. אַנגעקומען בין איך אין קלענסטן שיעור, צו ר׳ יחיאלן. דאָס איז געווען א תמימותדיקער פּשוטער ייד, א קנאַפּער למדן און א היפּשער אָרעמאַן. זיין לערנען איז געווען אין סאַמע פּשטות אריין. קיין שכלדיקע סברה זיינע דערמאָן איך זיך ניט. ביי אים האָב איך געדאַרפט לערנען א יאָר — צוויי זמנים, הייסט עס. אין העכערן שיעור איז געווען דער רבי משה מענדל — א יונגער געזונטער ייד, א געלער און א בייזער, וואָס פלעגט שלאָגן די קינדער מכות רצח. מיר פלעגן אַלע מאָל דערקענען ווען ער האָט זיך אין שטוב געקריגט מיט דער ווייב אז ער וועט שוין ביים לערנען זיין א קפּדן און כעסן און ער וועט זיך שוין מיט אונדז אָפּרעכענען...

אין פאַרלעצטן שיעור האָט געלערנט ר׳ הירשל. ער איז געווען ר׳ חיים עוזרס א ברודער, אָבער א רבי איז ער געווען גאָר א שוואַכער. אין עלטסטן שיעור האָט

געלערנט דער עלטסטער ראש־ישיבה, דער בארימטער אין ווילנע ר׳ בן ציון חריף — א ליטווישער גאון. ר׳האָט ניט געהאלטן פון דאוונען פרום. שמונה עשרה פלעגט ער אויסשטיין פריער פון אלעמען, מען פלעגט אפילו זאגן אויף אים אז ער פּראווועט ניט קיין סדר. דערפאר אבער, אז ער פלעגט נעמען א פשוטע משנה, — „אזוי? איר פארשטייט? ס׳איז גאָר פשוט, זאָגט איר? אַנו...״ און ער פלעגט נעמען די פשוטע משנה, צעגלידערן, פרעגן טויזנט קשיות, צונויפמישן צענדליקער גמרות, באווייזן אז רש״י האָט ניט פארשטאנען דעם פשט, געגומען די זאך צו גרינג... און פארענדיקן מיט א ברוגזן זאָג קוקנדיק אויף אונדז „גיי רייד מיט הילצערנע מוחות...״ ער איז געווען גערעכט: מיר פלעגן זיך טאקע באלד צעפלאָנטערן און ניט פארשטיין וואָס ער רעדט.

אין דער פאלקשול ביי דער ישיבה האָט מען געלערנט רוסיש, אריטמעטיק, רוסישע געשיכטע, העברעישע גראמאטיק און תנ״ך... אין רוסיש לויט אַן איבערזעצונג פון קריסטלעכן סינאָד. די העברעישע גראמאטיק פלעגט מען אויך לערנען אין רוסיש לויט א ביכל פון א. פעפערני. אזוי ווי דאָס ביכל איז שוין אין פארקויף ניט געווען, פלעגן מיר דארפן דאָס גאנצע ביכל איבערשרייבן מיט דער האנט און לערנען פון געשריבענעם. קיין רוסיש האָבן מיר ניט פארשטאנען, פלעגט מען אלץ דארפן לערנען אויסווייניק. די פאָלק־שול האָט געהאט דריי קלאסן. אלע לערער זיינען אין מיין צייט געווען תלמידים פון געוועזענער ראבינער־שול און זיי פלעגן זיך אונטערשרייבן „ראווין״ — רב הייסט עס. זיי זיינען אָבער געווען גאנץ ווייט פון צו זיין רבנים. די ישיבה מיט דער שול האָבן זיך זייער ווייניק געמישט, שעמנז. בראש פון דער שול איז געווען פריער טויבער און ווען ער איז געשטאָרבן איז געוואָרן דער פארוואלטער זאב וואלף קאָהאן דער מחבר פון „מסיבות השם״ און „מסיבות הפועל״ — אן עלטערער קפדן און געניטער בעל דיקדוק. ער פלעגט אונדז מאטערן. מיר פלעגן מוזן קענען אויסנווייניק אלע פאָרמען פון שמות און פועלים, זאָגן ווי א ייד זאָגט אשרי. מיר פלעגן איינער דעם צווייטן אויפוועקן פון שלאָף און הייסן זאָגן אויסווייניק. ער פלעגט צומאָל אונדז שטעלן אזא מין פראגע: ווו שטייט אין תנ״ך „כתבתי״? (וכתבתי על הלוחות), אָדער אזא פארעם וואָס איז ענלעך צו „כתבתני״ (שזפתני השמש). און אז מיר פלעגן ניט וויסן, פלעגט ער פון אונדז לאכן: תלמודיסטן! א פסוק פון תנך ווייס מען פון גמרא...

רוסיש האָבן מיר זיך אויסגעלערנט א סך מער ווי אנדערע קינדער אין אן ענלעכער שול. דער לערער פון עלטסטן קלאס, ראָזען, פלעגט אונדז זאָגן: וואָס הייסט? ישיבה־בחורים דארפן לערנען צוויי מאָל אזוי פיל ווי אנדערע קינדער. ניט איינער פון אונדז האָט זיך געהאלטן פאר א גאנצן געלערנטן נאָך דעם ווי מען האָט געענדיקט די שול. איבערהויפט נאָך ווען מען האָט שוין געהאט איבערגעלייענט א פּאָר הונדערט רוסישע ביכלעך וואָס מיר פלעגן נעמען אין א״מוראוויאָוור־ביבליאָטעק״ (אן אנדענק נאָך דעם רוצחישן גענעראל גובערנאטאר וואָס האָט

אין בלוט דערטרונקען דעם לעצטן פּוילישן אויפשטאנד). לייענען פלעגן מיר איבערהויפּט פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכלעך—זשול ווערן, מיין ריד, לונקעוויטש און רובאקין. נאָך לונקעוויטשעס ביכלעך פון נאטורוויסנשאפט האָב איך געמיינט אז איך בין שוין א פאַלנער געלערנטער... זיך געהאלטן גרויס מיט מיין וויסן און „געמוזט" ווערן אן אפיקורס: ווארום ווי קען מען גלייבן אין גאָט, אז א רעגן ווערט גאָר פון זיך אליין און דונער איז עלעקטרי? טשעקאווע אין דאָס וואָס די ראשי ישיבה פלעגן ניט פארבאטן צו לייענען רוסיש, אָבער זיי האָבן שטארק געקעמפט קעגן לייענען העברעיש און יידיש. זיי האָבן אָבער ניט אויסגעפירט: מיר פלעגן זיך אפט ארייננכאַפּן אין דער סטראשון־ביבליאָטעק, וואָס איז געווען קעגנאיבער דער ישיבה אויפן שולהויף, מיר פלעגן אויך בארגן ביכער אהיים פון דער קליינער ביבליאטעק פון די „בנות ציון". די ראשי ישיבות האָבן פון דעם ניט געוווּסט. זיי האָבן עס אויך פארבאָטן. געשאָלטן און גע־שלאָגן אפילו. מיין ברודער האָט געכאַפּט א פּאטש ווייל מען האָט ביי אים געפו־נען דעם „אהבת ציון".

דער סדר היום אין דער ישיבה איז געווען אזא: זעקס אזייגער אין דער פרי פלעגט קומען יונה דער אונטער־שמש וועקן צום לערנען. שלאָפן פלעגט מען אין בית מדרש אויף די טישן און בענק און אויבן אויפן פערטן גאָרן אויף בעטלעך. יעדער איינער האָט געהאט א מאטראַץ פון שטרוי אָדער היי, א קישע־לע מיט פעדרישע האָר און א זעלנערישן צודעק. קיין ליילעכער און ציכלעך האָט מען ניט געדארפט מן הסתם. די וואָס פלעגן שלאָפן אין בית מדרש פלעגן זייערע בעטגעוואנט צונויפדרייען און באהאלטן אין א פינצטער חדרל הינטער דער קאנצעלאריע. וואשן זיך פלעגן אלע דארפן פון דעם איינציקן האנטפאס וואָס איז געווען אין בית מדרש. קיין זייף געדענק איך ניט עמיצער זאָל נוצן, צי האָבן מיר געהאט באזונדערע האנטיכער דערמאָן איך זיך אויך ניט. אזוי פלעגט מען זיך זעצן לערנען ביזן דאווענען. נאָך דעם דאווענען פלעגט ראובן דער אויבער־שמש אין טיר פון זיין קאנצעלאריע אויפהענגען א וואגשאל, וועגן און טיילן אלעמען צו פונט געבייטלטע ברויט צו פרישטיק. טרוקן ברויט, וואָס איז אלע מאל געווען אזוי אלט און הארט, אז מען האט עס מיט די ציינער ניט געקאנט בייסן. דעם ערשטן טאג ווען איך בין אקארשט געקומען פון דער היים, פון דער מאמעס השגחה און איך האָב באקומען אָט אזא פּאָרציע ברויט, האָב איך זיך פאנאנדערגעוויינט: געשטאנען אין א ווינקעלע און געוויינט. חברה האָט דערזען און געפרעגט. אז איך האָב זיי דערציילט, איז עס געוואָרן א גרויס געלעכטער דאָס קינדעלע וויל גאָר פריש ברויט! ווייסט ניט וואָס מען טוט מיט הארטן ברויט, — מען נעמט א ביסל וואסער מען טונקט און מען עסט... דאָס איז געווען די ערשטע תורה וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אין ישיבה. דער טאטע וואָס האָט מיך געבראכט אין ישיבה אריין האָט טאקע פאר מיר באשטעלט טעג, און ביי סאמע קרובים און גוטע פריינד, אבער איך האָב ניט געקאנט גיין עסן אין

פרעמדע הייזער. א דינסטיק האָב איך געהאַט ביי דער מאַמעס שוועסטער־קינדער, דאָרטן פלעגט מען געבן זייער גוט עסן, כ׳פלעג אָבער דאָרטן גאָר ניט קענען נעמען אין מויל אַריין, פלעג איך לאָזן אַלץ שטיין און אַוועקגיין צוריק אין ישיבה, עסן א שטיקל ברויט מיט הערינג (אויב איך פלעג האָבן). אַזוי אַרום האָב איך ביסלעכ־ווייז אויפגעהערט צו גיין אויף מיינע „טעג״, און אין א צוויי חדשים אַרום בין איך געבליבן אויף מיינע „אייגענע קעסט״, אַזוי אַרום אַז דער פונט האַרט ברויט איז מיר שטאַרק צונוץ געקומען. נאָך אַט דעם פרישטיק, א זייגער אַכט פלעגט זיך אָנהייבן דער שיעור גמרא, וואָס פלעגט געדויערן ביז א זייגער עלף, דאַכט זיך. דער שיעור פלעגט זיין צעטיילט אויף צוויי חלקים. צום אָנהייב פלעגט דער רבי אויספרעגן דאָס נעכטיקע און נאָך דעם פלעגט ער זאָגן דעם נייעם שיעור. ביים אויספרעגן פלעגן זייער אָפט פליען קלעפּ, זידלערייען און קללות. ניט מורא האָבן פלעגן נאָר די... מיין וואָס פלעגן רואיק שפּאַצירן אין צווייטער זייט פון בית מדרש. געווען תלמידים וואָס פלעגן מוזן דינגען א „חבר״ וואָס זאָל מיט זיי לערנען דעם שיעור. אויף דעם דריטן זמן האָט איך געקראָגן אַזא חבר־תלמיד.

מיין האָנאָראַר איז באַשטאַנען פון א קאָפּיקע א טאָג און אַן אירים־צוקערל וואָס האָט מיך געראַטעוועט פון דעם הוסט. דער חבר־תלמיד פלעגט אויך בר־ענ־גען וואַסער צום טרינקען אויך פאַר מיר, איבערהויפּט איז דאָס געווען וויכטיק פאַר מיר, ווייל לערנענדיק מיט אים און ריידנדיק אַסך, פלעג איך שטאַרק צוהוסטן. כ׳בין געווען זייער א שוואַך ייִנגל און א קאַנדידאַט אויף טובערקולאָז. איינס „נאָך מיטאָג״ פלעגן זיך אָנהייבן די רוסישע קלאַסן און זיי פלעגן זיך ציען ביז פיר. פון פינף ביז אַכט פלעגט מען ווידער לערנען פאַר זיך. אַלע פיר שיעורים — אין בית מדרש ביי באַזונדערע טישן. די רביים פלעגן זיצן דערביי און אַכטונג געבן אויף דעם לערנען. נאָך מעריב פלעגט אין ישיבה בלייבן דער משגיח. ווען מיר פלעגן מאַכן די לעקציעס, ווען מיר פלעגן לייענען, פּלוידערן, שטיפן צו ביסלעך — שווער מיר איצט צו זאָגן, אָבער דאָס האָט אויך ניט געפעלט. פרייטיק ביי טאָג פלעג איך אַוועקגיין פון ישיבה צו א פעטער און צו אַן עלטער־מומע. דאָרטן פלעג איך עסן שבת און טאַקע זיך אָפּרוען אויך. אַמאָל אַפילו קריגן א גלאָז מילך.

ניט געקוקט אויף דער קנאַפּער צייט וואָס מיר האָבן געהאַט פאַר זיך, פלעגן מיר לייענען א סך. סמאָלענסקיס „התועה בדרכי החיים״ האָב איך געלייענט דירעקט פון דעם אַלטן „השחר״ נאָך מיט די שוואַרצע פלעקן פון דער רוסישער צענזור. בראַוידעס „הדת והחיים״ האָט מיך כמעט משוגע געמאַכט. אַזוי ווי איך האָב ניט געהאַט מיט וועמען צו דיסקוטירן וועגן דעם געלייענטן, האָב איך זיך צוגעוווינט צו דענקען פאַר זיך ליגנדיק, גייענדיק געקאָנט אָנקלאַפּן זיך אָן א באַקאַנטן און ניט באַמערקן. ניט אומזיסט געקראָגן דעם נאָמען „פאַרטראַכטע־מלאך״.

ביז היינט בין איך מער בריה צו טראכטן פאר זיך איידער צו דיסקוטירן מיט א צווייטן, צו שמועסן מיט עמיצן. מיר דוכט זיך ביז איצט אז מענטשן וואָס קענען מיך ווייניק האלטן מיך פאר אן אומעטיקן, ניט אינטערעסאנטן מיט־שמועסער. בכל אופן, איך פיל זיך מיט זיך אליין, מיט מיינע געדאנקען, ביי מיין שרייבטיש א סך היימישער. מיר איז ניט אומעטיק, איך פיל ניט, אז די צייט גייט אוועק לײדיק. פארקערט, אין געזעלשאפט איז מיר אָפט אומעטיק, איך געפין ניט קיין טעמעס, איך זשאלעווע די צייט וואס גייט אוועק ליידיק. כ׳ווייס דאָס איז א חסרון, אבער איך גלייב אז אזא „סקוטשנער" מענטש בין איך געוואָרן טאקע אין דער ישיבה. איינזאם אין א געדראנג זיינען מיר דארטן געווען. מיר פלעגן אין אָוונטן חזרן דעם שיעור עטלעכע הונדערט קינדער אין בית מדרש, אלע פלעגן לערנען אויפן קול און איינער דעם צווייטן האט ניט געשטערט. דער טומל האט ניט געארט. מען האָט זיך געקאנט קאנצענטרירן, זיין „אין זיך".

אז איך האב אוועקגעוואָרפן מיינע טעג, טא ווי האב איך געלעבט? די עלטערן אין נאנטן שטעטל האבן גאר ניט געטארט וויסן, אז איך עס ניט מער די טעג. דאך אבער פלעגן זיי צושיקן פון דער היים גאָר אפט עפעס. דורך די פורמאנעס וואָס פלעגן אלע וואָך פאָרן אין ווילנע. דעם שניטקרעמער פון שטעטל, דעם טאטנס א פריינד האָט דער טאטע געבעטן ער זאל אונדז געבן וויפל מיר וועלן בעטן. מען האט נאר געדארפט זונטיק ווען די פורמאנעס פלעגן קומען, צוגיין צו דער אכסניא, פלעגט מען שוין עפעס קענען קריגן. איז מען אָבער געווען זייער קארג און ניט געהאט קיין הארץ צו בעטן געלט. כ׳געדענק ווי דער טאטע האָט מיך איין מאָל שטארק געמוסרט: ער איז געקומען קיין ווילנע און האט דערזען אז איך גיי אין צעריסענע שיך: ס׳טייטש, האסט ניט געקאנט צוגיין צו די נאדעלס (א שוכגעשעפט, וווּ איך האב געדארפט עסן דינסטיק) און נעמען א פּאָר שיך אויף מיין חשבון?...

גיי דערצייל דעם טאטן, אז ניט נאָר דאָס, — איך האָב ניט געקאָנט פארבייגיין זייער הויז: די פּאָר חדשים טעג־עסן האָבן מיר געמאכט פאר זייער א שעמעוודיקן אין יעדער פרעמדער הויז. לאנגע, לאנגע יארן האב איך ניט געקאנט נעמען א גלאז טיי אין א פרעמדער שטוב, אפילו ביי גוטע באקאנטע. לאנגע יארן זיינען אריבער, איך בין צוריק געקומען קיין ווילנע, די נאדעלס זיינען געוואָרן שווער און שוויגער פון מיין ברודער וואָס איז געקומען ווי אן אמעריקאנער דאָק־טאָר פילאָזאָפיע. האָב איך ניט געקאָנט ארייַנקומען צו זיי אין שטוב.

א ביסל פלעגן מיר פארדינען שוין. אויסער מיין חבר וואס פלעגט מיר צאָלן מזומן א קאפּיקע א טאג, האב איך געהאט נאך א פארדינסט: געווען אין ישיבה אן עלטערער בחור און ווייט ניט קיין פעיקער, האט ער ערגעץ געהאט א כלה, האָט ער צו איר געוואָלט ניט אנדערש ווי שרייבן גראמען. בין איך דאָס

געווען דער גראַמען־מאַכער. בפרט אַז איך האָב שוין געהאַט געלייענט „ווענוס און שולמית" און אַ פּעקל ראָמאַנען פון שמר, פאַר יעדער גראַם פלעגט ער מיר צאָלן אַ גראָשן אָדער אַ גלאָז טיי. איז אָבער געווען אַ צרה: איך האָב פון אים זיך אָפּגעלערנט רויכערן. צו מיין דערנערונג, צו מיין הוסט האָט נאָר דאָס געפעלט. אחוץ דעם האָבן מיר געהאַט נאָך צוויי צופעליקע פּרנסות: מיר פלעגן פון מאָל צו מאָל גיין דאַווענען צו אבלים, כדי עס זאָל זיין אַ מנין. אויך אַ פּרנסה... אויף דעם שולהויף האָט געוווינט אַ „שרייבער", ער פלעגט שרייבן ביטעס, דאָקומענטן וכדומה. ווען ער פלעגט דאַרפן האָבן עטלעכע קאָפּיעס (און קיין שרייב־מאַשינעס זיינען נאָך אין ווילנע ניט געווען), פלעגט ער אונדז געבן איבערשרייבן. פון אַלע פּרנסות האָט מען געקאָנט עסן דריי מאָל אַ טאָג. פאַר צוויי קאָפּיקעס ברויט און פאַר אַ קאָפּיקע אַ שטיקל הערינג. ווען עס איז געווען שטי־מונג פלעגט מען צונויפקלייבן פון דער ערד שטיקלעך פּאַפּיר, אָנצינדן און צובראָטן דאָס שטיקל הערינג. אַז מען האָט נאָך געהאַט צו קויפן אַ גלאָז טיי צו דעם איז שוין געווען אַ יום טוב. אויף טיי פלעגט מען מאַכן שותפות — צוויי יינגלעך פלעגן זיך צונויפלייגן צו קאָפּיקע און מען פלעגט קויפן: פאַר אַ קאָפּיקע פיר שטיק־לעך צוקער, פאַר אַ גראָשן אין אַ פּאַפּירעלע, עטלעכע קענדלעך טיי און פאַר אַ גראָשן וואַסער הייסע. פלעגט מען האָבן צו דריי גלעזער טיי. צוויי גלאָז טיי מיט איין שטיקל צוקער פלעגט מען אויסטרינקען אַליין און איין גלאָז מיט אַ שטיקל צוקער פלעגט מען פאַרקויפן פאַר אַ גראָשן. אַז מען איז געווען רייך פלעגט מען קויפן ביי „קיווקע דעם פּוטערניק" פאַר אַ קאָפּיקע פּוטער (אָט אַזוינע קראָמען זיינען געווען אויף דער יידישער גאַס אין ווילנע!). פלעגט מען עס שמירן אַזוי שפּאָרעוודיק, אַז די פּוטער פלעגט זיך קיין מאָל ניט אויסשעפּן; ברעקלעך ברויט פלעגן זיך אָפּברעקלען פון ברויט און זיך צוקלעפּן צום פּוטער. גאָר אַ גרויסער יום טוב איז געווען ווען מען האָט געקאָנט קויפן אין דעם באַרימטן פּרנסעס רעסטאָראַן פאַר צוויי קאָפּיקעס אַ ביסל שיטערע געהאַקטע לעבער מיט זעננעפט קונציק פאַרוויקלט אין אַ שטיקל געלן פּאַפּיר. נאָך אַ גרעסערער יום טוב האָט געקאָנט זיין ווען מען האָט געהאַט צו קויפן פאַר דריי קאָפּיקעס די „אָברעזקעס" די שטיקלעך וואָס בלייבן ביים שניידן אין אַ וווּרשטקראָם. נאָר ווער האָט עס געקאָנט חלומען פון אַזוינע יום טובים?

אָט אַזוי האָט מען געלעבט, זיך דערנערט און געלערנט, איבערגעגאַנגען פון שיעור צו שיעור, פון קלאַס צו קלאַס. געענדיקט די פאָלקשול ביי דער ישיבה, געהאַט צייט צו לערנען פאַר זיך ווייטער, געלייענט אַ סך און נאָך מער געטראַכט פאַר זיך, געלערנט גמרא און מיין אפּיקורסות האָט זיך געהאַלטן אין איין שטאַרקן. אויפגעהערט צו דאַווענען, הגם אַן דאַווענען ניט געקאָנט עסן: ווי עסט מען דאָס אַז מען האָט ניט געדאַוונט? געפּרובירט עסן געהאַקטע לעבער מיט... פּוטער... אַלץ גאָט אויף צולהכעיס... מען קען זאָגן אַז פון די צוויי פאַלוסן וואָס זיינען געווען אין דער ישיבה — די ישיבה ווי אַזאַ און די רוסישע פאָלקסשול — האָט

די ערשטע פּארלאָרן: עס דערמאָנט זיך מיר ניט קיין איינער פון מיינע דאָרטיקע חברים וואָס זאָל בלייבן ביי דער רעליגיעזער יידישקייט. זיכער איז אז די צאָל פון די געוועזענע ישיבה־בחורים וואס האבן זיך אין גאנצן אפּגעריסן פון יידישקייט איז געווען א סך גרעסער ווי די צאל פון די וואס זיינען געבליבן געטריי צו דעם גייסט פון דער ישיבה. דער פאקט דארף דינען ווי א לעקציע פאר אלע היינטיקע „גאנצע" יידישע טאגשולן אדער אינטעגראלע, וואס זיינען אויך צוזאמענגעזעצט פון צוויי דיאמעטראל קעגנגעזעצטע עלעמענטן — די אלגעמיינע מלוכישע שול און די יידישע. דער אונטערשייד איז נאר דער וואס אין די היינטיקע שולן איז דער יידישער טייל אסך מער איינגעשרומפּן. אזוי ארום אז מען קען לערנען א פשוטן קל וחומר: מה דאָך דאָרטן האָבן די דריי שעה א טאָג אלגעמיינע לימודים גובר געווען די אכטשעהדיקע גמרא־לימודים טאָ וואָס קען מען ווארטן אין די היינטיקע שולן? די פראגע אבער איז ווייט ניט אזוי איינפאך, עס דארפן גענומען ווערן אין אכט ניט בלויז די דירעקטע רעזולטאטן נאר טאקע אויך די שפּעטערדיקע אומדירעקטע רעזולטאטן, און דא וועט זיך די גאנצע אפשאצונג בייטן. אבער מיר וועלן זיך מוזן אומקערן צו דער פראגע שפּעטער.

א שטריק אין ישיבה

נאָך פסח 1903, צום זומערדיקן זמן איז צו אונדז אין דריטן שיעור אנגעקומען א הויכער דערוואקסענער בחור, צימערמאַן פון ביאַליסטאָק. געווען איז ער א פרומער מיט פאות און לאַנגער קאַפאָטע, גאָר ניט ווי מיר זיינען געווען געוווינט אין דער ליטע בכלל. און בפרט צווישן אונדז אין ראמיילעס־קלויז זיינען שוין געווען אזוינע „אפיקורסים" וואָס האָבן געטראָגן היטלעך מיט גלאַנציקע דאַשיקעס, אזוי ווי עס איז געווען די אוניפאָרם אין די שולן. געלערנט האָט דער צימערמאַן מיט גרויס התמדה און ער פלעגט זיך שאָקלען ביים דאַווענען ווי א צדיק. מיר פלעגן האַלטן אז ער מאַכט זיך, ער וויל זיך אויספיינען פאַר די רביים און ער האָט ביי אונדז געקראָגן א ספּעציפיש ווילנער נאָמען, א „כּויכע" (אָפּכויכן — פלעגט אין ווילנער יידישער אונטערוועלט הייסן — אָפּנאַרן). אין איין אָוונט, שפּעט שוין ווען פון די אָנפירער איז געווען נאָר דער משגיח זיינען אריין דריי בחורים און אים געוואָרנט מיט א פינגער צו דער נאָז, אז הזהר והזהר, מען זאָל מער קיין קינדער ניט שלאָגן, און ברויט זאָל מען געבן ניט קיין אַלטגע־באַקענע... דער משגיח האָט זיך דערשראָקן אויף טויט און עפּעס געשטאַמלט... א קליינינקייט א ביסל זיך אָנהייבן מיט „יענע לייט". איין יינגל האָט געוואָלט אראָפּ־גיין אויפן הויף, האָבן אַנדערע צוויי בחורים וואָס זיינען געשטאַנען אונטן אים פאַרהאַלטן און ניט געלאָזט ארויסגיין פון ישיבה. ווען די דריי האָבן אָפּגעזאָגט זייערס און זיך געלאָזט גיין, האָבן זיי געזען ווי א יינגל ליגט ניט ווייט פון טיר אויף א באַנק.

— וואָס ליגסטו עפּעס אזוי? האָט איינער פון די בחורים געפרעגט.

— איך האָב ניט וואָס צו עסן, — האָט געענטפערט דאָס יינגל.

— נא דיר א צענער און גיי צום טערק... (צענער — פינף קאָפּיקעס, דער טערק — טערקישע בעקעריי אויפן ראָג דייטשישער און טראָקער גאַס, ווו מען פלעגט קויפן זיס־זויערע בולקעס ווען מען איז געווען נאָר רייך). דער יינגל וואָס איז געווען אונטן איז צוריק ארויפגעלאָפן און מיט גרויס התפעלות דער־ציילט: ער האָט אליין געהערט ווי איינער פון די דריי האָט געזאָגט צו א צווייטן:

— בר כוכבא, איך וועל היינט עסן מיט דיר וועטשערע, ווייל איך האָב אוועקגעגעבן דעם יינגל מיין גאַנץ געלט.

מיט דער מעשה האָבן די מאָרגנע געסט אונדז, קינדער אָפּגעקויפט, מיר זיינען באלד געוואָרן זייערע חסידים.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן די רביים מער גערעדט וועגן די געסט איידער געלערנט, און איך געדענק ווי דער צימערמאַן האָט זיך געהיצט: זייער גליק איז וואָס ער איז גראָד ניט געווען אין ישיבה, ווען ער וואָלט געווען, וואָלט ער זיי די ביינער צעבראָכן — די ציציליסטן, די אפיקורסים, די ימח שמוניקעס. זאָלן זיי גיין, די „סטאַטשניקעס" (שטרייקער) געבן פרייהייט הינער אין קאָטוך און זיך ניט מישן אין ישיבות. דער רבי האָט מסתמא אָנגעקוואָלן פון אַזאַ גוטן תלמיד בעת אַלע זיינען געזעסן שטום מיט די נעזער פאַרוקט אין די גמרות, כדי מען זאָל אויף אונדזערע פּנימער ניט באַמערקן גאָרנישט. אין אָוונט, מען זיצט און מען לערנט, אַלע רביים זיינען דאָ, ערשט ווייטער די דריי געסט, און גלייך צום עלטסטן ראש ישיבה צו דעם באַרימטן גאון ר׳ בן־ציון חריף. ער האָט זיך מיט זיי געקריגט, געהיצט זיך. מיר האָבן געהערט ווערטער ווי „א מעסער צום האַרץ" און איינער פון די דריי האָט געענטפערט: רבי, וועט איר אונדז ניט נעמען פאַר איידעם... דווקא ר׳ בן ציונס טעכטער זיינען געווען פון די ערשטע סאָציאַליסטקעס אין ווילנע.

בקיצור, אַלע נאַכט פלעגן קומען די פאַרשטייער פאָדערן פריש ברויט, ניט שלאָגן, לערנען אויך תנ"ך. איין שבת צונאַכט האָט מען אונדז מיט גרויס פאַרזיכט געפירט ערגעץ אויף נאַוועגראַד אין א קאָנספּיראַטיווע דירה אויף א פאַרזאַמלונג. דאָרטן האָט מען פאַר אונדז געלייענט דעם רוסישן באַריכט וואָס די ישיבה פלעגט מוזן אַרויסגעבן יעדן יאָר, און מען האָט אונדז דערוויזן אַז עס פעלט געלט, וואָס מיך האָט געוואונדערט איז נאָר געווען דאָס, וואָס די רעדנער האָבן גערעדט אַזאַ פיינעם רוסיש... מיין ערשטער באַזוך פון א קאָנספּיראַטיווער פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט בשלום. אָבער ווי אַזוי איז דאָ אויף דער פאַרזאַמלונג געקומען דער צימערמאַן, און דווקא אין דער לאַנגער קאַפּאָטע, און ער איז דאָ גאָר א גאַנצער בן בית, באַגריסט זיך מיט די רעדנער און איז גאָר דאָ א גאַנצער יאַ טעבע דאַס? ערשט איצט האָבן מיר פאַרשטאַנען די ריכטיקע ראָל פון דעם משונהדיקן בחור, דעם „כויכע". א גרעסערער וווּנדער איז פאַר אונדז געווען דאָס וואָס מאָרגן באַלד זונטיק האָבן די ראשי ישיבות געוווּסט וועגן דער פאַרזאַמלונג נעכטן ביינאַכט, און מען האָט גענומען מיט גוטן און בייזן אונדז אָפּריידן פון אַזוינע זאַכן. קלאָר, אַז אויף דער פאַרזאַמלונג איז געווען אַן אינעווייניקסטער פּראָוואָקאַטאָר... אויף מאָרגן אָדער איבערמאָרגן אין אָוונט ווען אַלע ישיבה־בחורים זיינען געזעסן און געלערנט, זיינען אריין די אָנפירער און האָבן געפרעגט: ווו איז טש— —? דער זעלביקער תלמיד פון העכסטן שיעור איז גלייך צוגעגאַנגען, — און דאָ איז פאָרגעקומען אַזאַ קורצע סצענקע:

— דו ביסט טש—ן? האָט געפרעגט „בר כוכבא".

— יע, דאָס בין איך.

— טאָ נאַ דיר, דאָס האָסטו פאַרן מסרן די רביים. און עס איז געפלויגן א פאַטש אין באַק, אז זי איז נעבעך באַלד געוואָרן געשוואָלן. ביי א וואָך איז דער תלמיד געגאַנגען מיט א פאַרבונדענער באַק.

איך האָב דאָ ניט אָנגעגעבן דעם פולן נאָמען פון דעם מוסר צוליב עפּעס א סיבה. מיט יאָרן שפּעטער, איך בין שוין געווען א לערער, האָב איך באַקומען א קאַרטל אויף רוסיש פון אים טאַקע אז ער האָט אויסגעהאַלטן עקזאַמען אויף פּריוואַט־לערער, אָבער ער וויל אָנקומען אויף די גראָדנער פּעדאַגאָגישע קורסן און ער בעט איך זאָל אים רעקאָמענדירן צו קאָנשטאַמען. ביי מיין ערשטן וויזיט אין גראָדנע האָב איך דערציילט קאָנשטאַמען די גאַנצע מעשה, און אים געוויזן דאָס קאַרטל. כ'האָב אָבער דערביי גאָרניט געבעטן. מיט א יאָר שפּעטער, ווען איך בין געקומען קיין גראָדנע (איך פלעג אַלע זומער־וואַקאַציעס פאָרן זיך זען מיט דעם רבין — קאָנשטאַמען), האָבן מיר תלמידים געוואָרנט איך זאָל זיך גאָר פאַר קאָנשטאַמען ניט ווייזן: ער איז אויף מיר שרעקלעך אין כעס פאַר רע־קאָמענדירן אַזאַ מין מענטשן; זיי, די תלמידים, קענען אים אויך ניט פאַר־טראָגן... און צווישן די תלמידים זיינען דעמאָלט געווען גאָר וויכטיקע פּערזענ־לעכקייטן, ווי יעקב פיכמאַן, יחזקאל הן ע"ה, מ. י. אביגיל, משה תלמי (אַלע וויכטיקע פּעדאַגאָגן אין ישראל) און הענעך קאַזאַקעוויטש, י. יאַכינסאָן (אין רוסלאַנד). זיי האָבן אפילו אים איין מאָל פאַרנאַרט ערגעץ און אויף דעם ישיבה־בחורישן שטייגער — ארייַנגעלייגט א „משכנתא" (אנגעשלאָגן) ...איך בין גלייך אוועק צו קאָנשטאַמען. נאָך זיין שטענדיקן פאַטערלעכן באַגריסן זיך, האָט ער, ווי זיין געוווינהייט איז געווען, זיך גענומען קראַצן אין פּאַטעלניצע, שמייכלען און טענהן:

— איי, האָט איר אונדז רעקאָמענדירט א תלמיד! וואָס טוט מען מיט אים?

— אהרון מאַיסייעוויטש! איך האָב אים ניט רעקאָמענדירט, איך האָב אייך בלויז דערציילט.

— נו, נו, לאָמיר זיך ניט קריגן. אבער קיין ארבעט אין א שול וועל איך אים ניט געבן... איך ווייס אז דער מענטש איז נאָכן ענדיקן די קורסן גלייך אוועק קיין אַמעריקע. קען זיין, אז ער פאַרנעמט ערגעץ א וויכטיקן פּאָסטן ביי יידן. ווייל איך אים ניט טאָן קיין שאָדן און דערמאָנען חטאת נעורים... דערפאַר האב איך זיין נאָמען ניט אָנגעשריבן...

אונדזער מלחמה אין ישיבה איז אָנגעגאַנגען ווייטער. מיט א צווייטן מסור האָבן מיר זיך אַליין אָפּגערעכנט, אויף א גרויזאַמען אופן, וואָס איך קען זיך עד היום ניט מוחל זיין. א פוילישער יינגל, קען זיין אז ער האָט גאָר ניט געמיינט

צו מסרן, א גוטער חבר, עפשטיין האָט מען אים גערופן, קען זיין אז צופעליק האָט ער זיך אויסגערעדט א וואָרט פארן רבין. ביינאכט, ווען ער איז געשלאָפן האָט מען אויף אים ארויפגעוואָרפן א קאָלדרע, ער זאָל ניט וויסן ווער, און מען האָט אים גענומען שלאָגן... ביז היינט געדענק איך זיינע דערשראָקענע קולות: גוואלד, דאָס עג (אויג)...

גרויסע צרות האָבן פון אונדז געהאַט די שמשים. דער אונטער־שמש־יונה, פלעגט אָנשטאָט הייצן גוט די ישיבה, אלע נאכט טראָגן האָלץ צו זיך. פלעגט אונדז זיין קאלט, האָבן מיר געקראָגן אויך א שליסל צום האָלצקאמער און אלע נאכט פלעגן מיר ארויפטראָגן האָלץ און הייצן ניט זשאלעוונדיק... אז ער פלעגט קומען זעקס אין דער פרי צו וועקן, פלעגט עס אים אנקומען מיט דער גרינער גאל אונדז אויפצוהייבן. איין מאָל איז אפילו אים צימערמאן באפאלן (ער האָט זיך שוין ניט פארשטעלט מער) און אים ארייגעלייגט אין בעטל: ליג דו אין געהאקטע ווונדן. איך וועל דיר לאָזן ליגן...

נאָך ערגערע צרות איז פון אונדז אויסגעשטאַנען דער אויבער־שמש ר׳ ראובן — אן עלטערער ייד, וואָס פלעגט א ביסל צושטאמלען: אלע פרימאָרגן ווען ער פלעגט קומען, פלעגט ער געפינען זיינע שאפעס אפן, הגם ער פלעגט זיי פאר־שליסן ביינאכט, זיינע קבלות פאר די משולחים — פארברענט, די הארטע, פאר־דארטע לאבנס ברויט ארויסגענומען... איין מאָל האָט מען אפילו אריינגעשטעלט אין שאפע שווארצע ליכט, געעפנט א תהלים „יענך" מיט א גרויסער אויפשריפט אויבן „פאר ראובקע פויער"... עס האָט ניט געפעלט ביי אונדז קיין גראָבקייט... אין די אוונטן פלעגט מען לערנען פאר בליצלאמפן (קיין עלעקטרי איז ניט געווען) פלעגן אלע אָוונט פלאצן א פינף זעקס לאָמפן־גלעזער: מיר האָבן געהאט דינע פארפום־שפריצערלעך (ווו האָבן מיר זיי גענומען — אסור אויב איך ווייס ביז היינט), און מיט זיי פלעגן מיר שפריצן קאלט וואסער פון איין טיש צום לאָמפ פון צווייטן. און גיי זוך די שולדיקע...

אין שטאָט האָט מען שטארק גענומען ריידן וועגן דער רעוואָלוציע אין ישיבה, עס איז געוואָרן א סכנה. אפילו מיסיאָנערן האָבן אָנגעהויבן צו קומען און אונדז באשענקען מיט זייער ליטעראטור. איך דערמאן זיך, ווי איין רבי האָט כמעט געחלשט ווען ער האָט דערזען אין ישיבה די מיסיאָנערישע בלעט־לעך...

אז עס איז געוואָרן גאָר שווער, זיינען זיך די גבאים פון דער ישיבה צונויפ־געקומען מיט די אָנפירערס פון דעם שטרייק און מען איז דורכגעקומען: ניט שלאָגן, פריש ברויט, לערנען תנ"ך... צימערמאן האָט באקומען פון ישיבה עט־לעכע רובל ער זאָל אוועק. מיט יאָרן שפעטער געהערט, אז ער איז אומגעקומען אין פאָגראָם, אין זעלבשוץ. מיט אסך יאָרן שפעטער האָט מיר דער אלטער בונדיסט א. ליטוואק מודה געווען אז דער שטרייק איז געפירט געוואָרן פון בונד. עס וואונדערט מיך וואָס קיינער פון די בונדיסטן האָט וועגן דעם ניט געשריבן.

דאָס לערנען אין ישיבה

איטלעכער רבי האָט זיך געהאַט זיין שטייגער פון לערנען. אינטערעסאַנט אין געווען דאָס לערנען ביי ר׳ בן ציון חריף. ווען איך בין אריבער אין זיין שיעור איז ער שוין געווען אלט און קראַנק. פלעגט ער ניט קומען אין ישיבה, נאָר מיר — א פערצן עלטערע (14-15 יאָריקע) תלמידים פלעגן גיין צו אים אהיים. מיר פלעגן זיך שטאַרק גרייטן צו די שעורים, צוגרייטן גוט א „לייענען". אונדז פלעגט זיך דוכטן אז היינט קענען מיר שוין גאָר גוט. פלעגט מען קומען, זיך אויסזעצן אין שמאָלן צימער ביי א לאַנגן טיש, פון יעדע זייטן — פאָליצעס מיט ספרים. דער רבי אויבנאָן.. "זאָג דו" פלעגט ער פון איבער די ברילן אָנווייזן אויף איינעם פון אונדז... פלעגט ניט גדויערן קיין צען מינוט, ווי ער פלעגט אונדז פאַרוואַרפן מיט קשיות, אויפן טיש פלעגט שוין ליגן א באַרג מיט גמרות... מער ווי א האַלבע שעה פלעגן מיר, די בעסטע פון אונדז אפילו ניט קענען נאָכהאַלטן זיין גדאַנקען-גאַנג. דער קאָפּ פלעגט ווערן שווער, מיר פלעגן שוין מער גאָרניט קענען פאַרשטיין. ער פלעגט א קוק טאָן אויף אונדז פון איבער די ברילן, א לאַנגער שטרענגער פנים מיט א קליין שפּיציק בערדל; פלעגט פאַרדרייכערן, זיך פאַרהוסטן, אויסשפּייען דאָס ליחות אויף דער האַנט, א קוק טאָן צי עס איז ניטאָ קיין בלוט... און א זאָג טאָן צו אונדז: גיי לערן מיט הילצערנע קעפּ!.. צי האָט ניט אַנטאָקאָלסקי זיין באַרימטע האָלצשניט „דער חריף" געשניצט פון אים?

נאָך ר׳ בן ציונס קורס האָב איך שוין אין ראַמיילעס קלויז ניט געהאַט וואָס צו לערנען. אגב, בין איך שוין געווען א גאַנצער „געבאָבלטער" (אזוי פלעגט מיך רופן מיין פעטער אַנשטאָט געבילדעטער). איך בין שוין געווען גאָר ניט שלעכט באַהאַוונט אין דער רוסישער ליטעראַטור. היינט, אליין האָב איך געמיינט, אז איך קען אויך אַלע חכמות, אָנגעלייענט זיך ווי א פּויק מיט העברעיש און מיט רוסיש אויף פאַרשידענע געביטן. דעמאָלט האָט מיר א חבר אויך געגעבן לייענען אויף יידיש. "דער דעקטוך" און "וועגנוס און שולמית" זיינען געווען מיינע ערשטע זאַכן וואָס איך האָב געלייענט אין יידיש. האָב איך שוין גענומען מלחמה האַלטן מיט גאָט, ניט געדאַוונט, הגם אויך ניט געקאָנט עסן אָן דאַוונען... גאָט צולהכעיס געגעסן דווקא געהאַקטן לעבער מיט פּוטער... גענומען זוכן נייע קרייזן. מיין ברודער האָט זיך צוגעטוליעט צו די ציוניסטן, איך בין איינגעפאַלן צו סיימיסטן, געשוויצט איבער זייער רוסישן זאַמלבוך "וואָזשראַאַשדעניע" און ניט

פאַרשטאַנען די שווערע רוסישע עברי. דעריבער זיך געהאַלטן אַן א זייט. א סך גרינגער איז אָנגעקומען פּיסאַרעוו. געגומען זיך לערנען אַליין, גרייטן זיך צו עקזאַמענס. צו וואָס — אַליין ניט געוווּסט. צוליב געטאָן די עלטערן און אָנגעקומען נאָך אַמאָל אין דער ישיבה פון קצבישער קלויז. צו ר׳ יהושוע כלבן. דאָס איז געווען א וווּנדערבאַרער פּעדאַגאָג. א מענטש א רייכער, האָט ער געלערנט אָן געלט. די ווייב האָט געפירט א גרויסן געשעפט, דאַכט זיך פון מעל. אַליין געווען באַהאַוונט אויך אין וועלטלעכע וויסנשאַפטן. ער פלעגט אויף א תלמיד קיין מאָל דעם קול ניט אויפהייבן, און א דרך ארץ האָבן די תלמידים געהאַט צו אים א געוואַלדיקן. ווען איך האָב אָנגעהויבן צו לערנען ביי אים האָב איך זיך געהאַלטן אַן א זייט: א קליינקייט: אַזא „געבילדעטער״ מענטש ווי איך און דאָ אַזוינע ״אָפּגעשטאַנענע״ תלמידים... איין מאָל צו מערב האָב איך באַמערקט אַז אַלע תלמידים שטעלן זיך ווי נאָר דער רבי שטעלט זיך. בין איך אויף צו להכעיס געבליבן זיצן: איך בין דאָך שוין א גאַנצער משכיל... איז מיר פאַרביי־געגאַנגען א צווייטער יינגל און שטילערהייט א זאָג געטאָן: גראָבער יונג! דער רבי שטייט און דו זיצסט... מיט א סך יאָרן שפּעטער פלעג איך אין מיין פּראַקטיק דערמאָנען זיך דעם פאַל, ניט אָן קנאה. ביי דעם זעלביקן ר׳ יהושוע כלבן האָבן בשעתם געלערנט צוזאַמען מיט מיין עלטערן ברודער אברהם האַרצפעלד פון ארץ ישראל און י. באַסקין פון אַרבעטער רינג. מיט דעם זמן און מיט דער מסכתא נדרים האָבן זיך געענדיקט מיינע ישיבה־יאָרן. קיין סך תורה האָב איך ניט אַרויסגעטראָגן, קיין צוגעבונדנקייט צו יידישקייט זיכער ניט. גיכער וועט זיין ריכטיק צו זאָגן אַז די ישיבה האָט מיך געטריבן צום אַנטיטעזיס. אין דעם קאָנקורענץ־קאַמף צווישן דער דורכויסיקער גמרא־דערציונג און דער אַלגעמיינער בילדונג וואָס איך האָב אָנגעכאַפּט מער פון זיך, אומסיסטעמאַטיש, האָט די צווייטע געקראָגן די אויבערהאַנט. וועגן א וועלטלעכער יידישער קולטור האָב איך דעמאָלט קוים געהאַט אַן אנונג... אַז מען לערנט אַליין, קען מען דאָך זיין אין דער היים, אין שטעטל, געבן ״אוראָקן״, לערנען עקסטערן און זיך „גרייטן״ צו עקזאַמענס.

... מ׳טאָר הייגטיקע צייטן ניט שיקן קיין קינדער אין די ווילנער ישיבות, האָבן באַשלאָסן די יידן אין שטעטל: ניט קיין רבנים, נאָר סאָציאַליסטן ווערן זיי דאָרטן גאָר. האָט שוין דער שמש פון שטעטל זיין זון ניט געשיקט קיין ווילנע, נאָר קיין ווילקאָמיר דאָרטן לערנען: א קליינע שטאָט, ניט פאַרפּלייצט מיט רעוואָלוציאָנערן, וועט ער לערנען געשמאַקער... האָט עס אויך ניט געהאָלפן: איז גאָר אַרויס פון אים דער שרייבער דוד לייב מעקלער. האָט מען אָנגעטאָן שוואַרצע העמדלעך, פאַרגאַרטלט מיט א קוטאַש, פאַרלאָזט לאַנגע האָר, מען איז געוואָרן אַן „אינטעליגענט״. געמאַכט א סך אַרבעט דעם „אוריאַדניק״ (פּאָליציאַנט אין שטעטל), זיך באַקענט מיט די שטעטלשע „באַרישניעס״ (פריי־לינס), גערעדט מיט זיי רוסיש, און געהערט א סך מוסר פון די עלטערן פאַרן ניט וועלן דאַוונען...

דאָס איז געווען דער וועג פון א ישיבה־יינגל אין אָנהייב פון יאָרהונדערט. עס האָט מיר אָפּגעגליקט מער ווי אנדערע: ווען מען איז געקומען צו אונדז אין שטוב זוכן דאָס געווער, וואָס איז געווען פאַרגראָבן אין קעלער פאַר זעלבסטשוץ, זיינען גראַד דער ברודער און איך ניט געווען אין שטעטל.

אָבער דאָס איז דאָך געווען דער וועג פון א קליינעם טייל פון דער יוגנט.

* * *

איצט, אין דער פּערספּעקטיוו פון וויטע ציימן, וויל איך מאַכן א שטיקל סך הכל פון דער ישיבה־דערציונג. ארויסגעגאַנגען פון ישיבה זיינען מיר כמעט אַלע מיט א נעגאַטיווער באַציונג צו אַלץ וואָס זי האָט אונדז געגעבן. דאָס נעגאַטיווע האָט ארויסגערופן א ווידערווילן אויך צו דעם פּאָזיטיוון. די ישיבה איז דאָך באַשטאַנען פון צוויי באַזונדערע טיילן, א מין שעטנז, וואָס האָט געהאַט א פאַרקערטע ווירקונג. פון איין זייט — די אַלטמאָדישע ישיבה מיט איר טראַדיציאָנעלן גאַנג און פון דער צווייטער זייט איז געווען די רוסישע שול ביי דער ישיבה. צוויי קעגנערישע צילן, צוויי וועגן. און די שול האָט אונדז געהאַט אין איר רשות בלויז דריי יאָר אָבער אין פלוג קומט אוים אַז איר השפּעה איז געווען שטאַרקער: כ'דערמאָן זיך ניט קיין איין ישיבה־יינגל וואָס זאָל בלייבן ביי דער גמרא, אין רעליגיעזן סעקטאָר. מיר האָבן אַלע געהאַט אין זיך א ווידערווילן צו אַלץ וואָס די ישיבה האָט אונדז געגעבן, צו אַלץ וואָס זי האָט אין אונדז געוואָלט איינפּלאַנצן, אַלע זיינען מיר ארוים לתרבות רעה, אַלעמען האָט עס געצויגן צו וועלטלעכע לימודים, עס איז אפילו געווען ביי אונדז אנטוויקלט א נעגאַטיווע באַציונג צו אַלץ וואָס עס איז יידיש און יידישלעך, א האַס און א כעס צו אַלץ וואָס עס האָט געשמעקט מיט יידישקייט און מיט יידישער טראַדיציע. עס איז נעווען ניט געענדיקט די ישיבה נאָר זיך ארויסגעריסן פון איר. עס האָט געשמעקט מיט „זייף און טשוועקעס־אפּיקורסות" מיט צו־להכעים. כמעט יעדער פון אונדז האָט דורכגעלעבט די תקופה פון דעם אנטיטעזים וואָס עס כאַראַקטעריזירט די השכלה בכלל און די ערשטע משכילים. ווייט ניט אַלע פון די פריערדיקע ישיבה־יינגלעך האָבן באַוויזן דורכצומאַכן אין זיך דעם וועג פון דעם אנטיטעזים צוריק צום סינטעז.

דער אנטאַגאָניזם צווישן די צוויי פאַרשיידענע דערציונגס־אינסטיטוציעס (ישיבה און שול) וואָס זיינען געווען אונטער איין דאַך, — דאַרף דינען ווי א מוסר השכל פאַר די איצטיקע קאָמבינאַציעס פון יידישער און ניט יידישער אַלגעמיינער שול צוזאַמען ווי עס זיינען די אַזוי גערופענע אינטעגראַלע שולן, טאָגשולן וכדומה.

דאָס וואָלט אָבער אונדז אוועקגעפירט פון אונדזער טעמע דאָ.

צי דאַרף מען די רעזולטאַטן פון דער ישיבה צושרייבן צו דער פּעדאַגאָגישער בכורה פון דער שול לגבי דער ישיבה? צי זיינען דאָס די לערער געווען

אזוינע גרויסע פעדאגאָגן בעת די ראשי ישיבה זיינען געווען אָפּגעשטאַנען און ניט פּעיק שטאַרק משפּיע צו זיין אויף זייערע תלמידים? -- עס הייבט זיך ניט אָן. צווישן די הונדערטער לערערס וואָס מיר איז אויסגעקומען צו טרעפן אין לעבן, האָב איך זייער ווייניק באגעגנט פעדאגאָגן וואָס זאָלן זיך קענען פארגלייכן מיט א ר׳ יהושוע כלבן אָדער מיט אזא שארפן מוח ווי ר׳ בן ציון חריף. קיינער פון די לערערס אין דער שול ביי דער ישיבה האָט גאָרניט געקאָנט קומען אין באטראכט אין פארגלייך מיט זיי. זיכער פאר מיר איז , אז ניט די רוסישע שול האָט איבערגעשטיגן די ישיבה נאָר די סביבה. עס איז געווען די תקופה פון שטורעם און דראנג אין אָנהייב פון יאָרהונדערט. גיין שבת אין גאס מיט א שטעקל אויף להכעיס דער מערהייט פרומע איז געווען א רעוואָלוציאָנערער טאט, ווער רעדט נאָך פארייכערן שבת א פּאפּיראָס איז דאָך געווען א סימן פון מוטיקן קאמף. כ׳דערמאן זיך אפילו ווי איינער פון מיינע חברים האָט אנגעצונדן א פּאפּיראָס און געמאכט דערביי א ברכה שהחינו... עס איז דאָך געווען די צייט ווען עס האָט ארום געשמעקט מיט רעוואָלוציע, מיר האָבן דאָך פון פענצטער פון ישיבה געזען ווי די קאָזאקן אויף פערד יאָגן זיך נאָך יידישע ארבעטער־סאָציאַליסטן אויף די שמאָלע דורכגענג פון יידישער גאס. יענער ערשטער מיי 1902 (וואָס האָט געפירט צום העלדישן טאט פון הירש לעקערט) איז דאָך געבליבן איינגעקריצט אין זכרון. מען האָט דאָך שוין געכאַפּט לייענען פּיסארעוון *). איז דאָס רוסישע געווען פארבונדן מיט אלץ וואָס איז ניי, קעמפעריש, בעת די גמרא האָט סימבאָליזירט מיט זיך די וועלט וואָס מען קעמפט קעגן איר. דערצו זיינען מיר דאָך אלע געווען כמעט אויטאָדידאַקטן, דאָס וואָס די לערערס האָבן אונדז געגעבן איז דאָך געווען אזוי קנאַפּ, אלפּביתיק, און וואָס מיר האָבן פארמאָגט האָבן מיר דאָך אליין געקראָגן, און יעדער אויטאָדידאַקט מיינט דאָך אז ער איז דער גרעסטער קענער אויף דער וועלט. איך בכל אופן, האָב אויפן סמך פון דער גאנץ אָרעמער פּאָפּולער־וויסנשאפטלעכער ליטעראטור וואָס איך האָב איבערגעלייענט אין רוסיש, געמיינט אז איך בין שוין אן אמתער מושלם אין אלע וויסנשאפטן, — און דאָס אלץ איז ביי מיר געווען פארבונדן מיט רוסיש. דער שטילער אָבער העפטיקער קאָנקורענץ־קאמף צווישן דער טראדיציאָנעלער ישיבה און דער רוסישער אנהייבשולכל האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אונדזערע נשמות. די שול איז פאר אונדז געווען די טיר צו דער נייער וועלט ארײן, בעת די ישיבה האָט די טיר געהאלטן פארשלאָסן. ווייט ניט מיר אליין, קליינע ישיבה־יינגלעך האָבן דורכגעמאכט דעם קאמף, גרעסערע לומדים מיט סמיכה אין קעשענע, עלויים וואָס מען האָט געוואָרט אז זיי זאָלן באשיינען די תלמודישע וועלט זיינען אראָפּ פון דרך הישר, טאָ ווי האָבן מיר געקאָנט זיך איינהאלטן? אם בארזים נפלה שלהבת, מה יעשו אזובי הקיר?

*) פּיסארעוו — איינער פון די שארפסטע רוסישע פּאָזיטיוויסטן.

איז אונדז באַשערט געווען — יעדערן פון אונדז אינדיווידועל — דורכ־צומאַכן דעם גאַנצן שווערן, אָבער היסטאָרישן וועג פון דעם טראַדיציאָנעלן טעזיס דורך דעם משכילישן אַנטיטעזיס ביז צו דעם פאָלקישן סינטעז. ווייט ניט אַלע פון אונדז האָבן געקענט דורכמאַכן דעם גאַנצן וועג, א סך זיינען פאַרבליבן אין דעם אַנטינאַציאָנאַלן אַנטיטעזיס, מיט א האַס צו יידישקייט. ווער עס איז אַוועק לגמרי אין אַנדערע וועלטן און ווער עס האָט ניט געהאַט די געלעגנהייט אַוועקצוגיין, איז אַוועק אין קאָמפּעריזשע לאַגערן. בין איך צופרידן וואָס די נאַציאָנאַלע און סאָציאַליסטישע קרייזן, וואָס עס האָט דעמאָלט מיט זיי געשוועבלט און געגריבלט אויף דער יידישער גאַס, האָבן מיך גאָר גיך געבראַכט צום סינטעז.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען מיר איז אויסגעקומען ווי א דערציער פון יידישע לערערס, זיך צו פאַרטיפן אין די גורלות פון יידישער דערציונג, בין איך דערגאַנגען צו קענען פאַרשטיין די פּאָזיטיווע זייטן פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער פּעדאַגאָגיק. ניט דאָ איז דאָס אָרט זיך דערמיט אָפּצוגעבן, אָבער עס איז דאָך א פאַקט אַז כמעט דער גאַנצער שעפערישער אַקטיוו אונזערער ביז היינט שטאַמט דאָך פון די ישיבות, פון זיי איבערהויפּט קומען די שרייבערס, און אפילו די לייענערס, פון זיי זיינען אַרויס די טעאָרעטיקער און אויך די פּראַקטיקער פון די נייע באַוועגונגען, פון דעם גאַנצן רענעסאַנס אונדזערן. און דווקא אין די מעטאָדן פון דער ישיבה, דווקא אין דער טראַדיציאָנאַלער יידישער פּעדאַגאָגיק זיינען געווען די פאַקטאָרן וואָס האָבן דאָס מעגלעך געמאַכט. אין אַנדערע ריין מעטאָדישע אַרבעטן האָב איך זיך באַמיט דאָס אויפצוקלערן. יאָ, מיר האָבן נאָך א סך וואָס זיך צו לערנען פון אונדזער טראַ־דיציע אויך אויף דעם געביט פון לערנען און דערציען. איך בין זיכער, אַז ווען די ישיבה וואָלט בשעתה אַריינגענומען אין איר אַרבעט דאָס נייע, די נייע לימודים און זיי געגעבן לויט אירע מעטאָדן גופא, וואָלטן מיר פאַרשפּאָרט דורכצומאַכן דעם שווערן וועג און פון דעם וויל איך לערנען אויך א גזרה שווה אויף די היינטיקע יידישע שולן. בכל אופן האָבן נאָך ביז איצט, דאַכט זיך, קיינע אַנדערע יידישע דערציונגס־סיסטעמען אין דער וועלט ניט געקאָנט זיך פאַרגלייכן מיט די ישיבות בנוגע צו דער צאָל אַקטיווע טוערס אין יידישן לעבן וואָס זיי האָבן צוגעשטעלט. מען וואָלט נאָר געדאַרפט פאַרמיידן דעם אַנטאַגאָניזם צווישן די צוויי פּאָלוסן אין זיי. צום באַדויערן טוט מען איצט אָפט פאַרקערט: אַנשטאָט צו נעמען אַלגעמיינע געביטן, וועלטלעכע לימודים און זיי געבן מיט די מעטאָדן פון דער יידישער טראַדיציע, וואָס זיי זיינען געווען דערפאָלגרייך, נעמט מען יידישע לימודים און מען גיט זיי מיט פרעמדע מעטאָדן, וואָס קומען אויס ביי אונדז אין די אויגן צו זיין מאָדערן אָבער אין תוך אַריין זיינען זיי א סך ווייניקער פּראָדוקטיוו אין דער מענטשן־מאַטעריאַל וואָס זיי לאָזן אַרויס איז ווייט ניט אַזוי שעפעריש. די אמתע מאָדערנע ישיבה וועט

זיין ווו מען וועט לערנען אויך די וועלטלעכע לימודים לויט די טראַדיציאָנעלע יידישע ישיבה־מעטאָדן. מיר האָבן דאָס געפּרובירט טאָן, אָבער וועגן דעם וועט אויסקומען צו דערציילן שפּעטער. אין קורצן קען מען דאָ זאָגן, אז די ישיבה מעטאָדן פלעגן אויסלערנען עטלעכע זאכן וואָס אנדערע שולן מיט אנדערע מעטאָדן האָבן דאָס ניט געקאָנט געבן קיין מאָל.

א) די ישיבה פלעגט אויסלערנען לערנען, בעת אלע אנדערע שולן לערנען כדי צו וויסן. די ישיבה האט ניט געהאט קיין פּראָגראַם־כך וכך, אט דאָס און דאָס דאַרף דער תלמיד וויסן, עס איז געווען דער ציל צו קענען לערנען לשם לערנען ניט קיין אונטערשייד וואָס דער תלמיד ווייס, וויכטיק איז ווי ער לערנט. דערמיט פלעגט די ישיבה דערציען שעפערישע, אקטיווע לומדים — לערנער, ניט קענער, ניט ווייסער, נאָר טאַקע לערנער, וואָס זיינען פעיק צו לערנען ווייטער און ווייטער.

ב) אין אנדערע שולן, לויט אנדערע סיסטעמען באקומט א תלמיד זיין אטעסטאט פון צייטיקייט, ווען ער האָט אריינגענומען אין זיך א באשטימטן סכום ידיעות און דערמיט ווערט ער פטור פון לערנען ווייטער. אין ישיבה איז א תלמיד צייטיק געוואָרן ווען ער האָט געקאָנט לערנען פאַר זיך, אליין זיך לאָזן אין דער ברייט און אין דער טיף פון דעם וואָס עס ווערט געלערנט.

ג) אין ישיבה האָט מען ניט געלערנט לשם פּאַפּיר, נאָר לשמה. דער ציל צו דערגרייכן צו א פּאַפּיר, צו אן אטעסטאט וואָס מאכט פון דעם לערנען א מיטל צו דערגרייכן א באַפרייאונג פון לערנען, דער ציל איז אין אויסלערנען זיך, מען זאָל שוין מער ניט דאַרפן לערנען. פאַר דעם ישיבה־מענטשן איז ניט שייך בכלל צו ריידן וועגן ענדיקן לערנען. ווען אין אוניווערסיטעטן וואָלט מען איינגעפלאנצט אט די אייגנשאַפטן צו קענען פאַר זיך, אליין, צו קענען לערנען לשמה, ניט לשם דעם אטעסטאט, ניט לשם טיטול, — וואָלטן געווען אפשר ניט אזוי פיל דיפּלאָם־מענטשן, נאָר א סך מער שעפערישע אויפטוער אויף אלע געביטן פון מענטשלעכן וויסן.

אָבער ניט דאָ איז דאָס אָרט צו פאַרשפּרייטן זיך וועגן דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון דער יידישער פּעדאַגאָגיק.

דער אלגעמיינער צושטאנד

דער אלטער טראדיציאנעלער חדר האָט אין די קליינע ליטווישע שטעטלעך פארלאָרן זיין ווערט. כל זמן די קינדער פלעגן בלייבן אין שטעטל, בלייבן אין דער סביבה, איז דער חדר געווען גאנץ געווען גענוג כדי אריינצופירן א ייִנגל אין ייִדישן שטייגער פון שטעטל. סוף כל סוף האָט דער שטייגער געלערנט און ניט דער חדר. דער בית המדרש אלע טאָג, דאָס דאַווענען, דאָס בענטשן און ברכות, די חברות און א צאל וואָס האָבן געהאט אן אָרט פאר אלעמען, און דער מגיד, דער בדחן — אלץ צוזאמען האָט געלערנט, האָט דערצויגן. א שיקסע ביי א רב קען דאָך פסקענען שאלות. גאָר אנדערש איז אָבער געוואָרן ווי נאָר די יוגנט האָט אויפגעהערט צו בלייבן אין שטעטל. די ארעמע האָבן גענומען זיך לערנען א מלאכה ניט אויף א „טערמין" אין שטעטל גופא, נאָר קיין ווילנע אין „הילף דורך ארבעט" — א שול צו לערנען מלאכה. די רייכערע פלעגן פארן אין גימנאזיע. פלעגן די קינדער קומען צוריק אויף א יום טוב אין שטעטל, פלעגן זיי זיין ניט צו גאָט און ניט צו לייט: ניט אין בית מדרש און ניט קיין ציטונג — גאָרנישט. פשוטע ייִדן פלעגן שוין זיין אומצופרידן מיט די אויפטוען פון דעם חדר. אין ווילנע האָבן שוין עקזיסטירט צוויי פריוואטע ייִדישע גימנאזיעס מיט ייִדישע לימודים (פאוועל איסאקאָוויטש קאהאַן — פאר ייִנגלעך און גורעוויטש מיט אנטאקאלסקי — פאר מיידלעך). עס זיינען שוין געווען א סך מער פריוואטע ניט־ייִדישע שולן, און אהין פלעגן גיין א סך ייִדישע מיידלעך איבערהויפט. דארטן האָט מען ניט אזוי מקפיד געווען אויף דער פראצענט־נארמע פאר ייִדן. אפילו אין די מלוכישע ייִדישע שולן האָט זיך אריינגעגנבעט א נייער גייסט. — לערער ציוניסטן און סאָציאליסטן־בונדיסטן האָבן שטילערהייט געפּרובירט אריינפירן זייערע אידעען. זעלטן, אבער דאָך האָט אמאָל א לערער זיך דערלויבט א ייִדיש וואָרט אין אָנוועזנהייט פון קינדער. תלמוד תורות אין גרעסערע שטעט זיינען געווען „רעפאָרמירטע" — מער אלגעמיינע לימודים, מער רוסיש, און על פי רוב מיט א „פאכשול" ביי דער זייט (אויף רוסיש פלעגט מען זיי רופן „רעמעסלעננאיע אוטשילישטשע").

דאָך זיינען נאָך די פעסטונגען פון רוסיפיקאציע געווען גאנץ שטארק. די עלטערע לערער אין די מלוכישע שולן האָבן בשום אופן ניט געוואָלט און אפשר טאקע אויך ניט געקאָנט פארשטיין וואָס די „נייע" ווילן „נעאודשעליי" (ניט שוין זשע) טאקע פראָסט פשוט דעם זשארגאָן? פלעגן אייניקע נאָך מיט

יאָרן שפּעטער פּרעגן אויף זייער ריינעם רוסיש, דערצו באַמיענדיק זיך דווקא צו ריידן מיט אַן עכט רוסישן, מאָסקווער אַקצענט... אָבער איבערהויפּט איז אַט דער גייסט און נייע שטרעבונגען אַריינגעדרונגען אין די יידישע געזעלשאַפטלעכע שולן, וואָס האָבן זיך גאַנץ שטאַרק פאַרמערט איבערהויפּט פאַר מיידלעך ווי עס איז ניט געווען קיין קאָנקורענץ פון דעם חדר. די בעסטע געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען פון דעם פּראָגרעסיוון רוסלאַנד און די אויפריכטיקסטע פּעדאַגאָגישע זוכונגען פון דער וועלט, האָבן דאָ געפונען זייער אָרט... עס האָבן זיך אַרויסגערוקט ערשטראַנגיקע פּעדאַגאָגן צווישן יידן. אהרון קאַנשטאַם — מיין שפּעטערדיקער לערער — האָט שוין אין 1902 געשאַפן אַ פאַרבאַנד פון יידישע לערער און געגרינדעט אַ זשורנאַל (אויף רוסיש „די יידישע שול", אַ יקר המציאות איצט). דער פּאַקום ווי אַל דאָס נייע אויף דעם געביט פון דערציונג האָט זיך קאָנצענטרירט זיינען געווען די געזעלשאַפט „מפיצי השכלה" אין פּעטערבורג און אירע אָפּטיילונגען איבערהויפּט אין אָדעס, מאָסקווע און שפּעטער אויך אין ווילנע. אין דער געזעלשאַפט איז פאָרגעקומען אַ פּשוטע איבערקערעניש אין משך פון די פערציק יאָר פון איר עקזיסטענץ (פון 1863). אָנגעהויבן מיט דעם אידעאַל פון פולשטענדיקער רוסיפיקאַציע מיט צוויי משומדים אין צענטראַל־קאָמיטעט (פּראָפ' כוואָלסאָן און פּראָפ' באַקשט) איז זי איצט געווען די אַרענע פון שפּראַכן־קאַמף צווישן יידיש און העברעיש. בראש פון איר זיינען געשטאַנען אַזוינע אמת נאַציאָנאַלע יידן ווי דר' ל. קאַצענעלסאָן (בוקי בן יגלי), וועמען סאָקאָלאָוו האָט כאַראַקטעריזירט אַז ער קען זיין רב אין סלאָבאָדקע און פּראָפעסאָר אין היידעלבערג אָדער דר' אייגער. עס איז אַפילו געווען אַ טענדענץ אויסצונוצן די רוסיש־לעקציעס פאַר יידישער דערציונג. און צוויי מענטשן דער פּעטערבורגער ראַבינער אייזנשטאַט און דער לערער דייכעס האָבן צונויפגעשטעלט אַ טעקסט בוך פאַר רוסיש פון יידישן מאַטעריאַל... איבערהויפּט איז געווען נאַציאָנאַליסטיש געשטימט די אָדעסער אָפּטיילונג מיט אחד העם, זשאַבאָטינסקי, ביאַליק בראש. דובנאָוו און עטלעכע בונדיסטן (דער לערער מערעזשין, שפּעטער אַ קאָמוניסט) זיינען געווען אין דער שוואַכער מינדערהייט. ווילנע האָט שוין דעמאָלט געהאַט איר גאַנג, וואָס האָט שפּעטער געקראָגן דעם נאָמען „ווילנער נוסח" — דעם "גאָלדענעם מיטן".

דער אויפבלי פון דער יידישער ליטעראַטור, דער אויפקום פון דער העברעישער ליטעראַטור, דער ציוניזם און דער סאָציאַליזם — אַלץ צוזאַמען האָט זיך שטאַרק אָפּגערופן אויף דעם כאַראַקטער פון די יידישע שולן. אַ גרויסער טייל לערער פון די ניט געלונגענע חדרים מתוקנים האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין ארץ ישראל און זיי זיינען דאָרטן געוואָרן די פּיאָנערן־בויער פון דעם העברעישן שולוועזן. עס זיינען דעמאָלט געווען יידישע געזעלשאַפטלעכע שולן וואָס האָבן קאָנצענטרירט געהויבענע פּעדאַגאָגישע קרעפטן און אמת אידעאַליסטישן צוגאַנג צו יידישער דערציונג בכלל.

אין 1907 איז פאָרגעקומען אין ווילנע א קאָנפערענץ פון לערער, איבער־הויפּט זיינען דאָרטן געווען לערער־סאָציאַליסטן. די קאָנפערענץ איז ארעסטירט געוואָרן און מען האָט זי פארענדיקט אין תפיסה, אין דער באַרימטער ווילנער לוקישער תפיסה און דאָרטן איז צום ערשטן מאָל אָנגענומען געוואָרן א באשלוס וועגן א יידישער שול אויף יידיש. פון צווישן די אנטיילנעמער פון יענער קאָנפערענץ וועל איך אָנרופן: גרשון פּלודערמאכער, יעקב גערשטיין און לעווינסקי (ברודער פון דעם העברעישן שרייבער אלחנן לעווינסקי).

מען דארף אָבער ניט מיינען אז אלץ איז געווען אזוי גוט. נאָך דער אומגליקלעכער רעוואָלוציע אין 1905, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן אין יידיש בלוט, האָט זיך געביטן די שטימונג. פון איין זייט האָט זיך אנגעהויבן די „צווייטע עליה" קיין ארץ ישראל, וואָס האָט אריינגעפירט אהין אזוי פיל שעפערישן אידעאַליזם. א גרויסער טייל פון דער יוגנט האָט זיך אָבער אוועקגעלאָזט מחמת אנטוישונג אויף נידעריקע וועגן. קלובן פון „פרייער ליבע", א גאנצע באוועגונג אין דער ריכטונג — „סאַניניזם" (לויט דעם נאָמען פון ארציבאשעווס ראָמאן „סאנין"); עס האָבן זיך פאַרמערט אָנפאלן מיט פשוטע רויב צוועקן אין נאָמען פון כלומרשטן אנארכיזם וכדומה. און דעמאָלט האָט זיך פארשפּרייט צווישן דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט א ריין קאריערים־טישע שמד־מגפה. אזוי ווי פאר יידן איז געווען באגרעניצט דער אריינטריט אין אוניווערסיטעטן, האָבן זיך יידישע יונגעלייט און מיידלעך אָפּגעשמדט צו קענען גרייכן א קאַריערע. אזוי ווייט און ברייט האָט זיך די שמד־מגפה פארשפּרייט אז די צארישע רעגירונג האָט געפונען פאר נייטיק שווערער צו מאכן די מעגלעכקייט פון שמד. און יידישע יונגעלייט, אפילו פון באלעבאטישע היימען פלעגן ארומפאָרן איבער די ברייטע שטחים פון רוסלאַנד צו זוכן א פּאָפּל (א גלח) וואָס זאָל פאר עטלעכע רובל ארויסגעבן א שמד־צעטל. די מגפה האָט אנגעהאלטן ביז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אייגנטלעך ביז דער רעוואָלוציע.

אָט די קאריערע־משומדים זיינען געוואָרן א פארשפּרייטע מכת מדינה. נאָך אין 1909 האָט אנ־סקי אָנגעשריבן א דערציילונג וועגן „גוישן קאָפּ", וועגן א רוסישער מיידל, א רעוואָלוציאָנערין, וואָס וווינט אומלעגאַל אין פּעטערבורג אויף א יידישן פּאס און זי האָט צרות פון „פּראוואזשיטעלסטווא" (וווינרעכט אויסערן תחום). א חבר גיט איר אן עצה זי זאָל זיך שמדן, זי איז דאָך סיי ווי א גויה. זי קען עס אבער ניט טאָן: ווי שפּילט מען זיך מיט גלויבנס? זיי זיינען געווען אזוי פיל אַז זיי האָבן זיך געטראָפן צו אָפט אין יידישן לעבן. מיר איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו באגעגענען זיך מיט אזעלכע משומדים, הגם מיר פלעגן זיי פּרינציפּיעל אויסמיידן און זיך ניט באגריסן מיט זיי, ניט געבן קיין האַנט. זיי האָבן זיך גאָרניט באמיט אויסצומיידן די יידישע געזעלשאַפט. זשיטלאָווסקי האָט דעמאָלט אפילו פאַרטיידיקט א שטאַנדפּונקט אז עס קענען

זיין „יידן פון פאַרשיידענע רעליגיעס״; שלום אַש האָט דעמאָלט געהאַט אַ פּאָר דערציילונגען וועגן שלום צווישן געטער, דער ניסתר האָט דעמאָלט געהאַט אויך אַ דערציילונג צי צוויי אויף דער טעמע. עס איז דעמאָלט געווען אַ הייסער וויכוח מכוח מילה. פון דער צווייטער זייט דערמאָן איך זיך גוט אַ רעפעראַט פון אַנ־סקי אין וויטעבסק אין 1910 קעגן זיין „יוגנטפריינד חיים זשיטלאָווסקי״, כ׳געדענק ווי היינט דעם ציטער וואָס אַלע אין זאַל האָבן געפילט ווען ער האָט גערעדט ווי קען מען אריבערשפרייזן אַ ים מיט בלוט. אין 1913 האָב איך געהאַט אַ גאַנץ היפּשן קאַמף אין דער שול ווו איך בין דעמאָלט געווען אַ לערער ניט אַריינצולאָזן אין אונדזער שול איינע אַ פּעטערבורגער לערערין וואָס איז געקומען צו גאַסט צו איר׳ע יידישע קרובים און זי האָט געוואָלט באַזוכן אונדזער שול. מען האָט זי ניט געבראַכט אין שול נאָר נאָך דעם ווי איך האָב געמאָלדן אַז די קינדער וועלן איר מאַכן אַ קאַץ־קאָנצערט. ווען מען האָט מיר פאַרבעטן אין אַ הויז ווו זי איז געווען פאַרבעטן און איך האָב געמאָלדן אַז מיט משומדים וויל איך ניט זיין אונטער איין דאַך, האָט מען דאָס אין די יידישע קרייזן געהאַלטן פאַר אַ גראָבקייט.

אין 1916 איז מיר אויסגעקומען צו ליגן אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל אין כאַרקאָוו צווישן אַ גרופּע אינטעליגענטן. די יידישע צייטונגען און ביכער וואָס איך האָב געהאַט האָבן אַרויסגערופן אַ דיסקוסיע מיט אַ יידישן אינזשינער וואָס איז געווען אַן אידעישער אַסימיליאַטאָר. אין דער דיסקוסיע האָבן גענומען אַנטייל אַלע אין צימער רוסן ווי יידן. נאָך אַ פּאָר שעה היציקע רייד בין איך אַרויס פון צימער, לויפט מיר נאָך אַ בחור מיט דעם נאָמען זילבערשטיין און דריקט מיר די האַנט, ער וואַרפט זיך שיר ניט קושן: אַזוינע שטאָלצע רייד פון אַ יידן האָט ער קיין מאָל ניט געהערט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך צופעליק זיך דערוווּסט פון די שפּיטאָל־פּאַפּירן אַז דער זעלביקער זילבערשטיין איז גאָר אַ משומד... אָן איינגעגעסענע גאַנגרענע איז עס געוואָרן: מען האָט געדאַרפט דערווייזן אפילו נאַציאָנאַלע יידן אַז אַט דער שמד איז אַן אוממאָראַלישער טאַט.

די רעוואָלוציע האָט די מגפה איבערגעריסן: צי איז די יידישע יוגנט געוואָרן מאָראַליש? אפשר נאָר דערפאַר וואָס מען האָט מער ניט געדאַרפט, מען האָט פאַרשפּאָרט די צערעמאָניע. אָבער דאָס געהערט שוין ווידער ניט אַהער.

די דערציונג בכלל

קיין אלגעמיינע בילדונג איז אין צארישן רוסלאנד ניט געווען, שולן זיינען געווען ווייניק און דאָס — לויט שטאנדן. די רעגירונג האָט געהאַט גימנאַזיעס פאַר פּריצישע קינדער און פאַר אריסטאָקראַטיע. עס איז באַרימט אַ צירקולאַר פון אַ בילדונגס־מיניסטער, אַז מען זאָל ניט אָננעמען אהין קיין „קעכינס קינדער". פאַר מיידלעך זיינען געווען „אינסטיטוטן פאַר אדעלגעבאָרענע פריילינס" וכדומה. פאַר שטאַטישע בירגער זיינען געווען „שטאַטישע שולן", אנהייב־שולן. די זיינען געווען פון אַ נידעריקער מדרגה הן לויט דעם פאַרנעם און הן לויט דער אויסשטאַטונג. גאָר ווייניק זיינען געווען שולן פאַר דער דאָרפישער באַפעלקערונג. אָרעמע פּאַראַקיאַל־שולכעלעך מיט איין, צוויי סוראַגאַט־לערער (אויף רוסיש האָבן זיי זיך גערופן „פּריכאָד־שולן"). פאַר יידישער קינדער זיינען געווען די אנהייב־שולן (6יאָריקע) און פאָלקשולן (3יאָריקע). דאָס נאָר פאַר יינגלעך און אין זייער אַ קנאַפּער צאָל און אויסגעהאַלטן האָבן זיי זיך פון די ריין יידישע צוגאָב־שטייערן פון פלייש און ליכט.

ביי דעם מאַנגל אין שולן בכלל איז געבליבן אַ ברייט פעלד פאַר דער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו צו בויען שולן. די געזעלשאַפטלעכקייט אין צארישן רוסלאַנד איז דווקא געווען פּראָגרעסיוו. האָבן זיך אויף דעם געביט פון שולן אויסגעצייכנט איבערהויפּט די „לאַנד־פאַרבאַנדן" (זעמסטוואָ) אַזוי אויך באַזונדערע ספּעציעלע געזעלשאַפטן. די רעגירונג האָט ניט אַרויפגעצוווּנגען קיין פּראָגראַם, האָבן די שולן געהאַט גאַנץ ברייטע מעגלעכקייטן; און דער אַלגעמיינער קולט „צו דינען דעם פאָלק", וואָס האָט באַגייסטערט די רוסישע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכקייט נאָך פון אנהייב פון ניינצנטן י"ה (די דעקאַבריסטן), האָט אויך באַגייסטערט די לערערס פון אויבן ביז סאַמע אונטן, ביז די לערער אין די פאַרוואָרפנסטע שולכעלעך. אַלע לערער האָבן געקוקט אויף זייער „פאָלקס־לערעריי" ווי אויף אַ מיסיע, ווי אויף אַ הייליקער שליחות. מערקווירדיק ווי אין איין לאַנד האָבן האַנט ביי האַנט עקזיסטירט צוויי עקסטרעמען: די פאַרפוילטע. קאָרופּטירטע ביוראָקראַטיע מיט ביוראָקראַטישע שולן און אַ פּראָגרעסיווער ביז גאָר געזעלשאַפטלעכער שול־וועזן.

די זעלביקע סיטואַציע איז געווען ביי יידן. די ביוראָקראַטישע ריכטונג איז געווען רעפּרעזענטירט דורך די מלוכישע שולן מיט דער מערהייט פון די „אינסטיטוטשיקעס" (די גראַדואַנטן פון דעם מלוכישן לערער־אינסטיטוט אין

ווילנע). די פּראָגרעסיווע ריכטונג איז געווען אין די געזעלשאַפטלעכע שולן, איבערהויפּט אין די שולן פאַר מיידלעך, וואָס וואָלטן אויך איצט געקענט דינען פאַר אַ דוגמא פון גוטע שולן. פאַר יינגלעך איז געווען אַ סך ווייניקער געזעלשאַפט־לעכע יידישע שולן, ווייל דאָס רוב יינגלעך פלעגן דאָך זיין אין חדר. די רייכע יידן האָבן זיך געריסן אין די גימנאַזיעס (זען שלום עליכמס „גימנאַזיע"), די גאָר אָרעמע פאַרקערט פלעגן לערנען אין די תלמוד־תורות. און די טאַקע, האָבן טיילווייז זיך טראַנספאָרמירט אין שולן פון אַ מער מאָדערנעם כאַראַקטער.

אויפן שוועל פון צוואַנציקסטן י"ה האָט זיך אַנטוויקלט אַ מין רעפאָר־מירטער חדר, דער מתוקן. דאָס איז געווען אַ פּרווו צו העברעיזירן דאָס לערנען. זיי האָבן אריינגעפירט דעם דיבור עברי, דעם מעטאָד פון עברית בעברית, אָדער, ווי מען האָט עס דעמאָלט גערופן די „השיטה הטבעית" — נאַטירלעכע סיסטעם. איינצופירן ספרדית האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געטראַכט. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון דער לערן־אַרבעט איז געווען גענומען פון די אַלגע־מיינע שולן. אַנגעהויבן האָבן זיך די שולן אונטער דער השפּעה פון דעם ציוניזם און געשטרעבט האָבן זיי איבערהויפּט צו לערנען העברעיש ווי אַ שפּראַך.

דער גאַנצער עקספּערימענט האָט געהאַלטן בלויז עטלעכע יאָר און איז אונטערגעגאַנגען שפּורלאָז. פון איין זייט האָט די טראַדיציאָנעלע מאַסע געקוקט בכלל קרום אויף די דאָזיקע חדרים, וואָס זיינען ניט קיין חדרים, מען האָט זיי גערופן „חדרים מסוכנים" אַנשטאָט מתוקנים. געלערנט דאָרטן האָבן רייכערע קינדער, וואָס זיינען שפּעטער אריבער אין אַלגעמיינע, ניט יידישע שולן. דאָס ביסל העברעיש וואָס דער חדר מתוקן האָט זיי געגעבן פלעגן זיי גאָר גיך פאַרגעסן, און זיי פלעגן בלייבן ביי גאָרנישט. אפילו דאָס ביסעלע טראַדיציאָנעלע בית־מדרש־יידישקייט וואָס דער אַלטער חדר פלעגט געבן האָבן זיי דאָך אויך ניט געהאַט און צו די שפּעטערדיקע אַלגעמיינע שולן אויף העברעיש צי אויף יידיש, זיינען זיי דאָך אויך געווען ווייט, האָבן זיי ניט געקאָנט האָבן קיין קיום אין יידישן לעבן אין רוסלאַנד. דאָס רוב פון זייערע לערער זיינען נאָך דעם ניט־געלונגענעם פּרווו אוועק קיין ארץ ישראל און דאָרטן געוואָרן די פּיאָנערן־בויערס. צוליב ספּעציפישע באַדינגונגען אין ארץ ישראל, איז עס דאָרטן יאָ געלונגען וואָס אין רוסלאַנד האָט ניט געקאָנט געלינגען. אמת אויך דאָרטן איז דער פּראָגרעס פון העברעישן שולוועזן געגאַנגען גאָר פּאַמעלעך און פון אָנהייב ווייט ניט אָן אַנטוישונגען.

די גראָדנער פּעדאַגאָגישע קורסן

די אַנטוויקלונג פון יידישע געזעלשאַפטלעכע שולן האָט אָנגעטראָפן אויף א גרויסער שטערונג. עס פעלן אוים געשולטע לערער. די גראַדואַנטן פון דעם ווילנער לערער־אינסטיטוט ווערן באַשטימט פון דער רעגירונג אין די מלוכישע שולן אריין. אחוץ דעם קענען דאָס רוב פון זיי זיך ניט אריינפּאסן אין דער פרייער, מער נאַציאנאלער, מער פּראָגרעסיווער אטמאָספער פון די געזעלשאַפטלעכע שולן. די אויטאָדידאַקטן פון די ישיבה־בחורים וואָס האָבן אזוי צי אנדערש אָפּגעגעבן עקזאַמען אויף פּריוואַט־לערער, פעלט על פּי רוב סיסטעמאַטישע אויסבילדונג אין די אַלגעמיינע לימודים. די פּרויען־לערערינס האָבן על פּי רוב העכערע בילדונג פון די בארימטע פרויען־קורסן אין רוסלאַנד, דאָס איז אָן ספק א אידעאַלער טיפּ פון לערער, אָבער זיי פעלט זייער אָפט יידיש וויסן זיי זאָלן קענען פירן די יידישע לימודים. און אין רוסלאַנד האָט דעמאָלט ניט געקאַנט זיין די פרייהייט אַנצונעמען פאַר לערער יעדער איינעם. א לערער האָט געמוזט האָבן א דיפּלאָם פון דער רעגירונג.

מיט דער דאָזיקער זאָרג האָט זיך פאַרנומען די געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן בילדונג (די מפיצי השכלה). צו עפענען א סעמינאַר אָדער קורסן האָט מען ניט געקאָנט קריגן קיין דערלויבעניש פון דער רעגירונג, און אָן אזא האָט מען ניט געטאָרט עפענען קיין שום שול. האָט מען געמאַכט א מין סוראָגאַט פון א סעמינאַר. מען האָט עס געשאַפן אין גראָדנע אונטער דער השגחה פון דעם זייער אינטערעסאַנטן יידישן געזעלשאַפטלעכן טוער בצלאל יפה (אַן עלטערער ברודער פון לייב יפה). עס איז געווען א פּרוּוו צו העלפן ישיבה־בחורים און פּריוואַטע לערערס זיי זאָלן זיך אליין צוגרייטן צום לערער־עקזאַמען, פאַר זיך לערנען. עלעהיי, מען האָט דאָך אין בית מדרש אזוי געלערנט אין משך פון יאָרהונדערט. קיין רבנים־אַקאַדעמיעס זיינען דאָך ניט געווען ביי יידן. דער פּרוּוו האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר און ער איז ניט געלונגען.

פאַרוואָס האָט מען פאַר דעם עקספּערימענט אויסגעקליבן דווקא גראָדנע? ערשטנס טאַקע צוליב בצלאל יפה, דעם ענערגישן ציוניסטישן טוער, וואָס ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון דעם פּרוּוו, צווייטנס איז גראָדנע געווען נאָענט צו די ליטווישע ישיבות.

זי האָט אויך ניט געהאַט די חסרונות פון דער גרעסערער ווילנע, דאָ האָט מען זיך געקענט מער קאָנצענטרירן. אגב איז אין גראָדנע געווען א גרויסער

חדר מתוקן, אייגנטלעך א העברעישע שול, ווו די לערער־קאנדידאטן האָבן געקאָנט פּראַקטיצירן.

דער עקספּערימענט פון גרייטן זיך פאר זיך צו לערעריי איז אבער ניט געלונגען, און נאָך עטלעכע יאָר האָט מען אים פארלאָזט. די מפיצי השכלה געזעלשאפט אין פעטערבורג האָט ניט אויפגעהערט משתדל צו זיין זיך צו קריגן דערלויבעניש אויף א שטענדיקן לערער־סעמינאר, ביז ערשט אין 1907 איז אזא דערלויבעניש געקראָגן געוואָרן. אָבער מיט א סך באַגרעניצונגען; נאָר צוויי יאָר מוז געדויערן דער קורס און דער נאָמען דארף זיין ניט סעמינאר און ניט אינסטיטוט, נאָר ניט מער ווי „פּעדאַגאָגישע קורסן". די קורסן זיינען ארגאניזירט געווארן אויך אין גראָדנע. בראש פון די קורסן האָט די מפיצי השכלה געשטעלט דעם באמת וווּנדערבארן אהרן קאנשטאם. ער איז געווען א פּוילישער ייד, אַן אדוואָקאט לויט זיין בילדונג, א ישיבה־בחור וואָס איז געוואָרן אַן אפיקורס, געווען לכתחילה געשטימט אסימילאַטאָריש ווי אַלע משכילים. ער האָט געוואָרפן זיין אדוואָקאטור און איז געווארן דער אָנפירער פון פּאָזנאַנסקיס תלמוד תורה אין לאָדז. אויסערגעוויינטלעך ענערגיש און געטריי, האָט ער זיך אָפּגעגעבן זיין גייעם פּאַך מיט לייב און לעבן. גאר גיך האָט מען אים איבערגעגעבן די אנפירונג מיט דער גרויסער יידישער שול פון מפיצי השכלה אין פעטערבורג. געווען תמיד פריינדלעך מיט אַלע וואָס זיינען געווען אונטער אים, אבער הארט און ניט נאכגיביק מיט די וואָס זיינען געווען איבער אים. אַן עקשן אין זיינע פּלענער און זייער שטרענג צו זיך אַליין האָט ער א גאַנץ לעבן געהאַלטן אין איין לערנען. אַלע זומער אין די וואַקאַציעס פלעגט ער פאָרן קיין יענע (דייטשלאַנד) צו הערן די לעקציעס פון פּראָפּ' ריין דעם לעצטן הערבארטיאנער פּעדאַגאָג, וואָס קאנשטאם האָט זייער פון אים געהאַלטן, הגם לויט זיין גאַנצן גייסטיקן וועזן און לויט זיין השפעה איז ער געווען זייער ווייט פון צו קענען זיין א הערבארטיאנער. איז עס געווען זייער א גוטער אויסוואַל צו שטעלן בראש פון אַן אינסטיטוציע צוצוגרייטן לערער אזא מוסטערהאפטן לערער. צו דער כאראַק־טעריסטיק פון אָט דער פּערזאָן, דערלויב איך זיך צו דערציילן דעם דאָזיקן קליינעם עפּיזאָד: איך בין געפאָרן צו די קאנקורס־עקזאַמענס אויף די קורסן. אין באַן צווישן ווילנע און גראָדנע האָב איך זיך צונויפגעטראָפן מיט נאָך דריי קאַנ־דידאטן. צווישן זיי איינער א וויצלינג א ווערטל זאָגער, ישראל רובין (שפּעטער דר. רבקאי ע"ה). מיר האָבן די גאַנצע צייט אין וואָגן זיך לוסטיק געמאַכט און אויך אָפּגעלאַכט פון אַלע פּאַסאַזשירן אין קופּע. אין א ווינקל איז געזעסן ביים פענצטער א נידעריקער מענטש מיט א גרויסער בערדל פארטיפט די גאַנצע צייט אין א בוך. אויך ער האָט געקראָגן אונדזער פארציע וויצן אויף זיין חשבון. ער האָט עס אבער ווי ניט באַמערקט און ניט אויפגעהויבן די אויגן פון בוך... ווי דערשראָקן מיר זיינען געוואָרן זונטיק ווען מיר זיינען געקומען צום עקזאַמען און דערזען אז אָט דער קליינוווּקסיקער מיטפּאָרער אונדזערער איז גאָר דער

דירעקטאָר פון די קורסן און ער דאַרף עס באַשליסן אונדז אָנצונעמען אָדער ניט... אין אַ לאַנגער צייט אַרום, איז ער איין מאָל צוגעגאַנגען צו מיר און געפרעגט: איר געדענקט ווי מיר זיינען געקומען קיין גראָדנע?...

פון אַ זעכציק — זיבעציק קאַנדידאַטן האָט מען אָנגענומען דרייסיק. דער עולם איז געווען בדרך כלל אין עלטערער, אַלץ געוועזענע לערער, מלמדים פון חדרים מתוקנים, העברעיסטן, אָבער שוואַך אויף אַלגעמיינע לימודים. נאָר אַ פּאָר געציילטע זיינען מיר געווען יינגערע, געוועזענע עקסטערנס מיט אַ בעסערע צוגרייטונג אויף אַלגעמיינע לימודים.

עס איז געווען ניט קיין גרינגע אַרבעט צו נעמען אָט אַזאַ ניט דאַנקבאַרן עלעמענט, וואָס כמעט יעדערער פון זיי איז שוין געווען אַ גאַנצער פּירער אין זיין שטעטל, אַ געוועזענער „אַגיטאַטאָר“, פאַרגליווערט אין זיך, און מאַכן פון דעם אַן אויפנעמפעיקן תּלמידים־מאַטעריאַל. איך דערמאָן זיך גוט ווי קאָנשטאַם פלעגט די ערשטע טעג אויף יעדער לעקציע זיך באַמיען צו באַווייזן דעם עולם אַז מען ווייס גאָרניט... אַנדערע האָבן עס איבערגעלעבט גאַנץ ווייטאַקדיק, עס איז געווען פאַר דעם טיפ מענטשן, וואָס איטלעכער איז פריער געווען ביי זיך אין שטעטל אַ גאַנצער „יאַ טעבע דאַם“, אַ נויטיקער קאַראַנטין. פאַרקערט, זיינען מיר־די עטלעכע עקסטערנס — געוואָרן ביי זיך פעסטער, האָפערדיקער; אַ קלייניקייט: עפּעס ווייס מען דאָך דאָס וואָס אַנדערע, עלטערע ווייסן ניט!... אין משך פון אַ צען טעג האָט קאָנשטאַם דערגרייכט וואָס ער האָט געוואָלט: ער האָט קאָרעגירט דעם כאַראַקטער פון דערוואַקסענע מענטשן. אין דעם אופן פון לערנען זיינען די קורסן געווען געשטעלט זייער מאָדערן. קיינע מיינונגען, קוואַליפיקאַציעס, אויסצייכע־נונגען. ער איז געווען געטריי די מאָדערנסטע שטרעבונגען אין דער פּעדאַגאָגיק. גאָרניט ווי עס זיינען געווען די געוויינטלעכע שולן אין צאַרישן רוסלאַנד. מען דאַרף צוגעבן אַז אויך צווישן די רוסן זענען געווען פּעדאַגאָגן דענקער און פּראַקטיקער, וואָס זיינען מיט גאַנצע דורות געווען פאָרויס. דאָס „דינען דעם פאָלק“ האָט אויך דורכגעדרונגען דעם בעסערן טייל פון דער רוסישער לערער־שאַפט.

די קורסן האָבן עקזיסטירט אין גאַנצן עלף יאָר — פון 1907 ביז 1918, ווען זיי זיינען געשלאָסן געוואָרן דורך דער באָלשעוויסטישער מאַכט. צוערשט זיינען זיי געווען אין גראָדנע. ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מען די קורסן אַריבערגעפירט קיין סלאָנים און גלייך שפּעטער קיין כאַרקאָוו. איך פלעג אַלע זומער פאַרברענגען ביי קאָנשטאַמען אין דער היים, געווען ביי אים אַ בן בית, — און איך האָב געקענט כמעט אַלע תּלמידים. ביז היינט באַוווּנדער איך די גוואַלדיקע השפּעה וואָס די קורסן האָבן געהאַט אויף די תּלמידים. עס איז אַ פאַקט, אַז דאָס וויסן וואָס די תּלמידים האָבן געקראָגן איז געווען אַ מינימאַלס: וואָס מ׳שטיינס געזאָגט, קען מען געבן דערוואַקסענע מענטשן אין משך פון

קנאַפּע צוויי יאָר? און דערצו נאָך ווען ניט אַלע לערער זיינען געווען אַלע מאָל אויף זייער פּלאַץ. ס'איז אויך ניט געווען קיין סוד: שוין אויף דער ערשטער אריינפיר־לעקציע האָט קאַנשטאַם געזאָגט: „מיינט ניט אַז מיר ווען אייך דאָ קענען געבן וויסן. דאָס איינציקע איז וואָס מיר וועלן זיך באַמיען אייך צו געבן די שליסלען צו די טירן פון וויסן". און דאָס איז געווען אַ געבאָט וואָס האָט באַגלייט די בעסערע סעמינאַריסטן זייער גאַנץ לעבן: אַן אַרבעטלוסט, אַ דראַנג צו פאַרפאָלקאָמונג, צו זוכן, און אַן אמתער פּעדאַגאָגישער אידעאַליזם. אויב פון קנאַפּע אַנדערהאַלבן הונדערט יידישער לערער, וואָס זיינען אַרויס פון די קורסן, האָבן אַ סך צענדליקער פון זיי דערגרייכט גאַנץ הויכע פּאָזיציעס אין יידישן קולטור־און דערציונגס־וועזן, איז דאָס געווען די דויערנדיקע השפּעה פון קאַנשטאַמען. די מערסטע קורסיסטן האָבן זיך קאָנצענטרירט מיט דער צייט אין ארץ ישראל, און זייער צושטייער צום דאָרטיקן דערציונגס־וועזן איז געווען גאָר אַ קענטיקער, אַ קליינער טייל איז געבליבן אין רוסלאַנד. צווישן זיי — דער רעדאַקטאָר פון „קאָמוניסטישע פאָן" הענעך קאַזאַקעוויטש און דער עלוישער י. יאַכינסאָן. דער ערשטער איז געשטאָרבן אין ביראָ־בידזשאַן און דער צווייטער איז מין הסתם ליקווידירט געוואָרן.

פון די אַנדערע לערערס אויף די קורסן דאַרף מען דאָ דערמאָנען דר' טשאַרנאַ, וואָס איז געקומען אויף די קורסן מיט אַ יאָר שפּעטער. ער האָט געלערנט העברעיש, תנ"ך, יידישע געשיכטע און אויך כעמיע און פיזיק. אַלץ אויף העברעיש. ער איז געווען גאָר אַן אַנדער טיפּ. אַ זיידענער יונגערמאַן, וואָס ווערט געפירט פון דער אַמביציעזער ווייב. ער איז געווען אַ גרויסער מתמיד אין דער אַרבעט, פון דער קנאַפּער צאָל געוועזענע תלמידים פון דעם מלוכישן לערער אינסטיטוט אין ווילנע, וואָס האָט געלערנט ווייטער, געשריבן אַ סך אויף פּעדאַגאָגישע טעמעס. נאָך דער רעוואָלוציע איז ער געקומען קיין פּוילן, געווען דירעקטאָר פון דעם העברעישן לערער־סעמינאַר.. דאָ איז אונדז אויסגעקומען זיך אָפּט צו טרעפן: ער — דירעקטאָר פון העברעישן לערער־סעמינאַר און אין זעלביקן הויף איז אויך געווען דער יידישער לערער־סעמינאַר, וואָס איך האָב מיט אים פאַרוואַלטעט. שפּעטער אַז ער איז אַוועק פון דעם סעמינאַר, האָט ער אין ווילנע גופא געעפנט אַ פּריוואַטן העברעיש־פּוילישן סעמינאַר וואָס האָט זיך געהאַלטן אפילו נאָך זיין טויט אין 1936.

אַ צווייטער אינטערעסאַנטער לערער איז געווען שמואל לעווין (שפּעטער דר'). ער איז געווען לערער פון רוסיש. שפּעטער איז ער אַריבערגעפאָרן קיין קאָוונע, דאָרטן אַנגעפירט מיט אַ יידישער מיטלשול אין יידיש ווי אויך מיט אַ לערער־סעמינאַר. ער איז דאַכט זיך געווען דער איינציקער לערער פון די פּעדאַגאָגישע קורסן וואָס איז שפּעטער אַריבער צו די יידישיסטן. ער איז אומגעקומען אין דעם היטלער־חורבן.

אנדערע לערער האבן זיך אפטער געביטן און זיי האבן ניט געהאט קיין גרויסע השפּעה אויף די תּלמידים. אָבער אַלעמען האָט קאַנשטאַם פאַרטונקלט מיט זיין פּעדאַגאָגישער פּערזענלעכקייט. ער איז ניט געווען קיין לערער מיט א באַשטימטער צאָל שעהן א טאָג, ער איז זיין גאַנץ לעבן, אַלע פיר און צוואַנציק שעה אין טאָג געווען איבערגעגעבן זיין ארבעט. א לערער איז ער געווען פארטאג, ווען ער פלעגט זיך נעמען צו דער ארבעט אפט אין מיטן נאכט. א לערער איז ער געווען אויף זיינע שפּאַצירן מיט תּלמידים, טאַקע ווי עס שטייט: בלכתּך בדרך, בשכבך ובקומך. ער איז געווען געטריי זיינע געוועזענע תּלמידים און פלעגט פירן מיט זיי א שטענדיקע קארעספּאָנדענץ (א קאלעקציע מיט זיינע אלע בריוו האָב איך געלאָזט אין קיעוו, אין דעם פּעדאַגאָגישן מוזיי וואָס די קולטור־ליגע האָט דארטן געהאַט געגרינדעט. זיין בילד אבער וואָס ער האָט מיר געגעבן אין 1909 האָב איך מיט זיך אפּגעהיט אין אלע מיינע וואנדערונגען). און טאַקע מיט זיין פּערזענלעכקייט האָט ער געווירקט אויף זיינע תּלמידים. זיינע לעקציעס גופא זיינען גאָר אפט געווען ניט געלונגען (ער פלעגט אזוינע אומגעלונגענע לעקציעס אויסקרענקען אפט ביז דעם מוז זיך צו לייגן אין בעט). און ניט געלינגען פלעגן אים די לעקציעס איבערהויפּט צוליב דעם וואָס טעאָ־רעטיש האָט ער זיך געהאלטן אן דער הערבארטיאנישער סיסטעם וואָס ער האָט איבערגענומען פון פּראָפעסער ריין אין יענא, וווהין ער פלעגט פאָרן אלע זומער. לויט זיין גאַנצן כאראקטער האָט ער אבער זיך ניט געקאָנט פירן אויף די לעקציעס ווי א קאַלטער הערבארטיאנער. ער איז דאָך געווען כולו עמאציע. אַט די קאָליזיע צווישן זיין פּעדאַגאָגישן גלויבן און זיין פּעדאַגאָגישן „איך” האָט ביי אים ארויסגערופן אן אומצופרידנקייט מיט זיך אליין, און הגם ער פלעגט קיין מאָל וועגן דעם ניט ריידן — צו שטאָלץ געווען, — האָבן עס די נענטערע געקאָנט תּמיד ארויספילן אין אים. געווירקט האָט ער טאַקע ניט אויף די לעקציעס. קאַנשטאַם האָט געווירקט מיט זיין דערציערישער פּערזענלעכקייט, מיט זיין געטרייער איבערגעגעבנקייט צו זיין ארבעט און מיט זיין כסדרדיקן זוכן. וויסנדיק ווי ווייט ארעם אין אלגעמיינעם וויסן זיינע דערוואקסענע תּלמידים זיינען פלעגט ער אויסנוצן יעדער פרייע מינוט, פלעגט ער אליין פּרובירן לערנען אלץ, אלע געביטן — צי איז עס ביאָלאָגיע, צי פיזיאָלאָגיע, צי גאָר געאָלאָגיע. א לערער, — פלעגט ער זאָגן, — דאַרף אלץ קענען, איי ער קען דאָך ניט, דאַרף ער קענען זיך גרייטן. היינט קען איך ניט, אָבער מאָרגן אין אָוונט וועל איך שוין קענען... אַט דער דראַנג צו וועלן ארבעטן איבער זיך, זיך כסדר און אן אויפהער זיך צו לערנען האָט געווירקט אויף דעם גרעסטן טייל פון זיינע תּלמידים. כ׳דערמאָן זיך: געענדיקט האָב איך אין 1909 און אין 1913 האָב איך אים אין א בריוו געשריבן בערך: איך האָב היינט עקזאַמינירט מיינע תּלמידות, — זיי קענען מערער וויפל איך האָב געקאָנט ענדיקנדיק די קורסן. אויף דעם האָב איך געקראָגן אן ענטפער, אז דאָס איז פאַר אים געווען דער בעסטער גרוס. קיין פראַזע סתּם איז עס ביי אים ניט געווען: ער האָט קיין מאָל ניט געקאָנט, ניט געווען קיין

בריה אויף ווערטער, אויף פּראַזעס. און באמת. די קורסן האָבן געגעבן גאָר ווייניק וויסן. און דאָך האָט אַ גרויסער טייל פון די תּלמידים שפּעטער דער־גרייכט גאָר הויכע מדרגות ווי אין וויסן אַזוי אויך אין זייערע פּעדאַגאָגישע אויפטוען. טיילוויז איז עס געווען אַ תּולדה פון די ישיבות, וואָס פון זיי זיינען זיי געקומען, אָבער איבערהויפּט איז עס געווען די השפּעה פון קאָנשטאַמס פּער־זענלעכקייט. עס זיינען געווען עטלעכע תּלמידים וואָס זיינען אנגעקומען אין די קורסן שוין מיט אַ נאָמען פון שרייבער, פון אנערקענטע דיכטער, און זיי האבן זיך ניט געלאָזט משפּיע זיין, האָבן זיי זיך טאַקע ניט געקאָנט איינהאַלטן אויף די קורסן.

אין 1937 האָבן זיך אין תּל אביב, אין האָטעל העס, אין אַן אָוונט צונויפ־גענומען אריבער פופציק געוועזענע תּלמידים פון די קורסן. צווישן זיי זיינען געווען אנערקענטע פּעדאַגאָגן מיט גרויסע אויפטוען אויף דעם געביט פון דערציונג. מען האָט געפייערט דעם אנדענק פון די קורסן דרייסיק יאָר נאָך זייער גרינדונג, זיבעצן יאָר נאָך קאָנשטאַמס טויט. אַלע האָבן מיט אמתער באַוווּנ־דערונג און דאנקבאַרקייט דערמאָנט דעם „אַלטן” (קאָנשטאַמען). געווען אויף דער מסיבה איינער אַ זייטיקער, אַ מענטש מיט אַ גאַנץ באַקאַנטן נאָמען אָבער מיט אַ חסרון: ער קען ניט פאַרגינען וואָס עס זיינען אויף דער וועלט פאַראַן נאָך באַרימטע מענטשן אחוץ אים. האָט ער גענומען אַ וואָרט — ער קען ניט פאַרשטיין: קאָנשטאַם איז געווען אויף פּעדאַגאָגיק אַן אויטאָדידאַקט. צו יוריספּרודענץ, וואָס ער האָט געלערנט, האָט ער זיך ניט אויסגעטויגט און קיין פּעדאַגאָגיק האָט ער ניט געלערנט... דער ווייטאָק וואָס זיינע ווערטער האָבן ארויסגערופן ביי מענטשן וואָס האָבן שוין אליין געהאַט אַ היפּשן פאַרמעגן פון אויפטוען איז געווען אין לשער. איינער האָט אים גענטפערט, אַז די השפּעה האָט ניט דאָס וויסן, נאָר דער מענטש. פאַראַן מענטשן מיט אַ סך וויסן און מיט אַ סך דיפּלאָמען, אָבער זיי זיינען געגליכן צו יענע שפּייזן וואָס מען קען ניט פאַרדייען...

ווי אַ רעזולטאַט פון יענער מסיבה איז שפּעטער ארויס אַ זאַמלבוך „ראַ־שונים”. איך קען זיך בשום אופן ניט דערמאָנען קיין צווייטן פאַל פון אַזאַ פּיע־טעט און דאנקבאַרקייט וואָס תּלמידים זאָלן האָבן צו זייערן אַ לערער.

איך פלעג ניט דורכלאָזן קיין איין זומער, ניט צו זיין ביי קאָנשטאַמען. כ'פלעג קומען, פלעגט די ערשטע נאַכט אוועקגיין אין לאַנגע פּעדאַגאָגישע שמועסן און דיסקוסיעס. אין דער צייט פון דער מלחמה ווען איך האָב ניט געקאָנט פאָרן צו די עלטערן קיין ווילנע, פלעג איך ביי קאָנשטאַמען פאַרברענגען די גאַנצע וואַקאַציעס. געאַרבעט אין אַ זומערשול פאַר היימלאָזע ארויסגע־טריבענע קינדער און געלעבט ביי קאָנשטאַמען. נאָך דעם גרויסן אַלרוסלענדישן יידישן לערער־צוזאַמענפאַר אין פּעטראָגראַד אין זומער 1917, ווען די יידישע

לערערשאַפט האָט זיך צעטיילט אויף צוויי גאַנץ פּיינטלעכע מחנות: די אָרגאַני־זאַציע פון דעם „דעמאָקראַטישן לערער־פאַרבאַנד" און דער העברעיסטישער „המורה", — זיינען מיר זיך צעגאַנגען. איך בין אַריין אין דעם יידישיסטישן לערער־פאַרבאַנד און ער איז געוואָרן דער פאָרזיצער פון „המורה". נאָך ביים געזעגענען זיך מיט די יידישיסטישע תּלמידים אויף דעם צוזאַמענפאָר גופא האָט מען זיך געקושט מיט אים און געוויינט. די גראַדנער קורסן זיינען שוין געווען גע־שלאָסן, ער האָט געעפנט קורצטערמיניקע לערער־קורסן און ער האָט מיר פאָרגע־לייגט איך זאָל דאָרטן לערנען נאַטורוויסנשאַפט און מעטאָדיק. איך האָב גע־ענטפערט: גערן, אָבער ער זאָל מיר דערלויבן פירן מיינע לימודים אין יידיש... דריי וואָכן האָט ער מיט מיר ניט גערעדט, הגם איך בין געווען ביי אים אין שטוב, און ווען איין מאָל, אין אַ נאַכט פון אַ שיסעריי, האָב איך זיך פאַרשפּעטיקט צו קומען פון אַ זיצונג, האָט ער געוועקט דעם זון צו גיין מיך זוכן. אויף מאָרגן האָט ער ווייטער ניט גערעדט מיט מיר. איך בין אַריבערגעפאָרן קיין קיעוו. ער איז געקומען קיין קיעוו פיל שפּעטער. איך האָב געאַרבעט אין קולטור־ליגע, אין דער יידישער גימנאַזיע, אין ערשטן יידישן לערער־סעמינאַר. ער האָט געעפנט אַ העברעישן לערער־סעמינאַר. איך פלעג אָפט זיך אַריינכאַפּן צו אים. אָבער ער האָט מער מיט מיר אויף פּעדאַגאָגישע טעמעס ניט גערעדט... ווען עס איז אַרויס דער ערשטער נומער פון אונדזער יידישן פּעדאַגאָגישן זשורנאַל „שול און לעבן" מיט מיינע צוויי אַרטיקלען, האָב איך איין עקזעמפּלאַר איינגעבונדן און אַריינ־געקלעפּט אַ זייט מיט גאָר אַ וואַרעמער דעדיקאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער „מיין רבין ר' אהרון בן משה כהנשטאַם אַ מינחת ביכורים". ווייטער געדענק איך ניט. איך האָב עס אים אַריינגעטראָגן, ער איז אין דער היים ניט געווען. אויף מאָרגן האָב איך זיך דערוווּסט אַז ער האָט גענומען דעם זשורנאַל צו זיך אין בעט געלייענט און געוויינט. פאַרוואָס אייגנטלעך ער האָט געוויינט ווייס איך ניט ביז היינט. צו שטאָלץ און צו ווייניק באַריידעוודיק איז געווען דער מענטש ער זאָל פאַר וועמען עס איז ריידן וועגן זאַכן וואָס רירן אים אָן טיף. אַזוי שטאַרק איז געווען די שפּאַלטונג צווישן די צוויי לאַגערן־יידישיסטן און העברעיסטן. בלויז איין מענטש האָט דעמאָלט געפונען ביי זיך מוט צו קענען אַרבעטן אייניצייטיק אין ביידע לערער־סעמינאַרן — אין דעם יידישן און דעם העברעישן אייניצייטיק. דאָס איז געווען בן־ציון דינאַבורג, איצט פּראָפ' בן ציון די נור, בילדונגס מיניסטער אין מדינת ישראל, אים צו לענגערע יאָר.

אויף ווי ווייט די צעשפּאַלטונג אויף די צוויי מחנות איז געווען טיף קען מען זען פון דעם קליינעם פאַקט: דער באַרימטער פּעדאַגאָג און שול־אינספּעקטאָר חיים פיאַלקאָוו איז דעמאָלט געווען אין קיעוו. אָפּגעריסן פון פּעטערבורג, פון דער געזעלשאַפט מפיצי השכלה, האָט ער פשוט ניט געהאַט וואָס צו עסן. מיר, אין קולטור־ליגע האָבן זיך דערוווּסט פון דעם, — און מען האָט באַשלאָסן צו שאַפן

פאר אים אן אמט אנפירן מיט לערער־קורסן, ער זאָל האָבן פּרנסה. מיר האָבן גאנץ גוט אים געקענט, אז ער וועט קיין שטיצע סתם ניט אָננעמען. א וואָך אדער צוויי פאר זיין טויט (פון א גיכן טובערקולאז־פּראצעס אין האלדז — זיין אלטע קראנקייט, וואָס האָט זיך אפגערופן צוליב שלעכטער דערנערונג), איז פיאלקאוו געגאנגען צו דעם לערער. מ. א. בייגעל (איצט לאנגאניקער שול־אינס־פּעקטאָר מ. אביגל אין מדינת ישראל), ער זאָל נעמען דעם קורס פון צייכענען און האנט ארבעט אויף די קורסן פון קולטור־ליגע. ער האָט די ארבעט ניט אנגע־נומען, הגם ער האָט קיין אנדער אַרבעט ניט געהאַט און האָט געאַרבעט ווי אן אנגעשטעלטער אין א שפּייז־קראם.

קאָנשטאַמס לערער־סעמינאַר האָבן די באָלשעוויקעס גאָר אין גיכן גע־שלאָסן. דער געוועזענער לערער פון דעמיעווקער שול לייב בראָווארניק האָט גענומען די מיצווה אַרויפצוטאָן אויף דער טיר דעם טריוואקס־שטעמפּל... מיין חבר האצקל העץ — דער שפּעטערדיקער ליטעראטור־לערער אין דעם לערער־סעמינאַר אין תל אביב, איז — גלייך ווי ער האָט זיך דערוווּסט געלאָפן און אראפגעריסן די חתימה, הגם עס האָט אים געדראָט א געוויסע שטראָף: ער וועט האַלטן די שטיקלעך טריוואקס ביז מען וועט די באָלשעוויקעס ארויס־טרייבן... מען האָט זיי יאָ ארויסגעטריבן, נאָר קלאָגן זיך איז ניט געווען פאר וועמען: די נייע הערשער זיינען געווען דעניקינס באנדעס.

קאָנשטאם איז אוועק צוריק קיין כארקאָוו, געאַרבעט צווישן די קינדער פון די היימלאָזע. דאָ האָט ער זיך אנגעשטעקט מיט טיפוס און איז געשטאָרבן אין פרילינג 1920. מיר אין קיעוו האָבן זיך וועגן דעם טויט דערוווּסט מיט א חודש שפּעטער אויף דער לוויה פון חיים פיאלקאוו...

...איך האָב זיך אבער צוגעאיילט: מיר האַלטן נאָך איצט מיט צען יאָר פריער, איך ענדיק די קורסן און ווער ערשט צום ערשטן מאָל א לערער ביי יידן.

רעפאָרמירטע תלמוד תורות

אין דעם איבערגאנג פון דעם טראַדיציאָנעלן חדר צו דער מאָדערנער יידי־שער שול האָבן געשפּילט אַ באַשטימטע ראָל אָט די אַזוי גערופענע רעפאָרמירטע־תלמוד תורות. עס איז דעריבער כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף זיי באַזונדער.

דעם נאָמען „תלמוד תורה" איז הונדערטער יאָרן אַלט. ער שטאַמט פון די צייטן פון אונדזער אָרגאַניזירטן קהילה־לעבן. די אַרבעט פון דער קהילה איז געווען צעטיילט צווישן קאָמיסיעס. יעדער אַזאַ קאָמיסיע האָט געהייסן חברה, זי איז אָבער ניט געווען קיין אומאָפּהענגיקע אָרגאַניזאַציע מיט פּריוואַטער איניציאַטיוו נייערט אַלע זיינען זיי געווען סובאָרדינירט אונטער דער אַלגע־מיינער פאַרוואַלטונג פון דער קהילה בכלל. יעדער חברה האָט געהאַט אירע תקנות (סטאַטוט) און פּינקס (פּראָטאָקאָל־בוך). די נעמען פון די אַלע חברות זיינען גענומען געוואָרן פון דאַוונען אָדער דירעקט פון גמרא: בקור חולים, גמילות חסד, סומך נופלים, הכנסת כלה, און אַזוי אויך תלמוד תורה. אין איר אורשפּרונג האָט די חברה תלמוד תורה געהאַט דעם אויפזיכט איבער אַלע חדרים אין קהילה, זיי זאָלן זיך פירן לויט די פּעדאַגאָגישע און אָרגאַניזאַציאָ־נעלע כללים וואָס זיינען ביי די פּוסקים אָנגעגעבן וועגן דערציונג. צווישן אַנדערע פליכטן האָט די חברה (קאָמיסיע) „תלמוד תורה" אויך געדאַרפט זאָרגן פאַר די קינדער וואָס זייערע עלטערן האָבן נישט געקאָנט צאָלן קיין שכר לימוד. די קינדער פלעגט די חברה תלמוד תורה באַזאָרגן אין די געוויינלעכע חדרים און זי פלעגט פאַר זיי צאָלן דעם מלמד. אויב אָבער עס זיינען געווען אַסך אַזוינע קינדער, פלעגט מען פאַר זיי עפענען אַ באַזונדערן „חדר פון דער חברה תלמוד תורה". שפּע־טער האָט מען, קענטיק צוליב באַקוועמלעכקייטן דעם נאָמען פאַרקירצט. איבער־הויפּט מןהסתם ווען די קהילה איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן אָדער ווען זי איז בכלל גע־שלאָסן געוואָרן (אין מיטן פון פאַריקן י"ה) און עס איז געבליבן דער נאָמען בלויז „תלמוד תורה" און מער נים. מען קען זאָגן אַז עס איז זיכער ניט געווען קיין קלענסטער יידישער ישוב וווּ עס זאָל ניט זיין קיין תלמוד תורה. צי עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן עטלעכע קינדער וואָס מען האָט אריינגעגעבן אין געוויינ־לעכע חדרים און די תלמוד תורה האָט פאַר זיי געצאָלט דעם שכר לימוד, אָדער עס זיינען געווען אַ סך קינדער און מען האָט פאַר זיי געדאַרפט שאַפן באַזונדערע חדרים. ווען די קהילה האָט פאַרלוירן איר מאַכט האָט די תלמוד תורה אויך פאַרלאָרן איר דעה איבער פּריוואַטע חדרים און עס זיינען געבליבן

צוויי אומאָפּהענגיקע אינסטיטוציעס — די געוויינלעכע חדרים און די באַזונדערע תלמוד תורות פאַר אָרעמע קינדער.

אין גרעסערע שטעט האָבן די תלמוד תורות געהאַט אַ סך גרופּעס, אַ סך חדרים פון יינגערע און עלטערע קינדער, אַזוי אַז לויט זייער אָרגאַניזאַציע זיינען זיי געווען ווי שולן. די מלמדים און דאָס לערנען אין די תלמוד תורות זיינען געווען פון די ערגסטע. „אַ דאָקטאָר וואָס היילט אָן געלט איז קיין געלט ניט ווערט" — זאָגט אַ גמרא־ווערטל. ניט אומזיסט פלעגן אין תלמוד תורה שיקן די קינדער די סאַמע אָרעמסטע יידן איבערהויפּט זיינען דאָס געווען יתומים. שיקן קינדער אין תלמוד תורה האָט זיך גערעכנט פאַר אַ חרפּה און יידן פלעגן אָפּשפּאָרן פשוט פון ברויט און צאָלן שכר לימוד אין אַ פּריוואַטן חדר אַבי ניט אין קיין תלמוד תורה. איך דערמאָן זיך איינע אַזאַ תלמוד תורה וואָס אַ ייד אַ גביר האָט אויסגעהאַלטן אויף זיין אייגענעם חשבון. איז דאָרטן געווען אַ הינקעדיקער שמוציקער מלמד וואָס פלעגט מיט אַ שטעקן זיך יאָגן נאָך זיינע תלמידים איבער דער גאַס.

אין גרעסערע שטעט האָבן אין אָנהייב פון היינטיקן י"ה מאָדערנערע באַלעבאַטים פאַרנומען די ערטער פון גבאים אין די ת"ת (אַזוי פלעגט מען פאַרקירצן דעם נאָמען תלמוד תורה). פלעגן זיי די ת"ת רעפאָרמירן און זי פאַרוואַנדלען אין אַ שול מיט אַלגעמיינע לימודים אויך. אין אָט אַזאַ ת"ת איז אויסגעפאַלן מיין ערשטער לערער־שטעלע אין וויטעבסק אין יאָר 1909. די נייע פאַרוואַלטונג וואָס האָט איבערגענומען די שול האָט באַזייטיקט די פריערדיקע כמעט אַלע לערער, געבנדיק יעדערן אַ קאָמפּענסאַציע פון 300 רובל. מען האָט פון פריערדיקן פּערסאָנאַל געלאָזן בלויז דריי לערער. איינעם בריסקין — אַ באַיאָרנטן לערער וואָס איז געווען מער מלמד ווי לערער, איינעם אַ לערער זייער אַ פעאיקן און באַגאַבטן יונגן מאַן זלמן אביגדור כראַפּקאָוו, וואָס האָט געדאַרפט אויסהאַלטן אַ גאַנץ היפּשע משפּחה פון אַ מאַמען אַן אלמנה און אַ סך ברידער און שוועסטער. ער האָט געלערנט אַלגעמיינע לימודים און רוסיש. דער דריטער איז געווען אַן עלטערער רוסיפיצירטער ייד, אַ געוועזענער „קאַזיאָנער רב" דאָרטן. די ת"ת האָט געהאַט אַ צענטראַלע און צוויי אָפּטיילן אין צוויי וויטערע עקן פון שטאָט. איינע פון זיי איז געווען ניט ווייט פון דער שטוב וואו עס האָט זיין קינדהייט פאַרבראַכט מארק שאַגאַל, און מען פלעגט מיר אָנווייזן די הילצערנע פאַרקאַנעס אויף דעם סמאָלענסקער וועג, ווו דער קינסטלער האָט אָנגעהויבן זיין קונסט.

דאָס לערניאָר האָט זיך אָנגעהויבן זייער שפּעט אין נאָוועמבער, ווייל אין שטאָט איז זומערצייט געווען אַ כאָלערע־עפּידעמיע. אמת אַ שוואַכע און זי האָט אָנגערירט בלויז די אָרעמע שיכטן, וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט אינסטרואירן מיט די געהעריקע היגיענישע פאָרשריפטן, אָבער די לימודים האָט מען

דאָך אָנגעהויבן אַ סך שפּעטער. איך בין געקומען דער לעצטער און, ווי עס פירט זיך, האָט מען פאַר מיר געלאָזט די ערגסטע און די שווערסטע קלאַסן. ווען איך בין געקומען איז שוין דער גאַנצער לערער־פּערסאָנאַל געווען אויפן אָרט. קיינער איז ניט געווען קיין „אינסטיטוטשיק" — אַ געענדיקטער פון ווילנער מלוכישן לערער־אינסטיטוט פאַר יידישע שולן. יענע פלעגט די רעגירונג אַליין צושיקן אין די „מלוכישע יידישע שולן". די זיינען געווען פון צוויי טיפּן: דריי־יאָריקע פאָלקשולן און זעקס־יאָריקע „אָנהייב־שולן". אייגנטלעך פלעגן זיך אַלע יידישע שולן אויסהאַלטן פון „קאָראָבקע־געלטער" און פון דעם „ליכט־שטייער". דאָס זיינען געווען צוויי ספּעציעל יידישע שטייערן אויף כשר פליייש און אויף די בענטשליכט. ניט וויכטיק דאָ ווי די רעגירונג פלעגט צונויפנעמען דעם אָפּצאָל, אָבער זי פלעגט מיט דעם פאַרוואַלטן און פלעגט כסדר אָפּרייסן „רעשטלעך" פון היפּשע מיליאָנען וואָס זי פלעגט פאַרנוצן נאָר אויף אַנדערע צילן וואָס האָבן קיין שום שייכות ניט מיט יידן. עס וועט זיין ניט אויסן וועג צו דערציילן דאָ, אַז לכתחילה איז געווען נאָך אַ דריטער יידישער שטייער — פון יידישע קליידער... און ווער סע האָט זיך באַוויזן אין גאַס אָנגעטאָן אין אַ יידישער קאַפּאָטע אָן אַ קבלה פון דער „קאָראָבקע־בגדים", פלעגט דער ערשטער בעסטער גאָראָדאָוואָי (פּאָליציאַנט) פּשוט אין מיטן גאַס אים אָפּשניידן די קאַפּאָטע אָדער די פּאות. אַזאַ שטראָף האָט געקראָגן אַמאָל מיין זיידע אין ווילנע אויף דער דייטשער גאַס, און דער טאָג איז פאַר אים געווען אַ תענית זיין גאַנץ לעבן. דער שטייגער איז לכתחילה איינגעפירט געוואָרן ניט אָן דער ברכה פון די ווילנער משכילים... צוויי וויטע עקסטרעמען ביי יידן אין יענע צייטן. אין מיינע צייטן איז שוין אָבער יענער שטייער ניט געווען.

ניט געקוקט וואָס די געלט מיטלען אויסצוהאַלטן די שולן פלעגן גענומען ווערן פון דעם זעלביקן מקור, האָט דאָך די רעגירונג געהאַלטן מער פון די „מלוכהשע" יידישע שולן. זיי האָבן געהאַט זייער טראַדיציע פון מיטן פון נײַנ־צנטן י"ה, פון די צייטן פון ניקאָליי דעם ערשטן, וואָס האָט געוואָלט מיט קאַנטאָ־ניזם, גזרות און גרושים און אויך מיט ספּעציעלע שולן „אויסמענטשלען" די יידן. שפּעטער האָט די פּאָליטיק פאָרמולירט דער הויפּט פון סינאָד, דער גרויסער שונא ישראל פּאָביעדאָנאָסצעוו: אַ דריטל זאָל אויסגעהרגעט ווערן, אַ דריטל וועט זיך אויסשמדן און אַ דריטל וועט אַנטלויפן... מיט דער צייט זיינען די מלוכה־שולן געוואָרן ניט אין פאַרגלייך בעסער, הומאַנער. אַ סך באַוווסטזיניקע יידן זיינען אריינגעדרונגען אין דער לערערשאַפט פון די שולן, דאָך אָבער איז דאָרטן דער אַלגעמיינער גייסט געווען אַ רוסיפיקאַטאָרישער און עס האָט געשמעקט מיט „טשינאָווניק" (צאַרישער באַאַמטער). דער פאַרוואַלטער פון דער פאָלקשול אין וויטעבסק פלעגט קיין מאָל ניט ריידן קיין יידיש, רוסיש פלעגט ער ריידן ניט דווקא ליטעראַריש נאָר מיט אַ ספּעציעלן פּויערישן אַקצענט ווי מען רעדט אין מאָסקווער ראַיאָן. אין שול ביי אים אויף די ווענט זיינען געהאָנגען פּסוקים

פון חומש איבערגעזעצט אין רוסיש, אויך עטלעכע אויסצוגן פון גמרא אז מען דאַרף ליב האָבן דעם קייסער. ווען ער האָט זיך איין מאָל דערוווּסט אַז מיר די „יונגע" שעמען זיך ניט צו ריידן יידיש, אַז מיר געהערן צו דער יידישער „ליטעי־ראַרישער געזעלשאַפט", האָט ער איין מאָל פאַרבעטן אונדז אויף אַ גלעזל טיי, און געפרעגט: ער קען ניט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ נייע מאָדע ס'איז דאָס געוואָרן ביי די יונגע, מען רעדט און מען לייענט זשאַרגאָן גאָר! ער קען עס פּשוט ניט פאַר־שטיין, ווי טוען דאָס אינטעליגענטע מענטשן... עטוואָס אַנדערש איז עס געווען אין דער „אָנהייבשול" וו עס איז געווען צווישן אַנדערע דער לערער יעקב גערשטיין, וואָס איז שפּעטער באַרימט געווען ווי איינער פון די זיילן פון דעם יידישן שול־וועזן אין ווילנע. ווען אים האָבן מיר אַמאָל שפּעטער מיט יאָרן געפונען אין אַרכיוו פון דעם מלוכישן לערער־אינסטיטוט פאַרשריבן אַן עבירה, אַז ער האָט נאָך דאָרטן ליב געהאַט צונויפנעמען חברים און זינגען אין דער הייך „זשאַר־גאָנישע לידלעך". דאָך איז אין די רעפאָרמירטע ת"ת געווען אַ פרייערער גייסט, אַ מער ליבעראַלער. די פּראָגראַם און די מעטאָדן זיינען ניט געווען אָנגעצייכנט פון דער רעגירונג און די לערער האָבן געהאַט אַ סך מער פרייהייט אין זייער אַרבעט. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז אין צאַרישן רוסלאַנד איז נישט געווען קיין אָבליגאַטאָרישע דערציונג. מלוכהשע שולן זיינען געווען זייער ווייניק. אוני־ווערסיטעטן זיינען, למשל, אין גאַנץ רוסלאַנד געווען נאָר צען. דערפאַר זיינען געווען אַ סך פאַרשיידענע אַנדערע — פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע שולן, הגם עס איז אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם צו קריגן אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ שול. די ליבעראַלע רוסישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט דעריבער זייער פיל ענערגיע אָוועקגעגעבן אויף אויסצוהאַלטן שולן. איבערהויפּט האָט זיך אויף דעם געביט אויסגעצייכנט די „זעמסטוואָ" (לאַנד־פאַרבאַנדן). דער מעטאָדיש־פּעדאַגאָגישער ניוואָ פון די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע שולן איז געווען גאָר אַ הויכער, די טוער און לערער זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גלויבן „דינען דעם פאָלק", וואָס האָט דערגרייכט כּיז צו רעליגיעזן פאַנאַטיזם כמעט. דאָס איז געווען דער זעלביקער גייסט פון די רעוואָלוציאָנערן און איז טיילווייז געגאַנגען אין דער זעלביקער ריכטונג. די לערער האָבן אין זייער אַרבעט אַלע טאָג געדאַרפט קעמפן קעגן די פאַראָרדענונגען פון דער בילדונגס־מאַכט, וואָס מען האָט צווישן זיך גערופן „מיניסטעריום פון פאָלק פאַרפינצטערונג" (בילדונג האָט אויף רוסיש זיך גערופן „דורכלויכטונג", דערפאַר — דער קעגנזאַץ „פאַרפינצטערונג"). אַ סך, גאָר אַ סך מאָראַלישע דערהויבנקייט האָט אַרויסגעוויזן די רוסישע פאָלקס־אינטעליגענץ — דער דאָקטאָר, די קראַנקן־שוועסטער און אַקושערין און אויך דער לערער. און אָט דער גייסט האָט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן איבערגעגעבן אויך דעם יידישן לערער פון די געזעלשאַפטלעכע שולן און די רעפאָרמירטע ת"ת. ניט אין פאַרגליך מער ווי דאָס, האָט געקאָנט געשען אין די מלוכהשע יידישע שולן.

דעם ערשטן שבת ווען איך בין געקומען אין וויטעבסק האָט מיך פאַרבעטן צו זיך דער אַלטער לערער דאנדע. דער שמועס האָט זיך מיר איינגעקריצט שטאַרק אין זיכּרון: איך בין געקומען אָקערשט פון די קורסן, דורכגעדרונגען מיט קאָנש־טאַמס השפּעה און מיט דעם גייסט פון דער מאָדערנער דערציונגס־ליטעראַטור, וואָס קאָנשטאַם האָט מיט דער ברייטסטער האַנט באַזאָרגט די פון זיינע תּלמידים, וואָס האָבן זיך געלאָזט באַאיינפלוסן.

....„איך פאַרשטיי ניט, וואָס האָט מען דאָס לעצטנס אַזוי גענומען ריידן וועגן אַנטוויקלונג — שמיקלונג, וואָס מען דאַרף כּלומרשט געבן די קינדער. און איך זאָג אייך: פריער לערנט זיי אויס האַלטן א בלייפעדער ריכטיק און נאָך דעם גיט זיי אייער אַנטוויקלונג וויפל עס וועט אין זיי אריין. איך ווייס: פאַרש־ניצט אַ קינד זיין בלייפעדער ווי אַ לאָפּעטקעלע (פלאָך. פון קיין מעכאַנישע שניצערס האָבן מיר ניט געוווסט), איז עס אַ קלוג קינד, עס וועט ווייט דערגיין, אפילו אַ בוכהאלטער וועט עס ווערן. ווילסטו שרייבן גראָב — האַלט דעם בליי־פעדער פלאָך, ווילסטו אָבער שרייבן דין, האלט אים מיט דער זייט"... פאַר מיר איז די גאַנצע תורה געווען אַ שטעקן איבערן קאָפּ; אַ מין חילול הקודש.

אַז איך פלעג צוערשט שטאַרק ליידן פון דער דיסציפּלין, פלעגט מיר דער זעלביקער אַלטער לערער פריינדלעך לערנען: איר מיט אייערע נייע טעאָריעס האָט אַזוי פיל צרות, און ווי איך גיי אריין אָן טעאָריעס נאָר מיט דער ווירע אין האַנט, ווערט דאָרט שטיל ווי אויף אַ בית עולם. טאָ וואָס העלפן אייערע טעאָריעס דאָרטן?...

און קיין דיסציפּלין־צרות האָבן מיר טאַקע גאָרניט געפעלט. געגעבן האָט מען מיר אַן אָנהייב קלאַס פון פינף און זעכציק תּלמוד־תורה קינדער, וואָס האָבן נאָך זייער גוט געדענקט זייער פריערדיקן לערער מיט דעם שטעקן אין האַנט. האָבן זיי זיך נוקם געווען; איך פלעג קומען אַהיים אַ דערשלאָגענער, אַנטמוטיקטער, ניט קענען עסן קיין מיטאָג, זיך אַריינלייגן אין בעט, פאַרניורן דעם קאָפּ אין קישן און וויינען. כ'פלעג מיט קיין מענטשן ניט ריידן. ווען מען האָט מיך נעפרעגט איין מאָל מיין מיינונג וועגן אַ צווייטן לערער, האָב איך געענטפערט אַז איך טאָר ניט אַרויסגעבן קיין מיינונגען וועגן אנדערע בעת איך אליין טויג ניט. מיינע אַלע אילוזיעס וועגן דער גרויסקייט פון לערעריי האָבן געפּלאַצט. איך בין קראַנק געוואָרן אויפן מאָגן און אויפן האַלדז. מיין חבר, מיט וועמען איך האָב געוווינט אין איין צימער איז דעמאָלט געווען אַ חתן פאַר אַ גראָדנער מיידל. ער פלעגט שרייבן אַלע טאָג בריוו און באַקומען מתנות כּסדר, האָב איך ניט געקענט פאַרשטיין ווי דאָס קען אים אַלץ ליגן אין זינען, אַז די דיסציפּלין איז ביי אים ניט בעסער ווי ביי מיר?... דערגאַנגען איז עס דערצו, אַז איך האָב אַריינגעשיקט צו דער פאַרוואַלטונג אַ רעזיגנאַציע־בריוו: היות איך זע, אַז איך קען ניט זיין קיין לערער, בעט איך מען זאָל מיך באַפרייען פון מיין אַרבעט. זייענ־

דיק זיכער, אַז די פֿאַרוואַלטונג וועט זיך דערפֿרייען מיט מיין בריוו, בין איך שוין אויף מאָרגן ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט און גענומען פּאַקן מיינע פּעקלעך, צו פֿאָרן. ערשט עס איז געקומען דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער ת"ת און ער רופֿט מיך נאָר צו דער אַרבעט, ווייל די פֿאַרוואַלטונג באַפֿרייט מיך ניט. פֿון די לערער האָט בלויז כראַפּקאָוו זיך באַמיט צו פֿאַריכטן מיין שטימונג. ער פֿלעגט קומען צו מיר כמעט אַלע טאָג און מיט אַלערליי מיטלען מיך אַרויסשלעפּן פֿון בעט, מיך זען צו צעשטרייען. ניט אין פֿאַרגלייך בעסער איז געווען די באַציונג פֿון דער פֿאַרוואַלטונג. אָבער דאָ איז פּאַסיק צו דערציילן בכלל וועגן איר. דער פּאָרזיצער פֿון פֿאַרוואַלטונג איז געווען איינער אַ דירעקטאָר פֿון אַ באַנק, וואָס איך האָב אַפֿילו ניט געקענט. די איינציקע פּרוי אין פֿאַרוואַלטונג, בערנשטיין — פֿלעגט כמעט אַלע טאָג מיר אַריינשיקן אַ מתנה עפּעס. צו די לעקציעס פֿלעגט זי ניט קומען, מין הסתם ניט צו זען מיינע צרות. דריי דאָקטוירים זיינען געווען אין פֿאַרוואַלטונג. ד"ר נייפֿאַך — אַ האַלדז־דאָקטאָר, אַ ציוניסט, האָט זיך ווייניק וואָס געמישט אין דער אַרבעט. אינטערעסאַנטער איז געווען דר' ליבערמאַן — אַ פֿרומער ייד, וואָס פֿלעגט דאַווענען דריי מאָל אין טאָג, שבת פֿלעגט ער די רעצעפּטן דיקטירן אַ שייגעץ, וואָס פֿלעגט פֿאָרן מיט אים. פֿאָרן האָבן אים דערלויבט גאַנצע דריי רבנים, מסתמא צוליב פּיקוח נפֿש. ער פֿלעגט קומען צו מיר אין קלאַס, מיך אַלעמאָל טרייסטן, איך זאָל ניט האָבן קיין מורא, יעדער אָנהייב איז שווער.

דער אינטערעסאַנטסטער און דער וויכטיקסטער איז אָבער געווען ד"ר ברוק. וועגן דעם מענטשן וואָלט מען געדאַרפֿט שרייבן אַ גאַנץ בוך. ער איז ביים לעבן געווען אַ לעגענדע. איינער פֿון די יידישע דאָקטוירים וואָס מען דערציילט וועגן זיי אין פֿאָלק אָן אַ שיר לעגענדעס און פֿאַקטן. אַ ציוניסט־ישער „מורשה" (אָנפֿירער) פֿון ציוניסטישן ראַיאָן, אַ פּערזענלעכער פֿריינד פֿון ד"ר הערצל, אַ דעפּוטאַט פֿון דער ערשטער „דומע" (כמו פּאַרלאַמענט נאָך דער רעוואָלוציע אין 1905), פּאָרזיצער אין דער ליטעראַרישער געזעלשאַפֿט, לעקטאָר אויף פֿאַרשיידענע פֿראַגן אין יידישן לעבן, אַ הומאָרפֿולער מענטש, אַן אוצר מיט יידישע וויצן און אַ בריה זיי צו דערציילן, אַ פֿאָלקסמענטש און — דער עיקר — אַ פֿאָלקס־דאָקטאָר, וואָס קוואָפּעט זיך קיין מאָל נישט אויף דעם האָנאָראַר, וואָס באַזאָרגט פֿון זיין קעשענע רעצעפּטן פֿאַר אָרעמע. אויף דער טיר ביי אים איז געווען בלויז אַ קליין פֿאַרצעליי־בלעטל מיט זיין נאָמען אין העברעאיש „ד"ר צבי בן יעקב ברוק". קיין גרויסע שילדן האָבן בכלל אין רוסלאַנד דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן ניט געטראָגן האָבן. זיין גרויסע דירה (ער האָט ניט געהאַט קיין משפּחה) איז בייטאָג געווען פֿול מיט קראַנקע יידן און אין די אָוונטן — מיט קאָנפֿערענצן, רעפֿעטיציעס, באַראַטונגען. אָפֿט, אַז ער פֿלעגט קומען ביינאַכט אַ מידער אַהיים, פֿלעגט ער זיך ניט האָבן ווו אַהין צו טאָן. מיט אַלעמען פֿריינדלעך, חבריש, פֿלעגט מען ביי אים קיין מאָל ניט פֿרעגן צו פֿאַרנעמען זיין הויז. אַז חברה יונגוואַרג פֿלעגט אַמאָל וועלן אַריינכאַפּן זיך אין אַ קאַפֿע און

קיין גנעלט איז ניט געווען פלעגט מען גיין צו „גריגאָרי יאַקאָוולעוויטשן" — ווי מען פלעגט אים רופן אויף דעם רוסישן שטייגער. אָבער ער פלעגט תמיד גערנער ריידן יידיש. אויף אָרעמע קראַנקע וואָס פלעגן אים רופן און ניט האָבן מיט וואָס צו באַצאָלן, און זיי פלעגן זיך וועלן אַנטשולדיקן פאַר אים, פלעגט ער נעמען שרייען: אַז ווער בעט ביי אייך געלט? די רייכע וועלן שוין באַצאָלן אויך פאַר אייך. אַ סך, אַ סך זכרונות זיינען ביי מיר פאַרבליבן פון דעם וווּנדערבאַרן יידישן דאָקטאָר, אָבער ניט דאָ איז דאָס אָרט צו דערציילן זיי. איך וויים אַז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַוועק קיין ארץ ישראל, געקומען צוריק — אַן אומבאַפרידיקטער און איז געשטאָרבן איינזאַם. אין תל אביב איז פאַראַן אַ זייטיקע גאַס אויף זיין נאָמען.

אָט די פאַרוואַלטונג האָט עס רעפאָרמירט די תלמוד־תורה.

אין אַן עלטערן קלאַס האָב איך געלערנט „נאַטורוויסנשאַפט". כדאי זיך אויף דעם אָפּשטעלן לענגער עטוואָס. דער אכצנטער און ניינצנטער י"ה זיינען געווען די תקופה פון דעם אויפבלי פון די נאַטור־וויסנשאַפטן — פיזיק, כעמיע און אַלע ביאָלאָגישע געביטן. די צאַרישע רעגירונגען האָבן פשוט מורא געהאַט פאַר די לימודים: זיי שמעקן מיט רעוואָלוציע. מען האָט אפילו אַ ווונק געטאָן צו פּראָ־פעסאָרן פון די געצייילטע צען אוניווערסיטעטן פון גאַנץ רוסלאַנד, מען זאָל „אָפּלייקענען דאַרווינען". די מורא איז דווקא געווען ניט אומבאַגרינדעט: די פּראָגרעסיווע רוסישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט אין איר לאַנג־דויערנדיקן קאַמף קעגן צאַריזם כסדר געהאַלטן אין אויסנוצן די אויפשטייגנדיקע נאַטור־וויסנ־שאַפטן. איך וועל דאָ אָנרופן בלויז עטלעכע נעמען, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק פאַרבונדן דעם אמתן גלויבן אין וויסנשאַפט און אין דעמאָקראַטיע: קראָפּאָטקין, ניקאָליי מאָראָזאָוו, טימיריאַזעוו, לעסגאַפט, לוקאַשעוויטש און אַ צאָל אַנדערע קלענערע פיגורן. פלעגט די רעגירונג כסדר האַלטן אין פאַרבאָטן די לימודים אָדער זיי אַזוי פאַרשמעלן אין די פּראָגראַמען, זיי זאָלן ניט שאַטן.

האָבן זיך די פּראָגרעסיווע פעדאַגאָגן אין צאַרישן רוסלאַנד געקליגט און אַריינגעפירט די נאַטור־וויסנשאַפטן אונטער כשרע נעמען ווי „זאַך־לעקציעס", „באַשיינפּער־לעכע שמועסן" וכדומה. דער לימוד האָט אין די אָנהייב־שולן קיין מאָל ניט געהאַט דעם ציל צו געבן אַ סכום פּראַקטישן וויסן. דער זינען איז געווען צו אַנטוויקלען ביי די קינדער דאָס זען און פילן דעם אַרום, דאָס קענען און באַטראַכטן אַלץ וואָס רינגלט אַרום. די מעטאָדיק און דידאַקטיק פון דעם געביט איז געווען דורכגעטראַכט און באַאַרבעט מיט אַסך ליבע און וויסן. די השפעה פון דעם לימוד איז געווען זייער גרויס. די יידישע לערער פריער אין רוסיש און שפּעטער אין יידיש זיינען ניט אָפּגעשטאַנען פון זייערע רוסישע קאָלעגן אויף דעם געביט. די מעטאָדישע ליטעראַטור פון דעם געביט אין יידיש איז אפשר די רייכסטע. ביז מיין קומען קיין אַמעריקע האָט מען מיר געהאַלטן — מיט

דערבײַ צי מיט אומרעכט — פאַר אײנעם פון די מומחים, פאַכמענער אין דער מעטאָדיק פון נאַטור־לימודים. דאָ, אין דער רעפאָרמירטער תלמוד־תורה, האָב איך דאָס געמאַכט די ערשטע טריט אויף דעם געביט און זיך אויסגעלערנט מסתמא מער פון מײַנע תלמידים. די קינדער האָבן ליב געהאַט דעם לימוד און ניט צוליב מײַנונגען און קוואַליפיקאַציעס. מיר, ווי די גאַנצע פּראָגרעסיווע פּעדאַגאָגיק, האָבן געהאַלטן (און איך האַלט איצט אויך אַזוי!) אַז די מײַנונגען פירן איבער די קינדער: אַנשטאָט וואָס אין פּרינציפּ דאַרפן זיי ברענגען אַן אינטערעס צום לימוד, ווערט דער לימוד בלויז אַ מיטל צו קריגן מײַנונגען. דער לימוד גופא, דער אינהאַלט פון דעם וואָס מען לערנט הערט אויף לגמרי צו אינטערעסירן די קינדער. אַבי נאָר מען קריגט אַ מײַנונג, דאַרף מען שוין דאָס וויסן אויף כפרות. בקיצור יענע קינדער האָבן דווקא ליב געקראָגן דעם לימוד. מען האָט אַפילו פון אָרעמע גראָשנס געשאַפן אַ קלײנע לאַבאָראַטאָריע בײַ מיר אין צימער און מען פלעגט קומען צולויפן צו מיר יעדער פרײַע מינוט זיך קאָלופּען און מאַכן עקספּערימענטן. איך דערמאָן זיך יענע קינדער, דערמאָן איך זיך דאָס ווערטל פון דער גמרא „הזהרו מבני עניים, שמהם תצא תורה", פאַרזיכטיק מיט די אָרעמע קינדער, ווײַל פון זיי קומט אַרויס די תורה...

די ערשטע גרויסע לערערשע איבערלעבונג האָב איך געהאַט טאַקע דאָרטן: אין אַ קאַלטן ווינטער־פרימאָרגן, איך בין אָקערשט אויפגעשטאַנען, מען קלאַפּט אין טיר. ס'איז אַ צוועלפיאָריק ייִנגל, אַ זון פון אַן אָרעמן שוסטער, אָרשאַנסקי!

— וואָס אַזוי פרי? פרעג איך.

— הערט לערער: די מאַמע האָט נעכטן געקויפט אַ שטיקל שמעקנדיקע זייף, האָב איך זיך געוואַשן. איז דער זייף געווען געל און די מולעניש איז געווען ווײַס. ווײס איך ניט ווי עס ווערט פון געלן זייף ווײַסע מולעניש. אַ גאַנצע נאַכט געקלערט און קען ניט פאַרשטיין...

לאַנגע יאָרן בין איך געווען דאַנקבאַר דעם אָרעמען ייִנגל אָרשאַנסקי: ער האָט מיר געבראַכט די ערשטע באַשטעטיקונג פון מײַן לערערשן אויפטו (ער איז מיט יאָרן שפּעטער אומגעקומען אין זעלבסטשוץ בעת אַ פּאָגראָם).

אין אײן אָפּטײלונג פון דער תלמוד תורה, טאַקע ניט ווײַט פון מאַרק שאַגאַלס הײם, זײַנען געווען צוויי קלאַסן, בײדע קלײנע מיט ווינציק תלמידים. פלעגט דאָרטן אײן לערער דאַרפן אײנצײַטיק לערנען מיט בײדע קלאַסן. צוליב אָרעמקייט האָט די שול ניט געקאָנט אויסהאַלטן דאָרטן קײן צוויי לערער. פלעגט מען זיך מוזן געבן אַן עצה, אײן קלאַס פלעגט לערנען אין דער הײך און דער צווייטער פלעגט דאַרפן טאָן אַן אַרבעט שטילערהייט. אַ שווערע אַרבעט איז עס געווען אָנצופירן מיט אַזוינע צוויי קלאַסן.

אין מיטן ווינטער איז צו מיר געקומען אַ גאַסט: קאָנשטאַם — דער פירער פון די פּעדאַגאָגישע קורסן אין גראָדנע איז געקומען אַזש פון דאָרטן זען ווי

עס גייט עפּעס זיין תּלמיד אין דער אַרבעט. דאָס איז געווען טאַקע מיין לעצטער יאָר אַרבעט אין דער רעפּאַרמירטער תּלמוד־תּורה. צום קומענדיקן יאָר (1912-13) בין איך אַריבער, טאַקע לויט קאָנשטאַמס רעקאָמענדאַציע, פון אַ תּלמוד־תּורה אין קאַלטן צפונדיקן וויטעבסק אין אַ געזעלשאַפטלעכע מיידלשול אין דער וואַרעמער כערסאָנער גובערניע. אַלץ האָט זיך געביטן.

זומער דעם זעלביקן יאָר בין איך זעקס וואָכן געווען אויף זומער־קורסן פאַר לערער, איינגעאָרדנט דורך אַ גרופּע פּעטערבורגער פּראָפעסאָרן, וואָס דער „מי־ניסטער פון פאַרפינצטערונג" (אַזוי האָט מען סאַרקאַסטיש גערופן דעם שוואַרצן רעאַקציאָנערן בילדונגס מיניסטער קאַסאָ) האָט באַזייטיקט פון די אוניווערסי־טעטן. די קורסן — זעקס וואָכן צייט גאַנצע טעג כמעט אין אַ געזעלשאַפט פון הונדערטער רוסישע פאָלקסלערערס און געטרייע פאָלקסטימלעכע אינטעליגענטן, האָבן אונדז געגעבן זייער פיל אין אַלע הינזיכטן. דעם ערגסטן איינדרוק האָט, פאַרשטייט זיך, געמאַכט דער מעטאָדיסט פון מאַטעמאַטיק, דער משומד שאָכאָר־טראָצקי — די גוֹיים האָבן אים פיינט געהאַט ניט ווייניקער ווי מיר די עטלעכע יידן. אויף די קורסן האָבן מיר זיך אויך באַפריינדעט מיט אַ גימנאַזיע־לערער פון פיזיק, וואָס האָט געהאַט אַ רייכע לאַבאָראַטאָריע. פלעג איך שוין פאַר־ברענגען דאָרטן ווען נאָר איך האָב געהאַט פרייע צייט. די גרעסטע סענסאַציע פון יענער צייט: מיר האָבן געקויפט בילעטן צו זען דאָס ערשטע מאָל ווי עס פליט אַן אַעראָפּלאַן. הינטער דער שטאָט אויף יענער זייט טייך וויטבע האָט מען אַפּגעצאַמט אַ גרויסן שטח, גענומען דריי רובל אַ בילעט און מען האָט באַוויזן ווי אַ פליער האָט זיך אויפגעהויבן און דריי מאָל אַרומגעקרייזט דעם פּלאַץ. דער עולם איז געווען מער ווי באַגייסטערט.

ווי שטאַרק עס איז געווען די פּאָליטישע רעאַקציע אין לאַנד קען מען זען פון דעם פאַקט: עס איז געשטאָרבן לעוו טאָלסטוי. טראַגיש: אַן אַלטער מאַן אַריבער אַכציק איז ער אַנטלאָפן פון זיין היים, ניט געוואָלט נאָכגעבן דער ווייב וואָס האָט ניט אַנדערש געוואָלט זיין אַ גראַפין, קראַנק געוואָרן און אויסגעגאַנ־גען ערגעץ אויף אַ קליינער באַן־סטאַציע אַסטאַפּאָוואָ. ווען די צייטונגען האָבן די נייעס צעטראָגן איבער דער וועלט, האָבן זיך איבער די שולן צעלאָפן די אינספּעקטאָרן און אַנדערע „היטער פון אָרדענונג" צו היטן די לערער זאָלן חלילה ניט מאַכן קיין ענין... איך געדענק: אויף אַ הפסקה האָב איך גערעדט מיט דעם אינספּעקטאָר וועגן דער נאָר וואָס געענדיקטער לעקציע אַריטמעטיק. פרעג איך אים נאַיוו צי איך זאָל אויף דער צווייטער לעקציע פון רוסיש אפשר לייענען טאָלסטויס אַ דערציילונג און איבערגעבן די קינדער וועגן דעם טראַגישן טויט.

— דו ביסט נאָך אַזוי יונג, צו וואָס דאַרפסטו אַ צרה אויף זיך? געזונטער צו שווייגן.

נאָך דריי יאָר אין וויטעבסק, אין פרילינג 1912 האָט קאנשטאם מודיע געווען אז די רעגירונג האָט אנולירט אונדזערע אטעסטאַטן, די לערער־דיפּלאָמען וואָס מיר האָבן געהאט פון די קורסן, און מיר אַלע מוזן זיך איצט פון דאס ניי עקזאמענירן. אבער ניט ביי די קורסן וואָס האָבן מער ניט קיין רעכט, נאָר אין א רעגירונג־שול. קאנשטאם האָט דעמאלט אפגעמאכט מיט די לערער פון א רוסישער שול אין דעם קליינעם שטעטל סאָקאָלקע צווישן גראָדנע און ביאַליס־טאָק, אז זיי זאָלן עקזאַמענירן די קורסיסטן, די אַלטע ווי די נייע. מסתמא האָט עס געקאסט אויך עטלעכע רובל. ווי קען דאָס אנדערש זיין? מיר, שוין אַלטע לערער, האָבן געמוזט ווארפן די קלאַסן אין מיטן דער ארבעט און פארן זיך עקזאמענירן אין סאקאלקע אריין...

אויף אזוינע נגישות איז געווען פעיק די צארישע רעגירונג. ניט בלויז צוטראכטן א ביילעס־בילבול, נאָר אנולירן אטעסטאטן וואָס זיינען געווען גילטיק דריי יאָר, כדי צו צווינגען לערער צו גיין זיך עקזאמענירן א צווייט מאָל.

אריבערגעגאַנגען בשלום. איך האָב ביז היינט א חשד, אז און כאבאר איז עס ניט דורכגעגאַנגען.

אַ יידישע מיידלשול אין צאַרישן רוסלאַנד

(גאָלטע, כערסאָנער גובערניע)

לזכר דריי יידישע פרויען־פּעדאַגאָגינס: מרים ראַפּאַילאָוונאַ (איינהאָרן), טערעזאַ גריגאָריעוונאַ (מאַרגאַליס) און דרי חיה לאַזאַראָוונאַ (בערנסאָן).

אין יאָר 1912 אין אַ סוף־זומערדיקן ווילנער פֿאַרכמורעטן טאָג מיט אַ דורגעווייקטער לופֿט, האָב איך זיך געזעצט אין באַן צו פֿאָרן נישט קיין צפֿון ווי איך פֿלעג עס טאָן די ערשטע דריי יאָר פֿון מיין לערעריי, נאָר פֿאַרקערט, אויף דרום. דורכגעשניטן די אומעטיקע פּאָליעסיער זומפּן מיט די דאַרע פֿאַרקאָלטנטע וועלדלעך אונטער אַ הימל וואָס טריקנט קיין מאָל נישט אויס. צעוואָרפֿענע איינצלנע הייזקעס ספֿק דירות ספֿק חורבות. און אָט אויפֿגעכאַפּט זיך אַ פֿרי־מאָרגן און זיך צוגעכאַפּט צום וואַגאָן־פֿענצטער — אַ בילד לחלוטין אַ נייעס פֿאַר די אויגן פֿון אַ ליטוואַק; אַ פֿרייער האָריזאָנט אָן וועלדער, טרוקענע אָנברעגיקע פֿעלדער, אָן אין־סוף סטעפּעס, גאַנצע בערג מיט בוריקעס ביי די באַנרעלסן אָנגעגרייט פֿאַר די צוקער־פֿאַבריקן. דאָ איז נאָך נישטאָ קיין סימן פֿון סוף זומער — אַ וואַרעמע זון מיט אַ העלן הימל; ווייסע הייזער אין גרויסע דערפֿער, פּויערים פֿאָרן אַרויס מיט צוויי פֿערד... אַזאַ שפֿע, אַזאַ רייכקייט האָט נאָך אַ ליטוואַק ווי איך נישט געזען... געקומען נאָך פֿרי, אין האָטעל זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אַ קאָמיוואָיאַזשאָר, זיך נאָכגעפֿרעגט אויף יידן, אויף די שולן. זיך דערוווּסט — מען וואַרט אויף אַ לערער וואָס דאַרף קומען פֿון ווילנע, מ'זאָגט — אַ גוטער לערער און אַ יונגער... די „מאַרגאַליסקעס אוטשילישטשע" ענדיקן איז פֿאַר אַ מיידל אַ האַלבער נדן... אַנשטאָט אַ תלמוד־תורה, וואָס איז ווייט נישט קיין יחוס דאָרטן צו לערנען, הגם זי איז אַ רעפֿאָרמירטע, איז דאָ אַ שול — אַ יחסנטע, אַ געהויבענע באַציונג. אַ קלייניקייט „אַ האַלבער נדן", נישט קיין יינגלעך, נאָר אַ פֿינף הונדערט מיידלעך — גאָר אַן אַנדער אַטמאָספֿער! קוים זיך דערוואַרט מען זאָל שוין קענען גיין זיך פֿאָרשטעלן.

אַ גרויסע געביידע, גרעסער פֿון אַלע אַנדערע הייזער אין שטעטל, אין צענ־טער. הינטער דער שול — אַ גרויסער גאָרטן מיט פֿרוכט־ביימער. אינעווייניק — אַבסאָלוטע ריינקייט, בלומען. בראש פֿון דער שול, די פֿאַרוואַלטערין — מרים זאַלקינד־איינהאָרן — אַ ווילנערין, אַ טאָכטער פֿון אַ יידישן אַפּטייקער — אַ

משכיל, אַן אסימילאַטאָר, דער זיידע — אַ משכיל, אַ לערער אין אַמאָליקער ראַבי־נער־שול... דער דריטער דור פון משכילים זענען זעלטן געבליבן אין יידישקייט. דאָ איז אָבער געשען, אַז דאָס יונגע מיידל, וואָס מען האָט זי געהאָדעוועט אויף דייטש און אין דייטשלאַנד, איז געוואָרן גאָר אַ ציוניסטקע, איינע פון די ערשטע וואָס האָבן אין ווילנע געגרינדעט דעם פאַרבאַנד „בנות ציון"; זי האָט ביים טאַטן אין שטוב צעבראָכן די טריפע געפעס און גענומען ציען אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג. איין זאַך איז ביי איר געבליבן פון דער השכלה — אַ טיפע שינאה צו יידיש. חתונה געהאַט מיט דעם באַקאַנטן אַגראָנאָם איינהאָרן, האָט זי אים אָבער באַלד פאַרלאָזן און זיך גענומען צו פּעדאַגאָגיק. אין 1902 איז זי געוואָרן די פאַרוואַלטערן פון דער נייער שול פאַר מיידלעך, וואָס עס האָט געגרינדעט אין גאַל־טע אַ צווייטע אינטערעסאַנטע פרוי, טערעזע מאַרגאָליס. אַ צאַנדאָקטאָרין לויט דער פּראָפעסיע, אַ פרוי פון אַ דערפאָלגרייכן דאָקטאָר, האָט זי מיט אָן אַ שיעור ענערגיע און עקשנות געקראָגן אַ דערלויבעניש צו גרינדן אַ קליינע צווייקלאַסיקע שול פאַר מיידלעך. האָט אויסגעפעלט געלט צו בויען די שול ווי זי האָט געוואָלט, האָט זי אָנגעשפּאַרט אַזש קיין פּעטערבורג צו דער חברה „מפיצי השכלה", אַזש קיין פּאַריז צו דער יק"א, — און אויסגעבויט אַ שול אַ צאַצקע! די איינציקע געביידע אין שטעטל מיט וואַסער־טוילעטס. וויפיל זי האָט באַרויבט דעם מאַן און דורך אים אַרויסגעקראָגן ביי אַלע רייכע נישט יידישע פּריצים — דאָס האָט קיינער קיין מאָל קיין חשבון נישט געמאַכט. אַ שטעטל נישט קיין ברוקירטס, נאָך יעדער רעגן — טיפע אוקראַאינער בלאָטעס פון דער פעטער שוואַרצערד (טשערנאָזעם), — און אין שול קיין מאָל קיין שפּרינקעלע. די שול איז געווען אַ צוויי־קלאַסיקע נאָר אויף דעם שילד. אין דער אמתן איז עס געווען אַ זעקסקלאַסיקע מיט זייער אַ הויכער פּראָגראַם. זענען געווען צוויי פאַרשיידענע שעהן־פּלענער — איינער אויף דער וואַנט פאַרן אינספּעקטאָר און אַ צווייטער — אין טישקעסטל — פאַר די לערער ווען דער אינספּעקטאָר איז נישטאָ. האָבן די קלאַסן געהאַט פאַרשיידענע נעמען. פלעגט אַן אינספּעקטאָר אַריינקומען אין קלאַס וואָס איז כלומרשט געווען אַ „צווייטער", פלעגט ער זיך וווּנדערן: פון וואַנען ווייסן די קינ־דער אַזוי פיל?... יידישע לימודים האָבן פאַרנומען אַ סך מער צייט ווי אין דעם אָפּי־ציעלן שעהן־פּלאַן. איין לערער, געקומען פון ארץ ישראל, האָט נישט געהאַט קיין לערער־דיפּלאָם, האָט ער נישט פיגורירט לגמרי. פלעגט ער לערנען נאָר אין אונ־טערשטן גאָרן. און אַז דער אינספּעקטאָר פלעגט אריין דורך דער טיר, פלעגט דער לערער אַרויסשפּרינגען דורך אַ פענצטער. איך האָב דעם לימוד פון נאַטור־וויסנ־שאַפט (פלעגט אַרומנעמען באָטאַניק, זאָאָלאָגיע, פיזיק און כעמיע) אין איין קלאַס געלערנט אין העברעיש (אפשר דער ערשטער אין גאַנץ רוסלאַנד), און אַז אין טיר האָבן זיך איין מאָל באַוויזן די גאָלדענע קנעפּ פון אינספּעקטאָר, האָט די אויסגערופענע מיידל גלייך געענדיקט דעם זאַץ אין רוסיש. כשר... אָ, יענע כשרע יידישע קינדער! מיר האָבן קיין מורא נישט געהאַט זיי צו מאַכן פאַר שות־פים אין אונדזער ליגן פאַר דער רעגירונג...

צווישן די ערשטע לערער אין אָט דער שול, געבויט און געפירט מיט אויפריכ־טיקער טרייקייט פון באַגאַבטע פרויען זענען געווען: יוסף און שרה אזערקאָוו־סקי — שפעטער אין ארץ ישראל אָנפירער פון דאָרטיקער שול־וועזן עזר־יהו; דר׳ גליקסאָנס פרוי מרים — שפעטער רעדאַקטאָר פון „הארץ" אין תל־אביב; דוד זשוכאָוויצקי — שפעטער דוד זכאי, רעדאַקטאָר פון „דבר"; דר׳ חיה בערנסאָן — שפעטער דירעקטאָרין פון דעם ערשטן יידישן לערער־סעמינאַר אין קיעוו, ח. ש. קאַזשדאַן און אַנדערע. אַלץ איז געווען געשטעלט גרונטיק. האַנט־אַרבעט — מוסטערהאַפט. פון אַ נאָז־טיכל אין ערשטן קלאַס ביז צושניידן און אויפנייען אַ קלייד אין זעקסטן. און נאָך דעם לעצטן עקזאַמען פלעגן מאַמעס טראָגן אַהיים אַ גאַנצן אויסשטייער פון דער געענדיקטער טאָכטער...

לויט דעם לערער־באַשטאַנד און לויט דער אַלגעמיינער שטימונג איז די שול געווען דאָס וואָס מען וואָלט איצט גערופן אַ העברעיסטישע, אָבער דאָ האָט מען נאָך אין יאָר 1906 אַריינגעפירט יידיש ווי אַ לימוד, אין די עלטערע דריי קלאַסן. און דער ערשטער לערער פון יידיש איז געווען טאַקע דער זעלביקער דוד זכאי, זאָל זיך אים גרינג שלוקערצן, דעם ליבן יידן. איך בין זיכער אַז קיינער וועט אין מדינת ישראל אים נישט אויפוואַרפן זיין „חטאת נעורים" מיט יידיש. האָט דאָך אַ רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צייטונג פאַרנומען דאָס אָרט פון דערציִונגס דירעקטאָר (דר׳ יוסף לוריע); האָט דאָך דער היינטיקער בילדונגס מיניסטער — צו לענגערע יאָר — צוזאַמען מיט אונדז געאַרבעט אויף יידיש אין קיעוו... ווי גוט איז ווען מען מישט נישט קיין פּעדאַגאָגיק מיט פּאָליטיק!

ערשט דאָ האָב איך דערפילט דעם אמתן טעם פון לערעריי; ערשט דאָ בין איך באמת געוואָרן אַ לערער. יעדער טאָג, יעדער לעקציע האָט מען געפילט, אַז מען טוט עפּעס אויף, אַז עס וואַקסט, אַז עס ווירקט, אַז דו אַליין וואַקסט אויס מיט יעדער לעקציע, אַז עפּעס ווי די שכינה שוועבט און בינדט דיך צונויף מיט די קינדער.

אָ, יענע גוטע תלמידות! זיי פלעגן אָפט בגנבה אַריינלייגן אַ צוקערל אין לערערס מאַנטל וואָס הענגט אין פּאַדער־צימער; ווען קיינער זעט נישט פלעגן זיי אַ כאַפּ טאָן דעם לערערס פאַרבלאָטיקטע קאַלאָשן און זיי אָפּוואַשן... און ווי מען פלעגט זיך מיט מיר קריגן אַז איך פאַרגיב ווייניק אַרבעט אַהיים, מען וויל קענען מער. און וויפיל פון זיי זענען געווען בריות זיך צו פאַרהערן מיט דעם לערער אין שטעכווערטלעך און וויצן! און אַרויסשיקן אַ דעלעגאַציע פון טאַטעס, מען זאָל מיט זיי לערנען גמרא און רש"י! פאַרוואָס נישט? וועט מען לערנען נאָך אַ שעה!... ווער האָט דאָ געדאַרפט האָבן מיינונגען און עקזאַמענס? האָט מען דאָס טאַקע מיט רעכט געהאַלטן פאַר אַ באַליידיקונג פאַר דעם לערער און פאַר די קינדער. גוואַלד, וויפל „לשמה" עס איז געווען! וויפל פרייד פון וויסן ביי די קינדער און שמחת יצירה ביי די לערערס!... מיר האָבן נישט געהאַט קיין אָנגע־

וואָרפענע פּראָגראַמען, מען האָט אַליין געשאַפן און געזוכט די וועגן ווי אַזוי דאָס דורכצופירן און מיט ליבע, און מיט גלויבן! גאַנצע אָוונטן און האַלבע נעכט פלעג אָפּזיצן אין לאַבאָראַטאָריע גרייטנדיק מיינע דעמאָנסטראַטיווע לעקציעס פון נאַטור־לימוד. איך פלעג זיי פירן אויף דער עסטראַדע פון גרויסן זאַל אויף צוויי לאַנגע טישן אָנגעשטעלט מיט מכשירים, וואָס מען האָט טאַקע אַליין אויך צוגעטראַכט און געמאַכט. און ווי גליקלעך מען איז געווען ווען אַלע כסדרדיקע עקספּערימענטן פלעגן זיך איינגעבן אין דער לאָגישער קייט — פון איין ברעג טיש ביז צו דעם צווייטן. עקספּערימענטן אינדוקטיווע, און דעדוקטיווע, די הנחות און די מסקנות באַשטעטיקט דורך עקספּערימענטן.. וואָסער לערער מאַכט עס איצט אַ וועזן פון אַזוינע זאַכן?

איך דערמאָן זיך: נאָך איינער אַזאַ לעקציע, איך האָב נאָך נישט באַוויזן אויסצוטאָן דעם כאַלאַט, וואָס טאַקע די קינדער האָבן מיר געמאַכט אַ מתנה, זענען צוגעלאָפן צו מיר אַ גרופּע מיידלעך מיט פאַרויטלטע פּנימער: „אוי, לערער, איר קענט דאָך זיין אַ קונצן־מאַכער"... און איך, גזלן, האָב נאָך אויף זיי אָנגעשריען: איך וויל אייך אויסלערנען דענקען לאָגיש און געבונדן, און איר מאַכט גאָר פון די עקספּערימענטן קונצן... און ביינאַכט פלעגט מען מיט פאַרגעניגן שרייבן פּעדאַ־גאָגישע בריוו צו קאָנשטאַמען... יאָרן האָב איך אונדזער קאָרעספּאָנדענץ אָפּגעהיט, זי איז געבליבן אין דעם פּעדאַגאָגישן מוזיי וואָס מיר האָבן מיט יאָרן שפּעטער געגרינדעט אין קיעוו ביי דער קולטור־ליגע, און... בעסער נישט פרעגן.

די קינדער האָבן גוט געקענט העברעיש. אַ סך פון זיי זענען שפּעטער אַוועק קיין ארץ ישראל.

אַ שטעטל אַ גרויס, אייגנטלעך דריי שטעט צוזאַמען אָפּגעטיילט מיט צוויי טייכן אויף אַ „דאָרף" גאַלטע מיט פערציק טויזנט איינוווינער, אַ שטעטל באַגאַ־פּאָל גלייך איבער׳ן טייך — אַ טיפּיש אוקראַיניש שטעטל מיט גאַנץ היפּשע בלאָטעס נאָך יעדער רעגן. און איבער דעם צווייטן טייך — אַ „שטאָט" אַלוויאָ־פּאָל מיט אַ מערהייט גויים, אָבער מיט אַ רעזידענץ פון אַ חסידישן רבין (פון די טווערסקים). און אַז אַ האָן פלעגט אַ קריי טאָן אויף אַ בריק אויף דער גרעניץ צווישן די ישובים האָט מען אים געהערט אין דריי גובערניעס. נאָך דער רעוואָלו־ציע האָט מען די דריי ישובים פאַראייניקט מיט דעם נאָמען „פּיערוואָמייסק". דערווייל אָבער איז גאָלטע געווען דער הויפּט־צענטער — הגם אָפיציעל אַ דאָרף. דאָ איז געווען די באַן, די בענק, די שולן. שלום עליכם האָט דעם ישוב פאַראיי־ביקט אין זיין דערציילונג „הונדערט און איינס". אין באַגאָפּאָל איז אָבער געווען אַ גוט אָרגאַניזירטע תלמוד תורה. אין אַלוויאָפּאָל זענען געווען ווייניק יידן. דערפאַר האָט די „שטאָט" פאַרנומען אַ קליינעם אָרט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס איז דאָרטן געווען אַ קליין־באַן, וואָס יידן פלעגן רופן „דער לײדיק־גייער". שלום עליכם האָט די באַן פאַראייביקט אין זיין דערציילונג „אַ נס פון הושענא

רבה". די יידן — אוקראַינער — זענען געווען אַנדערש פון אונדזערע ליטוואַקעס. מונטערער, פרייִלעכער, געזיִנטער, האָבן ליב געהאַט אָפּצועסן נישט בלויז כדי צו בענטשן און אָפט האָט מען דאָס בענטשן פאַרגעסן אויך. דאָ האָב איך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן א יידן וואָס האָט נישט געקאָנט קיין אלף בית. אַ צווייטער ייד וואָס איז צופעליק אַריין צו מיר און געזען אויף דער וואַנט אַ בילד פון ביאַליקן, פרעגט ווער דאָס איז.

— דאָס איז ביאַליק, — ענטפער איך.

— אָ, דער רייכער בעקער פון אָדעס! (געווען אַזאַ איינער, מסתמא דאָרטן)...

דעם ערשטן שבת ווען איך האָב זיך אַריינגעקליבן אין אַ צימער, האָט מיך שטאַרק איבערראַשט דאָס הילכיקע לאַכן פון מיידלעך, וואָס זענען געקומען צו גאַסט צו דער באַלעבאָסטע (אפשר גאָר זיך באַקענען מיט דעם נייעם שכן): איך האָב אַזאַ הילכיק, זאָרגלאָז לאַכן ביי אונדז אין דער ליטע קיין מאָל נישט געהערט. דער זוניקער וואַרעמער קלימאַט, דער טיפער ברייטער האָריזאָנט איבער די אינסופיקע סטעפּעס, די רייכע, זאַטע שפע האָט געווירקט זייער שטאַרק אויף די יידן.

אַ דאַנק די צוויי יידישע שולן (די מאַרגאָליסעס מיידל־שול אין גאָלטע און די תלמוד תורה אין באַגאָפּאָל) זענען אַלע מאָל אין שטעטל געווען אַ שפּאָר ביסל יידישע אינטעליגענטן. אין מיין צייט זענען עס געווען ח. ש. קאַזדאַן; יחזקאל העלן (שפּעטער אין ארץ־ישראל שול אינספּעקטאָר און לערער פון העברעי־ שער ליטעראַטור אין לערער סעמינאַר א"נ פון אלחנן לעווינסקי), דער ניסתר, דר' חיה בערנסאָן און אַנדערע. אין אַ קליינעם אָרט, פלעגט מען זיך טרעפן זייער אָפט. דער קלוב איז געווען די הויז פון דעם דר' י.ל. מאַרגאָליס, ווו מען פלעגט אַלע פרייטיק־צו־נאַכט עסן געפילטע פיש. מען פלעגט אָבער קיין מאָל נישט וואַרטן ביז פרייטיק־צו־נאַכט. אַ בריה אויף דיסקוסיעס איז געווען דער נסתר, הגם ער פלעגט קיין מאָל נישט דערמאָנען וועגן זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. חאַצקל העלן ע"ה איז געווען דער „חסיד שבחבורה" — מיט טיפן גלויבן און מיט היץ, און מיט פרייִלעכן וויץ. די בעסטע פאַרוויילונג ביחידות און בחבורתא, איז אַלעמאָל געווען מיט אַ שיפל איבער די צוויי טייכן. נישט איין מאָל פלעגן מיר אָפּיציעלע שול פּייערונגען פאַרברענגען אויף שיפלעך ערגעץ אויף דעם „אָסטראָוו" (אינדזל אין מיטן דעם טייך בוג).

דעם אמת געזאָגט, בין איך ערשט אין די פיר יאָר אין גאָלטע געוואָרן אַ לערער. דאָ אין דער שול און אַרום דער שול איז געווען מיין אמתער אוניווערסי־ טעט און מיין פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט. מיר האָבן אַ סך געאַרבעט, אָבער אַ סך גענאָסן פון דער אַרבעט.

איך פלעג ליב האָבן ווי חיה לאַזאַראָווגא פלעגט מיר צערייבן מיינע „פּראַק־ טיקע" לעקציעס אויף אַש און שטויב. זי פלעגט אָפט זיצן אויף מיינע לעקציעס,

הגם זי פלעגט קיינעם נישט דערלויבן אריינצוגיין צו איר. נאָך דער לעקציע, איך פלעג זיין צופרידן: אַ גוטע לעקציע. און זי מיט איר שאַרפזיניקן פעדאַגאָגישן אַנאַליז (נישט אומזיסט פלעגן מיר זי אונטער די אויגן רופן אַ „רב אין אַ קליידל") פלעגט שפּילנדיק מיט די פינגער, צעטרייבערן די גאַנצע לעקציע און באַווייזן, אַז איך האָב דאָ געמאַכט גרייזן און פעלערן איינעם נאָכן צווייטן... די לאָגיק אַליין פלעגט זיין אַזוי שיין. אַ זעלטענע פעדאַגאָגין געווען!

דאָ האָבן זיך אויך אויסגעקריסטאַליזירט מיינע אידעאָלאָגישע איבערצייגונגען. פון אַ פאַרברענטן העברעיסט ווי איך בין געקומען אַהין בין איך געוואָרן אַ מעסיקער יידישיסט, אַן „אינטעגראַליסט", ווי מען וואָלט עס איצט גערופן. עס האָבן מיך געבראַכט דערצו מיינע תּלמידות. עס איז כדאַי וועגן דעם צו דערציילן.

איך פלעג פּריוואַטיק פאַרלייענען פאַר מיין קלאַס עפּעס אַ דערציילונג פון דער העברעישער ליטעראַטור פאַר קינדער. די קינדער פלעגן עס אויפנעמען זייער גערן, אָבער קיין דויערנדיקע השפּעה האָב איך נישט באַמערקט. עס פלעגט מיר פאַרדריסן, פאַרוואָס די מעשׂיות וואָס דער רבי פלעגט אין חדר דערציילן שבת נאָכן שלאָף פלעגן אויף אונדז לאָזן אַ דויערדיקע השפּעה און מיינע דערציילונגען, וואָס זענען זיכער קינסטלערישער פון דעם רבים מעשׂיות, גייען פאַרביי און לאָזן נישט קיין שפּור. איך האָב אויך נישט געקאָנט דערלאָזן קיין געדאַנק, אַז דער רבי איז אַ בעסערער דערציילער פון מיר... איין מאָל האָב איך פאַר די קינדער געבראַכט אַ חסידישע פאָלקס־מעשׂה'לע „השר מקוצי" געשריבן מיט אַ פאַריידישטן העברעיש מיט אַ סך יידישע ווערטער. ווען איך האָב אָנגעהויבן לייענען האָבן קינדער געלאַכט פון דעם העברעיש. קיין מאָמענטאַלן אויפברויז פון באַגייסטערונג האָב איך בכלל נישט געקאָנט באַמערקן. אָבער זונטיק האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט, אַז מען האָט די מעשׂה דערציילט אין דער היים און אַז אין די הײמען האָט מען געהערט ענלעכע מעשׂיות... דאָס ערשטע מאָל האָט זיך געשאַפן אַ קאָנטאַקט מיט דער קולטור פון די הײמען! איך האָב זיך איבערצייגט אין דעם כּוח פון פאָלקסטימלעכקייט! מיר האָבן איינגעפירט אַז איין מאָל אין וואָך דערציילן קינדער פאָלקס־מעשׂיות, וואָס זיי דאַרפן ברענגען פון די הײמען. זיי איז עס געווען שווער צו מאַכן אין העברעיש, האָבן זיי געבעטן אַ דערלויבעניש צו דערציילן אין יידיש. איך האָב דערלויבט און ביסלעכווייז איז מען דערגאַנגען צו אַ טיפער פעדאַגאָגישער איבערצייגונג. מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט קאָנשטאַמען אין די יאָרן איז געווען אַ גרויסע און אַ שאַרפע: ער איז כּסדר געוואָרן מער העברעיסטיש געשטימט און איך — פאַרקערט, און איטלעכער פון אונדז האָט געוואָלט ווירקן אויף דעם צווייטן. און געווען איז עס די צייט פון דעם שאַרפן „שפּראַכן־קאַמף" ביי יידן ערבֿ דער ערשטער וועלט־מלחמה. קען זיין אַז עס האָט אויף מיר געהאַט אַן אומדירעקטע השפּעה אויך דער ניסתּר, וואָס פלעגט כּמעט אַלע אָוונט זיצן ביי מיר, שטאַרק רויכערן און האַלטן אין איין אַריינטענהן. אין אָנהייב פון דעם שול־יאָר 1914, ווען קאַזשדאַן איז

צוליב משפּחה־סיבות מער נישט געקומען אין גאַלטע, איז דער לימוד פון יידישער ליטעראַטור אויך אַריבער צו מיר. איטלעכער לערער האָט געאַרבעט לויט זיין געוויסן און גלויבן. קיין זייטיקע פאַקטאָרן, קיינער פון דער שול־פאַרוואַלטונג, האָט זיך אין דעם לערנען נישט געמישט — זיי זענען דאָך נישט קיין פאַכ־מענער!... ווי ווייט עס קלינגט איצט אין די היגע, אַמעריקאַנער באַדינגונגען!... און דערפאַר איז טאַקע יעדער לערער געווען אַ לערער און קיין מאָל נישט קיין „אָנגעשטעלטער ביי די גבאים" וואָס באַמיט זיך אויסצופיינען פאַר עמיצן. די פּעדאַגאָגישע השגחה איבער דער אַרבעט פון די לערער איז געלעגן אין די הענט פון די שול־אינספּעקטאָרן וואָס די „חברה מפיצי השכלה" פון פּעטערבורג פלעגט שיקן. צו אונדז פלעגט גאַנץ אָפט קומען חיים פיאַלקאָוו (אַ פעטער פון די וויצמאַנס). ער איז געווען אַ טיף דענקענדיקער און אויפריכטיקער מענטש; פלעגט נישט שאַנעווען קיין לערער פאַר אָפּגעלאָזנקייט. די לערער פלעגן מורא האָבן אָבער אויך דרך ארץ האָבן פאַר אים. אָפטער פלעגט קומען צו אונדז קיין גאַל־טע יחזקאל קאַנטאָר (שפּעטער ביי די קאָמוניסטן — גענעראַל דאַווידאָוו). פון אים האָט מען ווייניקער געהאַלטן. איך האָב געהאַט מיט אים צו זינגען און צו זאָגן פאַר מיין לערנען נאַטור־לימוד אויף העברעיש ער האָט אָבער נישט אויס־געפירט.

ערב דער מלחמה איז אין פּעטערבורג פאָרגעקומען אַ גרויסער צוזאַמענפאָר פון לערערס פון גאַנץ רוסלאַנד, אונטער דעם פאָרזיץ פון סענאַטאָר מאַמאָנטאָוו. אויף דעם צוזאַמענפאָר איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע פאַר שולן אויף דער „נאַטירלעכער שפּראַך" פון די קינדער פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דער היציקער שפּראַכן־קאַמף ביי יידן האָט זיך אָפּגעשפּילט אויך אויף אָט דעם צוזאַמענפאָר: געווען עטלעכע העברעיסטן וואָס האָבן בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז יידיש זאָל אָנערקענט ווערן ווי די נאַטירלעכע שפּראַך פון יידישע קינדער. די רעזאָלוציע איז שפּעטער געוואָרן אַ געזעץ, באַקאַנט אונטערן נאָמען „געזעץ פון ערשטן יולי". אין אָנהייב פון דעם לערניאָר 1914 האָבן מיר פון דער גאַלטער שול געשיקט אַן אָפיציעלן בריוו צו דעם דירעקטאָר פון פאָלק־שולן פון אָדעסער קרייז, וואָס צו אים האָט אונדזער שול געהערט, אַז אויפן סמך פון דעם נייעם געזעץ גייט אונדזער שול אַריבער צו לערנען די אַלגעמיינע לימודים אויף יידיש. אין עטלעכע טעג אַרום איז דער דירעקטאָר געווען ביי אונדז אין שול און אונדז געמאָלדן, אַז דאָס געזעץ איז טאַקע אַ געזעץ, נאָר מער נישט וואָס צו יידן האָט עס נישט קיין שייכות; ווייל יידן זענען נישט קיין נאַציאָנאַלע מינדערהייט (קיין אַנדערשגעבאָרענע „אינאָרדצי", אין דער אָפיציעלער רוסישער שפּראַך)... אויף אונדזער דערשטוינונג האָט ער דערקלערט: טאַקע בנוגע צו רעכט בכלל זענען יידן אויסגעטיילט, אָבער עס רעכנט זיך נישט אַז יידן זאָלן האָבן זייער באַזונדערע שפּראַך. והא ראיה: אָט קומט צו אונדז אין אָדעס, וועט איר זען אַז אַלע יידן ריידן רוסיש, אַפילו אויף דער „פּערעסיפּ" (אַן אָרעמע

פאַרשטאַט). קעגן אַזאַ אַרגומענט האָבן מיר שוין נישט געהאַט וואָס צו ענט־
פערן... אין אונדזער אַרבעט אָבער האָבן מיר זיך נישט שטאַרק גערעכנט מיט דעם
וואָס מען דערלויבט אונדז און וואָס מען פאַרבאָט... אין די שולן זענען מיר —
די לערער — געווען די באַלעבאַטים. איך שרייב „שולן” ווייל אָט אַזוינע שולן
זענען געווען אין אַלע גרעסערע שטעט. מיר זענען געווען באַקאַנט מיט עטלעכע
פּראַקטיקע יידישע שולן אין יעלאַסאַוועטגראַד, אין אָדעס, אין ניקאָלייעוו, אין
אומאַן און נאָך. אין אָט די שולן איז עס דאָך געווען נישט גרינג איבערצובייטן
די לימודים־שפּראַך צוליב טראַדיציעס, צוליב דעם וואָס נישט אַלע לערער זענען
געווען גרייט עס צו טאָן, וכדומה.

אין סוף פון דעם יאָר האָב איך פאַרעפנטלעכט אַן אָנאָנס אין דעם רוסישן
זשורנאַל פון דער חברה מפיצי השכלה, אַז אַ געניטער לערער זוכט אַרבעט אין
אַ שול וווּ מען לערנט אַלע לימודים אין יידיש. עס האָט זיך אָפּגערופן איין שול
— אַ מיידל־שול פון זשיטאָמיר. אויך דאָרטן האָט מען די אַלגעמיינע לימודים
נישט געלערנט אין יידיש. די איינציקע מעלה וואָס די פּאַרוואַלטערין קויפמאַן
האָט מיר אָנגעוויזן, איז געווען אַז מען לערנט ביי זיי נישט קיין העברעיש...
איך האָב געענטפערט, אַז נישט העברעיש איז נאָך ווייט נישט יאָ יידיש... און
געבליבן ווידער אין גאַלטע. אין דעם יאָר 1914 איז געווען בלויז איין שול וווּ
מען האָט אַלע לימודים געלערנט אין יידיש. דאָס איז געווען די אומלעגאַלע
שול אין דעמיעווקע (אַ פאַרשטאָט פון קיעוו) יענע שול האָט געגרינדעט אַ יונגער
בחור ברוך שוואַרצמאַן אין הייזער פון זיין פאָטער. לויט זיין בילדונג איז
שוואַרצמאַן געווען אַ געענדיקטער פון קאָמערץ־אינסטיטוט, אָבער לויט דער
נאַטור איז ער געווען אַ געבענטשטער דערציער. מיר זענען שפּעטער אין קיעוו
געווען שטאַרק באַפריינדעט. אחוץ אים האָבן אין דער שול געאַרבעט שמעון
דאָבין, מיכל לעוויטאַן און לייב בראָווארניק. די לעצטע צוויי זענען שפּעטער
געווען הייסע קאָמוניסטן. מיכל לעוויטאַן האָט אפילו באַצאָלט מיט זיין לעבן.
אָבער דעמאָלט — פאַר דער רעוואָלוציע זענען זיי אַלע געווען י. ס. (סערפּ). די
שול האָט געשטיצט מאַטעריעל יהודה נאַוואַקאַווסקי (ירמיה). אַ גאַנצער דור
געווען! קיין אַנדערע אָרגאַניזירטע שולן פון דעם מין זענען מיר נישט געווען
באַקאַנט. דער אויפשוווּנג פון די יידישע שולן מיט אַלע לימודים אין יידיש איז
געקומען גאָר פון אַ צווייטן ווינקל. מעז יצא מתוק... מיט אַ יאָר שפּעטער האָט זיך
אָנגעהויבן דער צושטראָם פון די היימלאָזע יידן וואָס דער צורר ניקאָליי ניקאָ־
לייעוויטש, דער שלימזלדיקער הויפּט קאָמאַנדיר פון די רוסישע אַרמייען האָט
אַרויסגעטריבן פון די מלחמה־געביטן. פאַר זיי זענען דעמאָלט געעפנט געוואָרן
די אינעווייניקסטע רוסישע גובערניעס אויסערן יידישן תחום. און פאַר זיי האָבן
די יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס געעפנט שולן אין די נייע מקומות. זיי זענען
כמעט אַלע געווען אין יידיש. מען דאַרף צוגעבן, אַז די גרעסטע טייל מיטלען
זענען געקומען פון אַן אָפיציעל־רוסישן הילפסקאָמיטעט אויפן נאָמען פון דעם
קייסערס טאָכטער טאַטיאַנע. די אַלטע שולן זענען אַריבער אויף יידיש ערשט

נאָך דער רעוואָלוציע. איך האָב אזא יידיש־יידישע שול באזוכט צוויי מאָל אין דער שטאָט יאראסלאוול אויף דער וואָלגע. דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען אין אָנהייב 1916. א קליינע צאָל היימלאָזע ליטווישע יידן האָבן זיך געהאַלטן ביי דער שול, האָבן אפילו נישט גוט געקאָנט ארויסריידן די מאָדנע נעמען פון די גאסן „קיסעליוכא מאלאיא" וכדומה. דאָס צווייטע מאָל איז עס געווען פסח 1917 גלייך פון פעטראָגראדער פאראדנער לוויה פון די רעוואָלוציע־קרבנות. די שטאָט יאראסלאָוו איז שוין געווען פול מיט יידן. דער אַרבעטער און סאָלדאטן ראט איז אָנגעפירט געוואָרן פון יידן; יידישע פּארטייען האָבן געטומלט אויף די גאסן, און א קאוונער יידישער דאָקטאָר איז שיר נישט געוואָרן דער ערשטער רעוואָלוציאָנער גובערנאטאָר...

אז אין די שולן פאר די היימלאָזע קינדער דארף מען אַלץ לערנען אין יידיש האָבן אויך מסכים געווען די העברעיסטן. איך בין איין מאָל אראָפּגעקומען צו קאָנשטאַמען אין כארקאָוו א זייגער דריי ביינאַכט און געפונען א באראטונג פון לערער מיט קאָנשטאמען און מיט פיאלקאָוון — מען שטעלט צונויף א טערמינאָלאָגיע פאר אריטמעטיק אין יידיש, — און קאָנשטאַם איז שוין דעמאָלט געווען אַן אויסגעשפּראָכענער העברעיסט.

און אין גאָלטע זענען געווען היימלאָזע. די קינדער זענען איינגעאָרדנט געוואָרן, די מיידלעך אין אונדזער שול, ווענן די ייִנגלעך איז אָבער געוואָרן א מחלוקת. געווען אין באַגאַפאָל א ייד א פיינער באַלעבאָס ר׳ פיניע ראַפּאַפּאָרט, א ייד א חשוב, א בו״ר ביי דין תורות, ביי יידן ווי ביי גויים, א אַנזאָגער מען זאָל פּרייטיק פארנאַכט פארמאַכן די קראָמען, א ייד מיט א סיום הש״ס וכדומה (דער שווער פון דעם העברעישן זשורנאַליסט י. קלינאָוו). האָט ער געהאַט זיין פּריוואַטע תלמוד תורה, וואָס ער פלעגט אויסהאַלטן אַליין נישט חלילה פאַר זיין זון. אַן אַלטמאָדישער קליינער חדר. האָט ער געוואָלט די היימלאָזע ייִנגלעך זאָל מען שיקן צו אים אין תלמוד תורה. האָב איך געזאָגט, אז דאָס וואָלט געווען פּאַסיק בלויז ווען ר׳ פּיניע זאָל אויך זיין זון שיקן אין דער זעלביקער ת״ת.

אז ר׳ פּיניע האָט דערהערט אזא מין באַליידיקונג האָט ער גענומען זיין שטעקן מיט דער זילבערנער גאַלקע און זיך געלאָזט צו דער טיר... א סקאַנדאַל, באַליידיקט א שיינעם יידן... אָבער אויסגעפירט האָבן מיר, די יונגע... פאָרט זענען מיר געווען די איינגייער ביי די היימלאָזע, מיר פלעגן זיי ברענגען זייער וועכנטלעכע שטיצע און מיר פלעגן זיי פאַרבינדן מיט דעם איינגעזעסענעם ישוב. פאַרשטייט זיך, אז זיי פלעגן אונדז גיכער פאָלגן.

עס איז אָבער געוואָרן אומעטיקער אין גאָלטע. דער קרייז איז קלענער געוואָרן מען איז זיך צעפאָרן, די שול־געביידע איז צוגענומען געוואָרן פאר א מיליטערישן שפּיטאָל, מען האָט געדאַרפט דינגען א דירה. עס האָט זיך געוואָלט אין א גרעסערן צענטער אריין. אין פרילינג 1916 האָט קאָנשטאַם מיר געשריבן

אַז ער דאַרף מיך האָבן אין כאַרקאָוו, אין אַ שול פאַר הײמלאָזע קינדער, וואָס מען קען זײ נישט לאָזן פרײ אויף די זומער־וואַקאַציעס, ווײל זײערע הײמען און זײער באַשפּײזונג איז נישט באַפרידיקט.

איך דערמאָן זיך די היסטערישע יללה וואָס מײנע תלמידות האָבן אויפגע־הויבן אויף דער לעצטער לעקציע אין גאַלטע, ווען איך האָב זײ געמאָלדן, אַז איך פאָר אַוועק. מען איז זיך צונויפגעלאָפן פון אַלע קלאַסן... דעם גאַנצן זומער פלעג איך בפירוש יעדן טאָג באַקומען בריוו פון דער שול. ווען איך בין אין עטלע־כע טעג אַרום אַרײן דאָס ערשטע מאָל אין מײן נײעם קלאַס, אין כאַרקאָוו, האָב איך די ערשטע מינוטן נישט געקאָנט קוקן די קינדער אין די אויגן: פרעמדע זענען זײ דאָך, און „מײנע אײגענע״ קינדער האָב איך דאָך פאַרראַטן... אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט זײער אַ וויכטיקער קאַפּיטל אין מײן לעבן, אַ פּעריאָד וואָס ער האָט אײגנטלעך באַשטימט מײן ווײטערדיקן וועג.

איך דערמאָן זיך צענדליקער יידישע לערער פון יענע צײטן וואָס זײנען אין דער אַרבעט, מיט דער אַרבעט, אויסגעוואַקסן ווײט־ווײט איבער דעם ניוואָ. עטלעכע פון זײ זײנען שפּעטער געוואָרן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָרן, באַשר נישט אַלע האָבן געוואָלט אָננעמען דעם כבוד פון די נײע באַלעבאַטים אין רוסלאַנד.

איך פרעג זיך אָפּט פאַרוואָס עס איז נישטאָ אַזאַ מזל־ברכה אין די יידישע שולן אין אַמעריקע?... איך האָב אויך דעם ענטפער, אָבער ער האָט נישט קײן שײכות צו דעם אַרטיקל.

די גאַלטער מײדל־שול פון ט. ג. מאַרגאָלים, האָט זיך תמיד גערעכנט פאַר אַ מוסטער־שול. ווי אַזאַ איז זי אָנגעגעבן אין דער יידישער ענציקלאָפּעדיע אויף רוסיש (1909), ווי אַזאַ איז זי געווען פאַררעכנט אין דער חברה מפיצי השכלה. עס איז געווען אַ יחוס צו זײן אַ לערער פון גאַלטע. אָבער דאָך איז די שול געווען נישט קײן אײנציקע פון דעם מין און פון דער ניוואָ. איך האָב שוין פריער אָנגערופן עטלעכע אַנדערע מײדלשולן. זײ זענען געשטאַנען נישט אין פאַרגלײך העכער פאַר די געזעלשאַפטלעכע תלמוד תורות פאַר ייִנגלעך, און פאַרשטײט זיך, מײלנווײט פון די אַלטע מלוכישע שולן פאַר יידישע קינדער. דאָ איז געווען דער וואַרשטאַט פון יידישן פּעדאַגאָגישן געדאַנק; דאָ האָבן געווירקט פרויען־לערערינס וואָס האָבן אַרײנגעבראַכט אַהין דעם פּראָגרעסיוון גײסט און וויסן, וואָס זײ האָבן געבראַכט פון די פאַרשײדענע העכערע קורסן, ווי בעסטוזשעוו, ווי לעסגאַפט און אַנדערע. דער מענער־עלעמענט פון דער לערערשאַפט, וואָס האָט נישט געהאַט אַזאַ מין העכערע בילדונג, האָט אָבער פאַרמאָגט אַ סך יידיש וויסן, דעם אומרויקן גײסט צו זוכן און צו שטרעבן צו נײעס, קײן מאָל נישט אָפּשטעלן זיך, צו זײן און צו בלײבן „אַ גײער״. זײ האָבן אויך געהאַט די פעיקײטן פון יידישע ישיבה־לײט, פון עקסטערנס צו לערנען זיך אַלײן, נישט צו דאַרפן האָבן קײן לערער, דאָס איז געווען דער פּיאָנערן־דור פון יידישער דערציונג

אין מזרח־אייראָפּע. און א טייל פון זיי האָט אויפגעבויט דאָס שולוועזן אין ארץ ישראל. איך האָב פּרעזענלעך געקאָנט א גרויסן טייל פון אָט דער לערערשאַפט, פון באַגעגעניש, פון בריוו, פון זומער־קורסן, פון מיין ערשטן באַזוך אין ארץ ישראל אין יאָר 1913, און איך שרייב עס מיט דעם פולן גלויבן, אַז אַזאַ מין זוכנדיקער און שעפערישער דור איז געווען א זעלטנקייט. און א גלויבן אין דער אַרבעט איז געווען! יעדער לערער איז געווען אַן איינס, א מחדש, יעדערער האָט זיך באַמיט אַריינצוטראָגן עפּעס נייעס, עפּעס אייגנס, עפּעס וואָס ער האָט אויסגעפונען אין ביכער, אין ערגעץ ווייס איך פון וואַנען און דאָס איבערגעאַרבעט, צוגעפּאַסט, פאַריידישט און באַמיט זיך דאָס צו פּאָפּולאַריזירן. זעלטן ווער פון אָט די לערער עס האָט געהאַט א דיפּלאָם פון א הויכשול, און שעפעריש איז מען געווען, און גייסטיק הויך איז מען געווען, און א גלויבן האָט מען געהאַט!... אשרי הדור! איך דערמאָן זיך נישט איין מאָל — עפּעס איז געלונגען דורכצופירן א געדאַנק, אַן אַרבעט, א אידעע צו פאַרקערפּערן אין דער אַרבעט... א גליק! דו באַגעגנסט מענטשן, דו רעדסט מיט זיי און אין זיך טראַכסטו: וואָס וויסן זיי פון גליק?... פון גרויסע אויפטוען... פון מיינע שפּאַצירן אויף שיפלעך איבער די גאָלטער טייכן איז שפּעטער אויסגעוואַקסן א קליין ביכל „וואַסער־געוויקסן" א הילפסבוך צו באַטאַנישע עקסקורסיעס אויפן וואַסער וואָס איז געדרוקט געוואָרן שוין אין ווילנע מיט א סך יאָרן שפּעטער... קיין נאָז־טיכל האָב איך נישט אַריבערגעגנבעט איבער דער גרעניץ קיין פּוילן, אָבער דעם מאַנוסקריפּט האָב איך יאָ איינגעהיט. פון מיינע דעמאָנסטראַטיווע לעקציעס אויף נאַטור־לימוד איז שפּעטער אויסגעוואַקסן „פּראַקטישע אַרבעט אויף נאַטור־לימוד" געדרוקט אין וואַרשע. נאָך א ביכל: „עקספּערימענטן מיט אַליין געמאַכטע מכשירים" איז פאַרלאָרן געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך כתב־ידן אין דעם קיעווער „פאָלקס פאַרלאַג". קאַפּיעס? ווער האָט דעמאָלט געוווסט פון שרייב־מאַשינעס און ווער האָט עס גאָר געקאָנט חלומען וועגן אַזאַ רייכקייט? מען איז אָבער געווען זיכער, באמונה שלמה, אַז מען בויט פאַר דורות, אַז מען שאַפט א יידיש דערציִונגס־וועזן, א יידישע שול מיט אַלע געביטן, אויף אַלע מדרגות, נישט עפּעס א פּאָר קנאַפּע שעהן אַריינגעכאַפּט אין א שול וואָס איז יידיש בלויז לויט דעם נאָמען... פאַרוואָס איז דען א יידישער בחור געגאַנגען לערנען אין אַן אוניווערסיטעט ביאָלאָגיע אויב נישט כדי צו קענען אָרגאַניזירן דעם געביט אין יידישע שולן?...

וואָס קענען היינטיקע וואָכנדיקע לערער אין זייער וואָכענדיקער אַרבעט עפּעס פון דעם מין איבערלעבונגען גאָר באַנעמען? נישטאָ דער כסדרדיקער ליכ־טיקער נר תמיד אין האַרצן... פּרעצעס חסידים נאָך דעם ווי דער קאַלטער רב גיט א זאָג: מען דאַרף דאַוונען מנחה („צווישן צוויי בערג")...

און עמיצער א לערער, צי א שול־טוער אַזאַ — אָט פון די, וואָס האָבן קיין מאָל נישט זוכה געווען צו עפּעס העכערערס ווי א ביסעלע כבוד, וועט נאָך

מיט א דריבניטשקע שמייכעלע זאָגן: עט, באָבע מעשיות, אויספיינעריי... גע־בוירענע צו קריכן קענען קיין מאָל נישט פליען (גאָרקי)...

אמאָל ווערט פאַרדראָסיק דער אמאָליקער נאַיווער גלויבן אין דעם דויער פון אונדזער ארבעט און אמאָל פאַרקערט, גיט זיך גאָר א טראַכט: ווי אומעטיק עס וואָלט איצט געווען דאָס לעבן אָן דעם „זכר למיקדש", אָן דעם אָנדענק פון דעם וואָרעמען גלויבן... וויפל זענען מיר, מ'שטיינס געזאָגט, פאַרבליבן פון יענעם באַאיוור־גלויביקן דור, — און פונדעסטוועגן ווילט זיך נאָך אַלץ נישט פאַרלירן דעם גלויבן, די האָפענונג, אז „חדש ימינו כקדם"...

... גאָט וויים וויפל פון מיינע יענע תלמידות עס זענען געבליבן פון גרויסן חורבן. אָט די רחלעך די לאהקעס און די שרהקעס, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געביטן, נישט פאַרגעסן זייערע נעמען, וואָס האָבן געקאָנט אזוי האַרציק לאַכן, אזוי יידיש־אויפריכטיק וויינען. ווער עס לעבט זאָל זיין געבענטשט פון וויטן. פון די דריי נעמען וואָס איך האָב געבראַכט אין קאָפּ, וויים איך אויף קלאָר, אז איינע איז געשטאָרבן איינזאם נאָך דעם ווי מען האָט זי באַזייטיקט פון איר שול. די אנדערע צוויי זענען פאַרלאָרן געוואָרן שוין לאַנג אין דעם חורבן פון יידישער קולטור. יהי זכרן ברוך.

אין אַ זומערשול פֿאַר די אַרויסגעטריבענע קינדער

עס איז באַקאַנט אַז אין דער צייט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער שלימזלדיקער הויפּטפֿירער פֿון די רוסישע אַרמייען, דעם קייסערס פֿעטער ניקאָליי ניקאָלאַיעוויטש, אַרויסגעטריבן די יידן פֿון מלחמה־ראַיאָן, און דאָס אויף זייער אַ גרויזאַמען אופֿן. דאָ האָט ער זיך אָפּגערעכנט פֿאַר אַלע זיינע מפּלות וואָס ער האָט געליטן אויף די פֿראַנטן. אַזוי ווי כמעט דער גאַנצער תּחום (ווו יידן האָבן געמעגט וווינען) איז געווען מלחמה־ראַיאָן, האָט מען פֿאַר די טויזנטער און טויזנטער אַרויסגעטריבענע יידן געמוזט עפֿענען די אינעווייניקסטע גובערניעס פֿון רוסלאַנד. שטילערהייט איז אַזוי אַרום בטל געוואָרן דער גאַנצער ענין מיט יידישע וווינרעכט (פּראַוואָזשיטעלסטוואָ בלע״ז) די רוסישע באַפֿעלקערונג האָט זיך באַצויגן צו די אַרויסגעטריבענע דווקא גאָר ניט שלעכט. אָבער הילף איז געווען דרינגענד נויטיק. די יידישע באַפֿעלקערונג האָט זיך באַצויגן צו די אַרויסגעטריבענע, ממש ברידערלעך. דער יידישער הילפֿס־קאָמיטעט (ר״ת יעקאָפּאַ) האָט געקראָגן אַ טייל פֿון זיינע מיטלען פֿון אַן אַלרוסישן קאָמיטעט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פֿון דעם קייסערס טאָכטער טאַטיאַנאַ. אומעטום ווו עס זיינען געווען אַ גרעסערע צאָל אַזוינע אַרויסגעטריבענע יידן האָט די חברה מפיצי השכלה געעפֿנט שולן (איבערהויפּט טאַקע מיט דער הילף פֿון דעם טאַטיאַ־נאַ־קאָמיטעט). די אַלע שולן אָדער כמעט אַלע זיינען געווען אויף יידיש, ווו דאָס האָט שוין דאָך דערלויבט דער נייער „געזעץ פֿון ערשטן יולי״ וועגן שולן אויף דער „נאַטירלעכער שפּראַך פֿון די קינדער״.

אַזאַ שול איז אויך געווען אין כאַרקאָוו. וועגן שליסן די שול אויף די זומער־וואַקאַציעס האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד: ווו קענען זיך די אָרעמע קינדער אַהינטאָן? און אין שול פֿלעגט מען דאָך אויך געבן עסן. האָט מען אָרגאַניזירט אַז די קינדער זאָלן לערנען אַ פּאָר שעה אין טאָג און אַ פּאָר שעה זאָלן זיי פֿאַרברענגען אויף אַ שפּילפּלאַץ. מיר האָבן באַמערקט אַ מאָדנע דערשיי־נונג: די קינדער האָבן ניט געוואָלט גיין אויפֿן שפּילפּלאַץ, אַנטלעפֿן אַנטלעפֿט־עסן און געלאָפֿן אַהיים. איין מאָל פֿירנדיק די קינדער פֿון שול צום פּלאַץ, האָבן מיר באַגעגנט אַ קינד פֿון אַ יאָר ניין פֿון אונדזער שול, וואָס האָט געטראָגן אויף די פּלייצעס אַ זאַק. ער קען ניט גיין זיך שפּילן, ער דאַרף העלפֿן אין שטוב... מיר האָבן דעמאָלט איבערגעמאַכט די גאַנצע פּראָגראַם פֿון פּלאַץ. אַריינגעפֿירט וועש וואַשן, צירעווען זאָקן און פֿאַריכטן בגדים, פֿאַר די יינגלעך — אַ פּרימיטיוון

וואַרשטאַט. שפּיל און פאַרווײַלונג איז דערפירט געוואָרן ביז דעם מינימום, זינגען און הערן ווי דער לערער לייענט פאַר עפּעס אַ דערציילונג איז דאָך געווען בעסער פון יעדער שפּיל. „מען פאַרלירט נאָר די צייט אומזיסט... אַט די קליינע ייִדעלעך האָבן שוין פאַרזוכט דעם שווערן טעם פון גלות, און זיי האָבן פאַרלאָרן זייער קינדישקייט, קליינע קינדער מיט אַן אַלטן געמיט...

לכתחילה האָבן די צוויי יונגע לערערינס בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זײַן צו אַזאַ מין מאָדנעם פּראָגראַם פון אַ זומער־פּלאַץ. איינע פון זיי סאָניע מערע־מינסקי (אַ שוועסטער פון ישראל מערעמינסקי) האָט נאָכגעגעבן בלויז דער דער־פאַרונג. דאָ האָבן מיר געזען ווי טיף אַנדערש עס איז די פּסיכיק פון די קינדער. פון די לידער וואָס מען האָט מיט זיי געזונגען, איז זיי שטאַרק געפעלן געוואָרן מאַרק וואַרשאַווסקיס „אינקוויזיציע": „איך ליג דאָ אין פייער, עס ברענט אַרום מיר" און אַזוי ווײַטער.

געוווינט האָב איך טאַקע ביי קאַנשטאַמען, מיט זײַן משפחה. צוזאַמען מיט זײַן דירה זײַנען אויך געווען די קורסן. דריי־יאָריקע זײַנען זיי איצט געווען און אויך פאַר מיידלעך. אָבער עס איז שוין געווען ניט דאָס וואָס אין גראָדנע. עס האָט געפעלט די רייכע איינאָרדנונג, אפשר האָט געווירקט די מלחמה. דער גאַנצער געמיט איז שוין געווען ניט דאָס וואָס אין גראָדנע. אָבער קאַנשטאַם אַליין איז געבליבן דער זעלביקער אַרבעטזאַמער אומרו, כסדר פאַרטאָן, תמיד מיט אַ שמייכל, הגם קיין זאַך האָט אים ניט געקאָנט צופרידן שטעלן. אפילו די לערערס אַז זיי האָבן געבעטן אַ הוספה אויף זייער געהאַלט האָבן אים אויפגערעגט: אַז איך זאָג — פּריקאַזטשיקעס! האָט ער איין מאָל אַראָפּגערעדט זיך פאַר מיר. עס דוכט זיך מיר, אַז ער האָט אין אַרבעט געזוכט צו פאַרגעסן זײַן ביטערן געמיט. דערפאַר האָט ער תמיד געוואָלט האָבן לעבן זיך אַ פּאָר פון די געוועזענע תלמידים פון די פריערדיקע.

כאַרקאָוו איז געווען איינע פון די קולטורעלסטע שטעט אין רוסלאַנד, אָבער אַ גאַנץ שמוציקע, אַ סך גאַסן ניט ברוקירט, אַ פערד־טראַמוויי אין עטלעכע הויפּט־גאַסן, קיין טייך ווו זיך צו באָדן איז ניט געווען. די דריי טייכלעך אין שטאָט האָבן אפשר געטויגט צו שרייבן אַ גט אָבער ניט צו באָדן זיך... דערפאַר פלעגן מיר אין די פרייע טעג פאָרן עטלעכע סטאַנציעס ביז דער שטאָט טשוגויעוו, כדי דאָרטן צו כאַפּן אַ שווים. דאָרטן האָט דעמאָלט געוווינט די משפחה פון דוד זכאי, וואָס זײַנען געקומען קיין רוסלאַנד און געבליבן שטעקן ביז איבער דער מלחמה... נו האָט מען זיך טאַקע באַפרײַנדעט נאָך מער, ווי פריער. עס איז זיי דאָרטן זיכער געווען אומעטיק אָן ייִדן. קאַנשטאַם האָט ווי פריער ליב געהאַט צו מאַכן עקסקורסיעס אין די פרייע טעג, אָבער מיר פלעגן פאָרן זאַלבעצווייט, זאַלבע־דריט, אָן דעם גרויסן עולם, ווי מען פלעגט זיך פירן אין גראָדנע. דר׳ טשאַר־נאָ פלעגט מיר געבן איבערגעבן צוצוגרייטן עקספּערימענטן צו זײַנע לעקציעס

אויף כעמיע און פיזיק. איך דערמאָן זיך ווי ער פלעגט נאָך אין גראַדנע ציטערן עס זאָל חלילה ניט זיין קיין אויפרייס... איז ביי מיר געווען דווקא א מין ייִנגל־שער צולהכעיס־געפיל צו מאכן אָפטע גאַנץ הילכיקע עקספּערימענטן וואָס איך האָב פריער געוווסט אז שעדלעך זיינען זיי ניט... ער פלעגט ווערן בלייך, זיך דערשרעקן, „מה עשית?!"... איך פלעג זיין צופרידן, היינט אז איינע א מיידל אויף דער ערשטער באַנק פלעגט נאָך א געשריי טאָן נערוועז „איי!", פלעג איך זיין גאָר צופרידן...

געווען אין קראָקע א גאַנץ היפּשע גרופּע יידישע לערערס. דער צענטער איז געווען, פאַרשטייט זיך, ביי קאָנשטאַמען, פאַרזאַמלונגען אַלע שבת, דיסקוסיעס וועגן יידיש העברעיש. הגם די מיינונג־פאַרשידנהייט איז ניט געווען שייך צו שולן פאַר די היימלאָזע קינדער, פאַר די אַרויסגעטריבענע. דאָ איז געווען כולא עלמא — אַלע זיינען געווען פאַר יידיש. קאָנשטאַם דער העברעיסט האָט גענו־מען א טיכטיקן אַנטייל אין אויסאַרבעטן טערמינאָלאָגיעס פאַר דער שול. און דאָס איז געווען זייער נויטיק: לערער פלעגן פשוט שלעכט איבערזעצן פון רוסיש. מען האָט אָפט געקאָנט הערן אַזוינע פראַזעס ווי למשל „ברענג א שמאַטע און וויש אָפּ די ברעט" (געמיינט ברענג א טיכל און וויש אָפּ דעם טאָוול). איינער א שולטוער האָט זיך עפּנטלעך באַרימט אז מען בויט „קינדער־היימען און קינדער־הויזן" (געמיינט הייזער). אַזוינע קוריאָזן זיינען געווען אין די הונדערטער. היינט ווער רעדט נאָך וועגן נעמען פון געוויקסן, חיות וכדומה — דאָ איז דאָך גאָר אַלץ גע־ווען א קרקע בתולה און מען האָט געדאַרפט אָנהייבן פון אלף. קאָנשטאַם האָט דאָ א סך געהאָלפן אין יענער צייט, הגם ער איז ווייט ניט געווען קיין יידישיסט און איז שפּעטער, נאָך דער רעוואָלוציע, געוואָרן אן עקסטרעמער העברעיסט... אַזוי האָב איך פאַרבראַכט אין קאַרקאָוו, אין קאָנשטאַמס הויז גאַנצע צוויי זומערן.

סוף זומער 1916 האָב איך געקראָגן אַרבעט אין א יידישער שול אין פּעטער־בורג. מיט גאַלטע זיך שוין געזעגנט אויף אַלע מאָל.

אַ יאָר אין פּעטראָגראַד

באַשערט געווען, קענטיק, מיר בייצוזיין אין פּעטערבורג די פעברואַר־רעוואָלוציע (קערענסקים). דאַרף איך קריגן אַ שטעלע אין האַרבסט 1916 דווקא אין פּעטראָגראַד, ווי די שטאָט האָט דעמאָלט געהייסן, אין אַ „יידישער" שול. געווען עטלעכע יידישע שולן אין שטאָט, די גרויסע יידישע שול „מפיצי השכלה" און עטלעכע קלענערע אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. די שול וווּ איך האָב געקראָגן די אַרבעט איז דווקא געווען פון די קלענערע אין אַ ווייטערן ראַיאָן פון שטאָט. פאַרוואַלטעט מיט דער שול האָט א פרוי צימעל לוריע, אַן אמתע יידישע מלומדת פון ערגעץ אַן אוקראַניש שטעטל. דער מאַן אירער איז געווען אין פּעטערבורג אַן אַדוואָקאַט, אויך א יידישער מענטש, אַן אַמאָליקער פריינד פון בער באַראַכאָוו. די אַנדערע לערער פון דער שול דערמאָן איך זיך ניט. געקומען אין מיטן אויגוסט פון כאַרקאָוו, האָט זיך אָנגעהויבן א מעשה מיט „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" (וווינרעכט). ווי קען א ייד קריגן אַ דערלויבעניש צו וווינען אין פּעטערבורג? אַז קיין באַזונדערן יחוס האָט ער ניט. ניט ער איז א סוחר און ניט קיין בעל מלאכה. איז געבליבן אַז עמיצער א יידישער דאָקטאָר זאָל מיך צושרייבן פאַר א לאָקיי, א משרת ביי אים. איז אָבער געווען אַ צרה: איך דאַרף זיצן ביים דאָקטאָר אין פאָדער־צימער, בעת ער נעמט אויף פּאַציענטן. וואָרום אַקוראַט קען מען קומען קאָנטראָלירן צי דער „לאָקיי" איז טאַקע א כשרער אָדער ער איז ניט מער ווי א שפּיצל געקומען אומברענגען חלילה די „מאַמעלע" רוסלאַנד מיט דעם „פּאָטערל" צאַר. בקיצור, עס איז געבליבן מען זאָל זוכן פאַר מיר „שווייצאַרישע רעכט". דאַרף מען וויסן וואָס עס מיינט אַזוינס? עס האָט ניט קיין שום שייכות צום לאַנד שווייצאַריע. עס איז גאָר פּשוטער: אין יעדער הויז איז דאָך דאָ א הויף, דאַרף זיין א „הויפער" (אַזוי פלעגן די יידן אין פּעטראָגראַד רופן דעם משרת וואָס דאַרף באַדינען און רייניקן דעם הויף. דאָס איז א פּינקטלעכע איבערזעצונג פון רוסישן וואָרט „דווארניק"). אחוץ דעם הויפער איז אין יעדער הויף געווען א שווייצער, א מין פּאָרטער, דאָס איז שוין געווען א העכערער אמט. ער האָט געקליבן די דירה־געלט, געגעבן פאַראָרדנונגען די הויפערס, און אויך האָט ער געדאַרפט העלפן דער פּאָליציי אכטונג געבן אַז אַלע איינוווינער זאָלן קודם כל זיין פאַרמאָלדן אין פּאָליציע. אָן אַזאַ שטעמפּל אויף דעם פּאַס איז א רוסישער בירגער געווען אומלעגאַל, אין דער בחינה פון א „בראָדיאַגאַ"־ א נעוונדניק, א וואַגאַבונד. סיידן מען איז אַקאָרשט געקומען אין שטאָט, מען האָט נאָך ניט גענעכטיקט קיין נאַכט, מען איז נאָך ניט פאַרמאָלדן. נו, גיבן זיך

יידן אַן עצה: מען זוכט אויס אַ שווייצער וואָס „נעמט": אַז מען גיט אים אין יד אריין, לאָזט ער ווײַנען ניט פאַרמאָלדן. עס מוז זיין, פאַרשטייט זיך, בסוד סודות, אַניט קען ער אויך קריגן אַ שטראָף, אָבער פינף רובל אַ חודש גייען דאָך ניט צופּוס. בין איך געוואָרן אַ רוסישער בירגער מיט שווייצאַרישע רעכט אין סאַמע פּעטראָגראַד. אמת, די דירה האָט זיך געפונען אויף דעם פינפטן גאָרן, אָן אַ הויב־מאַשין, קיין עלעקטרי איז אין שטוב אויך ניט געווען, דערפאַר אָבער האָב איך דאָך געקראָגן אַ גוטן שווייצאַר. די צווייטע שווערקייט איז געווען פאַר מיר זיך צוגעוווינען צום פּעטערבורגער אומעטיקן הימל. ניט אַנדערש, אַז פּיאַטער דער גרויסער האָט ניט געהאַט קיין חוש פאַר דער נאַטור. אין מיטן אויגוסט, — און ניטאָ קיין זון, ניטאָ קיין הימל, עפּעס אַ נאַס־דורכגעווייקטע לופט און מער ניט. איידער איך האָב געקראָגן די שלעכטע דירה מיט דעם גוטן שווייצאַר פלעג איך נעכטיקן ביי דעם לערער און באַקאַנטן זאַמלער פון יידישער מוזיק קיסעלגאָף. מיט אים זיינען מיר געווען באַקאַנט נאָך פון גאַלטע, ווו זיין פרוי איז געווען אַ לערערין. פלעג איך זיצן אויף דעם פענצטער און וואַרטן טאָמער וועט זיך באַווייזן כאָטש אַ שטיקעלע זון, כאָטש אַ ווײַלע.

בקיצור, איך האָב שוין אַ דירה און מען הייבט שוין אָן אין שול צו לערנען אויך. וועגן דער זון האָב איך שוין אויך פאַרגעסן, שוין אָפּגעוווינט זיך. אגב, גייט דער פענצטער פון מיין צימער ארויס אויף אַ וואַנט. צוויי מעלות האָט געהאַט מיין דירה: זי איז געווען נאָענט צו דער דירה פון די לוריעס און איך האָב געקאָנט אהין אריינכאַפּן זיך יעדער מאָמענט. צווייטנס, האָבן מיט מיר צוזאַמען אין שכנישע צוויי צימערן געוווינט נאָך צוויי יידישע לערערס מיט די משפּחות טאַקע. ביידע גראָדנער און ביידע מיינע פריינד און חברים, כאַצקל הען און משה סמילאַנסקי — אַ ייד וואָס האָט באַוויזן אפילו אין פּעטערבורג צו ריידן מיט דער משפּחה נאָר העברעיש (איצט אַ שול אינספּעקטאָר אין מדינת ישראל). מיינע ביידע חברים זיינען געווען מאָביליזירט אין רעזערוו, ביידע שטאַרק קורצזיכטיק און כדי חלילה ניט צו פאַרפעלן אָפּצוגעבן „טשעסט" אַן אָפיציר פלעגן זיי סאַלוטירן יעדן סאָלדאַט אויך. זאָל מיינס איבערגיין... אָבער אומעטיק איז עס שוין ניט געווען. יעדן פרימאָרגן פלעג איך דאַרפן אויסטרינקען אַ סאַמאָוואַר טיי, אָנפעלצן זיך און מיט עקשנות זיך אריינוואַרפן אין טראַמוויי און זיך לאָזן אין צווייטן עק שטאָט אריין צו מיין שול. דאָ האָב איך שוין קיין הנאה ניט געהאַט: די קינדער — אין גאַנצן פרעמד, עפּעס גאָר ניט קיין יידישע. אמתע קליינע „קאַצאַפּעס". עטלעכע זייערע שמועסן האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון. אין זייער רוסיש כאַפּן זיך בלויז אריין געציילטע יידישע ווערטער. „איך בין געווען אין שול און געגעסן כאַלו (חלה) (די אונטערגעשטראָכענע ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן אין יידיש). „איך ווייס: דאָס טוט מען אַן אָט אַזוי אויפן קאָפּ (ער ווייזט ווי תפילין) און דאָס רופט זיך שופר בלאָזן.

אָדער נאָך קריסטמעס שמועסט מען צווישן זיך און איך הער בלויז: די פּראַזדניקעס (יום טובים) זיינען שוין אריבער אָדער ניט? זאָגט איינער:

— זיכער זיינען זיי שוין אוועק.

— און דו, פון וואנען ווייסטו?

— נו, יאָ, איך ווייס, ווייל מיין פעטער

— און אַז דיין פעטער, איז וואָס?

— ווייל מיין פעטער איז א רוס?

— ווי איז ער דיינער א פעטער און א רוס?

— טאַקע זייער איינפאך: ער האָט זיך אויסגעשמדט (אַזאַ אויסדרוק אין רוסיש) איז ער א רוס... און איך זיץ און הער און איך טראַכט — וואָס טו איך מיט די קינדער, אז מען דארף זיי גאָר ערשט מגייר זיין?...

אָדער גאָר אָט אַזאַ שמועס: א יינגל דערציילט מיר: דער „טיאַטיא (טאַטע) האָט געבעטן איר זאָלט מיט אונדז ניט לערנען לויט דעם אַלטן, נאָר לויט דעם נייעם, איך זאָל קענען אנשרייבן דעם זיידן קיין ליטע. דאָס האָט ער געמיינט ניט העברעיש נאָר יידיש...

דערפאר איז אבער ארום דער שול געווען אן אינטערעסאנטע סביבה. פעטראַ־גראַד האָט געהאַט א גאַנץ אַקטיוון יידישן לערער־פאַרבאַנד. איך דערמאָן זיך ניט מען זאָל זיך פארנעמען מיט פראָפעסיאָנעלע פראַגעס, אבער דערפאר געדענק איך א סך פאַרזאַמלונגען פון פעדאַגאָגישן כאַראַקטער, די זיצונגען פלעגן פאָרקומען אין דער דירה פון דער חברה „מפיצי השכלה". פאר זיך אליין האָט דאָך די חברה געהאַט א ברייטע טעטיקייט אונטער דער אנפירונג פון דעם ענערגישן סעקרעטאַר סאַמואיל קאַמענעצקי. דאָ פלעגן זיך צונויפקומען זייער אָפט די „באַפולמעכטיקטע" פון דער חברה און אפגעבן זייערע באַריכטן פון דער טעטיקייט אין דער פּראָווינץ. און מען דארף זאָגן אַז דאָס איז דאָך געווען די צייט פון דער מלחמה, ווען עס האָבן זיך געהאַלטן אין איין עפענען נייע שולן אויף יידיש אין טיף רוסישע שטעט אויסערן תחום, דווקא פאַר די קינדער פון די ארויסגעטריבענע פון דעם מלחמה־ראַיאָן, דאַרטן ווו פריער האָט א יידישע פוס ניט געטאָרט קומען. דער גאַנצער הייסער קאַמף צווישן יידישיסטן און העברעיסטן, האָט געהאַט דאָ אין דירה זיין צענטער. דאָ איז פאַרשטייט זיך, אויך געווען די רעדאַקציע פון דעם פעדאַגאָגישן זשורנאַל פון דער געזעלשאַפט ווו איך האָב געמאַכט די ערשטע טריט. ווי דער סעקרעטאַר פון פארבאַנד פלעג איך אָפט זיין אין מפיצי השכלה. דער פריערדיקער פאָרזיצער דר. י. ל. קאַצענעל־סאָן איז שוין געווען אַלט און קראַנק, ער איז טאַקע יענעם ווינטער געשטאָרבן — און אין עולם איז געגאַנגען צופּוס ארום זיבן קילאָמעטער ביז צום בית עולם. דער פאַרזיצער איז געוואָרן דר' אייגער, וואס האָט דעמאָלט זיך ארומגעטראָגן מיט א פּראָיעקט פון א שול־חדר. נאָך ענערגישער איז געווען מ. קרייניו, וואָס האָט געהאַט נייגונגען צו יידיש, צו פאָלקיזם בכלל. אחוץ דער געזעלשאַפט פלעגן פאָרקומען פעדאַגאָגישע קאָנפערענצן יעדער שבת־צונאַכט אין קהילה, ביי

דער גרויסער שול. די קאָנפערענצן פלעגן געפירט ווערן אונטער דעם פאָרזיץ פון דעם רב אייזנשטאַט אין א צימער מיט ניקאָלייס פּאָרטרעט אין זיין גאַנצער גרייס. קיין וויכטיקע ענינים געדענק איך ניט פון די קאָנפערענצן, וואָס איך פלעג מוזן באַזוכן ווי א פאַרשטייער פון דער שול ווו איך האָב געאַרבעט. כ׳דערמאָן זיך בלויז ווי איך פלעג זיך ניט וועלן זעצן קעגן דער וואַנט מיט ניקאָלייס בילד. פאַרקערט, אין דעם לערער־פאַרבאַנד איז געווען א היימישע אַטמאָספער. איך פלעג טענהן צו די לערער ווי זיי קענען אריבערטראָגן די גוישקייט פון די קינדער, וואָס מען קען מיט זיי קיין יידיש וואָרט ניט אויסריידן? זיי פלעגן טענהן פאַרקערט, אַז דווקא מיט אַזוינע איז די גרעסטע מיצווה צו אַרבעטן.

פּעטראָגראַד האָט זיך געגרייט צו דער רעוואָלוציע. די באַדינערין פון שול האָט פאָרויסגעזאָגט גענוי די דאַטע ווען זי וועט זיך אָנהייבן. אויף מאָרגן נאָך דעם ווי מען האָט אומגעבראַכט ראַספּוטינען, האָבן די בלעטער בלויז געשריבן: געשטאָרבן ראַספּוטין. דאָך האָבן אַלע געוווּסט פּרטים. עס זיינען אָפּט פאָרגע־קומען רעפעראַטן.זיי פלעגן פאָרקומען אין דעם גרויסן זאַל פון דער שול אויף אַפּיצערסקע גאַס. מען האָט דעמאָלט גערעדט אין פּעטראָגראַד וועגן גרינדן א יידישן אוניווערסיטעט אין רוסלאַנד, היות אין די פּראָווינצן גילט דאָך די פּראָצענט־נאָרמע. עס זיינען אַרויסגעגאַנגען וואָכנשריפטן פון פאַרשיידענע ריכ־טונגען, מען האָט געפילט דעם „ערב״, ערב גרויסע דערשיינונגען. אין די צענטראַלע אינסטיטוציעס איז געווען פול מיט יידישע אינטעליגענטן. פּעטראָ־גראַד איז דעמאָלט געווען באמת די הויפּשטאָט פון יידישן לעבן. מען פלעגט אָפּט אַריינקומען צו דעם אַדוואָקאַט לוריע. דאָס אַלץ האָט אָבער ניט געקאָנט אויספילן דאָס וואָס עס האָט מיר געפעלט אין שול, אין דער אַרבעט. האָט מיר גאָט צוגעשיקט דריי קינדער פון דער ליטע. צוליב זיי האָב איך אָנגעהויבן יעדן פּריוואַטיק צו לייענען אין קלאַס א מעשה אויף יידיש. צום אָנהייב האָבן מיינע שטאָם־תלמידים געקוקט ווי די גולמ׳ס און ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט. האָבן זיי געקוקט אויף מיינע דריי ליטווישע קינדער אויף זייער באַגייסטערונג פון דער דערציילונג און געגאַפט. ערשט צום דריטן פּריוואַטיק האָבן עטלעכע מיר געמאָלדן אַז זיי האָבן שוין „טשוטאָטשקו״ (א טראָפּעלע) יאָ פאַרשטאַנען. האָט זיך אָבער אין אונדזערע לערער־קרייזן אָנגעהויבן א שקלא וטריא, ווי געוויינטלעך, צי מען מעג עס טאָן. אויב יאָ, איז דאָך שוין בעסער דאָס צו טאָן מיט העברעיש, האָבן אַנדערע געטענהט. ס׳איז דאָך געווען די צייט פון שטורעם און דראַנג אין דער שפּראַכן־מלחמה. און הגם איך בין גאָרניט געווען קיין עקסטרעמער, האָט דאָס שוין באַצייטנס באַשטימט מיין אָרט. איינער האָט געקליבן נחת פון מיין אָך און וויי־אויפטו. דאָס איז געווען נחום שטיף ע״ה, ווי איך וואָלט דעם מענטשן מיט עפּעס באַגליקט. איך אָבער, האָב געציילט די טעג וויפל עס בלייבט מיר נאָך צו אַרבעטן מיט די גוישע יידן. דערווייל איז געוואָרן באמת גאָר פריילעך אין פּעטערבורג. עס איז געווען די נאַכט פון פורים. מיר זיינען אַלע געגאַנגען צו א פורים־אָוונט טאַקע אין זאַל פון דער שול אויף אַפּיצערסקע גאַס.

צוריק — ניטא קיין טראַמווייען, א שטרייק. גייט מען צופוס. א פרישער שניי באַדעקט די גאסן, ניט שטאַרק קאַלט, גייט מען און מען דיסקוטירט וועגן דעם אַרויסטריט פון דעם אַרטיסט בערכיוואַנד... קיינער פון אונדז האָט דעמאָלט ניט געטראַכט אַז דאָס איז דער אָנהייב פון דעם סוף, אַז דער זעלביקער אַרטיסט בערכיוואַנד וועט מאָרגן אַנטלויפן פון זיין ווייב און פון אַלעמען ווייל זיין נאָמען פיגורירט אין א צעטל פון פראַוואָקאַטאָרן. אויף מאָרגן האָב איך נאָך געהאַט אין דער פרי א טראַמוויי צו פאָרן אין שול אַריין צו דעם פורים־יום טוב וואָס מיר האָבן איינגעאָרדנט. אָבער אויף צוריק זיינען שוין א צענדליק טראַמוויי־וואַגאָנעס געשטאַנען אין הענטלעך און זיך ניט געקאָנט רירן. בין איך געגאַנגען א שעה זעקס צי מער צופוס פון דער שול ערגעץ אויף דער „פעטראַגראַדער זייט" ביז דעם סוואָראָוו־פּראָספּעקט. דאָס איז געווען דאַכט זיך מיין לעצטער אַרבעט־טאָג אין דער פעטערבורגער שול. אין אונטן זיינען זעלנער פון צעבונטעוועטן פאָלק אַרומגעפאָרן אויף אויטאָמאָבילן מיט אויסגעשטעלטע ביקסן, אַלע פּאָליציי־צירקלען האָבן געברענט און דאָס פאָלק איז געשטאַנען און געקוועלט: עס ברענט דאָס גוטס פון די פרעהס... די קאָזאַקן וואָס האָבן געהיט דעם ניקאָליי־עווער וואָקזאַל זיינען נעלם געוואָרן. נאָר פון די ווינקעלעך און פון די בוידעמער האָט מען געשאָסן. אַלע זיינען געווען ווי שיכּור. דער אַדוואָקאַט לוריע האָט מיך א כאַפּ געטאָן איך זאָל גיין מיט אים. ער האָט געפּאַדעט אַרום דעם ברענענדיקן פּאָליציי־צירקל און זיך געבעטן ביים המון מען זאָל די אַרכיוון ניט פאַרברענען... און יעדער מאָל גיט מען א גוטן קוק אונדז אין די פּנימער, און מען זאָגט אונדז: איר, חברימלעך, באַזייטיקט זיך... איינער גיט הויך א געשריי „בער־דיטשעווער בירגער" (געמיינט, אַז מיר זיינען יידן) הערט עס א צווייטער, הייבט ער אָן אויף אים צו שרייען: „דו, פינצטערע פערזענלעכקייט" — איצט זיינען אַלע גלייך, א ייד און א רוס. אַלע זיינען מיר גלייכע בירגער, חברים, אט וואָס און דו, זאָלסט ניט וואַגן צו זיין אַן אַנטיסעמיט!...

הערט דעם שמועס א שיכּורלעכער קאָזאַקישער אָפיצער, צעוויינט ער זיך אויפן קול: „אונדז פּלעגט מען העצן אויף די יידן"... און ער שלאָגט זיך מיט דער פויסט אין ברוסט ווי להבדיל על חטא, און דער שינעל איז צעשפּילעט. האָב איך רחמנות, גיי איך און נעם אים פאַרשפּיליען דעם שינעל.

— חבר! איר וועט זיך פאַרקילן, עס איז דאָך קאַלט. — אַז דער „חבר קאָזאַק" גיט עס מיר א פאַל אויפן האַלדז און הייבט מיר אָן צו קושן... אָ, די ערשטע שפּראַצונגען פון דער רעוואָלוציע! ווי שיין זיי זיינען געווען! אט גייט מיט מיר פון דער שרפה מיט דער שווייצאַר, וואָס האָט מיר געגעבן „רעכט" צו וווינען אין פעטראָגראַד אַן רעכט, און ער פאַרלירט דאָך איצט זיינע פינף רובל, גיט ער מיר א זאָג: איצט זיינען שוין אייערע פּאַפּירן אויך פאַרברענט, און מיין פּינפערל אויך. און דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיט פרייד. יענע נאַכט איז קיינער ניט געשלאָפן אין פעטראָגראַד. שיסערייען אין ווייטערע געגנטן, שריפות־

אלע אין גאס: המון שרייט: „אַט פירט מען אַ פּרעה, געכאַפּט שיסנדיק, אַ חבר דערהרגעט, אין טייך אריין אים...״

— ניין, בעסער פארברענען...

... וויפל אומזיסטע קרבנות עס זיינען יענע נעכט געפאלן!

... אויף מארגן אין דער פרי זיינען מיר אלע געווען אין דער „דומע״. אַ קאָך, אַ גאַנצע נאַכט וואַך, סאָלדאַטן היטן מען זאָל ניט אָפּטאָן קיין פּראָוואָקאַציע עפּעס. ציטווייליקע רעגירונג שווערט טרייהייט, קערענסקי איז אַ ניטגעקרוינטער קייסער, אַזוי פיל ליבע און צוטרוי האָט צו אים דאס גאַנצע פאלק. קוים ער רייסט זיך דורך צו פארן ערגעץ אין אַן אויטא, דער אויטא קען ניט פארן דורך דעם געדיכטן המון, וואס האלט כסדר אין מאכן אוואציעס אַן אויפהער. קערענסקי שטעלט זיך אין אויטא און בעט זיך: „פּאַרזיכטיקער חברים, איר וועט אַ מיניסטער דערשטיקן״... אלע לאַכן פון דער חכמה, דער המון קוועלט פון זיין נייעם מיניסטער. עפּעס אַן אַנדער נשמה ביי אלעמען. מיר זיינען געקומען פארליינגן אונדזער דינסט דער רעוואָלוציע: אַזוי פיל אַרבעט, קיין פּאָליציי איז ניטא, מען מוז אָפּרייניקן די שטאָט פון אלע מסוכנע עלעמענטן, מען מוז פארהיטן פון פּראָוואָקאַציעס, מען מוז זען עס זאָלן ניט פעלן קיין פּראָדוקטן... אלע, טויזנטער מענטשן זיינען געקומען פארליינגן זייער דינסט אַן געלט, אַן געצאָלט. אַ ווייסער בענדל אויפן אַרבל און מיט איין מאָל — יידן מיליציאַנערן אין סאַמע פּעטערבורג, יידן סעקרעטאַרן, יידן אומעטום. צווישן די מיליציאַנערן טרעף איך דעם האלב בלינדן ביבליאָטעקאַר פון אַנ־סקי־מוזיי לוריע. ער מיט זיינע צוויי פּאָר ברילן אויף דער נאָז, וואס קען קיין פליג ניט אָנרירן איז אויך אַ היטער פון אָרדענונג! אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן צו פּאָרן מיט אַ לאַסט־אויטאָ אַרעסטירן עפּעס אַ פּראַוואָסלאַוונעם גייסטלעכן, דאכט זיך, אַ מיטראָפּאָליט פּיטירים. מען קען זיך דאָך אויף זעלנער אליין ניט פארלאָזן, זיי קענען נאָך באַליידיקן. דאַרף איך עס פּאַרטיידיקן דעם רוסישן גייסטלעכן פון די רוסישע מענטשן. אָט קומט אָן פון נאָענטן אָריענבורג, צו רייטן אַ פּאָלק זעלנער. מיר צעטיילן זיי די לעצטע פּאַפּיראָסן, דאס לעצטע שטיקל ברויט גיט מען אוועק. און פּאָרויס רייט אַן אָפיציר, אין דער גאַנצער צאַרישער אוניפאָרם. אויף זיין אויפגעהויבענער שווערד איז אָנגעבונדן אַ רויט נאַזטיכל און ער חזרט איבער כסדר: „זייט מוחל, ברידערלעך, וואס פארשפּעטיקט״... מען רייט עס צו דער דומע, שווערן דער נייער רעגירונג. איך בין ביז היינט זיכער אין דער אויפריכטיקייט פון יענע אלע מענטשן אין יענעם מאָמענט. ווער עס האָט עס ניט געזען, קען ניט פארשטיין וואס עס הייסט — אַ פאלק אין עקסטאַז פון רעוואָלוציע.

אויף מאָרגן האָט דער לערער־פאַרבאַנד געהאַט זיין ערשטע פאַרזאַמלונג אין צייט פון דער רעוואָלוציע. טאַקע אין דער חברה מפיצי השכלה. עס איז געווען אין דער פרי, עס הייצן זיך די אויוונס און עס ברענען אלע ניקאָליים

בילדער. מענטשן וואָס האָבן מיט עטלעכע טעג פריער, קוים געקאָנט חלומען בחדרי חדרים וועגן דעם, האָבן דערלעבט צו וואַרפן די פאַרהאַסטע בילדער אין פייער אריין...

די זיצונג הייבט זיך אָן אין מיטן פון אַ נייער רעוואָלוציע. דער סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד האָט געגומען ריידן יידיש... אין פעטערבורג! געמיינט האָב איך אַז מען וועט מיך אויסלאַכן. ווי פאַרווּנדערט בין איך געוואָרן ווען איך האָב דערהערט אַז דער רעדנער נאָך מיר, דער שול־אינספּעקטאָר פון מפיצי השכלה, חיים פּיאַלקאָוו רעדט אויך יידיש! און נאָך אים האָט גערעדט ז. א. קיסעלגאָף — דער באַקאַנטער זאַמלער פון יידישע פאָלקס־ניגונים. און ער האָט זיך גע־מאַטערט אויך צו ריידן יידיש. ער איז שוין טאַקע געווען אָפּגעוווינט פון יידיש, הגם ער האָט געשטאַמט פון וויטעבסק.

אויף יענער זיצונג האָט מען באַשלאָסן צו רופן דעם אַלרוסלענדישן יידישן לערער צוזאַמענפאַר. גרויסע, גאַר גרויסע פּלענער זיינען אַנגעמערקט געוואָרן און נאָך גרעסערע האָפענונגען האָבן אונדז באַגייסטערט.

כ׳געדענק ניט וואָס איך האָב געשריבן אין אויפרוף וועגן צוזאַמענפאַר, איך געדענק אָבער זייער גוט ווי אַלע גלידער האָבן אין מיר פּשוט געציטערט פון אויפרעגונג. ס׳האַרץ האָט געקלאַפּט, די האַנט האָט געציטערט... די רעדאַק־ציע האָט געהאַט וואָס צו מעקן: איך האָב דאָך געמיינט אַז יעדער וואָרט שאַפט אָן עפּאָכע אין יידיש לעבן. איבערהויפּט, געדענק איך, בין איך געווען באַליידיקט אויף פּיאַלקאָוון, דעם קאַלטן גזלן...

דער צוזאַמענפאַר איז טאַקע פאַרגעקומען אין יוני 1917. די יידישע לערער־שאַפט איז פון אים אַרויס אַ צעשפּאָלטענע אויף אַ פאַרבאַנד פון עקסטרעמע העב־ברעיסטן — דער „המורה" און אויף יידישיסטן (דער דעמאָקראַטישער לערער־פאַרבאַנד), וואָס האָט אין זיך אַריינגענומען פון שפּעטערדיקע קאָמוניסטן ביז פאָלקיסטן. בעתן צוזאַמענפאָר, און אַ צייט נאָך אים, זיינען מיר אָבער געווען זיכער, אַז מיר גייען איצט פאַרווירקלעכן די יידישע קולטור־אויטאָנאָמיע אין רוסלאַנד, מען איז געווען זיכער אַז ניט בלויז רוסלאַנד, — די גאַנצע וועלט גייט זיך באַנייען. מען איז איין מאָל געזעסן ביי דעם אַדוואָקאַט לוריע אין שטוב און מען האָט געוואַרט אַז פון איינער אַ רעדאַקציע זאָל מען טעלעפאָניש אָנזאָגן, אַז אויך אין דייטשלאַנד איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע.. דאָס מוז דאָך געשען, איז מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער, אָבער זיכער איז עס דאָך! פאַרוואָס וואַרטן זיי, די חברים פון דייטשלאַנד? אויף די פּראַנטן ברידערט מען זיך שוין. ניט אַנדערש!... צווישן די זיצערס דאָרטן געדענק איך זיכער י. עפּרויקין, נחום שטיף, דאַכט זיך אויך וו. לאַצקי־בערטאָלדי און ש. ניגער, שוין אַלע טויט... מען וואַרט אויף אַ רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. און דערווייל איידער די גוטע בשורה וועט אָנקומען לייענט מען דערווייל אַ בריוו פון זשיטלאָווסקין, ווי ער

רעקאָמענדירט יידן זאָלן פאַרנעמען דעם אַדעסער ראַיאָן און מעלדן דאָרטן אַ יידישע רעפּובליק...

אין עטלעכע טעג אַרום איז אין גרויסן זאַל אויף אַפּיצערסקע גאַס פאָרגעקומען אַ גרויסע יידישע פאַרזאַמלונג לכבוד דעם דעקרעט פון יידישער גלייכבארעכטיקונג וואָס קערענסקי האָט אַרויסגעגעבן, דאָרטן איז אויך געווען די פעדער וואָס מיט איר האָט קערענסקי טאַקע אונטערגעשריבן דעם דעקרעט. מען האָט געמיינט אַז דאָס האָט אַלץ אַ האַפט און אַ ווערט. די פאַרזאַמלונג האָט אַנ־סקי געפירט אין יידיש. אָבער נאָך פריער איידער די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן האָבן זיך צעווערטלט און צעקריגט אַדוואָקאַט אָסקאַר גרוזענבערג מיט דעם אַדוואָקאַט ה. ערליך. פאַרשטייט זיך, אַז דער עולם האָט זיך מער אינטערעסירט מיט דער מחלוקת איידער מיט דער פאַרזאַמלונג. אַנ־סקי בעט זיך און ער בעט זיך מען זאָל זיין שטיל, — און עס העלפט ניט, איז ער געוואָרן אין כעס און אַ געשריי געטאָן אין רוסיש „מאָלטשאַט" (שווייגן!). דאָס האָט געהאָלפן...

— אויף רוסיש האָט איר מיר געפאָלגט, אויף יידיש — ניט, האָט אַנ־סקי באַמערקט מיט אַ טרויעריק שמייכל...

דאָ איז פאָרגעקומען די לוויה פון די רעוואָלוציע־קרבנות. מער ווי אַ מיליאָן מענטשן האָבן אָנטייל גענומען, פון אַלע עקן שטאָט האָבן זיך געצויגן מחנות מיט טראַנספּאַראַנטן צום דעם מאַרס־פעלד. אין פּאָליציע, און אין זעלנער, אָרדענונג מוסטערהאַפט. די דערהויבנקייט פון אַ פאָלק! אַ פאָלק אין דערהויבנקייט דאַרף ניט קיין שמירה. אַזוי איז דאָ אויך אַריבער דער ערשטער פרייער ערשטער מיי. כ'ווייס ניט צי האָט עמיצער געקאָנט צוטראַכטן גרעסערס, גראַנדיעזערס. מען האָט דעמאָלט דערציילט אין פּעטראָגראַד, אַז קערענסקי זאָל זיך האָבן באַרימט פאַרן אַראָפּגעזעצטן קייסער, אַז דאָס פאָלק מאַכט אַ יום טוב איז אָן פּאָליציע אויך גוט, און אַז דער קייסער מאַכט אַ יום טוב — איז אויף דער קאָראָנאַציע קומען אום טויזנטער, הגם פּאָליציע היט, ווי דאָס איז געווען די טראַגעדיע ביי ניקאָלייס קאָראָנאַציע אין דער באַרימטער כאָדינקע לעבן מאָסקווע ווען עס זיינען אומגעקומען טויזנטער מענטשן צוליב אומאָרדענונג.

אויף פּסח בין איך אַוועקגעפאָרן פון פּעטראָגראַד קיין יאַראָסלאַוו — אַ שטאָט צפונדיק פון מאָסקווע. דאָרטן איז געווען אַ יידישע שול. אַ שטאָט וואָס האָט ביז יענע צייטן מסתמא געזען פון יידן בלויז קאַנטאָניסטן און משומדים, ווי קומט אַהין אַ יידישע שול? דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון דעם הויפּט־אָנפירער פון דער מלחמה, דעם קייסערס פעטער. ער האָט געכאַפּט איין מפּלה נאָך דער צווייטער, האָט ער אָבער מיט זיין פּוילישן געהילף יאַנושקעוויטש זיך נוקם געווען אין די יידן און פּשוט אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון דעם מלחמה־ראַיאָן. אַ גירוש אין עטלעכע שעה. כמעט דער גאַנצער תחום איז געווען נאָנט צו דער מלחמה, האָט מען פאַר די אַרויסגעטריבענע געמוזט

ניט ווילנדיק עפּענען די אינעוויייניקסטע רוסישע שטעט און גובערניעס ווו יידן האבן פריער ניט געטארט אפילו זיך באַווייזן. איצט האט די רוסישע צארישע רעגירונג אליין געמוזט באזעצן אין יענע ראיאָנען די ארויסגעטריבענע, אומ־גליקלעכע יידן. די רוסישע יידן האָבן דעמאלט ארויסגעוויזן זייער פיל ברידער־לעכקייט און ארגאניזירטקייט אין געבן הילף די אומגליקלעכע. עס איז געווען א טראגישער קאפּיטל אין אונדזער מארטירער־געשיכטע אבער אויך א דערהויבענער.

איינע פון די ערשטע זארג איז געווען ארגאניזירן שולן פאר די קינדער פון די ארויסגעטריבענע. אָט אזוי ארום, האָבן מיט איינמאָל זיך באַוויזן יידישע שולן אין אזוינע טיף־רוסישע שטעט. דאס רוב פון די שולן זיינען געווען אין יידיש. מיט דער שול אין יאראסלאוו האָט אנגעפירט מיינער א חבר נאך פון די גראָדנער קורסן, אייעראָוו, פריער — א לערער אין ווילנע. בין איך מיט א יאָר פריער געפארן אהין נאך פון גאלטע. געזען א קליין הייפעלע יידן, פארוואגלטע, ניט צו קענען א ווארט אויסריידן מיט דער ארטיקער באפעלקערונג, אפילו שווער געווען פאר זיי אויסצורייידן די מאָדנע רוסישע נעמען פון די גאסן. איז די שול געווען פאר זיי דאָס איינציקע היימישע ווינקעלע. ווייל די פּאָר אָרטיקע יידן, די וואָס האָבן געשאפן דעם הילפסקאָמיטעט, זיינען דאָך אויך געווען פאררוסישט. ניט צונויפצורייידן זיך מיט די נייע וואס זיינען גראד כמעט אלע געווען פון פּוילן. די לערער אבער פון דער שול, דער פארוואלטער — זיי זיינען דאָך געווען היימישע מענטשן, זיי האָבן דאָך געזאָרגט פאר דער באשפּייזונג פון די אַרויסגעטריבענע קינדער. ניט אומזיסט האָבן די יידן געהאט אזא ווארעמע באציונג צו דער שול. ווי פיש אויף דער יבשה, אזוי האבן זיך די ארויסגעטרי־בענע געפילט אין דער פרעמדער שטאָט, א גלות אין א גלות. דאָס איז געווען אין 1916.

אז איך בין געקומען מיט איין יאר שפּעטער פאר פסח 1917 איז שוין די גאנצע שטאט געווען ניט צו דערקענען און נאך וויניקער, — דאָס ביסל יידן. אויפגעברויזט האָט די שטאט און אומעטום האבן זיך געווארפן אין די אויגן די — יידן: מיטינגען, פארזאמלונגען, דיסקוסיעס מיט רעזאָלוציעס — א נייע מאכט ארגאניזירן — איין קליינינקייט! יידן גייען אין מיטן נאכט פון א פארזאמלונג, מען זינגט און מען דיסקוטירט היים דווקא יידיש. יידן נעמען א גרויסן אנטייל אין דעם נייעם „סאלדאטן און פּויערים־ראט". אחוץ דער שול איז שוין דא א יידישע ביבליאטעק, א קלוב... מיט איין ווארט — א יידישער יישוב, א יידישע שטאט. שיר ניט געווארן א קאוונער ייד, א דאקטער, דער ערשטער רעוואלוציאָ־נערער גובערנאטאר דארטן. און יאראסלאווער רוסישע לופט פול מיט איקאנעס, אנגעזאפּט מיט דעם ריח פון בארשטש הערט ווי יידן שפּאלטן די הימלען מיט זייערע דיסקוסיעס צווישן בונד און ציוניזם, וועגן יידיש און העברעיש... די איינגעוואָרצלטע רוסישע באפעלקערונג, האָט זיך געפילט א סך מער דעזאָריענטירט, זיך געריבן, אזוי צו זאָגן, די אויגן: מיט וואָס עסט מען דאָס, אָט די רעוואָלו־

ציע הא? און וואָס טאַקע וועלן זיי דאָס מאַכן מיט דעם „פּאָטעל־צאַר"? איז דאָס אפשר גאָר דער אנטיקריסט אָנגעקומען? וואָס היצן זיי זיך אזוי — אָט די יעוו־רייס"? (זשידי טאָר מען איצט ניט זאָגן)...

שטיי איך איין מאָל אין א פרימאָרגן אזוי אויף דעם הויכן ברעג פון דער רוסישער „מאַמעלע־וואָלגא". מיר קוקן ווי זי גרייט זיך צו צעברעכן דעם קאַלטן ווינטערדיקן אייז־צודעק. אָנגעבלאָזן זיך, דער פארפינצטערטער אייז — אויפּ־געהויקערט, עס הערן זיך מעכטיקע קנאַלן: עס פּלאַצט, עס ברעכט זיך דער אייז; דער נידעריקער זייט פון טייך איז ווייט און ברייט פאַרגאָסן מיט די וואַסערן פון די בייטייכן, וואָס האָבן זיך פריער באַפרייט פון דעם קאַלטן ווינטערדיקן אייז, עמיצער גיט א זאָג אפשר האָט דאָס „מאַמעלע רוס" זיך אויסגעלערנט מאַכן רעוואָלוציעס פון דעם „מאַמעלע וואָלגא".

ווען איך בין געקומען נאָך פּסח צוריק קיין פּעטראָגראַד, איז שוין די שטי־מונג דאָרטן געווען אנדערש: דער הונגער האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרקער צו פילן, עס פעלן אין די קראָמען פּראָדוקטן, מען האָט שוין צערויבט עטלעכע בעקע־רייען, אויף די גאַסן פירן רעדלעך דיסקוסיעס אָן א סוף, מענטשן זיינען געוואָרן פאַרביטערט, מען קריגט זיך, עס דערגייט צו געשלעגן, סאָלדאַטן לויפן פון די פראָנטן, די גאַסן און די וואָקזאַלן זיינען באַשפּיגן מיט שאָלעכץ פון קערלעך („סעמיטשקעס"); ערגעץ אויף א זייטיקער גאַס אין א פּאַלאַץ פון א טענצערין וווינט איצט א גרויסער רוס מיט א מאָנגאָליש פּנים. ווען מען גייט פאַרביי דעם ווייסן פּאַלאַץ שטייט דער נייער איינוווינער אויף דעם באַלקאָן און רעדט צו א קליינעם עולם אין גאַס. עס ווערט אַלץ שטאַרקער דער ריס צווישן דער רעגירונג און דעם סמאָלני אינסטיטוט, ווו עס זיצט דער ארבעטער און פּויערים־ראַט, דער עקסטאַז און ענטוזיאַזם פאַר דער רעוואָלוציע פון די ערשטע טעג איז אריבער; אויף די גאַסן, אין די רעדלעך הערט מען אָפטער אומצופרידנקייטן, אמאָל גיט מען גאָר א בייזן קוק אויף דעם „חבר יעווריי", וואָס מען וואַגט איצט ניט צו זאָגן „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדא". דאָס גאַנצע אַלטע לעבן איז צעשטערט, קיין נײַ לעבן איז נאָך ניטאָ, ס'איז אַנאַרכיע. יעדער טאָג האָט עפּעס נייעס און ווייט ניט קיין גוטע. פון די פראָנטן — שלעכטע נייעס, זיי צעפאַלן פּשוט, מיליטער־לייט זיינען ניט צופרידן, א גענעראַל קאָרנילאָוו דראָט פון איין זייט, פון דער צווייטער זייט קומט א קריגשיף פון נאָענטן קראָנשטאַט אריין אין דעם ברייטן טייך ניעווא, שטעלט זיך אוועק אנטקעגן דעם ווינטער־פּאַלאַץ און דראָט דער רעגירונג: מען מוז איר פאָלגן... און דער הונגער שטאַרקט זיך. יידישע אינטעליגענטן, אָנגעש־טעלטע אין די יידישע צענטראַלע אינסטיטוציעס פאַרלירן זייער ארבעט: די אינסטיטוציעס האָבן ניט וואָס צו טאָן איצט. מען הייבט אָן זיך פאַנאַנדער־פאָרן פון פּעטראָגראַד. מען לאָזט זיך קיין דרום, קיין אוקראַינע, דאָרטן איז דער הונגער ניט אזוי שאַרף, בּיסלעכוויי טראָגט זיך אהין אריבער אויך די איניציאַטיוו פון יידישן לעבן.

איך ווארף אויך אוועק מיין ארבעט אין שול. קוים דערלעבט פטור צו ווערן פון די פארגוויישטע תלמידים, צוריק אין כארקאָוו, ביי קאנשטאמען אין שטוב, ווידער — אין דער זומער־שול פאר קינדער פון די ארויסגעטריבענע, וואָס עס איז אזוי ליב מיט זיי צו ריידן מאמע־לשון. דאָ האָט מען זיך אָפּגערוט, די רעוואָלוציע קאָכט דאָ ניט אזוי ווי אין צפון.

די גראָדנער פעדאַגאָגישע קורסן — קוים וואָס זיי האַלטן זיך. פון פעטראָ־גראד איז מען שוין כמעט ווי אָפּגעריסן, פון דאָרטן דארפן דאָך אָנקומען די געלט־מיטלען. דער יקרות שטייגט יעדן טאָג, די לערער זיינען אומצופרידן און קאָנשטאם איז מיט דעם אומצופרידן: ניט קיין לערער, אָנגעשטעלטע איז מען, טענהט ער שטילערהייט. עס הייבן זיך אָן דיסקוסיעס וועגן דער דערציונג בכלל און וועגן דער יידישער דערציונג בפרט. עס איז נאָך דעם גרויסן לערער־צוזאמענפאָר, דער ריס צווישן דער יידישעד לערערשאַפט איז געחתמעט, מען דערווייטערט זיך פון אנאנד. איך בין ביי קאנשטאמען אין שטוב, א בן בית, — און אונדזערע וועלטן ווערן אלץ ווייטער איינע פון דער אנדערער, מיר ריידן ניט צווישן אנאנד. ס'טוט ביידן זייער ווי, אָבער אויף פרינציפּן איז מען ניט מותר. איך פארלאָז כארקאָוו, געקראָגן א רוף פון קיעוו. דאָרטן זיינען דאָ מער יידישע שולן, דאָרטן איז דער צענטער פון דעם דעמאָקראטישן לערער־פארבאנד, דאָרטן אָרגאניזירט זיך די רעגירונג מיט א מיניסטער פאר יידישע ענינים, דאָרטן ווערט דער צענטער פון יידישן קולטור־לעבן. — און עס ציט אהין. עס הייבט זיך אָן א נייַ קאַפּיטל אין לעבן. א סך האָפענונגען און פּלענער. גאָט ווייס...

די קיעווער תקופה פון יידישער קולטור־שעפערישקייט

אין פעטראגראד האבן די באלשעוויקעס באלד געמאכט אוממעגלעך יידישע געזעלשאפטלעכע ארבעט, און ווער רעדט, נאך אקטאבער איז שוין בכלל נישט געווען וואס צו ריידן, הגם די חברה „מפיצי השכלה" האט נאך יורידיש עקזיסטירט, און הגם זרח גרינבערג, דער אויפזעער איבער יידישע שולן האט עס דאכט זיך, געמיינט ניט אן אמת. און בעת לונאטשארסקי און גארקי האבן נאך געהאט אמתע סימפאטיעס צו יידישער קולטור און זיי האבן געהאלפן אפילו דער „הבימה", האבן שוין יידישע קאמוניסטן גאר אנדערש גערעדט. ווען א דעלעגאציע פון יידישע שולן האט זיך געווענדעט צו דעם יידן זינאוויעוו ער זאל העלפן קריגן פרישטיקן פאר די הונגעריקע קינדער פון יידישע שולן, האט ער געענטפערט „איך שפיי אויף יידישע שולן". בכלל איז עס דעמאלט נישט געווען קיין נייעס, אז ניט יידישע באלשעוויקעס זאלן זיך א סך בעסער באציען צו יידישע קולטור־באדערפענישן איידער יידן. אבער פאר ניט קאמוניסטן איז מער נישט געווען קיין ארט אין פעטראגראד. אגב, האט דער הונגער מיט זיין גאנצער לאסט געדריקט טאקע אט די ניט קאמוניסטן. און מען האט זיך געלאזט אויף גאטס באראט קיין קיעוו. דא איז נאך געווען עסן בערך צו זאט, עס זיינען געווען די ערשטע האניק־חדשים פון דער צענטראלער אוקראינישער ראדע, וואס האט דעמאלט געמיינט אויפריכטיק מיט דער אויטאנאמיע פאר יידן. עס זיינען געווען אפן ברייטע פערספעקטיוון פאר קולטור־ארבעט. עס איז געווען ארגאניזירט א יידישער מיניסטעריום בראש מיט דר' משה זילבערפארב און אויפן פאפיר־געלט זיינען געווען יידישע אויפשריפטן, די נעמען פון די גאסן אין קיעוו זיינען געווען געדרוקט אויך אויף יידיש, — און מען האט געגלויבט — עס איז כאראקטעריסטיש: דר. משה זילבערפארב ע"ה האט געהערט צו גאר א קליינער פארטיי „יידישע סאציאליסטן" (סערפ־אין רוסיש, אדער אויף דעם נאמען פון דעם זאמלבוך זייערן „וואזראזשדעניע") עס איז געווען א קליינע גרופע אינטעליגענטן כמעט אינגאנצן אן א מאסע, א קאפ אן א גוף, — און דאך האט מען אים ארויסגעשטעלט פאר דעם ערשטן יידישן מיניסטער און אלע פארטייען האבן אים געשטיצט. נישט געווען לגמרי דער שארפער פארטייען־קאמף, וואס איז שפעטער געווארן אזוי כאראקטעריסטיש פאר יידן אין פוילן און אפילו אין מדינת ישראל. ווען איך בין געקומען קיין קיעוו (אין אויגוסט 1917) איז מיר אויסגעקומען איין מאל א שבת גיין צופוס מיט דעם מיניסטער זילבערפארבן פון א מיטינג אויף פאדאל וואו ער איז ארויסגעטראטן, און איך דערמאן זיך די באגייסטערטע אוואציע,

וואָס דער יידישער שבתדיקער עולם האָט פאַר אים געמאַכט... מען האָט געגלויבט און געהאָפט. קיין שמירה, קיין פּאָליציאַנטן האָט ער נישט געדאַרפט האָבן צווישן יידן.

אין משך פון דעם יאָר איז קיעוו געוואָרן אַן אמתער קיבוץ גליות. דאָ האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע יידישע פּאַרטייען, כמעט אַלע יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס. דאָ זיינען די ציוניסטן מיט זלאַטאָפּאָלסקי און אוסישקין בראש, דאָ איז זיך צונויפגעקומען די עליטע פון בונד, און ווער נישט? אהער זיינען געקומען פון פּעטראָגראַד ניגער און שטיף און קאַלמאַנאָוויטש און י. עפּרויקין און לאַצקי־בערטאָלדי, אהער איז אָנגעפאָרן פון אַמעריקע בער באָראָכאָוו און איז גאָר גיך געשטאָרבן פון אַ פאַרונקל. כ׳געדענק גוט ווי מענטשן פון קעגנערישע פּאַרטייען האָבן אויפריכטיק געוויינט, זיין לוויה איז געווען גראַנדיעז: צו אַכט מענטשן אין אַ שורה זיינען מיר געגאַנגען און די גאַסן זיינען געווען פול. נישט געווען דער קליינלעכער פּאַרטיי־אַנטאָגאָניזם, אַן אמתער שלום על ישראל און — נאָך שווערער זיך פאָרצושטעלן — אַ שלום בין ישראל.

די בילדונגס־אָפּטיילונג פון יידישן מיניסטעריום איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אברהם סטראַשון, וואָס איז פריער געווען דער שול־אינספּעקטאָר פון דער מאָסקווער אָפּטיילונג פון דער חברה „מפיצי השכלה“, און פלענער זיינען געווען גראַנדיעזע — אַן אמתער יידישער מלוכישער שולוועזן. יידישע און אויך העברעישע שולן זיינען שוין דעמאָלט נישט געווען קיין נייעס אין רוסלאַנד, זיי האָבן זיך דאָך געגרינדעט אין די ערשטע יאָרן פון דער וועלט־מלחמה איבער־הויפּט פאַר די קינדער פון היימלאָזע. די יידישע שולן זיינען שוין געווען פון דעם יאָר 1915 צעשאָטן איבער די סאַמע רוסישע שטעט, וווּ קיין יידן האָבן פריער זיך נישט געטאָרט וויַזן... אין קיעוו און אין כמעט אַלע אַנדערע שטעט אין אוקראַינע זיינען נאָך פון פריער געווען יידישע געזעלשאַפטלעכע שולן מיט רוסיש ווי די שפּראַך פון די אַלגעמיינע לימודים. די שולן זיינען בדרך כלל געשטאַנען אויף אַ הויכער פּעדאַגאָגישער מדרגה, זיי האָבן געהאַט אַ אינטעליגענטן לערער־פּערסאָנאַל, די געזעלשאַפטלעכע טוער פלעגן זיך אין דער עצם אַרבעט פון שול נישט מישן, דאָס איז געלעגן אין די הענט פון די ספּעציעלע שול־אינספּעקטאָרן ביי דער חברה „מפיצי השכלה“. דאָס האָט זייער פיל געהאָלפן די שולן זאָלן נישט אָפּנייגן זיך פון די פּעדאַגאָגישע וועגן, צו ווערן שפּילכעלעך אין די הענט פון פאַרשיידענע נישט באַרופענע פאַקטאָרן. אין קיעוו ווי אין אַנדערע שטעט זיינען געווען שולן אויסגעבויטע דורך מעצענאַטן. דאָ איז געווען די בראָדסקים שול, די תלמוד־תורה פון היילפּערין און נאָך. יענע אַמאָליקע יידישע גבירים האָבן געהאַט אַמביציעס. הלוואי אויף די היינטיקע געזאָגט געוואָרן כאָטש אַ העלפט, עס זיינען געווען שולן מלוכישע פאַר יידישע קינדער וואָס זיינען אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דער „פלייש־קאַראָבקע“ (אַ ספּעציעלער שטייער אויף כשר פלייש). אָט די אַלע שולן זיינען אַריבער אויף יידיש. העברעיש

האָבן אָנגענומען אַ קלענערע צאָל שולן. די לערערשאַפט איז געווען באַגייסטערט און מען האָט ענערגיש געבויט, געשאַפן מעטאָדיק, טערמינאָלאָגיע פאַר אַלע לימודים. עס איז געווען גלויבן און ווילן. ווען איך בין איינמאָל אָנגעפאָרן פון פעטראָגראַד קיין כאַרקאָוו אין 1916, האָב איך ביי קאָנשטאַמען שפּעט אין מיטן נאַכט געפונען אַ קאָמיסיע פאַר טערמינאָלאָגיע.

אין קיעוו זיינען געווען די צענטראַלעס פון דיביידע ריכטונגען — פון דעם „דעמאָקראַטישן לערער־פאַרבאַנד״ און פון דעם העברעיסטישן „המורה״. מען האָט אָבער נישט פאַרנומען זיך מיט קיין דיסקוסיעס און מיט קיין קאַמפן, מען האָט געפירט די אַרבעט באַזונדער, סעפּאַרירט, און געפירט ענערגיש.

מיט דער אַרבעט פון דעם „המורה״ בין איך אַ סך וויניקער באַקאַנט. דער דעמאָקראַטישער לערער־פאַרבאַנד האָט מיט דער הילף פון יידישן מיניס־טעריום געעפנט דעם ערשטן אין דער וועלט יידישן לערער־סעמינאַר אויף יידיש ווי אויך די ערשטע יידישע גימנאַזיע. אויף וויפל איך געדענק איז דער פּעדאַגאָ־גישער ראַט פון סעמינאַר באַשטאַנען פון:

יידיש שמעון דאָבין, געווען רעדאַקטאָר פון סיימיסטישן וואָכנבלאַט אין ווילנע, לערער אין דער אומלעגאַלער יידישער שול אין דעמיעווקע.

העברעיש און תנ״ך — ד״ר משה סיסטער (שפּעטער אין בערלין און איצט אין מדינת ישראל).

געשיכטע — בן ציון דינאַבורג (איצט פּראָפ. בן ציון דינור.)

ביאָלאָגיע — מאָטע דאָבין — אַ ברודער פון שמעון דאָבין.

פיזיק — מ. דאָבין און איך.

מאַטעמאַטיק — אָלגאַ ריין (אַ שוועסטער פון ר. אַבראַמאָוויטש).

פאַר אַ דירעקטאָר האָבן מיר באַשטימט די פרוי דר. פילאָסאָפיע חיה בערנ־סאָן — אַ וווּנדערבאַרער מענטש, דענקערין און פּעדאַגאָגין, וואָס פריער איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט איר צוזאַמען אין דער מיידלשול אין גאַלטע (שפּעטער פּיערוואָסמייסק).

דעם פּעדאַגאָגישן ראַט פון גימנאַזיע געדענק איך נישט גוט.

וואָס דאָס מיניסטעריום ווי אַ מלוכה־אינסטיטוציע האָט נישט באַוויזן צו שאַפן, האָט געטאָן די קולטור־ליגע. איך דערמאָן זיך: אין אַ רעגנדיקן טאָג אין דער צייט פון אַ שיסעריי אין גאַס, בין איך אַן איינגעבויגענער געלאָפן אַראָפּ קוזנעטשנע גאַס צו דער יידישער סטודענטן־קיך עסן. אַנטקעגן פון אונטן איז אָנגעגאַנגען זעליק מלמד (געשטאָרבן אַן איינזאַמער און ניו יאָרק) און ער שרייט צו מיר פון וויטן „איך האָב, איך האָב!״. ער האָט געטראָגן אין קעשענע דעם סטאַטוט פון דער קולטור־ליגע. זי איז זיך צעוואַקסן מאָדנע גיך מיט אַ סך אָפּטיילונגען במעט אין אַלע שטעט פון אוקראַינע, אַן אמתע לעגענדע. זי האָט

אָרגאַניזירט שולן, לערער־קורסן, א פאַרלאַג מיט א דרוקעריי, א גרויסן ביכער־לאַגער, א כאָר אונטער דער אָנפירונג פון דעם באַרימטן חזן דזשימיטראָווסקי (געשטאָרבן אין ניו יאָרק) און משה בערעגאָווסקי — א יונגער פעיקער, מוזיקער. ניט ווייניקער ענערגיש האָט געאַרבעט די פּראָווינץ. אַלע טאָג פלעגט דער אָנפירער פון דעם ביכער־לאַגער יעקב זשעלעזניקאָוו, וואָס איז געקומען פון פאַרשיקונג, פּאַקן גרויסע קאַסטנס ביכער פאַר דער פּראָווינץ (שפּעטער אין 1940 האָבן די באָלשעוויקעס ביים איינגעמען ווילנע אים אומגעבראַכט). מיר, די לערער, פלעגן האָבן פּעדאַגאָגישע קאָנפערענצן אַלע שבת. באַזונדער האָט געאַרבעט די פאָרשול אָפּטיילונג ביי דער געזעלשאַפט אָז״ע אונטער דער אָנפירונג פון באָרים אייסוראָוויטש און אונטער דער פּעדאַגאָגישער לייטונג פון דער פרוי ליבערבערג (איר ערשטן נאָמען האָב איך פאַרגעסן). אחוץ דעם אַלעם דאַרף מען דאָ דערמאָנען דעם אַרבעטער־אוניווערסיטעט אונטער דער אָנפירונג פון דער יונגינקער ליאָלע טאַרגאָווע. וועגן דעם שפּעטער באַזונדער... עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן אין אַן אַמעריקאַנער לאַנד, אַז אַרבעטער זאָלן נאָך א טאָג אַרבעט נישט לויפן אויף א פוטבאָל־שפּיל, ערגעץ אַנדערשוו, נאָר קומען הערן לעקציעס, הגם דאָס לערנען האָט נישט געהאַט פאַר זיי קיין פּראַקטישן נוץ. אַלע שבת פאַר מיטאָג פלעג איך פירן מיט די אַרבעטער ביאָלאָגישע און געאָלאָגישע עקסקורסיעס איבערהויפּט אין דעם „קייזערלעכן גאָרטן״ און אויף דעם „טורכאַנאָוו אינדזל״. הלוואי וואָלטן אַמעריקאַנער סטודענטן געהאַט אַזא אינטערעס ווי יענע אַרבעטער. אין דעם אַרבעטער־אוניווערסיטעט האָבן מיר געהאַט אפילו א „וועלטלעכע גרטע״ — א קאַראימקע שרה פירקאָוויטש — אַן אייניקל פון דעם באַרימטן קאַראַימישן געלערנטן אברהם פירקאָוויטש, וואָס האָט געוואָלט באַווייזן אַז קאַראַימער האָבן געלעבט אין קרים נאָך פאַר קריסטוסן, בכן האָבן די קאַראַימער דאָך ניט גענומען קיין אָנטייל אין דערהרגענען דעם גאָט... און שמחה פינסקער (דער פאָטער פון דר. לעאָן פינסקער, מחבר פון „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע״) האָט נישט מער ווי אויפגעדעקט די פאַלשקייט פון זיינע דאָקומענטן... איז דווקא זיין אייניקל — אַן אויסערגעוויינלעך ענערגישע יונגע פרוי, האָט דאָס געדאַרפט זיך אַסימילירן צווישן יידן. שפּעטער, אין דער צייט פון הונגער פלעגן מיר אַמאָל צו איר קומען אויף „בעלער״ פון קאַרטאָפל מיט הערינג וואָס זי פלעגט ווי א וויכטיקע קאָמוניסטין ערגעץ פון וואַנען קריגן. מיר פלעגן אויך באַקומען פון איר א מתנה — א פּעקל מאַכאָרקע צום רייכערן. איר טאַטע פלעגט אַרומגיין א שווייגעדיקער און קיין מאָל נישט ענטפערן אויף דעם גוט מאָרגן.

אויסער דעם פאַרלאַג פון קולטור־ליגע האָט אין קיעוו דעמאָלט געאַרבעט דער „פאָלקס פאַרלאַג״ אונטער דעם אָנפיר פון וו. לאַצקי - בערטאָלדי און צימעל לוריע, וואָס איז פריער געווען אין פּעטראָגראַד א דירעקטאָרין פון א יידישער שול. עס איז אַרויסגעגאַנגען א טעגלעכע צייטונג „נייע צייט״, דער בונד האָט, דאַכט זיך, געהאַט א וועכנטלעכע צייטונג. אין פאַרלאַג פון קולטור־ליגע האָט

געאַרבעט ווי אַ רעדאַקטאָר ז. קאַלמאַנאָוויטש ז״ל און דער קאָרעקטאָר איז געווען י. י. זינגער, וואָס האָט זיך דערשלאָגן קיין קיעוו אָן שיך. ווי פון אונטער דער ערד האָט זיך באַוויזן אַ יונגער שיינער בחור, מיט אַ גרויסער טשופּרינע שוואַרצע האָר און די אויבן דערמאָנטע צימעל לוריע פלעגט זיצן האַלבע טעג מיט אים און רעדאַקטירן זיינע לידער, וואָס דער פאָלקס־פאַרלאַג האָט אַרויסגע־געבן. דאָס איז געווען פּרץ מאַרקיש.

י. עפּרויקין, נחום שטיף און ז. קאַלמאַנאָוויטש האָבן זיך באַמיט צו שאַפן אַ פאָלקס־פּאַרטיי... עס האָט געקאָכט און געיוירט, געבראַוזט אין אַלע ווינקעלעך פון יידישן לעבן... אָבער נישט לאַנג האָט די אַרבעט געדויערט: די „צענטראַלע ראַדע״ איז גיך דעמאָראַליזירט געוואָרן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע פּאָגראָמען. אין אָנהייב פון 1918 האָט אַ קאָמוניסטישע אַרמיי עלף טעג נאָך אַנאַנד באָמבאַרדירט די שטאָט און זי איינגענומען. אויף אָפענע אויטאָ־פּלאַטפאָר־מעס פלעגט מען צונויפקלייבן די געהרגעטע פון די גאַסן. די שטאָט איז געוואָרן קאָמוניסטיש, אַלע אינסטיטוציעס זיינען אָבער געבליבן. אַ סך יידן פון אַנדערע ריכטונגען זיינען מיט איין מאָל געוואָרן פאַרברענטע קאָמוניסטן און עפנטלעך באַשפּיגן זייער פריערדיקע פּאַרטיי. צווישן די איבערלויפער האָבן זיך אויס־געטיילט די צוויי חשובע בונדיסטן — משה ראַפעס און דאַוויד זאַסלאַווסקי (דער ערשטער איז שוין לאַנג אומגעבראַכט געוואָרן און דער צווייטער האָלט זיך נאָך אויף די שפאַלטן פון „פּראַוודאַ״ און „איזוועסטיאַ״). די יידישע לערער האָבן ביסלעכווייז גענומען אַריבערשפּרינגען צו דער הערשנדיקער פּאַרטיי. דער בעסטער לאָזונג — אַ מין „אַללאַ אַללאַ״ — איז געווען נאָכצושרייען „אַרבעטשול, אַרבעטשול״, ברענען לערנביכער, איינאָרדענען מיט די קינדער מישפּטים איבער אַנדערע לערער וכדומה. אַ סך ביטערע אַנעקדאָטן און פאַקטן געדענק איך פון יענער צייט.

אויף אַ לערער־קאָנפערענץ וואָס האָט געדאַרפט אָננעמען די לאָזונגען פון דער אַרבעט־שול האָב איך געהאַט די העזה צו זאָגן, אַז ווען מען קען נישט קריגן קיין שוועבעלע פאַר געלט אַפילו, קען מען נישט ריידן וועגן אַרבעט־שול. האָט איינער, אַ געוועזענער תלמוד־תורה־מלמד און איצט אַ חשובער קאָמוניסט, דער־קלערט, אַז „חבר גאָלאָמב קען אונדז נישט פאַרשטיין, ווייל ער איז אַ קאָנטררע־וואָלוציאָנער און אַ משרת פון דער אַלוועלטלעכער בורזשואַזיע״ נישט מער...

אין דער פּראָווינץ זיינען געגאַנגען פּערמאַנענטע פּאָגראָמען, אין שטאָט איז געוואָרן אַ הונגער — שוואַרצער ברויט פון עפּעס אָפּפאַל אָנשטאָט מעל, קיין זאַך נישט צום ברויט, קיין שוך און קיין בגד, קיין האָלץ צום הייצן, קיין עלעקטרי־ניישט, קיין וואַסער — גאָרנישט. אין אוניווערסיטעט פלעגן מיר זיצן אין די קאָלאָשן און אין מאַנטלען, דאָס וואַסער אין די מיקראָסקאָפּישע פּרעפּאַראַטן פלעגט פרירן. פון פּראָווינץ פלעגן כסדר קומען יידישע משפּחות אַנטלאָפענע פון פּאָגראָמען,

אין שטאָט פלעגן די קינדער שטאַרבן ווי פליגן פון טיפוס און אַנדערע מגפות. די שולן וווּ מען פלעגט געבן די קינדער עפּעס צו עסן זיינען געווען אַ הצלה אויך פאַר די הונגעריקע לערער. שולן אָן באַשפּייזונג פלעגן מערער שטיין געשלאָסן צוליב די מגפות און צוליב אויספעלן פון באַהייצונג. אין מיין ניטבאַהייצטן צימער ביי דער שול (גרויס-וואַסילקאָוועד 119) פלעג איך זיצן אין מאַנטל, קאַלאָשן און מיט הענטשקעס אויף די הענט און שרייבן. ווען די פינגער אין די הענטשקעס זיינען געשוואָלן געוואָרן פון קעלט, האָב איך געקראָגן קוילן פאַר אַ פּייערטאָפּ. אַלע טאָג, אַלע טאָג פלעגן קומען קינדער אין שול: „דאָס קינד איז שוין געשטאָרבן, יענע — איז קראַנק געוואָרן". די קולטור ליגע האָט געהאַלטן אין איין עפענען נייע שולן מיט באַשפּייזונג. ווי אין קיעוו אַזוי אויך אין פּראָווינץ-שטעט. די יידישע קאָמוניסטן זיינען געוואָרן אָפּגעקילט צו דער גאַנצער יידישער קולטור-אַרבעט. איך דערמאָן זיך ווי דער נייגעבאַקענער קאָמוניסט משה ראפעס האָט אויף אַ מיטינג פון קולטור-ליגע אין גרויסן זאַל פון שטאָטראַט געשטורעמט אַז מען דאַרף מיט אָן אייזערנעם בעזים אויסקערן די פּרצעס און די שלום-עליכמס... דאָ איז שוין נישט געגאַנגען וועגן יידיש צי העברעיש, נאָר וועגן אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט יידישקייט. קאָנשטאַם האָט פאַר זיי דעמאָלט געשאַפן אַ נייעם נאָמען „לבניסטן" (פון לבן וואָס „בקש לבן לעקור את הכל" — אויסרייסן אַלץ) זיין העברעישן סעמינאַר האָט די יידישע סעקציע באַלד פאַרחתמעט. דער געוועזענער לערער פון דער ערשטער יידישער שול אין דעמיעווקע, לייב בראַוואַרניק, האָט דאָס גענומען די מצווה אַרויפצוטאָן דעם טריוואַקס אויף דער טיר פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע. זיין אייגענער גורל איז מיר ניט באַקאַנט, נאָר זיין חבר מיכל לעוויטאַן איז שפּעטער ליקווידירט געוואָרן. קאָנשטאַם האָט זיך אומגעקערט צו זיין משפחה קיין כאַרקאָוו און איז דאָרטן אין אַ פּאָר יאָר אַרום געשטאָרבן פון טיפוס. מיר אין קיעוו האָבן זיך פון דעם דערוווּסט ערשט אין אַ חודש אַרום — אַזוי שלעכט איז געווען די קאָמוניקאַציע צווישן די צוויי אוקראַינישע הויפּטשטעט.

אַלע נאַכט פלעגן אין די פאַרשטעט פון קיעוו גופא פאַרקומען „לאַחדימדיקע" פּאָגראָמען — סאָלדאַטן פלעגן באַפאַלן און ראַבירן. אין די הייפן פלעגט מען יעדער נאַכט שטיין אויף דער וואַך, און אַז מען פלעגט עמיצן באַפאַלן, פלעגט מען פון די שכנישע דירות אַרויסלויפן אין די העכערע גאָרנס אויף די באַלקאָנען און נעמען קלאַפּן און טאַנצן און שרייען אַ געצוויגענעם אַי-אַי-אַי. אפשר וועט מען דערהערן און קומען ראַטעווען...

דער זייער פעיקער זשורנאַליסט און אַנטיסעמיט וולאַדימיר שולגין, רעדאַקטאָר פון באַרימטן „קיעוולאַנין" האָט עס גערופן „מאַטערן דורך שרעק" (פּיטקאַ סטראַכאָם). אַזוינע קאָנצערטן פלעגט אויסקומען צו הערן אַלע נאַכט, בפרט אַז מיין דירה איז שוין געווען נאָענט צו דעמיעווקע.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווי איין מאָל אין דער פרי איז געקומען א מיידעלע אין שול.

— לערער, וויפיל קאָסט דאָס ביכל וואָס איר האָט מיר געגעבן צום לייענען?

— צו וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן זיין פרייז?

— אָט אַזוי. נעכטן איז געווען ביי אונדז אין שטוב אַ פּאָגראָם, האָט מען מיר צעריסן אַלע ביכער, — דאַרף איך דאָך באַצאָלן פאַר דעם ביכל פון שול...

און אָט אַזוינע „נאָרמאַלע" סצענעס האָבן די אַרבעט נישט איבערגעריסן, נאָר פונקט פאַרקערט, — פאַרשטאַרקט.

דער יידישער סעמינאַר האָט נאָך מיין אַוועקפאָרן פון רוסלאַנד נאָך געלעבט אַ פּאָר יאָר און איז אויך ליקווידירט געוואָרן.

די לאַגע האָט זיך ווייניק וואָס געביטן ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען קיעוו און אַוועקגעזעצט ווי אַ „העטמאַן" פּאַוולאָ סקאָראָפּאַדסקי. די יידישע קאָמוניסטן האָבן אָפּגעלאָזט עטוואָס, פאַרשטייט זיך, אָבער דער הונגער, די אומרוען, די מגפות האָבן געטאָן זייערס. די שולאַרבעט איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. פאַרקערט: מען האָט געעפנט נייע שולן, פאַרפולקאָמט די לערער. אין זומער 1918 זיינען פאָרגעקומען זומער־קורסן פאַר לערער פון גאַנץ אוקראַינע. איך בין דעמאָלסט געווען אין דער זומער־קאָלאָניע פון יידישן לערער־פאַרבאַנד ווו איך האָב געדאַרפט קומען צו זיך נאָך אַ שווערן טיפוס. האָב איך אין אַן אָוונט באַקומען אַ מעלדונג דורך אַ ספּעציעלן שליח, אַז מאָרגן אַכט אין דער פרי דאַרף איך אָנהייבן מיין קורס פון מעטאָדיק פון נאַטור־וויסנשאַפטן. קיין באַן איז נישטאָ, זיי גייען נישט, נו, איז מען אויפגעשטאַנען אין מיטן נאַכט און מען האָט זיך געלאָזט צופוס פון בודאַיאָווקע לעבן בויאַרקע (שלום עליכמס בויבעריק) קיין קיעוו. מיר זיינען געגאַנגען מיט דעם שרייבער צבי הירשקאַן און מיט נאָך איינעם. צו אַכט אין דער פרי בין איך געווען אין דער פּערצנטער אודיטאָריע פון קיעווער אוניווערסיטעט גרייט צו לייענען די ערשטע לעקציע. ווען איך בין צוגעגאַנגען צו דעם אָנפירער — אַ לערער פון יעליסאַוועטגראַד, ער זאָל קלינגען, האָט ער מיר געפרעגט: ווער איז דער לעקטאָר? און אַז כ'האָב אים אַ זאָג געטאָן „איך", האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר — דאַר און קוואַר און בלייך און אויסגעמאָגערט. היינט מיין הולך! אַן אָנצוג וואָס איך האָב זיך געמאַכט עפּעס פון אַלטע לייוונטענע זעק... שוין איין מאָל אַן איינדרוק, מסתמא! ערשט נאָך דער לעקציע איז די מערכה פאַרריכט געוואָרן... אַ. ליטוואַק — דער באַקאַנטער בונדישער תלמיד־חכם און רעדנער האָט זיך אויסגעפוצט נאָך שענער! אין אַן אָנצוג פון זאַלצזעק.

מיר האָבן דעמאָלט אַרויסגעגעבן אויך דעם ערשטן יידישן פּעדאַגאָגישן זשורנאַל „שול און לעבן". דער הויפּט־רעדאַקטאָר איז געווען שמעון דאָבין און

דער טעכנישער רעדאַקטאָר — עזרא קארמאַן, דער דיכטער, איצט אין דעטראָיט... ווי ווייט דער שאַפונגס־אימפּעט איז געגאַנגען, קען מען זען פון דעם, וואָס מיר האָבן געעפנט אַפילו אַ יידישן פּעדאַגאָגישן מוזיי אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר שמואל לעווין (שפּעטער אין קאָוונע, דירעקטאָר פון אַ יידישער גימנאַזיע און לערער־קורסן, אומגעקומען)... איך וווּנדער זיך ווי האָבן מיר געגומען אַזוי פיל כוחות און צייט און מוט צו אַרבעטן אויף אַזוי פיל פראָנטן: אָט איז אַ קליינער חשבון: אין פאָלקשול, אין דער גימנאַזיע און אין סעמינאַר, אויף די אַרבעט־קורסן, אין די פאַרשול־קורסן. אין דער שול אויף אַלעקסאַנדראָווסקי פלעג איך צוויי מאָל אין וואָך פירן די קינדער אויף עקסקורסיעס כדי איך זאָל קענען קריגן אַ פליישיקן מיטאָג אַמאָל, אין קולטור־ליגע, — און צו אַלעם דעם האָט מען נאָך גאָר מיט חשק אַליין געלערנט אין אוניווערסיטעט אויך. און שרייבן פלעגט מען דאָך אויך...

ווען די קאָמוניסטישע מאַכט האָט זיך פאַרפעסטיקט אין קיעוו (אַ 17 מאַכט־ענדערונגען האָבן מיר אַדורכגעלעבט אין אַ פּאָר יאָר), האָבן די יידישע קאָמוניסטן די קולטור־ליגע געשלאָסן. דעם גרויסן כבוד אָנצוטאָן אַ שלאָס האָט געגומען אויף זיך איינער אַ וואַזשנער עם־הארץ, אַ געוועזענער ס״ס, וואָס האָט ביז יענער צייט אחוץ אַ פּאָר יאָר ישיבה נישט געהאַט קיין אַנדער בילדונג. ער האָט געהאַט אויך אַ פּערזענלעכן כעס: ער האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן פאַר דער קולטור־ליגע אַ נייע שול פאַר היימלאָזע קינדער. ער האָט עס נישט געטאָן, ווען דער סעקרעטאַר פון דער שול־סעקציע ח. ש. קאַזדאַן, האָט אים גערופן און געמאַכט אַ שטרענגן פאַרוואורף, האָט ער געענטפערט: וואָס מיינט איר, דאָס דאַרף איך זיך פאַרנעמען מיט לייזיקע קינדער?... דעם ענטפער וואָס ער האָט געקראָגן קען מען זיך פאָרשטעלן. נו האָט ער אָפּגעדרוקט אַ בריוו אין דער „קאָמוניסטישער פאָן” און איז געוואָרן אַ גאַנצער פירער...

דער גאַנצער אַקטיוו פון דער קולטור־ליגע האָט זיך אויף פאַרשיידענע וועגן און ביסלעכוויז אַוועקגעלאָזט קיין פּוילן, ווו מען האָט געגלויבט צו קענען אַנטוויקלען אַן אַרבעט נישט קלענער ווי אין אוקראַינע... אַזוי האָט מען געחלומט. איך בין געקומען קיין וואַרשע אַרום פּורים 1921. מלמד און נחמן מייזעל, זילבערפאַרב און ליטוואַק, קאַזדאַן און יוסף לעשצינסקי זיינען שוין געווען פון פריער אַריבערגעקומען. דאָס ערשטע וואָס עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן איז געווען פון איין זייט — די שפע פון עסן און טרינקען, וואָס מיר האָבן שוין געהאַט גאָר זיך אָפּגעוווינט פון דעם. פון דער צווייטער זייט איז דאָס געווען די שרעקלעכע פּאַרטיי־רייסעריייען, וואָס זיי האָבן צווישן אַנדערע געשטערט אויך די קולטור־ליגע זאָל געשאַפן ווערן.

עס איז אַלע מאָל ביי מיר דאָס געפיל, אַז אַזוי איבער־פּאַרטייאיש ווי עס איז געגאַנגען די קולטור־אַרבעט ביי יידן אין יענער קיעווער תקופה, קען גאָר

מער נישט זיין: עס האָבן עקזיסטירט שולן, עס האָבן צוזאַמען געאַרבעט דאָרטן מענטשן פון אַלע יידישע פאַרטייען, און דאָך האָט קיינער ניט באַמיט זיך צו מאַכן פון דעם פאַרטיי־קאַפּיטאַל... „גאָט, דאָס גלייבט זיך קוים".

זילבערפאַרב דער „סיימיסט", ליטוואַק — דער בונדיסט, ליטוואַקאָוו־דער ס"ם די „האחים יעקב־יוסף" (לעשצינסקי) וואָס האָבן אָפּט געביטן זייער פּאַרטיי, — און אַזאַ אויפריכטיקע צוזאַמען־אַרבעט!...

איז עס ניט קיין לעגענדע?

די אָוונט־קורסן אין קיעוו

די אָוונט־קורסן אין קיעוו זיינען געווען כמעט א מלוכה פאר זיך. ווי עס איז שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט געוואָרן, איז קיין אַלגעמיינע אבליגאַטאָרישע דערציִונג אין רוסלאנד ניט געווען. זיינען געווען א סך מענטשן וואָס האָבן אין זייער קינדהייט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו באַזוכן א שול. אַט פון די האָבן זיך כמעט אין אַלע שטעט ווערבירט קאַדרען פון יוגנטלעכע און אפילו דערוואַקסענע מענטשן וואָס פלעגן אָנפילן שפּעטער די אָוונטקורסן פאר ארבעטער. די ערשטע אוונטשולן און זונטיקשולן זיינען געגרינדעט געווארן אין כארקאוו דורך איינער א פרוי. (איר נאָמען האָב איך פארגעסן) נאָך אין מיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט, נאָך דער באַפרייאונג פון די פּויערים (1861). זיי זיינען געוואָרן א טייל פון דעם „פאָלקסדינסט" — דינען דעם פאָלק, דעם פשוטן פויער און ארבעטער מיט אַלע מיטלען. דאָס פאָלקסדינסט איז געווען א טייל פון דעם מאָראַלישן באַוווּסטזיין פון דעם פּראָגרעסיוון רוסישן מענטשן, פון דער צווייטער זייט האָט דאָס באַוויזן ווי גרויס עס איז געווען דער גלויבן אין וויסן. „וויסן איז מאַכט", זאָגט טאַקע א רוסיש ווערטל, „פאר איין געלערנטן גיט מען צוויי ניט געלערנטע און מען נעמט ניט", וכדומה א סך. אַט דער גלויבן אין וויסן, ווי אין א פאַקטאָר פון פאָלקס גליק, פרייהייט, האָט באַגייסטערט אַלעמען פון דעם איינפאַכן לערער ביז דעם גרעסטן געלערנטן מיט א וועלטנאָמען. אויך די האָבן געפונען צייט פאר פאפולערע לעקציעס און פאפולער־וויסנשאַפטלעכע ביכער. אַט דעם גלויבן אין דער גרויסער מאָראַלישער באַדייטונג פון „וויסן פאר דעם פאלק" האָט פאעטיש אויסגעדריקט איינער פון די שענסטע און גרעסטע רוסישע געלערנטע — ק. טימיריאזעוו אין א משל וועגן די בלעטער און די ווארצלען. (אין זיין בוך „דאָס לעבן פון געוויקס". פאראן א יידישע איבערזעצונג). דאָס בוך האָט טאַקע געהאַט א קאָלאָסאַלע פארשפרייטונג אין פאָלק און האָט געהאָלפן דער געזעלשאַפטלעכער דערוואַכונג. מער ווי א סך רעוואָלוציאָנערע ביכער.

עס פארשטייט זיך אז אָוונטקורסן, אָוונטשולן און פאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכער און ביכלעך האָבן זיך אויך גענומען באַוויזן ביי יידן, מסתמא אונטער דער דירעקטער השפעה פון דער זעלביקער דערשיינונג ביי די רוסן. צום טייל אויך ווי א מיטל צו רעוואָלוציאָנירן די יידישע ארעמע מאַסן.

אַזוינע אָוונט־שולן זיינען געווען, למשל אין ווילנע נאָך לאַנג אין די צאַרישע צייטן. דאָ האָט מען איינגעפירט יידיש נאָך אין פינפטן יאָר, דאַכט זיך. מען

פּלעגט אויך אַלע שבת צו נאַכט אין דער ווילנער וואָלוועלער קיך (א געזעלשאַפט־לעכער וואָלוועלער רעסטאָראַן, וואָס האָט געהאַט א גאַנץ גרויסן זאַל), לייענען נאַטור־וויסנשאַפטלעכע לעקציעס. דאָס איז פאַרשטייט זיך, געווען אין איינקלאַנג מיט דער אַלגעמיינער איינשטעלונג אין צאַרישן רוסלאַנד וועגן דעם באַפרייערישן גייסט פון די נאַטור־וויסנשאַפטן. אין פאַרבינדונג מיט יענע ווילנער אָוונט־קורסן איז ארויס דאָס ערשטע לערנבוך פאַר יידיש (אונטער דער רעדאַקציע פון אַלגינען; דעמאָלט א בונדיסט).

זיינען אויך אין קיעוו געווען אָוונט־קורסן ניט קיין נייעס. דאָ אָבער האָבן זיי נאָך דער רעוואָלוציע געקראָגן גאָר אַן אַנדער פּאַרנעם און אַן אַנדער ריכטונג.

געווען אין קיעוו א דאַמען־פּאַטראָנאַט פאַר יידישע מיידלעך אַרבעטערינס און דינסטן וואָס פלעגן קומען פון קלענערע שטעט און שטעטלעך קיין קיעוו. צופעליק האָבן זיי אָנגעשטעלט פאַר אַן אָנפירערין פון דעם פּאַטראָנאַט א יונגע יידישע מיידל ליאַלע טאַרגאַוועץ. אין א פּאָר וואָכן האָט זי, די יונגע מיידל דורכגעפירט א רעוואָלוציע: זי האָט ניט מער און ניט ווייניקער ווי באַזייטיקט דעם גאַנצן דאַמען־קאָמיטעט און דעם פּאַטראָנאַט פאַרוואַנדלט אין אַן — אַרבע־טער־אוניווערסיטעט.

ווער איז זי געווען?

איר פאָטער איז געווען דאָקטאָר אין זשיטאָמיר. מען דערציילט אַז ער איז געווען פון יענע יידישע פּאָלקס־דאָקטוירים וואָס מען פלעגט דעמאָלט טרעפן ניט זעלטן. זיי האָבן געקוקט אויף זייער אַרבעט ווי אויף א מאָראַלישן פליכט צו דינען דעם פּאָלק. דערצו איז ער געווען לינק געשטימט. ער איז יונג געשטאָרבן און די משפּחה האָט זיך אויסגעהאַלטן פון די פאַרדינסטן פון די דריי קינדער. דער זון איז געווען סעקרעטאַר ביי דעם פּרעזידענט פון דער אוקראַינישער רעפּוב־ליק ראַקאָווסקי. די עלטערע טאָכטער איז געווען א טענצערין און ליאַלע האָט גלייך ווי זי האָט געענדיקט גימנאַזיע, געקראָגן אַרבעט ערגעץ אויף א פּראַנט צו זאָרגן פאַר די אַרויסגעטריבענע. די יונגע זיבעצניאָריקע ליאַלע, האָט פון אַלע לעבער און וועלדער צונויפגעזאַמלט די פאַרוואָרלאָזטע קינדער און האָט זיך גענומען זיי דערציען און באַשפּייזן. פון וואַנען? ווי אַזוי?

— דאָס איז געווען דער וווּנדער, וואָס די ענערגיע און געטרייקייט פון א יידישער מיידל קענען באַווייזן. בערגלסאָן איז איין מאָל פאַרביי־געפאָרן און געזען די מיידל ביי איר אַרבעט אויף א פאַרוואָרפענער באַנסטאַנציע. האָט ער נאָך דעם געשריבן א סקיץ „ווער איז זי?"...

עס זיינען געווען אַזוינע יונגע יידישע מיידלעך.

ביי דער געלעגנהייט דערמאָן איך זיך א צוויטן פאַל, א שפּעטערדיקן: געקומען צופאָרן א ביאַליסטאָקער יידישע מיידל קיין ווילנע און זי האָט געפונען: עס זיינען אין ווילנע דאָ יונגע יידישע יינגלעך — קעשענע־גנבים אויף די גאַסן,

אויף די מערק. האָט די מיידל פון ביאַליסטאָק — טילצע טיקטין איז געווען איר נאָמען — גענומען, צונויפגעקליבן די יונגע גנבים און אָן געלט און אָן שטיצע אָרגאַניזירט פון זיי אַרנטלעכע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון. זיי האָבן, דאַכט זיך עקזיסטירט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. זיינען אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט אויך פאַראַן אַזוינע? כ׳ווייס ניט...

איז די ליאַלע טאַרגאָווע געקומען קיין קיעוו ווען די מלחמה האָט זיך געהאַלטן אין ענדיקן, איבערגענומען דעם פּאַטראָנאַט און זי האָט געמאַכט פון אים אַן אַרבעטער־אוניווערסיטעט.

כ׳דערמאָן זיך: איין מאָל אין אַ בייטאָג שטעלט מיך אָפּ אויף דער גרויס וואַסילקאָווער גאַס אַ יונג מיידל מיט אַ פינגער אין מויל ווי אַ קליין פאַרשעמט קינד און פרעגט מיך:

— איר זייט גאָלאָמב?

— איך בין גאָלאָמב.

— ווילט איר אפשר מיטאַרבעטן אויף אונדזערע קורסן?... אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מיין מיטאַרבעט. נאָך פריער האָבן דאָרטן גענומען אַרבעטן ח. ש. קאַזדאַן, אשר מאַרגאָליס, בוזי ספּיוואַק און דאַכט זיך נאָך עמיצער, וואָס איך קען זיך איצט ניט דערמאָנען. עס איז געווען אַן אמתער אַרבעט־אוניווערסיטעט. מען פלעגט קומען אַרום אַכט אָוונט און פאַרברענגען ביז צען. געלערנט האָט מען יידיש, ליטעראַטור, געשיכטע. איך האָב געלערנט נאַטורוויסנשאַפטן. קיין שום שייכות מיט די אָפיציעלע פּראָגראַמען איז דאָ ניט געווען. איך למשל האָב ניט געלערנט קיין אָנגענומענע קורסן פון פיזיק וכדומה. מיר האָבן געשטודירט אַזוינע טעמעס: ווי מענטשן האָבן באַלויכטן זייערע דירות פון אַ קינעלע ביז עלעקטרי, וואַסער־באַזאָרגונג וכדומה אַזוינע טעמעס וואָס האָבן אַריינגענומען אין זיך אַ מין „כל בו". קיין שום פּראַקטישן נוץ האָבן די תלמידים ניט געקאָנט האָבן ביי די קורסן. קיינע דאָקומענטן, דיפּלאָמען וכדומה. עס איז געווען ריין לשמה. אַזוי פלעגן קומען אַרבעטער נאָך אַ טאָג אַרבעט און לערנען. די קורסן האָבן ביי די תלמידים אויך צוגענומען כמעט דעם גאַנצן פרייען שבת, דעם ערשטן האַלבן טאָג פלעג איך פירן וויסנשאַפטלעכע עקסקורסיעס — געאָלאָגיש־געאָגראַפישע, איבערהויפּט אויף דעם הויכן ברעג פון דניעפּער, אָדער ביאָלאָגישע אויף דעם נידעריקן ברעג, אויף דעם טורכאַנאָוו־אינדזל. די קורסן זיינען געווען אויך אַ קלוב. דאָ פלעגט מען פאַרברענגען דיסקוטירן, צוגרייטן פאָרשטעלונגען וכדומה. מען פלעגט קומען אַהער ווי אין אַ היים. די קורסן האָבן געהאַט אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די תלמידים גופא. עס איז דאָ אַלע מאָל געווען היימלעך, צי האָבן די לערער באַקומען געהאַלט פאַר זייער אַרבעט — כ׳האָב ניט אָן צו געדענקען. דאַכט זיך אַז ניט. אָבער עס האָט ניט אינטערעסירט. אָנגעפירט מיט די קורסן האָט די יינגסטע צווישן אונדז ליאַלע טאַרגאָווע. קען זיין אַז זי האָט יאָ באַקומען עפּעס אַ געצאָלט. ווען דעניקין האָט געהאַלטן אין איינגעמען קיעוו

און אַלע וואָס האָבן געהאַט א שטיקל שייכות צו קאָמוניזם און קאָמוניסטן זיינען אַנטלאָפן פון קיעוו, האָט אויך ליאָלע מיט איר גאַנצער משפחה געדאַרפט אַנטלויפן: איר ברודער איז דאָך געווען ראַקאָווסקיס סעקרעטאַר. אָבער ווי האָט זי געקאָנט לאָזן אירע קורסן? איז זי געבליבן!...

שפּעטער האָבן זיך געעפנט אָפּטיילונגען פון די קורסן אויף פּאָדאָל, עס איז געוואָרן אַ גאַנצע אָרגאַניזאַציע פאַרבונדן מיט דעם „נאַראָבראַז" (אָפּטיילונג פאַר פאָלקסבילדונג), עס זיינען צוגעקומען נאָך מיטאַרבעטער, לערערס. פון זיי דאַרף מען דערמאָנען די קאַראַימערין סאַראַ אַבראַמאָוונאַ פּירקאָוויטש. איר זיידע איז דאָס געווען דער באַרימטער קאַראַימישער געלערנטער חכם, וואָס האָט אין זיינע ווערק זיך באַמיט צו באַווייזן אַז זיי די קאַראַימער, האָבן ניט קיין שייכות צו די יידן, אַז זיי האָבן שוין געוווינט אין קרים נאָך פון פאַר קריסטוס־געבורט און בכן, הייסט עס, האָבן זיי ניט געהאַט קיין שייכות צו די קרייצוגן... זיין אייניקל שרה האָט זיך אָבער פאַרקערט, באַפריינדעט מיט יידן, זייער טיכטיק מיטגעאַרבעט אין די קורסן. מיר פלעגן אַמאָל קומען צו איר אַהיים, ווען זי איז שוין געווען אַ קאָמוניסטן. זי פלעגט אָפט דעמאָלט מאַכן ביי זיך אין שטוב „בעלער" פון קאַרטאָפל מיט הערינג וכדומה. איך דערמאָן זיך ניט אַז דער טאַטע אירער זאָל ווען עס איז ענטפערן אויף אונדזער גוטן אָוונט. קענטיק, ער איז געווען גאָר ניט צופרידן מיט דער טאָכטערס געסט. שפּעטער, אַז איך בין שוין געווען אין פּוילן האָב איך געהערט אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט אשר מאַרגאַליסן וואָס איז שפּעטער געוואָרן פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט אין מאָסקווע.

די ירידה

שפעטער, ווען די יידישע קאָמוניסטן האָבן גענומען רודפן אַלע ניט קאָמו־ניסטן און אַלע אַנשטאַלטן ווי אַזוינע אפּיקורסים האָבן געאַרבעט, איז אויך געקומען אַ סוף צו די קורסן. ליאַלע האָט זיך סוף כל סוף דעקלאַרירט פאַר אַ קאָמוניסטן, מיר זיינען זיך צעגאַנגען מיט איר, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט אַז זי איז ביינאַכט געגאַנגען מיט אַ רעוויזיע אין הייזער זוכן פּראָדוקטן און דאָס קאָנפיסקירן. עס איז געווען אַ וויטאָק זיך פאָרצושטעלן ווי די צאַרטע, קינדיש ערלעכע ליאַלע טאַרגאַוועץ גייט אין אַ לעדערנער קורטקע דורך נאַכט אין דער באַגלייטונג פון באַוואָפנטע מענער, וועקט פאַרשלאָפענע משפחות און באַרויבט אין נאָמען פון געזעץ אַן איבעריקן פונט מעל, אַ ביסל צוקער וכדומה. געהאַט ניט איין איבעראַשונג פון דעם מין. געווען אין דער ערשטער יידישער גימנאַזיע אַ לערער — דוד שפּראַך, אַ פּרומער קאָמוניסט, וואָס וואָלט זיין אייגענעם טאַטן דערשאָסן ווען די פּאַרטיי הייסט עס אים. איין מאָל איז ער ניט געקומען לערנען. אַ קינד זאָגט: זי ווייסט פאַרוואָס: אַז ער איז ביינאַכט געגאַנגען אויף רעוויזיעס, מוז ער איצט שלאָפן....

— פון וואַנען ווייסטו?

— כ׳ווייס: ער איז אויך ביי אונדז געווען אין שטוב און האָט צוגענומען נאָר די צוקער. כ׳געדענק היינט אויך ווי שווער עס איז געווען דאָס צו הערן. נאָך ווייטאַקדיקער איז עס געווען צו הערן וועגן ליאַלען. מיר זיינען זיך צעגאַנ־גען — מען דאַרף דאָך די קאָנטררעוואָלוציע אויסקערן מיט אַן אייזערנעם בעזים און צוזאַמען מיט איר — אויך די קאָנטררעוואָלוציאָנערן... מיין לעצטער שמועס מיט ליאַלען אין גאַס: צופעליק זיך באַגעגנט, איך זאָג איר: ליאַלע, אַז איר וועט גיין מאַכן אַ רעוויזיע, זייט וויסן אַז ביי מיר ליגט באַהאַלטן אַ האַלבער פונט רייז...

די אויגן זיינען איר געוואָרן פול מיט טרערן, ניט געענטפערט און אַוועק. פון ווייטן שוין האָט זי זיך אַ קער געטאָן און געזאָגט:

— מיר׳ן קומען אייך אויך קאָנפיסקירן... די לופט איז שוין געווען צו געדיכט.

די לערערשאפט

די לערערשאפט אין קיעוו איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָ־לוציע א גאַנץ היפּשע. זעקס אָדער מער פּאָלקשולן, די ערשטע יידישע גימנאַזיע, דער יידישער לערער־סעמינאַר, די אוונטקורסן, די פארשולקורסן, און בכלל איז דאכט זיך דעמאָלט די גאנצע יידישע אינטעליגענץ פון רוסלאנד געווען אין קיעוו. אלע שבת בייטאָג פלעגן מיר האבן קאָנפערענצן פון ריין פּעדאַגאָגישן כאראקטער, אזוי פיל פּעדאַגאָגישע און מעטאָדישע פּראָבלעמען! און אזוי פיל שוועריקייטן! עפּידעמיעס, הונגער, אפטע פּאָגראָמען און דאָ האָט מען פארשפּרייט א נייעם לאָזונג „ארבעטשול״... ניט לערנען, ניט לערנביכער, ניט לעקציעס, נאָר ארבעט, ארבעט און ארבעט! גיי ארבעט, אז א שוועבעלע איז ניט צו קריגן, אז יעדער טאָג דאַרף איין לערער מיט א גרופּע קינדער לויפן פארטאָג אין באשפּייזונג־צענטער נאָך פּראָדוקטן פאר דער שול. און ווי איז אויב דער לערער פארשפּעטיקט! דער לערער האָט אפילו געקראָגן א נאָמען „ציטוואָיליקער לאַסטפערד״, ווייל די פּראָדוקטן פלעגט מען דאַרפן טראָגן אויף זיך אָדער פירן מיט א שליטל, צי א האַנטוועגל. קאָמוניסטישע חסידים האָבן אין דעם געזען די פארווירקלעכונג פון דער ארבעטשול...

כ׳וויים ניט צי עמיצער פון די לערערס האָט דעמאָלט געהאַט א וואָסער עס איז פארשטעלונג וואָס עס איז אזוינס די ארבעטשול, אבער אלע האָבן געמוזט מיטשרייען אין כאָר, שפּרינגען „קדוש״. דער יידישער לערער־פאַרבאַנד האָט געהאַט זיין קלוב (דאַכט זיך, אויף זשיטאָמירסקע 20). איין אָוונט, מען האָט פאַרבראַכט שפּעט, מען קלאַפּט אין טיר — א מיליטערישער פּאַטרול קומט אריין: „וואָס איז דאָ פאר א פארזאַמלונג, טאָווארישטשעס?״ (חברים). ווי אַן ענטפער אויף דער פראַגע, האָט דער עולם גענומען זינגען די מאַרסעליעזע... פּיאַלקאָוו ע״ה האָט מיר דעמאָלט באַמערקט אין דער שטיל: א נייע וועלט און אַ נייער הימן אָבער מינהג בלייבט מינהג, א נייער „באָזשע צאַריאַ״.

אויך די קולטור־ליגע האָט געהאַט איר קלוב (דאַכט זיך, אויף גרויס־וואַסילקאָווער 27) דאָרטן פלעגט מען זיך אויך צונויפזאַמלען אָפט. איין מאָל האָט מען דאָרטן פארבראַכט אונטערן פּאַרזיץ פון סאַשאַ כורגין. ער איז שוין דעמאָלט געווען א כשרער קאָמוניסט. מען האָט מכבד געווען מיט עקספּראָמט־רעדעס, רעפעראַטן, לידער, — מיט וואָס ניט איז. איך האָב אין מיין בלומרשט וויסנשאַפט־לעכן רעפעראַט דערציילט וועגן ניי־אַנטדעקטע באַקטעריעס, וואָס קענען חרוב מאַכן

די וועלט. ווי איך האַלט אַזוי אין מיטן ריידן, ערשט דער פּאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ כמעט אויף מיין נאָז... געווען א שטיקל טומל. זילבערפארב האָט זיך אָנגענומען זייער היציק די קריוודע פון פרייען וואָרט. עטלעכע מענטשן האָבן זיך אפילו אפּגעזאגט ארויסצוטרעטן נאך דעם אינצידענט, אבער איך האב נאך אפּגעשפּילט מיט גליק: אויף מארגן איז צו מיר געקומען דער רעדאקטאר פון „די קאמוניסטישע פאן" הענעך קאזאקעוויטש, וואס מיט אים זיינען מיר געווען חברים נאך פון די גראדנער קורסן אן, און ער האָט מיר געמאָלדן גאַנץ קלאָר:

— דאָס מאָל האָב איך דיך אָפּגעראַטעוועט פון טש"ק. אַ צווייט מאָל וועל איך אפילו ניט פּרובירן, אויב דו וועסט ניט האלטן דיין צונג אויפן שלאָס... נאָך אַזאַ אָנצוהערעניש האָט מען שוין געקאָנט פארשפּאָרן צו פּאלעמיזירן וועגן פרייהייט פון וואָרט. אָבער צווישן אייגענע מענטשן, נעכטיקע פריינד האָט מען נאָך זיך דערלויבט א פריי וואָרט. מען האָט נאָך דעמאָלט זיך ארומגעטראָגן מיט א וויץ פון בן ציון דינאבורג. עס איז ארויס די „קאָמוניסטישע פּאָן" מיט יידישיזירטן אויסלייג פון די העברעישע ווערטער. דאָרטן זיינען געווען צוויי קעפּלעך „מאנוּוולים" און „כאווירים". נעמט ארויס דינאבורג די צייטונג און ווייזט כורגינען: איך האָב ניט געקאָנט איבערלייענען דאָס וואָרט חברים. אז איך האָב דערזען מנובלים, האָב איך זיך געכאפּט ווער עס זיינען די חברים... מען האָט שוין אָבער געמוזט זיין פאָרזיכטיק: וויטערע מענטשן, ניט די נאָנטע חברים האָבן שוין געזוכט און געציילט די עברות, כדי מיט זיי אָפּצוציייכענען די אייגענע געטרייקייט. טאָג נאָך טאָג פלעגן זיך באווייזן ברייוו אין „קאָמוניסטישע פאָן" פון אנדערע לערער און סתם אינטעליגענטן, וואָס גיסן אויס טשעבערעם זידלערייען אויף זייערע פריערדיקע פאַרטייען, און שווערן געטרייקייט דעם קאָמוניזם און אלע זיינע דאָקטרינס. אגב, איז אזא בריוו געווען א מיטל צו קריגן א גוטע שטעלע, און דערמיט האָבן זיך באנוצט א סך אזוינע וואָס פריער האָט מען זיי ניט אָנגעזען און ניט באמערקט.

אָט אין דער שטימונג האָט די יידישע אָפּטיילונג פון נאראבראז צונויפגערופן א קאָנפערענץ פון קינדער. דריי טויזנט יידישע קינדער זיינען געווען רעפּרעזענטירט אויף דער קאָנפערענץ. צווישן אַלע רעדעס האָט זיך אויסגעטיילט א רעדע פון א יינגל וואָס האָט געלערנט אין דער שול אויף אלעקסאנדער־גאס 36 אין פּאדאל. דאָרט איז געווען א שול פאר קינדער פון יידן וואָס זיינען אָנגעלאָפן פון דער פּראָווינץ מחמת די אָנצאָליקע און פערמאנענטע פּאָגראָמען. דאָ אין שול פלעגן זיי באַקומען אויך עסן און אמאָל אויך אַ בגד. די לערערשאַפט אַ געטרייע און אַן איבערגעגעבענע. די שול האָט ממש געראטעוועט די קינדער פון הונגער און פון די מגפות. ערשט דער פּאָרשטייער פון דער שול האָט געזאָגט אין זיין רעדע, אז די לערער באַגנבענען די פּראָדוקטן פון שול. איינער פון די לערערס, וואָס האָט זיך שפּעטער ארויסגערוקט אויף א הויכן אמט (איך רוף ניט אָן קיין נעמען, ווייל קען זיין אז ער לעבט נאָך), איז ארויס פון זאַל... עס איז מיר צו־

פעליק איינגעפאלן אים נאָכצוגיין, ערשט ער גייט אויפן בוידעם... ער האָט זיך געוואָלט הענגען. מיר האָבן אים אָפּגעהאלטן. עס איז נאָך דעם געווען א משפט. די לערער האבן מיך געבעטן איך זאָל זיי רעפּרעזענטירן. דער נאַראָבראַז האָט פון זיין זייט געשיקט דעם אינספּעקטאר גאַראָכאָוו. ווען איך האָב גערעדט פאר די קינדער, פאר דעם גאנצן קאלעקטיוו פון דער שול איז איין מיידל, פון א יאָר צוועלף מסתמא צוגעגאנגען צום לערער אליהו ספּיוואק (שפּעטער אקאדעמיקער) און פרעגט אים: וויפל האבן די לערער באצאלט דעם לערער גאלאמב ער זאָל זיי פארטיידיקן?...

אין א צווייטער שול האבן תלמידים אויפגעבראכן די שלעסער פון לאַגער און ארויסגעגנבעט בגדים, קאלדרעס וכדומה. אז עס איז געקומען אן אויס־פארשונג, האבן די קינדער געווארפן די שולד אויף די לערערס: דאָס האבן זיי באגנבעט דעם לאַגער. געווען „פּעדאַגאָגן" וואס האָבן אין דעם געזען א גרויסן פּעדאגאָגישן אויפטו — די קינדער דארפן ניט מער קיין אויטאָריטעטן, זיי קענען שוין אליין באשטיין זייער שטעטל, זיי רעוואלטירן קעגן זייערע פארשקלאפער — די לערערס... בלויז געציילטע האבן נאך אין הארצן ארומגעטראגן ספקות. א. ל. זאסלאווסקי (די פרוי פון באקאנטן סאוועטישן פּובליציסט ד. זאסלאווסקי) וואס האָט געאַרבעט אין יענער שול, האָט אָנגעזאָגט די לערער פון דער שול, מען זאָל דאס ניט דערציילן די קאנטררעוואָלוציאנערע לערערס. דער קורצדויערנדיקער אויפבלי פון די יידישע שולן איז שוין געגאנגען בארג־אראָפּ. לערנביכער האָט מען ארויסגעוואָרפן: ס'איז אלטע קאָנטררעוואָלוציע, סיסטעמאַטישע קורסן און פּראָגראם פון לימודים — אלטמאָדיש. עס איז ארויס א נייע מאָדע: קאָמפּלעקסן, אינטערעסציקלען. אלץ קאָנצענטרירט זיך ארום דער קיך: די פּראָדוקטן זיינען מאַטעריאַל צו לערנען באָטאַניק און זאָאָלאָגיע, דער אויוון און דאָס הייצן גיבן מאטעריאל פאר פיזיק און כעמי. דאס ציילן, וועגן און מעסטן די פּראָדוקטן — אָט נאָט אייך מאַטעמאַטיק... די גאַנצע תורה איז אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין דעם האלב־ליידיקן מאָגן אריין, — און ווער עס האָט געוואַגט צו לייקענען אין אט דער נייער פּעדאַגאָגיק, דער איז א לא יבא בקהל, דער איז א משרת פון דער אלוועלטלעכער בורזשואזיע. מען האָט געדארפט קענען היינט פּראָפּאגאנדירן לענינס לעצט ווערטל אז „איין לויז איז ערגער פון צען סאציאַל־פּאררעטערס". אָט די תורה איז געווען צוגעקלעפּט צו אלע ווענט אין שטאט, און אלע לערערס האָבן די תורה אין איר הייליקן לשון געדארפט איינחזרן אין די קלאסן. און מיט צען טעג ארום האָט זיך איבער דער ברייטער רוסלאנד צעטראָגן א נייער לאזונג, פון זעלביקן בארג סיני להבדיל איז געגעבן געוואָרן א פאַרקערטע תורה, אז די ערגסטע מגפה, וואס מען מוז באקעמפן זיינען אט די זעלביקע סאציאַל־פאררעטער. ווייט ניט יעדער לערער איז געווען א בריה אלע וואך צו שרייען יעדער מאָל א נייעם „נעשה ונשמע". שלעכט איז געווען די לערערס וואָס האָבן געוואַגט צו האבן אן אייגענעם גלויבן. עס האָט זיך שוין אנגעהויבן די צייט פון „ווער עס איז ניט מיט אונדז, דער איז קעגן אונדז", — און איין מיטל איז דא צו זיי —

אויסראַטן. דאָך דאַרפֿן אַזוינע טריפֿע אַפּיקורסים ווי איך דאַנקען די נעכטיקע פֿריינד און תּלמידים, וואָס האָבן נאָך ניט געהאַט קיין האַרץ איבערצוגעבן די ווידערשפּעניקע צו דער טש"ק, זי זאָל מאַכן פֿון זיי אַ פּיינקוכן „אַראָפּנעמען מיט דעם נאַגאַנדל די סקאַוואַרדקע" (דעם קאָפּ אַראָפּנעמען אויף דעם זשאַרגאָן פֿון רעוואָלוציע־חסידים)...

קיעוו איז ביסלעכווייז געוואָרן אויסגעליידיקט פֿון דער ייִדישער אינטעלי־גענץ: מען איז געלאָפֿן פֿון דעם קאָמוניסטישן גן עדן וווּהין די אויגן טראָגן. מיט אַמאָל האָט מען זיך דערוווּסט אַז דער און יענער זיינען שוין אין פּוילן, אין ליטע, אין בערלין און אויך ווייטער. געלאָפֿן איז מען מיט אַלע וועגן, על פּי רוב אומלעגאַל. אין בערלין, דער ראָמאַנישער קאַפֿע, איז געוואָרן אַ גאַנצער צענטער פֿון ייִדישע שרייבער, פֿאַרלאַגן האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן. כּמעט אַלע די שפּעטער ליקווידירטע זיינען דאַן אויך געווען אַנטלאָפֿן. האָפּשטיין האָט אָנגעשפּאַרט אַזש ביז ארץ ישראל, בערגלסאָן — — ביז ניו יאָרק, דער ניסתּר — ביז קאַוונע, מאַרקיש — — ביז וואַרשע און פּאַריז. און ווער ניט. לערער האָבן ווײ־ניקער געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען. ווען די קולטור־ליגע, וואָס האָט אַזוי פֿיל אויפֿגעטאָן אין קיעוו און אין אוקראַינע בכלל איז קאָמוניזירט געוואָרן, איז געקומען די צייט אויך פֿאַר דער גאַנצער אָנפֿירונג, פֿאַר דעם עקזעקוטיוו פֿון דער אָרגאַניזאַציע. דער פּשוטער גראָבער יונג און עם הארץ דוד מאַץ, וואָס האָט זיך פֿון אַ ס"ם אויף גיך אָפּגעשמדט אויף אַ קאָמוניסט, האָט באַזייטיקט מיט דעם „רבינס כּוח" די גאַנצע פֿאַרוואַלטונג פֿון דער קולטור־ליגע און איז געוואָרן קאָמיסאַר... אָבער ווען איך דערמאָן זיך וואָס פֿאַר אַן אומוויסנדיקער בחור עס איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר אַ קאָמיסאַר אין אוניווערסיטעט, מוז איך זאָגן אַז דער מאַץ איז לגבי אים נאָך געווען אַ גדול בישראל.

עס איז אין דער שטיל אָרגאַניזירט געוואָרן אונדזער אַרויספֿאָר פֿון קיעוו. ד"ר זילבערפֿאַרב און ליטוואַק, מייזל און מלמד, לעשטשינסקי יוסף און יעקב, קאַזדאַן פֿריער — און איך נאָך דעם. געפֿאָרן איז מען דורך פֿאַרשיידענע וועגן און ביסלעכווייז. איך האָב געקראָגן אַ פֿאַרבעטונג פֿון קאָמענץ פּאָדאָלסק צו קומען אַהין לייענען אַ ציקל רעפֿעראַטן פֿאַר די דאָרטיקע לערערס. בין איך געגאַנגען מיט דעם בריוו אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פֿון נאַראַבראַז, מען זאָל מיר געבן אַ קאָמאַנדירונג. איך זאָל קענען פֿאָרן אין באַן פֿון קיעוו ביז קאָמענץ. האָט אַפֿילו אַזאַ טעמפּער קאָפּ ווי אברהם סלוצקי פֿאַרשטאַנען אַז עס גייט מיר ניט אין קאָמענץ. ער איז געווען דער פֿאָרזיצער פֿון דעם ייִדאָפּטייל פֿון נאַרבראַז. מלמד פֿלעגט אויף אים זאָגן, ווען איר דערציילט אַ וויץ און ער לאַכט, דאַרפֿט איר וויסן, אַז דאָס לאַכט ער ערשט פֿון אייער נעכטיקן וויץ. איידער ער וועט צע־קייען דעם היינטיקן דאַרף נאָך לאַנג געדויערן... ער האָט אָבער דאָס יאָ פֿאַרשטאַ־נען און האָט מיר בשום אופֿן ניט געוואָלט געבן קיין קאָמאַנדירונג. צו הילף איז מיר געקומען אַ יונגער לערער, אַ ניי געבאַקענער קאָמוניסט, וואָס האָט פֿאַר־

נומען דאָס אָרט פון שול אינספּעקטאָר. ער איז געווען מיט אצייט צוריק מיינער א תלמיד אויף די לערער־קורסן. „לאָזט זיי פאָרן, זאָלן זיי לויפן צו די פּאַנעס. מען וועט אויסקומען אָן זיי״... האָב איך שוין אַ קאָמאַנדירונג. מען שיקט מיך הייסט עס. אָבער וואָס טוט מען אז קיין באַנען גייען ניט? מאַכט זיך א נס: דריי בחורים פון קאָמענעץ פּאָדאָלסק האָבן אין קיעוו באַקומען פּראָדוקטן פאַר זייער שטאָט און זיי פירן א גאַנצן וואָגן. דער וואָגן האָט אפילו א בלעכן־אייוועלע און וועט זיין באַהייצט די גאַנצע צייט. וועלן מיר פאָרן מיט זיי — די פרוי פון ח. ש. קאַזדאַן מיט איר קליינעם זון און איך. פאַרט מען. אויף יעדער סטאַנציע דאַרף מען דעם וואַגאָן האַלטן גוט פאַרמאַכט און פאַרהאַקט, מען זאָל אים ניט עפענען און צעראַבירן אַלץ וואָס מען פירט. דערפאַר אבער ווען די באַן שטעלט זיך אָפּ אין מיטן פעלד, קען מען אַרויס, אָנקלייבן האָלץ צו הייצן. פון אַלטע צעבראָכענע וואַגאָנעס פון פאַרקאַנס, פון חרובע הייזער וכדומה. א גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט מוז דער אויוון ברענען, — אַניט וועט מען פאַרפראָרן: עס איז פעברואַר חודש און עס איז זייער קאַלט. און מיט אונדז פאָרט א קליין קינד. נאָר אַ פּאָר מאָל האָט אויסגעפעלט הייצשטאָף און מען האָט די טיר ניט געקאָנט עפענען, ווייל מיר זיינען פון דרויסן געווען באַלאַגערט מיט מענטשן וואָס האָבן זיך געוואָלט אַריינרייסן אין וואַגאָן... דער צוג האָט זיך געשלעפּט. אפּגעשטעלט, האָט מען ניט געוווּסט צי מען וועט ווען עס איז פאָרן ווייטער אָדער ניט. אין ווינניצע האָט מען געמוזט אַראָפּנעמען איינעם פון די פירער אין שפּיטאָל אַריין: ער איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. און פּראָסקוראָוו האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן א שוידערליכן פּאָגראָם מיט הונדערטער הרוגים. א סטאַנציע פאַר קאָמענעץ האָט אויף אונדזער וואַגאָן געוואַרט אַ מיידל און האָט דערציילט די פירער, אַז מען האָט זיי געמסרט און מען וועט זיי זיכער אַרעסטירן גלייך ביי דער באַן. דעריבער איז בעסער זיי זאָלן גאָר ניט קומען אַהיים. אַזוי זיינען מיר נאָך צען טעג פאָרן אין וואַגאָן געקומען קיין קאַמענעץ מיט פּראָדוקטן אָן פירער... איידער עמיצער פון די באַן־אָנגעשטעלטע איז געקומען איבערנעמען דעם וואַגאָן האָבן מיר זיך אָוועקגעלאָזט צופוס פון וואַקזאַל וואָס שטייט גאָר אין מיטן פעלד, אין שטאָט אַריין אָנגעלאָדן מיט אונדזער גאַנצן באַגאַזש: קיין פורל, קיין טרעגער ניט אויף אַ רפואה... געהאַט צוויי אַדרעסן: אַ קינדער־גאָרטן און עפּעס פריוואַטע מענטשן, עלטערן פון איינעם אַ קיעווער לערער. אַריינגעקומען אין קינדער־גאָרטן — דאָך געקומען לייענען לעקציעס פאַר לערער... די פריוואַטע מענטשן וועלן מיר באַזאָרגן דאָס שוואַרצן די גרעניץ, דער קינדערגאָרטן — די אָפיציעלע אויפגאַבן מיינע. אַ פּראַקטיקן איינדרוק האָט אויף מיר געלאָזן אָט דער קינדער־גאָרטן. אַ מאָסקווער סטודענט־אַרכיטעקט און זיין כלה האָבן אָנגעפירט מיט אים. די מעבל — פּרעכטיקע שטולעכלעך געפּוצט מיט מעש, האָט דער סטודענט אַליין אויסגעמייסטערט. ער האָט נאָך געהאַט א פּראָצעס פאַר אויסברענגען דעם פּאָלקס אייגנטום אויף אומנוציקן פּוץ. די קינדער אַליין האָבן אָנגעפירט

מיט אַן אָרקעסטער, איז דאָס געווען אַ פאַרגעניגן צו זען. אַ קינד דירי־גירט און אַלע קינדער מיט די לערער שפּילן. אַ דיסציפּלין — אַ מוסטערהאַפטע. אין קינדער־גאָרטן איז געשטאַנען אַ האַנט־מיכל צו מאָלן קוקורוזע. פלעגן מאַמעס ברענגען קאַטשאַנעס גאַנצע און די קינדער פלעגן אין מיכל ארויס־שיילן די קערנער... אַז אַרבעטשול איז דאָך ניט שייך. עס פאַרדריסט מיר וואָס איך געדענק ניט די נעמען פון די אָנפירער. אַ וואָך צייט האָב איך אַזוי פאַר־בראַכט אין קאַמענעץ, ביז אין איינעם אַ פרימאָרגן האָב איך געלאָזן מיין גאַנצן באַגאַזש ביי די פּריוואַטע פריינד און מיט אַ זעקל אויף דער פּלייצע און אַ קאָ־זאַקיש היטל אויפן קאָפּ בין איך ארויס פון שטאָט אין דער ריכטונג פון דעם שטעטל אָרינין וואָס ליגט שוין טאַקע האַרט ביי דער גרעניץ. עס האָט געזאָלט הייסן, אַז דאָס גייט עמיצער איבער די נאָענטע דערפער איינקויפן פּראָדוקטן („מעשאָטשניקעס"). ביי מיר אין זעקל איז אָבער געווען גאָר אַן אַנדער סחורה: אַן עקזעמפּלאַר פון מיין בוך „געוויקסן", אַ מאַנוסקריפּט פון דעם ביכל „וואַסער־געוויקסן", אַ קליינער תנכעלע און.. אַ פּאָר תפילין. דאָס תנכעלע איז געווען אַן אַלטס. אין קיעוו אין דער צייט פון די כסדרדיקע פּאָגראָמען, ווען מען האָט קיין מאָל ניט געקאָנט זיין זיכער מיטן לעבן, האָב איך דאָס תנכעלע געהאַט באַהאַלטן מיט אַ בריוו צו מיינע עלטערן, וואָס איך בין דאָך געווען פון זיי אָפּגע־ריסן דורך דער מלחמה. דאָס איז געווען ווי אַ מין ירושה וואָס איך לאָז פאַר זיי אין פאַל, איך וועל אומקומען. די פּאָר תפילין, פאַרקערט, איז געווען מיין טאַטנס אַ מתנה וואָס איז ביי מיר געווען באַזונדערס טייער. אחוץ דעם האָב איך נאָך געהאַט אין מיין זעקל אַ פאָטאָגראַפיע פון מיין רבין קאָנשטאַם, וואָס איך האָב ניט געקאָנט זי ערגעץ איבערלאָזן. מיט דעם האָב איך זיך דאָס געלאָזט איבער דער גרעניץ.

באַלד הינטער דער שטאָט איז אָנגעקומען אַ פור וואָס האָט אונדז געדאַרפט ברענגען קיין אָרינין. אריינגעזעצט זיך אין וואָגן, אריינגערוקט דעם קאָפּ אין קאָלנער פון מאַנטל, אַראָפּגערוקט די קאָזאַקישע היטל, מען זאָל קיין פּנים ניט ארויסזען: אַ סגולה קעגן אַן עין הרע. אין אָרינין זיינען מיר אַ גאַנצן טאָג געזעסן באַהאַלטן אין אַ יידישע שטוב, קיינער פון שטעטל זאָל אונדז ניט זען און ניט וויסן פון אונדז. די באַלעבאַטים פון שטיבל האָבן אַלץ געהאַלטן אין איין צו־זאָגן מיר, אַז מיין באַגאַזש וואָס איך האָב געלאָזן אין קאַמענעץ וועט מיר איבער־געשיקט ווערן אין אַ טאָג ארום. דאָרטן איז דאָך געווען אַן אָנצוג און העמד צום בייטן. ווי וועל איך אויסקומען אָן דעם? דאָס כסדרדיקע צוזאָגן איז מיר אויסגעקומען אַ ביסל פאַרדעכטיק, אָבער... אחוץ אַלעמען דאַרף איך דאָך מיט עפּעס באַצאָלן פאַר זייער הילף...

האַלבע נאַכט איז צוגעפאָרן אַ פור מיט צוויי פערד. אסך פורן פאָרן און פאָרן, באַזעצט מיט יידן וואָס האָבן, דאַכט זיך, איין ציל — אַנטלויפן פון רוסלאַנד. צוגעפאָרן צום טייך סברוטש, דאָס איז די גרעניץ, — האָט מען אונדז, די מענער

געהייסן אראָפּ פון וואָגן און לויפן איבערן טייך. מיר האָבן אזוי געטאָן. צום גליק איז דער טייך געווען פאַרפראָרן, איבערן אייז איז עס געווען ניט שווער איבערצו־גיין די גרעניץ זיינען מיר שוין אין פּוילן... ווער האָט זיך דעמאָלט אָפּגעגעבן א חשבון אז מען לויפט פון פייער אין פלאַם... אראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאַזאַקישע היטל, א גוטן טאָג רוסלאַנד! עס האָט א טיאָכקע געטאָן אין הארצן... בפרט ווען באַלד, ביים ארייַנפאָר אין דעם ערשטן גרעניץ שטעטל סקאַלע האָבן אונדז באַגעגנט יידן מיט פּולע זשמעניעס געלט:

— איר פאַרקויפט עפּעס? — אומלעגאַלע געלטהענדלער וואָס באַשווינדלען די אנטלויפער...

אין סקאַלאַ האָבן מיר זיך אין עפּעס א קרעטשמע באַהאַלטן אויף א בוידעם, — מען איז דאָך אין פּוילן אומגעבעטענע געסט... און בייטאָג בין איך אריבערגע־פאָרן אין א צווייט שטעטל, אין באַרשטשעוו. דאָ האָב איך שוין געהאַט אן אדרעס — די מוטער בלומענטאַל מיט אירע פיר קינדער. דער עלטערער זון געדענקט מיך פון קיעוו. אין פּוילן קוקט מען אויף אים קרום: ניט קיין קאָמוניסט חלילה? זיי האָ־בן געוווסט אז מיר דאַרפן אָנקומען און מען האָט אונדז אויפגענומען גאָר פריינד־לעך. דאָ זיינען מיר געווען א צוויי וואָכן. נאָך א פּאָר געזעלשאַפטלעכע טוער פון קאַמענעץ — פוקס און גומינער־וואַרטן דאָ אויך צו פאָרן ווייטער. מען האָט מיר באַזאָרגט מיט עפּעס א פּאַפּירל (וואָס טויג א מענטש אָן א פּאַפּירל?), און איך פאָר קיין וואַרשע. כ'פאָר אין צווייטן קלאַס, מיינע בגדים זיינען עפּעס ניט פּאַסיק, קיין פּויליש קען איך ניט ריידן, זיץ איך א פּאָר טעג אין א ווינקעלע און בין פאַרטיפט אין א בוך. איך דאַנק גאָט וואָס קיינער רעדט ניט צו מיר. עס זיינען ניט איין מאָל דערגאַנגען צו מיין אויער אנטיסעמיטישע שמועסן. מיין פּעקל האָט איבערגע־וואַנדערט פון זאַק אין א פּאַפּירענע שאַכטל אריין: אנשטענדיקער א ביסל.

מיט מזל בשלום געקומען אין וואַרשע, גאַנץ פרי. איך האָב איין אדרעס: שלמה מענדעלסאָן, — נאָך אין קיעוו באַזאָרגט. געקומען און אריין אין א גאָר באַלעבאַטיש הויז. עפּעס א באַדינער פּוטרירט די פּאָדלאָגעס — שוין יאָרן ניט גע־זען אַזאַ מין ארבעט. איך פרעג זיך אויף דעם הער שלמה מענדעלסאָן. אן עלטערע בכבודיקע פרוי רעדט עפּעס צו מיר, אויף יידיש דאַכט זיך, און איך פאַרשטיי ניט. קענטיק — זי פאַרשטייט ניט מיין יידיש. איין וואָרט הער איך און איך געדענק: „נאָך א פּענטאַק געקומען פון הונגערלאַנד". גיי — זאָגט זי צום נארישוואַטן בחור וואָס פּוצט די דילן, — און רוף אריין דעם אַנדערן פּענטאַק... עס איז אריינגעקומען שלמה גילינסקי. ער האָט שוין געוווסט אז איך דאַרף אָנקומען. ער האָט מיר דערקענט: אַמאָל געלערנט אין דער ישיבה אין איין צייט.

אריין צו אים אין צימער. א טיש באַדעקט מיט א טישטעך, א ווייס ברויטל מיט פּוטער שטייט אויפן טיש... עפּעס גאָר ווי אין די דערציילונגען וועגן גאָר רייכע מענטשן... כ'האָב די ערשטע זאַך געבעטן לייען א נאָזטיכל. גילינסקי האָט

אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן און עס זיינען באַלד געקומען קאַזראַן, וואָס איז שוין געווען א חודש צייט אין וואַרשע און נאָך איינער גאָלדמאַן פון ביאַליסטאָק. ס'איז געבליבן אַז מען קען מיך ניט אַרויסלאָזן אין גאַס אין מיין הולך. מען מוז מיך ברענגען צו אַבא בירנבוים ער זאָל מיר באַזאָרגן וואָס אָנצוטאָן. דערהערט דעם נאָמען, האָב איך זיך דערשראָקן: איך האָב דאָך מיט אַ שטיקל צייט צוריק אין קיעוו אַרונטערגעריסן זיינס אַ לערנביכל וועגן נאַטור־וויסנשאַפט. די קולטור־ליגע אין קיעוו האָט דעמאָלט באַקומען אַ גרויסן טראַנספּאָרט ביכער פון פּוילן, — און איך האָב אין דעם זשורנאַל „ביכער־וועלט" אַרונטערגעריסן בירנבוימס אַ ביכל. — איר קענט ניט בירנבוימען און האָט ניט קיין מורא, — האָט מען מיך באַרואיקט.

געקומען צו בירנבוימען. ער האָט מיך אָנגענומען גאָר איי — איי — איי. „געזען אַ ביסל: איר זייט דאָך אַ מאַלאַדיעץ, אַזוי אָפּגעצוואָגן. דאָס קען נאָר אַ ליטוואַק; און ער האָט נאָך אויסגעפונען די ביכלעך פון וואַנען איך האָב איבערגע־שריבן און צעפּלאַנטערט..."

גאָלדמאַן האָט געטענהט אַז גאָלאָמב דאַרף זיין אַנדערש, עלטער דאַרף ער זיין, מיט אַ באָרד. אַ שטרענגער אַזאַ, עפּעס ניט דאָס ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט. בקיצור בירנבוים האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ געשעפט דורך אַ הינטערטיר (עס איז געווען שבת) און מען האָט מיר אָנגעטאָן אַ הוט, אַ פּאָר הויזן און שיך. דעם רעקל האָט מען דערווייל געלאָזן מיט דעם תנאי איך זאָל מיין מאַנטל ניט אויסטאָן.. אַזאַ אויסגעפּוצטן האָט מען מיך געבראַכט אין ליטעראַטן־פאַריין. דאָ זיינען געווען אַ סך באַקאַנטע וואָס האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון קיעוו פריער. דער גרעסטער וווּנדער איז געווען פאַר מיר דער בופעט: בראָנפן, אַלערליי הערינג. אַז מען האָט זיך געזעצט עסן, האָט מען מיך געפרעגט וואָס איך וויל פאַר אַ זופּ: לאָקשן אָדער רייז?... איך האָב אַזאַ פראַגע ניט געהערט שוין לאַנגע יאָרן, און איך האָב אַ זאָג געטאָן: כ'וויל ביידע... מען האָט מיך אויך עטלעכע מאָל געפירט אין אַ יידישן רעסטאָראַן, פּיקאַדילי. מען פלעגט דאָרטן סערווירן אָמלעטן באַגאָסן מיט ראָם וואָס פלעגט אָנגעצונדן ווערן. עפּעס אַלץ ווי אין אַ מעשהלע.

געווען אָוונטקורסן פאַר לערערס. דאָרטן פלעגט דער באַרימטער פּוילישער פּראָפעסאָר באָדוען דע קאָרטונע געבן לעקציעס. פריער, אין פּעטערבורג אוניווער־סיטעט איז ער געווען באַרימט און שטאַרק געשעצט. אָבער אין זיין היים, אין פּוילן האָט מען אים קיין אַרבעט ניט געגעבן: צו ווייניק פּויליש געשטימט. אַזוי אויך אַ צווייטער רוסישער באַרימטער פּראָפעסאָר וואָס איז געלאָפן פון רוסלאַנד — פּעט־ראַזשיצקי. באָדוען דע קאָרטונע פלעגט ברענגען אין בוזעם־קעשענע פון זיין מאַנטל בראָשורן צו פאַרקויפן. ער האָט גאַנץ גערן גערעדט רוסיש מיט אונדז. געוווינט האָב איך ביי מענדעלסאָנען טאַקע. ביי דער דירה פון זיין מוטער האָט ער געהאַט אַ צימער מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג גלייך פון די טרעפּ. דאָרטן פלעגן שטיין עטלע־

בע צונויפגעלייגטע אייזערנע בעטלעך — פאר געסט. איז דאָרטן געווען אויך מיין מקום מנוחה. די קולטור־ליגע וואָס די „קיעווער" האָבן געוואָלט איינפלאנצן אין פוילן האָט אָבער דאָ ניט געהאט קיין מזל: אלץ איז געלעגן ביי די פארטייען אין די הענט, אָן זיי האָט מען קיין זאך ניט געקאָנט טאָן. און די פארטייען האָבן ניט געוואָלט. יעדער איינע האָט געוואָלט האָבן די גאנצע זאך פאר זיך אליין, מען האָט מורא געהאט טאָמער וועט דורך דער קולטור־ליגע א צווייטע פארטיי קריגן מער פרעסטיזש.

פאר אונדז, געקומענע פון קיעוו, איז דאָס געווען אין גאנצן א נייעס. אין רוסלאנד איז די יידישע קולטור־ארבעט געווען אין גאנצן אָפגעטיילט פון די פאר־טייען און פון פארטיי־אינטערעסן, עס האָבן דאָך אין דער קולטור־ליגע געארבעט געמיינזאם און צוזאמען אלע סאָציאליסטישע פארטייען און מען האָט זיך קיין מאָל ניט געקריגט צוליב די זאכן.

איז עס געווען שווער צו פארשטיין. עס האָט זיך געגרינדעט די קולטור־ליגע אין ווארשע, אָבער מער ווי דער פארלאג איז ניט געגאנגען, די פארטייען האָבן זי במעט באָיקאָטירט: אויב מיין פארטיי וועט ניט געניסן פון דעם, טאָ צו וואָס דארף מען דאָס?...

אין ווילנע

אין עטלעכע טעג ארום בין איך אוועקגעפאָרן קיין ווילנע. אראָפּ פון באַן, אויף די אלטע הילצערנע „לאָוועס" (טראַטואַרן), וואָס וויגן זיך ווען מען גייט אויף זיי און זיי שפּריצן מיט ברודיק וואַסער. עס איז אָבער היים. דער ערשטער שמועס פון א פּאָר פּוילישע פרויען וואָס זיינען געגאַנגען פאַר מיר און איך האָב געהערט, איז געווען אז יידן פאַרכאַפּן די גאַנצע שטאָט און „אָן אונדזעריקן איז גאָר שווער א גאַס דורכצוגיין" דאָס איז געווען מיין ערשטער ברוך הבא. ביי דער שוועסטער האָט מען אויף מיר ניט געוואַרט לגמרי, אומגעוואַרט אַראָפּגעקומען, די עלטערן און דער יונגערער ברודער זיינען שוין אין ארץ ישראל א פּאָר יאָר. איין שוועסטער מיטן מאַן אין ווילנע און די צווייטע, די עלטערע מיט איר מאַן — אין מיישעגאָלע אין דעם טאַטנס הייזער. די שטימונג ארום דער קולטור־ארבעט איז דאָ גאָר אַן אַנדערע. דרייצן יידישע שולן מיט יידיש ווי א לימודים־שפּראַך אַחוץ דעם עטלעכע העברעישע שולן. אפילו די פּריוואַטע גימנאַזיעס האָבן אוועקגעוואָרפן די רוסישע שפּראַך און אַריבער אויף יידיש. אַלע יידישע שולן ווערן אָנגעפירט פון איין צענטראַלן בילדונגס קאָמיטעט, עטלעכע קינדער־גאָרטנס, א יתומים היים, א שול־פאַרלאַג, א שול־אָרגאַניזאַציע פאַר די שולן פון פּראָווינץ, צוויי יידישע גימנאַזיעס: איינע א רעאַליסטישע און די צווייטע א הומאַניסטישע, א פאָלקס אוני־ווערסיטעט, וואָס ציט צו אַלע טאָג ממש הונדערטער צוהערער, פּרעבל־קורסן, א פּעדאַגאָגישער זשורנאַל — א גאַנצע מלוכה. לערער־קורסן זיינען אויך דאָ, אָבער זיי זיינען געגרינדעט און אָנגעפירט דורך דער דעמאָקראַטישער קהילה. דאָ איז ניטאָ דער אַנטאַגאַניזם צווישן די פּאַרטייען, בכל אופן ארבעט מען צוזאַמען. דאָ האָט מען די „קיעווער" אויפגענומען א סך פריינדלעכער. מער ניט איינער י. פּ. דעמאָלט א פאַרוואַלטער פון א שול אין ווילנע קען בשום אופן ניט מוחל זיין: ווי פאַרלאָזט מען דאָס דעמאָקראַטישע רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד און מען קומט קיין פּוילן... היינט איז דער זעלביקער איינער פון די שאַרפסטע קעגנער פון רוסלאַנד, נאָר דעמאָ־לט איז ער געווען להרוג ולאבד אויף אונדז.

אָבער אויב די דערציאונג האָט אין ווילנע געקאָנט זיין אומפּאַרטייאיש, איבער די פּאַרטייען, האָט עס אָבער ניט געקאָנט ווערן א נייע זאַך, די קולטור־ליגע. אין א יום טובדיקן טאָג, פּסח, איז פאָרגעקומען א פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין דעם גרויסן זאַל פון דער וואָלוועלער קיך אויף דער טעמע. פיר גענעראַל־רעדנער זיינען געווען ניט חלילה כנגד די ארבעה בנים פון דער הגדה, נאָר לויט די פיר פּראָלע־טאַרישע פּאַרטייען. פון רעכטן בונד האָט גערעדט, (דוכט זיך) כאַרלאַש, פון לינקן

בונד (מיט אַ שטאַרקער נטיה אויף לינקס) האָט גערעדט יעקב פּאַט, אין נאָמען פון די פּאַראייניקטע (ס״ס און י״ס) האָט גערעדט ישראל רובין ע״ה, און ווער עס האָט גערעדט אין נאָמען פון די פּועלי ציון געדענק איך ניט. יעדער רעדנער האָט באַוויזן באותות ובמופתים אַז נאָר זיין פּאַרטיי איז מסוגל צו פירן די אמתע קולטור־אַרבעט ביי יידן און יעדער רעדנער האָט געמאַכט צו אַש און צו בלאָטע אַלע אַנדערע פּאַרטייען... מען איז געשטאַנען און מען האָט זיך געהיצט. יעדער רעדנער האָט געקראָגן אַפּלאָדיסמענטן פון די זייניקע. כ'דערמאָן זיך: עס איז צוגעגאַנגען צו מיר יצחק גיטערמאַן ז״ל (אויך אַ קיעווער, שפּעטער דירעקטאָר פון דזשוינט אין וואַרשע) און מיר געזאָגט: אָט דאָ באַגראָבט מען די קולטור־ליגע. און כך הוה: אין פּוילן האָט מען ניט געקאָנט שאַפן קיין קולטור־ליגע און דאָס נאָר צוליב די פּאַרטיי־אַמביציעס. עס האָט מיך לאַנג געמאַטערט די פראַגע: מה נשתנה — פאַרוואָס האָבן אין ווילנע יאָ געקאָנט עקזיסטירן שולן, גימנאַזיעס, אַ לערער־סעמינאַר פאַר גאַנץ פּוילן און קיינע פּאַרטייען האָבן זיי ניט געוואָלט פאַרנעמען פאַר זייער פּאַרטיי־אייגנס און פאַרוואָס האָט זיך עס ניט געקאָנט איינגעבן צו שאַפן איבער די פּאַרטייען די קולטור־ליגע? איך פּרוביר דאָס איצט פאַרענטפערן מיט דעם פאַקט, וואָס די שולן אין ווילנע זיינען כמעט אַלע געווען געשאַפן פון פריער. זיי זיינען אין דער צייט פון דער מלחמה איבערגעגאַנגען אויף יידיש, זיי זיינען געוואָרן יידישע שולן נאָך איידער די פּאַרטייען האָבן זיך איינגעפּעסטיקט און געקאָנט האָבן פּרעטענזיעס און אַמביציעס. דער צב״ק (צענטראַלער בילדונגס קאָמיטעט) האָט זיך געשאַפן איידער וואַרשע האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער ווילנער פּראָווינץ וואָס איז געווען פּאָליטיש אָפּגעריסן פון וואַרשע (עס האָט געהייסן דעמאָלט „מיטליטע״ און עס איז כלומרשט געווען ניט אינקאָרפּאָרירט אין פּוילן). אפילו ריין טעכניש איז ווילנע געווען אָפּגעריסן, די באַנען פלעגן גיין רונד אַרום. האָבן די פּאַרטייען געהאַט דאָ פאַר זיך שוין אַ געשעענעם פאַקט. די קולטור־ליגע אָבער, איז דאָך געווען אַ נייעס וואָס מען גייט ערשט איצט שאַפן. ווידער זיינען די שולן אין ווילנע און נאָך מער אין דער ווילנער פּראָווינץ געשאַפן געוואָרן בפועל ממש דורך דעם פאָלק, דורך פּשוטע יידן, דורך דער עלטערנשאַפט גופא, — בעת די קולטור־ליגע האָט געדאַרפט געשאַפן ווערן פון אויבן. דאָס פאָלק, די יידן פון גאַס זיינען דאָך ניט געווען פאַראינטערעסירט אין איר.

אַנדערש איז עס געווען אין קרוין־פּוילן. אין וואַרשע און אין דער פּראָווינץ האָבן די פאָלקס־מאַסן ניט געטראַכט וועגן שולן. זיי האָבן זיך אַסך פעסטער ווי אין דער ליטע, געהאַלטן אין חדר — אָדער, דער צווייטער עקסטרעם — זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט פּוילישע שולן. דאָ זיינען די שולן געשאַפן געוואָרן דירעקט דורך די פּאַרטייען גופא, אָדער זיי זיינען איבערגעמאַכט געוואָרן פון באַשפּייזונגס פּונקטן. עלטערן האָבן געשיקט די קינדער זיי זאָלן קריגן עסן, דאָס לערנען איז געווען אַ בייזאַך וואָס איז גאָר ניט געווען שטאַרק געוואונטשן. בעת אין ווילנער פּראָווינץ זיינען די שולן געווען בפועל ממש פאָלקשולן, געשאַפן דורך דעם פאָלק

זיינען זיי אין קרוין־פּוילן געווען פּאַרטיישולן לויט זייער אויפקום. דערפאַר טאַקע איז עס געווען שווער פאַר ווילנע און פאַר דער ווילנער פּראָווינץ זיך צונויפצוריידן מיט דעם צענטער אין וואַרשע. דער אַנטאַגאָניזם האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן אויף דעם שול־צוזאַמענפאָר גופא.

אין ווילנע בין איך גלייך אריין אין דער אַרבעט: אין פאָלקס אוניווערסיטעט וואָס דער צב"ק האָט געפירט אונטער דעם אָנפיר פון מאיר מענדלסאָן (שלומהס א ברודער), אויף די פּראָבל־קורסן, וואָס עס האָבן אויך געפירט אין נאָמען פון צב"ק צוויי פרויען: מ. א. אקון — אַן עלטערע תלמידה פון דעם באַרימטן אין רוסלאַנד לעסגאַפט. זי איז געווען די פרוי פון אינזשינער ישראל אקון וואָס האָט געשאַפן אין ווילנע דעם איינציקן יידישן טעכניקום. די צווייטע אָנפירערין איז געווען ראָזע סימכאָוויטש. זי איז געווען איינע פון די זעלטענע פרויען אין יידישן דערציונגס וועזן. וועגן איר וועט אונדז נאָך אויסקומען צו שרייבן באַזונדער אין קאַפּיטל וועגן סעמינאַר. מיר האָט מען געגעבן אַ קורס „באַקאַנטשאַפט מיט דער נאַטור אין פאָרשול־עלטער". אין די שבתים פלעג איך פירן געאָלאָגישע און באָטאַנישע עקסקורסיעס אין דער סביבה פון ווילנע.

די עקסקורסיעס זיינען געווען פרייע פאַר אַלעמען, אָבער איבערהויפּט פלעגן קומען לערערס און אויך עלטערע יוגנטלעכע פון די שולן. פלעגט מען ניט דאַרפן צוציען מיט מיינונגען און מיט ספּעציעלע באַלוינונגען — עס זיינען געווען וויסנשאַפטלעכע אינטערעסן, וואָס זיינען ניט באַקעמפט געוואָרן פון ספּאַרטן. אויך אויף די לעקציעס אין פאָלקס אוניווערסיטעט פלעגן קומען אַ סך יונגע תלמידים פון די גימנאַזיעס.

היות איך בין דאָך געווען אַ נייער מענטש אין ווילנע פלעגט מען מיך אָפּט מכבד זיין מיט לעקציעס און רעפעראַטן פאַר לערער. מען מעג זאָגן, אַז איך האָב דעמאָלט פאַר דער ווילנער יידישער לערערשאַפט געבראַכט אַ לעבעדיקן גרוס פון די נייע געדאַנקען אין דערציונג אין רוסלאַנד, און הגם מען האָט מיך גראַד ניט לאַנג נאָך געהאַלטן אין קיעוו פאַר אַ רעאַקציאָנער און אָפּגעשטאַנענעם אין פּעדאַגאָגיק, האָב איך אין ווילנע געהאַט וואָס איבערצוגעבן דער לערערשאַפט וואָס איז אין משך פון יאָרן געווען אָפּגעריסן. איבעריקס האָבן דאָך די וואָס האָבן מיר אויפגעוואָרפן מיין אָפּגעשטאַנענדיקייט נאָך אַליין ניט געוווּסט וואָס זיי ווילן.

בכלל איז דער בנין פון צב"ק פול יעדער אָוונט, אַן אמתער זשומענדיקער בינשטאָק. דער בנין איז געווען גרעסער ווי דער ליטעראַטן־פאַריין אין וואַרשע און מענטשן זיינען געווען געדיכטער ווי דאָרטן. מערניט איך געדענק ניט קיין בופעט דאָרטן. איך וואָלט געמעגט שווערן אַז אַזאַ מין זאַך איז אין צב"ק גאָרניט געווען... ווילנער יידן זיינען ניט געווען קיין גרויסע בעלי הוצאה אויף עסן. און דאָך האָט דער פאָלקלאָר געקרוינט זיי מיט דעם נאָמען „ווילנער

נאַשערס". גאָט וויים פאַרוואָס. געפירט די ממשלה האָבן דאָ — דער סעקרעטאַר פון צב"ק מיכאל שור און דער אויפזעער איבער די שולן ישראל רובין. אין דער פּראָווינץ־אָרגאַניזאַציע פלעגט אַרומשפּאַצירן רייכערנדיק און נערוועז שווייגן אַנ־די קלאָנסקי, און איבער אַלעמען, מעשה באַלעבאָס פלעגט אַרומגיין אַ געלער ייד מיט אַ געל בערדל און מיט אַ פעסטן זיכערן טאָן און גערופן האָט מען אים חבר כהן, אָדער ווירגילי־כהן, אָדער גאָר לויט דעם רוסישן שטייגער באַריס איסאַקאָוויטש (ברוך מרדכי. געווען אַ פּלימעניק פון דעם העברעישן שרייבער מרדכי בן הלל הכוהן און אַ ברודער פון דער הסתדרות־טוערקע ראָזאַ כהן).

אין צב"ק איז ניט געווען קענטיק אַז כהן איז אַ בונדיסט, און דער פּאָרזי־צער דר' שאַבאַד איז אַ פאָלקיסט און שור איז נאָך געבליבן אַ ס"ר (סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער — אַ רוסישע פּאַרטיי, אַן אַמאַרקסיסטישע), און רובין איז געווען אַ פּאַראייניקטער, און יעקב פּאַט האָט געצויגן צו מזרח... פאַר פּוילן איז עס געווען אַן אמתע אידיליע פון „וגר זאב עם כבש".

מען האָט זיך אין ווילנע געגרייט צום שולצוזאַמענפאָר וואָס דאַרף פאַרקומען אין וואַרשע אין אָנהייב פון די שול־וואַקאַציעס. מען גרייט אַ ספּעציעלן נומער פון „נייע שול". דעם פּראָיעקט וועגן אויסבילדן לערער האָט מען איבערגעגעבן מיר: איך האָב דאָך געהאַט דערפאַרונג אויף דעם געביט נאָך אין קיעוו. ווידער אַ צוגאַנג אַן אומפּאַרטייאישער, וואָס וואָלט אין וואַרשע ניט מעגלעך געווען. ווען איך דערמאָן זיך איצט יענע אַרבעט מיינע, כאַפּט מיך אָן אַ ווייטאָק און אַ חרפּה: וואָס פאַר אַ גרויסע השגות מיר האָבן געהאַט און ווי... נאַיוו מיר זיינען געווען: אַ גאַנצע מלוכה. מיר האָבן געגלויבט, געגלויבט אַז די פּאָליאַקן וועלן אונדז לאָזן און מיר האָבן אויך געגלויבט אַז יידן וועלן האָבן אַ קולטור־אויטאָנאָ־מיע, אַז זיי וועלן ניט ציען צו די באַלעבאַטים און צו די שולן פון דעם הערשנדיקן פאָלק... דעמאָלט האָט מען געגלויבט, ניט איך אַליין. והא ראיה — מען האָט דאָך מיין פּראָיעקט גענומען ערנסט (נייע שול 1921 נומ'5).

מען האָט געשאַפן פאַר מיר אַ מאַנדאַט צום צוזאַמענפאָר. הגם איך האָב געאַרבעט אין ווילנע בלויז אַ פּאָר חדשים, הגם איך בין ניט געווען קיין פּאַרטיי־מאַן. אַנדערשוווּ וואָלט עס געווען אוממעגלעך: פאַר יעדער מאַנדאַט האָבן פּאַר־טייען זיך געקריגט. איין קליינקייט. דער צוזאַמענפאָר איז טאַקע געווען גראַנ־דיעז: אַרום פיר הונדערט דעלעגאַטן פון גאַנץ פּוילן. די יידישע פּרעסע איז געווען פול מיט דעם. עס האָט אין דער פּרעסע ניט געפעלט קיין סאַטירע, אָבער פאַר־שוויגן האָט קיינער ניט געקאָנט. דער צוזאַמענפאָר אַליין האָט אַרויסגעגעבן אַ טעגלעכע צייטונג. אַ פאָרשטייער פון פּוילישן מיניסטעריום איז בייגעווען די גאַנצע צייט. גאַנצע פיר פראַקציעס זיינען געווען אויף דעם צוזאַמענפאָר, לויט די פּאַרטייען: אַ בונדישע, אַ פּועלי־ציוניסטישע, פון די פאַראייניקטע און — אַ נייע — אַן אומפּאַרטייאישע — די אומאָפּהענגיקע פראַקציע. צו איר האָבן געהערט אַלע געקומענע פון קיעוו, אפילו דער אַלטער און פאַרדינסטפולער בונדיסט

א. ליטוואַק האָט זיך ניט פאַרשריבן אין דער פראַקציע פון זיין פאַרטיי. אויך כמעט אַלע דעלעגאַטן פון ווילנע און פון ווילנער פּראָווינץ האָבן געהערט צו דער אומאָפּהענגיקער פראַקציע. פאַר די „קיעווער" איז דאָס טאַקע געווען א ווייטאָק־דיקע דערשיינונג — דאָס סובאָרדינירן די דערציִונג צו די פּאָליטישע פּאַרטייען. אָט האָבן מיר דאָך אין 1917 געהאַט א גרויסן לערער־צוזאַמענפאָר אין פּעטער־בורג, — און אויף אים, זיינען געווען בלויז צוויי פראַקציעס — יידישיסטן און העברעיסטן. פון די שטאַמפּוילישע האָט צו דער פראַקציע געהערט, דורכט זיך בלויז איינער — שלמה מענדעלסאָן. גאַנצע פיר דעקלאַראַציעס זיינען געלייענט געוואָרן. אַלע דריי פּאַרטייען האָבן אין די דעקלאַראַציעס באַמיט זיך איבערצו־שטייגן אין געטרייקייט דעם סאָציאַליזם, דער סאָציאַליסטישער דערציִונג און דער לאָזונג פון דער ארבעט־שול. באַוווסטזיניק אָדער ניט, אָבער אַלעמען האָט געשיינט „דאָס ליכט פון מיזרח", מען האָט מסתמא געגלייבט אז פון דאָרטן גייט די שיין זיך פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער וועלט. פאַר די געקומענע פון דאָרטן, וואָס האָבן שוין געהאַט די ביטערע דערפאַרונג זיך צו אנטוישן איז עס געווען א ווייטאָק. גרעסער איז געווען דער ווייטאָק פאַר דעם בונדיסט ליטוואַק. ער איז געקומען, אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, — און זיין פּאַרטיי אין פּוילן האָט אים ניט אָנגענומען. זי איז געווען שוין אַוועק ווייט אין דער ריכטונג פון „קאָמבונד" (א גרויסער טייל פון בונד אין רוסלאַנד, וואָס האָט געמאַכט דעם ערשטן טריט אריינצוגיסן זיך אין דער יידישער סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי: די ליקווידאַציע פון דער אייגענער פּאַרטיי, וואָס מען האָט איר יאָרן געדינט געטריי און מיט מסירות נפש, איז געווען גרינגער פּסיכאָלאָגיש צו פּאַרראַטן ניט מיט איין מאָל, נייערט ביסלעכווייז). די פעסט־געבליבענע בונדיסטן האָבן שוין געשמאַכט אין די טורמעס (ליבער) אָדער אַנטלאָפן פון רוסלאַנד (ליטוואַק, אבראַמאָוויטש). ערשט דער בונד אין פּוילן איז אויך געכאַפּט אין דער מעשה. ניט דאָ איז דאָס אָרט צו באַטראַכטן פאַרוואָס אַזוי פיל בונדיסטן האָט עס געצויגן צו די זינגערישע ריכטונגען. אָבער ליטוואַק האָט ממש ניט געהאַט וווּ זיך צוצוטוליען. ער האָט געוואַנדערט צווישן וואַרשע און ווילנע. אין דער שטאָט איז אים גרינגער געווען. דאָ האָט ער געגרינדעט זיין וואָכנבלאַט „אונדזער געדאַנק", דאָ האָט ער געהאַט א ביסל אָנהענגער, וואָס האָבן געשאַפן דעם „רעכטן בונד". אָבער די הויפּט־מאַסן און די פירערס אין צענטער האָט געצויגן אויף לינקס. די דעקלאַראַציע פון די אומאָפּהענגיקע האָט געלייענט ח. ש. קאַזדאַן. ערשט מיט א זיבן יאָר שפּעטער איז ער מיט מענדעלסאָנען אריבער צום בונד: אין וואַרשע האָבן ניט געקאָנט זיין קיין קענטיקע קולטור־טוער אויסער א פּאַרטיי — זיי וואָלט אויסגעקומען צו בלייבן איזאָלירט, אין א וואַקום. אָבער אין אנהייב זיינען נאָך געווען אויך אין וואַרשע גאַנץ היפּשע פּאָלקיסטישע קרייזן ארום די שולן און די צוויי פּעדאַגאָגן האָבן ניט געקאָנט מסכים זיין צו דער סובאָרדינאַציע פון קולטור צו פּאָליטישע פּאַרטייען. ליטוואַק האָט אַזוי געוואַנ־דערט צווישן ווילנע און וואַרשע, געפאָרן קיין אַמעריקע און געקומען צוריק און

צוריק אוועק קיין אַמעריקע ווו ער איז געשטאָרבן און מסתּמא דערפאַר טאַקע אויפגעהערט צו וואַנדערן.

דער ערשטער שול־צוזאַמענפאָר איז געווען אַ גרויסער און גוט צוגעגרייטער אויפטו: 375 דעלעגאַטן מיט שטימרעכט, הונדערטער און הונדערטער — מיט באַראַטונגס רעכט, געסט אָן אַ שיעור — דאָס אַלץ האָט באַוויזן אַז די שולבאַוועגונג איז אַ מעכטיקע. זי וואָלט זיכער געקאָנט אַריינציִען גאָר גרויסע פאָלקס מאַסן, ווען ניט אייביקע אינעווייניקסטע רייסערייען און — לאָמיר זאָגן אָפן — פּאַרטייאישע רייבערייען. דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַט דורכצושווימען צווישן שווערע אונטערוואַסערדיקע שטיינער: פון איין זייט האָט מען געדאַרפט דעמאַנסטרירן פאַר דער וועלט און פאַר די אייגענע אַנהענגער דעם אייגענעם טיפן גלויבן אין סאָציאַליזם. יעדער פּאַרטיי האָט דאָך געדאַרפט דאָס אונטער־שטרייכן שטאַרקער פון די אַנדערע. פון דער צווייטער זייט האָט מען ניט געקאָנט אָפן אײַנרײַסן מיט אַ רעאַקציאָנערער, אַנטיסעמיטישער רעגירונג. זי האָט טאַקע באַלד נאָכן צוזאַמענפאָר געהאַט אַ תּירוץ פאַר אַלע רדיפות וואָס זי האָט אָנגעהויבן שיטן אויף די שולן: דאָס זיינען דאָך סאָציאַליסטישע, קאָמוניסטישע נעסטן, וואָס ווילן אונטערגראָבן די פּוילישע מדינה... מען קען זיין זיכער, אַז אָן דעם תּירוץ וואָלט די רעגירונג ניט געווען בעסער, אָבער דערווייל האָט זי געהאַט אַ תּירוץ. דאָס האָט פאַרויסגעזען אויך די אומפּאַרטייאישע פּראַקציע. אָבער „מיט געוואַלד, קעגן דעם ווילן פון דער שטאַרקערער פּאַרטיי פון די יידישע אַרבעטער האָט טאַקע אַזאַ אינסטיטוציע ווי די קולטור־ליגע ניט געקאָנט געשאַפן ווערן" אַזוי שרייבט קאַזדאַן אין זיין „די געשיכטע פון יידישן שולוועזן אין אומאָפּהענגיקן פּוילן"... ער איז גערעכט: אַ סך זאַכן האָבן די פּאַרטייען ניט געוואָלט, ניט דערלאָזט, ניט צונעצויגן, נייערט אַפילו אַמאָל אַקטיוו אָפּגעשטויסן אַנדערע קרייזן און שיכטן. און דאָס האָט געמוזט פירן צו אַ געוויסער געזעלשאַפטלעכער איזאָלירונג פון די שולן. דאָס האָט געמוזט זיי אָפּשוואַכן ווי אינעווייניק אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און — נאָך מער — כּלפּי דרויסן: דאָס אייגנטלעך האָט דאָך די רעגירונג געוואָלט: וואָס מער איזאָלירן די יידישע שולן כּדי זיי נאָך דעם צו ליקווידירן ביסלעכווייז.

עס איז דערצו נאָך געווען אַ גרויסער מהלך צווישן די יידישע שולן אין קרוין־פּוילן און די שולן אין ווילנער ווי אויך אין ביאַליסטאָקער פּראָווינצן. אין וואַרשעווער ראַיאָן זיינען אַלע שולן געווען פּאַרטייאישע, אַלע האָבן זיי געהערט צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אַלע ניט סאָציאַליסטישע קרייזן זיינען געשטאַנען ווייט פון די יידישע שולן. צוערשט פון דער אָנפירונג פון די שולן. שפּעטער איז דער עלעמענט געוואָרן ווייניקער אויך אין דער שילערשאַפט. אויף מזרח אָבער, אין ראַיאָן פון ביאַליסטאָק און נאָך מער — פון ווילנע — האָבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ניט געשפּילט קיין ראָל ביים גרינדן און ביים אָנפירן די שולן. דאָ זיינען די שולן געווען באמת פאָלקשולן, אין דעם זינען

וואס דאָס גאנצע פאָלק האָט געשיקט די קינדער אין די שולן. קיין אנדערע שולן, דער אלטער חדר איז שוין כמעט ניט געווען אין די שטעט און שטעטלעך. דער אונטערשייד האָט זיך ארויסגעוויזן אויך אין לעבן פון די שולן: אין די יידישע שולן אין וואַרשעווער ראיאָן איז די „וועלטלעכקייט" געווען א סך ראַדיקאַלער, בנוגע צום לימוד פון תנ"ך פון רעליגיעזן שטייגער און פון העברעיש.

געווען שולן, וווּ מען האָט אפילו ניט געטאָרט דערציילן — די קינדער קיין מעשהלע פון חומש, ניט געטאָרט פירן מיט די קינדער קיין שמועס וועגן א טראַדיציאָנעלן יום טוב. פונקט דער היפוך איז עס געווען אין די שולן פון די מיזרח־קרעסן (די ראַנדגעביטן). דאָ האָט מען אין אלע שולן געלערנט העברעיש, חומש וכדומה. דער צענטער איז אפט געווען ניט צופרידן מיט די שולן און די שולן זיינען אפט געווען שטאַרק ניט צופרידן מיט דעם צענטער, מיט דעם בסדרדיקן אונטערשטרייכן דעם פּראָלעטאַרישן און סאָציאַליסטישן כאַראַקטער פון דעם יידישן שול־וועזן. דער אנטאַגאָניזם האָט זיך תמיד געפילט אויף די זיצונגען פון פּלענומס פון דער שולאָרגאַניזאַציע. אבער וועגן דעם ווייטער.

דאָ אין ווילנער פּראָווינץ איז לגמרי ניט געווען קיין חלוקי דעות אין די שולן. קיינע פּארטייען האָבן אין זיי ניט געהאַט קיין חלק. אָבער אָן מחלוקת איז דאָך ביי יידן ניט מעגלעך, זיינען דאָ געווען זייער האַפטיקע קריגערייען צווישן די יידישע שולן און צווישן תרבות־שולן.

עס איז כדאי זיך עטוואָס לענגער אפּצושטעלן אויף די געאָגראַפישע אונטערשיידן אין דעם יידישן שולוועזן. אין דעם מערבדיקסטן טייל פון פּוילן אין גאַליציע זיינען קיין יידישע שולן ניט געווען. באַקאַנט איז מיר איין און איינציקער פּרוּוו דאָרטן איז פריער, אין די עסטרייכישע צייטן געווען איינגעפירט אן אלגעמיינע מלוכישע שולנעץ. קיין גנזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוו צו בויען שולן איז אין צוואַנציקסטן י"ה דאָרטן ניט געווען (פריער יע!). האָבן זיך אויך ניט אנטוויקלט דאָרטן קיין יידישע־וועלטלעכע שולן. (אבער רעליגיעזע שולן — יאָ). אין קרוין־פּוילן זיינען אויך פריער, פאַר דער מלחמה, קיין גנזעלשאַפטלעכע שולן ניט געווען. דאָ האָט דער חדר געהאַט די גאַנצע ממשלה. און אז ניט דער חדר, איז געווען דער צווייטער עקסטרעם — די ניטיידישע שול, אָן א זכר פון יידישער דערציִונג. זיינען די יידישע שולן אויסגעוואַקסן פון די באַשפּיי־זונגס־פונקטן אין דער צייט פון דער מלחמה. קיין יש מאין זיינען קיין יידישע שולן ניט געווען אין ערגעץ. אנדערש איז געווען די לאַגע אין די מיזרח־טיילן פון דער צונויפגעשטוקעוועטער פּוילישער מדינה. די געביטן האָבן פריער געהערט צו רוסלאַנד. די שולפּאָליטיק פון דער רעגירונג איז דאָ געווען די זעלביקע; מלוכישע שולן — זייער ווייניק. גנזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע איניציאַטיוו, הגם זייער שטאַרק געצאַמט פון דער רעגירונג, אבער דאָך א סך מער ווי אין די אנדערע פּראָווינצן. דאָ זיינען געווען יידישע שולן פון פריער, דאָ האָבן זיי נאָר געדאַרפט אריבערגיין אויף יידיש (אדער אויף העברעיש). אויף דער פּראָווינץ

האָט נאָך אין דער צייט פון דער מלחמה, דער יידישער הילפס־קאָמיטעט געבויט דירעקט שולן, ניט סתם באשפייזונגס פונקט. זיינע מיטלען האָט ער פריער געקראָגן פון פעטערבורג, אפילו פון דעם כמעט מלוכישן „טאטיאנע קאמיטעט" (טאטיאנע — דעם קייסער ניקאָליים עלטסטע טאָכטער). שפּעטער איז דער קאָמיטעט געבליבן אין ווילנע אפילו מיט זיין פריערדיקן רוסישן נאמען יעקאפא (יעווריייסקי קאמיטעט פּאָמאָשטשי זשערטוואם — דער יידישער הילפס־קאָמיטעט פאר די קרבנות פון דער מלחמה. די לעצטע צוויי ווערטער זיינען אין ראשי־תיבות ניט אריין). זיינע מיטלען האָט ער אפילו איצט געקראגן ווי אלע אנדער׳ע יידישע אינסטיטוציעס — פון אמעריקאנער יידן, פון די דייטשישע יידישע הילפס־פארבאנדן. — אבער ער האָט זיין ארבעט געפירט אויטאנאם. ער האָט ארגאני־זירט שולן, יידישע ווי העברעישע, לויט דעם פארלאנג פון די עלטערן אין די שטעטלעך. ער האָט אפילו געהאָלפן בויען בנינים פאר די שולן. דער חדר האָט נאָך פאר דער מלחמה פארלארן זיין ראל, ער האָט מער ניט באפרידיקט די יידישע עלטערן און זיי אליין האָבן געשטרעבט צו מאדערנערע שולן, אבער בשום אופן ניט קיין ראדיקאלע, אנטירעליגיעזע. זיינען אין קליינע שטעטלעך אפט ארגאניזירט געווארן צוויי שולן־העברעישע און יידישע, האָט איטלעכע פון זיי זיך באמיט צו פאר׳כאפּן די קהלשע שול־געביידע. האָט מען ווי עס איז דער מינהג ביי יידן, גאָר אָפט געקריגט זיך. אָבער אויך די יידישע שולן זיינען דאָ געווען פשוטע פאלקשולן. דער שולצוזאמענפאר, ניט געקוקט אויף אלע זיינע באמת גרויסע פארדינסטן, האָט די צוויפגעשטוקעוועטע פּראָווינצן ניט געקאָנט פאראיינהייטלעכן. אזא מין „מיזוג גלויות" האָט ער זיך אפילו ניט געקאנט שטעלן פאר אן אויפגאבע. זיינען די קרייזן געבליבן ניט צופרידן מיט דעם שולצוזאמענפאר. די פאלקיסטישע שיכטן און פּערזאנען וואָס זיינען פריער געווען פארבונדן מיט די יידישע שולן האָבן זיך שטילערהייט באזייטיקט, זיך אפּגערוקט.

דער פאלקיזם האָט ביי יידן קיין מאל ניט געהאט קיין מאכט. עס זיינען דערצו געווען און עס זיינען ביז היינט פאראן טיפע פּסיכאלאָגישע סיבות און ניט דא איז דאָס אָרט זיי צו אנאליזירן. דער פאקט בלייבט אבער: פאלקיזם ווי א שטארקע טרייבנדיקע קראפט, ווי א גלויבן אזוי ווי דאָס זיינען געווען אנדערע אידעען, זיינען ביי יידן ניט געווען. דערפאר זיינען אלע פּרוּוון צו שאפן א שטאַרקע פאלקיסטישע פארטיי, קיין מאָל ניט געלונגען. אויך אין די שולבויענדיקע קרייזן זיינען זיי געווען א מינדערהייט, הגם זיי האָבן זיך גענומען צו דער ארבעט פריער פון די פּראלעטארישע פארטייען. שוין צום צוזאמענפאר האבן זיי ניט געהאט קיין באזונדערע אייגענע פראקציע. האָבן זיי זיך נאָכן צוזאמענפאָר אין גאנצן אָפּגערוקט. צי עס זיינען דערמיט געווען צופרידן די פּראָלעטארישע פּאר־טייען? איך גלייב אז יאָ: דער פארלאנג צו בלייבן אליין די פירער און קעמפער האָט דאָ געקראָגן א סאטיספאקציע. פארשטייט זיך, אז אין די מיזרח־געביטן — אין ווילנער קרייז און טיילווייז אויך אין ביאליסטאקער ראיאן האָט

עס ניט געקאָנט געשען. אין צענטער אָבער, י.אַ. בּיסלעכווייז איז דער קרייז אָנהענגער פון די יידישע שולן געוואָרן אַלץ קלענער, איינגעשרומפּענער. עד היום גלייב איך אז אין דעם איז שולדיק די פּאַרטיי־אַמביציע ביי אונדז, מען האָט די שיכטן ווי אָפּגעשטויסן און פון דער צווייטער זייט איז ביי די שיכטן טאַקע ניט געווען קיין באַזונדערע אמביציע. צוליב ספּעציפישע פּסיכאָלאָגישע סיבות וואָס ניט דאָ איז דאָס אָרט זיי צו אַנאַליזירן, האָבן זיך ביי אונדז איבערגעדרייט די יוצרות: מיר האָבן געהאַט אַ קליינעם פּראָלעטאַריאַט און גרויסע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען. פּאָלקישע שיכטן האָבן מיר געהאַט גאָר גרויסע, און קיין פּאָליטישע פּאַרטיי האָט זיך ניט געקאָנט שאַפן. אַרבעטער פּאַרטייען האָבן אָפט ביי אונדז אַרויסגעשטעלט פּאָלקיסטישע לאָזונגען, אָבער ווייטער, טיפער איז עס ניט געגאַנגען. אַזוי זיינען די שולן געבליבן ווייט ניט קיין איינהייטלעכע אויך ווייטער. און די פּאַרטייאונג איז געווען לויט די געאָגראַפישע פּראָווינצן: פון אמתע פּאָלק־שולן אין ווילנער קרייז ביז ריין פּראָלעטאַרישע שולן אין קרוין־פּוילן, ווו עס איז אַפילו אָפט דערגאַנגען צו אַקטיווער אַנטירעליגיעזקייט. ניט איין מאָל איז אויסגעקומען צו הערן פון מענדעלסאָנען ווייטאָקדיקע דערציילונגען וועגן לערער וואָס האָבן זיך מיט זייער גראָבהויטיקייט אין דער הינזיכט, געוואָלט פאַר אים אויספיינען, — און אים, מענדעלסאָנען, דעם טיף איינגעוואָרצלטן יידישן אינטע־ליגענט פלעגט עס תמיד שטאַרק וויי טאָן.

* * *

דער דירעקטער רעזולטאַט פון צוזאַמענפאַר איז געווען די גרינדונג פון דער צענטראַלער יידישע שול־אָרגאַניזאַציע — ציש״אָ. די פריער אָרגאַניזירטע ראַיאָן־אָרגאַניזאַציעס זיינען געבליבן ווי אָפּטיילונגען, דאָס זיינען געווען: דער צענטראַ־לער בילדונגס קאָמיטעט אין ווילנע, די שולאָרגאַניזאַציע פאַר ווילנער פּראָווינץ — אויך אין ווילנע, און אַזאַ — אויך אין ביאַליסטאָק. דאָס איז געווען אַ גרויסער אויפטו ניט געקוקט אויף אַלע חסרונות פון צוזאַמענפאָר. גלייך נאָך איר גרינדונג האָט ציש״אָ געהאַט פאַר זיך אויפגאַבעס פון דריי מינים: ריין פּעדאַגאָגישע, עקאָנאָמישע און פּאָליטיש־רעכטלעכע. די רעגירונג האָט אין די יידישע שולן דערזען אַ שטאַרקן יידיש־נאַציאָנאַלן פאַקטאָר און האָט זיך געגנו־מען מיט אַלע מיטלען דריקן און שטיקן די שולן. תירוצים האָבן די קרייזן וואָס שטאַמען פון יעזויטן ניט געפעלט. די צענטראַלע בילדונגסמאַכט און אַזוי אַלע אָרטיקע אָרגאַנען האָבן טאָג נאָך טאָג געשאָטן גזירות אויף די יידישע שולן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טראַגיש־העראָישער געראַנגל פאַר דעם עצם קיום פון די שולן. ביז היינט באַוווּנדער איך די אומאויסשעפּלעכע ענערגיע פון שלמה מענדעלסאָן, וואָס ער איז עס תמיד געווען די צענטראַלע פיגור אין קאַמף מיט דער רעגירונג. הן ווען ער איז געווען דער דירעקטער גייער און לויפער אין אַלע אמטן אָפּצושרייען די גזרות, הן ווען ער האָט צוגעצויגן צום קאַמף פּערזאָנען און גרופּעס מן הצד, דאָס האָבן געקאָנט זיין פּאָלקיסטישע און סאָציאַליסטישע יידישע און סאָציאַליסטישע אָפּאָזיציאָנעלע פּוילישע קרייזן. די בירגערלעכע יידישע און

ציוניסטישע קרייזן האָבן וויניק וואס געהאָלפן אין קאמף. עס איז אפילו דערגאנגען צו דעם אז די יידישע דעפוטאטן אין סיים האבן געשטימט קעגן די יידישע שולן: דער פארטיי־אנטאגאניזם האָט גובר געווען דעם קלאָרן שכל. פאַר־שטייט זיך, אז דאס איז געזאגט וועגן ווארשע. אין ווילנע האָט דער אלטער קעמפער, דער ציוניסטישער מנהיג, דר׳ יעקב ווינאדסקי ז״ל קיין מאָל ניט גע־רעכנט זיך מיט אזוינע פארטייאישע חשבונות. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן אויך דאָס, אז אומגעקומען איז ער צו עטלעכע און אכציק יאר, לויפנדיק מאנען גערעכטיקייט פון סאמע טייוול — פון די דייטשן.

געגנוי דערציילט וועגן דעם קאמף פון דער רעגירונג קעגן די שולן ח. ש. קאזדאַן אין זיין געשיכטע.

אויך אין דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט איז דער קאמף געווען ניט קיין שוואכער. די יידישע צעשפליטערטקייט, דער אייביקער קמצא און בר קמצא־געראנגל, האָט געגנוג צרות אָנגעטאן. אפילו אין אָנזיכט פון דעם אלגע־מיינעם מעכטיקן שונא (דער רעגירונג) האבן פארשיידענע ריכטונגען ניט אויפגע־געבן דעם קאמף צווישן אנאנד. די רעליגיעזע קרייזן מיט זייערע שולן אונטער פארשיידענע נעמען, די ציוניסטיש־העברעיסטישע קרייזן האבן דערוויל געהאט מער חן ביי דער רעגירונג, וואס האָט געוווּסט דעם סוד פון „צעטייל און הערש״. כ׳דערמאן זיך אזא קליינעם פאקט וואס קען דאך כאראקטעריזירן די שטימונגען: איך בין אראפגעקומען פון ווילנע אין א קליין שטעטל היידוציששאק (אין סוויענ־צאנער ראיאן) אויף א שול יום טוב. ווען דער עולם האָט זיך געהאלטן אין קלייבן, האָט איך דערהערט אזא מין שמועס צווישע צוויי קליינע מיידעלעך פון א זעקס יאָר:

— וואס טוסטו דאָ? — ביזט דאָך א העברעיסטקע, גיי צו דיינע... נאָך ערגער׳ פארשטייט זיך, איז עס געווען אין קאנגרעס־פוילן. די דובליקאציע פון דער דערציונג האָט בלויז אפגעשוואכט די יידישע כוחות צו דער צופרידנקייט פון דעם אלגעמיינעם שונא. די מער פארפאלגטע יידישע שול האָט ביסלעכוויז אויך אנגעווארן תלמידים. עס זיינען פאראן, ווי אומעטום, אויך ביי יידן די „קטני אמונה״, וואס פארלירן דעם צוטרוי צום שוואכערן. די האבן גענומען שיקן די קינדער אין פוילישע שולן. אפילו אין ווילנע האָט די רעגירונג גענומען בויען שולן „פאר קינדער וואס יום־טובן שבת״, ניט צו דערמאנען, חלילה, אז מען מיינט דא יידישע קינדער. און די דאזיקע פוילישע שולן האָבן אפגעצויגן א סך תלמידים פון די יידישע שולן. אפילו אויך לערער. נאך פריער האבן דאס זעלביקע געטאן די מער באמיטלטע יידישע שיכטן און זיי האבן גענומען שיקן די קינדער אין די פולבארעכטיקטע פוילישע גימנאזיעס פאר יידישע קינדער. דערפאר אבער זיינען ביי די יידישע שולן תמיד געווען פאר־עקשנטע קעמפער וואס זיינען געווען גרייט אויף מסירת נפש ממש, מענטשן וואס האָבן געקאנט זיך טיילן מיטן ביסן,

פאַרלירן די אייגענע חיונה — אַלץ פאַר דער שול. דאָס רוב זיינען דאָס געווען „עמכהדיקע" פאָלקסמענטשן, שטעטלדיקע אינטעליגענטן, פון דעם טיפּ „נחמנקע זשבאַרזשער" וואָס פּרץ באַשרייבט.

ניט פּריווילעגירטער איז עס געווען אויף דעם עקאָנאָמישן פראָנט. וועגן א סובסידיע מצד דער רעגירונג האָט מען אפילו ניט געקאָנט חלומען. נאָר אין ווילנע האָט דער מאַגיסטראַט אין משך פון יאָרן געגעבן אויף דירה, באַדינונג און באַהייצונג. דער שכר־לימוד האָט אין ערגעץ ניט געגרייכט ביז א פּופּציק פּראָצענט פון דער הוצאה. די אַמעריקאַנער שטיצע־פאָנדן פלעגן ניט זיין געגונג אויף וואַסער צו דער קאַשע... די אַרבעט פון די לערער איז געווען ממש א מסירת נפשדיקע. אַזאַ צענטראַלע אינסטיטוציע ווי עס איז געווען דער סעמינאַר אין ווילנע, וואָס האָט געדאַרפט אויסגעהאַלטן ווערן דירעקט פון צענטער אין וואַרשע, האָט איין יאָר ניט באַקומען קיין גראַשן אין משך פון א זעקס־זיבן חדשים נאָך אַנאַנד. טאַ ווי האָט מען געלעבט? — ווייס איך איצט אַליין ניט, כ'דערמאָן זיך אַז א פונט צוקער אין שטוב איז געווען א יום טוב. עסן א מיטאָג איז ווייט ניט אַלעמאָל געווען מעגלעך, און אויף א טעאַטער פלעגט מען טאַקע אָפּשפּאָרן פון א מיטאָג. וועגן א קלייד, א פּאָר זאָקן — וועגן דעם פלעגן יונגע לערערקעס פאַרגעסן אַפּט, דינגען א צימער איז אָפט געווען אַן אוממעגלעכע זאַך. פלעגט מען נעכטיקן אין א קאַלטער שול, ערגעץ דינגען א ווינקל אין א קיך וכדומה.

און ניט געקוקט אויף דעם אַלעם איז דער פּעדאַגאָגישער ניוואָ פון די שולן געווען א הויכער, א מאָדערנער פּראָגרעסיוו־פּעדאַגאָגישער דראַנג האָט תמיד געהערשט אין די יידישע שולן. אָפטע פּעדאַגאָגישע קאָנפערענצן און ועל כולם קורסן צוצוגרייטן און צו פאַרפולקאָמען די שוין אַרבעטנדיקע לערער — דאָס האָט קיין מאָל ניט אויפגעהערט.

גלייך נאָך דעם ערשטן צוזאַמענפּאָר בין איך טאַקע געבליבן אין וואַרשע אויף אַזוינע זומער־קורסן פאַר לערער. געקומען אַריבער אַכציק לערער. אין א שול האָט מען גענומען אויף פּראַקאַט אייזערנע בעטלעך און פּאַרטיק. איך האָב אויף אָט די קורסן געגעבן נאַטור־וויסנשאַפט, מעטאָדיק פון דעם לימוד און פּראַקטישע אַרבעט אויף די געביטן. קאַזשדאַן, מענדעלסאָן, לאַזאָווסקי האָבן געפירט מעטאָדיק פון אַלע אַנדערע לימודים. וו. אַלטער האָט געגעבן א פּאָר לעקציעס. א נעוואַלטיק מונטערע שטימונג האָט געהערשט אויף די קורסן. מען האָט געלערנט מיט חשק. די אַלגעמיינע קאָנפערענצן זיינען געווען היציקע און באַגייסטערטע. אָפּזיצן עטלעכע שעה נאָך אַנאַנד ערגעץ ביי א יונגן סאָסנע־ביימל און הערן „ניסים ונפלאות" וועגן זיין לעבן האָט ניט איינגעמאַטערט, נאָר פאַרקערט מען פלעגט, האָבן הנאה פון שטודירן עפּעס א בלעטל, צי א בלימל, פון דערוויסן זיך עפּעס נייעס וועגן גאָטס וועלט... היינט בענק איך שטאַרק נאָך אַן ענלעכער געטרייער און דאַנקבאַרער אוידיטאָריע.

פון יענע קורסן דערמאָן איך זיך אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד: מיר זיינען געפאָרן מיט מאיר מענדעלסאָן (איצט ניו יאָרק זוכן אַ פּאַסיק אָרט פאַר אַ באָטאַנישער עקסקורסיע. יונג איז מען געווען, האָט מען געמאַרשירט איבער וועלדלעך און דערפער ארום דער „אַטוואַצקער ליניע". האָט מיר מאיר מענדעלסאָן געבעטן איך זאָל ניט ריידן הויך אויף יידיש. גויים וועלן וואַרפן שטיינער, אָנרייצן הינט וכדומה... אין דעם קלאַסישן לאַנד פון פּאָגראָמען — אין אוקראַינע, ווו איך פלעג אויך פירן כסדר עקסקורסיעס האָב איך קיין מאָל ניט געהאַט אַזאַ מין דערפאַרונג. אַ פּאָגראָם איז אַ פּאָגראָם. אָבער צווישן איינעם און צווייטן האָט מען תמיד געהערט „אַ גוט מאַרגנדל" (אוטרעטשקאַ), אַ פריינדלעכקייט. אַזאַ מין איינגעגעסענע פערמאַנענטע שינאה צו יידן האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון ווי אַ נייעס, ווי אַ נייע דערפאַרונג אין דעם לאַנד וווּהין מיר זיינען געלאָפן מיט גרויסע האָפענונגען צו בויען אַ פרייע יידישע קולטור... ניט איין מאָל זיינען יידישע לערער אויף עקסקורסיעס ארום ווילנע און ארום וואַרשע באַפאַלן געוואָרן פון „מיטבירגער" און מען פלעגט ברענגען קינדער מיט פאַרבונדענע קעפּ. ניט אומזיסט האָט דער ימח שמו שפּעטער אויסגעקליבן פוילן פאַר דעם עשאַפאָט פון יידישן פאָלק.

נאָך די זומער־קורסן בין איך שוין געבליבן אַרבעטן אין וואַרשע. אַזוי ווי איך האָב בפירוש זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן אין איין פּאַרטיי־קוראַטאָריום, האָב איך געקראָגן אַרבעט אין צוויי שולן פון צוויי באַזונדערע פּאַרטייען: אויף קאַרמעליצקע 29 (אַ בונדישע שול) און אויף מילע 69 (פון די פּאָראייניקטע). אין ביידע שולן איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן אין אַ פערטן לערניאָר. אחוץ דעם פלעג איך אַ פּאָר מאָל אין וואָך פירן נאַטור־לימוד אין דער שול אויף דלוגע, וואָס ש. גילינסקי האָט געפירט. אַזאַ ענטוזיאַסטיש־דאַנקבאַרער קינדער־מאַטעריאַל ווי איך האָב דאָ געטראָפן, דערמאָן איך זיך ניט אין ערגעץ. מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן זיי פלעגן אויפנעמען יעדער נייעס, יעדער דערציילונג און איבערהויפּט אַ פּאָעמע. דער חוש צו פּאָעזיע און צו שפּראַך־שיינקייטן איז ביי די קינדער געווען שאַרף ביז גאָר. ניט אומזיסט איז אין פוילן געווען אַזאַ גערעטעניש ביי יידן אויף פּאָעטן און שרייבער. מען האָט בפירוש געהאַט פאַרגעניגן פון לערנען. און די קינדער זיינען געווען באמת דאַנקבאַר פאַר דעם. מען האָט דעם לערער ליב געהאַט מיט דעם גאַנצן האַרצן. ווען איך פלעג איבערגיין פון איין שול אין דער צווייטער, פלעג איך כמעט אַלע טאָג הערן נאָך פון ווייטן „דער לערער גייט. ער גייט!" מיט פרייד פלעגט מען לויפן אויף די טרעפּ אנזאָגן די שמחה. צוגעבונדן, פריינדלעך, דאַנקבאַר זיינען אויך געווען די קינדער אין אוקראַינע, אָבער דאָרטן איז עס ניט געווען אַזוי עמאָציאָנעל, און אַזוי ראַשיק ווי אין וואַרשע. אפשר האָט נאָך דאָ צוגעפּעלט די קאָנקורענץ צווישן די תלמידים פון די צוויי שולן: וועמען האָט דער לערער העלטער... איך דערמאָן זיך קלאָר מיט וואָס פאַר שיינענדיקער פרייד די קינדער האָבן אויפגענומען האָפשטיינס פּראָזע:

„אין תהום פון נאַכט
און לאַנד פון שניי
איז איינס אַ דערפּעלע פאַרזונקען"...

פאַר די קינדער פון דער יידישער אָרעמקייט איז די שול, די אָרעמע שול געווען דער רייכסטער ווינקל, און דער יידישער לערער — דער שליח פון אַ שענערער און גליקלעכער וועלט. איך האָב אין איינער אַ שול דאָרטן געהאַט אפילו אַ פּראָטעסט־שטרייק, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע קינדער. איך פלעג ביים שטעלן אַ פראַגע זיך ווינצלען „ווען איר וואָלט געווען קלוגע וואָלט איך אייך געפרעגט דאָס און דאָס. אבער אזוי ווי איר זייט דאָך ניט קיין קלוגע וועט איר ניט וויסן" וכדומה... גיי איך אריין איין מאָל אין קלאַס, — ערשט אַלע קינדער זיצן אויף זייערע ערטער, די קעפּ אויף די טישן — מען שלאָפט... נעם איך אַ בוך און איך לייען... עמיצער פון די קינדער איז מסתמא מיד געוואָרן צו זיצן אזוי, האָט עס אויפגעהויבן דעם קאָפּ און גענומען שרייבן. מיט אַ ווונק האָב איך אים צוגערופן און איך פרעג אים: דאָס האָט איר זיך צונויפגערעדט?

— דער לערער אונדז באַליידיקט, — זאָגט ער שטיל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ... איך האָב זיי געלאָזט. שפּעטער, איך בין אַ צווייט מאָל אריין אין קלאַס געפינען איך אויפן טיש אַ צעטעלע! איך פרעג: פאַר מיר? — מען שאָקלט מיט די קעפּ אויף יע. איך לייען איבער: פאַרוואָס דער לערער אונדז באַליידיקט?

— מיט וואָס? ווען?

— פאַרוואָס דער לערער געזאָגט אויף אונדז אַז מיר האָבן גראָבע קעפּ, אַז מיר זיינען ניט קיין קלוגע.

— איך זאָג דאָך אייך אזוינע זאַכן אַלע טאָג. פאַרוואָס נאָר היינט זיך באַליידיקט?

— יאָ, מיר ווייסן: אַלע מאָל זאָגט איר מיט אַ שמייכל, דאָס מאָל איז געווען אָן אַ שמייכל...

— ווייסט איר וואָס קינדער? פון היינט און ווייטער וועל איך אייך קיין מאָל ניט זאָגן קיין וויץ, קיין מאָל ניט זאָגן אַז איר האָט גראָבע קעפּ. גוט?

— ניין, טאָ זאָל שוין בעסער זיין ווי פריער...

קיין העברעיש, קיין תנ"ך האָט מען אין דער שול ניט געלערנט. חס ושלום! איך האָב געשטעלט איין מאָל די פראַגע, האָט מען, פאַרשטייט זיך, אָפּגעלייגט. אָבער יידישע געשיכטע האָט מען דאָך יאָ געלערנט. ווען איך האָב איבערגענומען דעם קלאַס, האָב איך געפרעגט די קינדער ווו מען האַלט אין געשיכטע.

— ווי די ברידער פאַרקויפן יוספן... דאָס, הייסט עס, איז יאָ כשרע געשיכטע. מילא, לערנענדיק שפּעטער וועגן די נביאים, פלעג איך פאַר די קינדער לייענען פראַגמענטן פון נבואה אין יידיש (יהואשעס תנך איז דעמאָלט נאָך ניט געווען).

די קינדער האָבן מיך געבעטן זיי ווילן הערן ווי עס קלינגט אין העברעיש. פלעג איך לייענען אין יידיש, דערקלערן און שפּעטער דאָס זעלביקע לייענען פאַר זיי אין מקור. איז זיי געפעלן געוואָרן. האָבן זיי א פּאָר פּראַזעס אַפילו פאַרגעדענקט און פלעגן איבערזאָגן. קומט איין מאָל עסטערע איווינסקי: זי וויל זיין ביי מיר אויף א לעקציע געשיכטע.

נאָך דער לעקציע האָט זי מיר דערציילט, אַז מען האָט דערציילט, אַז איך האָב גאָר איינגעפירט אין קלאַס העברעיש. אָבער דאָס וואָס איך טו, זעט זי איין, אַז עס איז ניט קיין עבירה... ווי זאָגן יידן: א נאַרישקייט געדענקט זיך...

אין יענעם ווינטער האָב איך איבערגעדרוקט מיין לערנבוך פון באָטאַניק, וואָס איז צוערשט אַרויס נאָך אין קיעוו ווי אַן איבערזעצונג פון רוסיש. דאָס איז געווען אין 1918. פון דעמאָלט אָן האָט זיך ביי מיר אָנגעקליבן א סך נייע דערפאַרונגען און איך האָב פאַר דער צווייטער אויפלאַגע דאָס בוך אין גאַנצן איבערגעמאַכט: אַרויסגעוואָרפן קאַפּיטלעך און אַריינגעשטעלט נייע, מיינע אייגענע, איבערגעמאַכט אַלע אַנדערע, איבערגעביטן אַלע געמעלן. איך האָב וועגן דעם אַלעם געשריבן דעם רוסישן מחבר (באַטש. אין דער פּעטערבורגער באַרימטער טעניִשעווער שול) און געקראָגן אַן ענטפער פון אים, אַז ער מיינט אַז דאָס בוך איז איצט מיינס. אויך זיין קאָלעגע דאָרטן דער באַרימטער אין רוסלאַנד מעטאָדיסט יע. רייקאָוו האָט מיר דערלויבט איבערצוזעצן זיין זאָאָלאָגיע אויף יידיש. אָבער דאָס איז שוין ניט געקומען צושטאַנד. איך האָב אויך אַרויסגעגעבן דאָרטן אין וואַרשע א מעטאָדיש הילפסביכל פאַר פּראַקטישע אַרבעטן אויף נאַטורוויסנשאַפט. אין צוויי העפטן — פאַר די תלמידים און פאַרן לערער... מיר האָבן אין יענע שולן געדאַרפט אַלץ אויף יידיש. וואָסער יידישע שול אין דער וועלט דאַרף איצט אַזוינע ביכער?...

איך האָב אין וואַרשע דאָס לערניאָר ניט פאַרענדיקט. אַז איך בין געקומען אויף פּסח קיין ווילנע, האָט מען מיך פאַרהאַלטן, איך זאָל בלייבן אָנצופירן מיט דער זומער־קאָלאָניע פון דעם ערשט געגרינדעטן לערער־סעמינאַר. מיר איז געווען א שאַד יענע קינדער (ניט דאָס ערשטע מאָל!). איך דערמאָן זיך אויך א פראַזע פון זייערן א בריוו צו מיר: דער לערער געפרעגט וואָס מיר טוען? מיר מאָטלען און מיר לייענען מאָטלען — דעם לערערס ליבסט קינד. *) אין וואַרשע איז מען געווען ברוגז. מיכאַלעוויטש ע"ה האָט געזאָגט, אַז כ'בין א דעזערטיר, אָבער מען האָט דאָך געמוזט אָנערקענען, אַז די אַרבעט אין ווילנע איז איצט וויכטיקער. פאַר מיר האָט זיך אָנגעהויבן איצט א נייע תקופה אין לעבן, א נייער פּעדאַגאָגי־שער עקספּערימענט אַפילו.

---

*) „מאָטלען" אָדער „מוטלען", אין וואַרשעווער יידיש, מיינט — סתם שמועסן; מאָטל — געמיינט שלום־עליכמס בוך: „מאָטל פּייסי דעם חזנ'ס".

איך האָב געאַרבעט אין אוקראַינע אויף דעם געביט פון צוגרייטן לערער, אין דעם לערער־סעמינאַר דאָרטן, אויף אַלע כמעט לערער־קורסן. איבערהויפּט אויף מיין געביט־מעטאָדיק פון נאַטורוויסנשאַפט. אבער דאָ האָב איך געפונען א געלעגנהייט צו פאַרווירקלעכן אַן לאַנגאַניקן חלום. וועגן דעם אין ווייטערדיקן קאַפּיטל.

פּושקאַרניע

זוכה געווען אַ קליין האַלב־רואינירט דערפל לעבן ווילנע צו ווערן אַ פּונקט אין דער געשיכטע פון דער יידישער דערציונג. ווי אַזוי? — גאָר פּשוט: דער נייר געגרינדעטער יידישער לערער־סעמינאַר האָט דאָרט אָפּגעדונגען עטלעכע ליידיקע הייזער אין שכנות פון אַ חורבה פון אַ יידישער פּאַפּיר־פאַבריק און דאָרטן האָבן זיך באַזעצט די סעמינאַריסטן נאָך פּאַר פּסח מיט דער כוונה צו פירן אַגריקולטור אַרבעט. עס איז געווען אַ טיפערער מיין דערביי: די קומענדיקע לערער וועלן אין די שטעטלעך צוגעוווינען די יידישע קינדער צו גאָרטן־און פעלד אַרבעט. האָט מען פאַרלאָזט די שטאָט און די לימודים נאָך פּאַר פּסח און זיך אַריינגעקליבן אין פּושקאַרניע, מען האָט באַזאָרגט אַ קו מיט אַ קאַלב, מיט עטלעכע הינער. אַ שטיקל פעלד האָט מען געהאַט געדונגען. באַדינען וועט מען זיך אַליין. די צוויי וואונדערבאַרע פּעדאַגאָגינס וואָס האָבן געגרינדעט און אָנגעפירט מיט דעם סעמינאַר דעם ערשטן האַלבן יאָר, האָבן זיך ניט געפילט גענוג קאָמפּעטענט אין אָט דער „פויערישער" אַרבעט, האָט מען עס געגעבן מיר די אַרבעט אָנצופירן מיט דער קאָלאָניע. מיך האָט זי געצויגן גאָר צוליב אַנדערע מאָטיוון: עס איז געווען ביי מיר אַן אַלטער פּעדאַגאָגישער חלום, וואָס דאָ האָב איך געפונען די בעסטע געלעגנהייט אים צו פאַרווירקלעכן.

נאָך אין אוקראַינע, גלייך נאָך דער רעוואָלוציע האָבן אַלע „גלויביקע" לערערס גענומען שרייען „אַרבעטשול, אַרבעטשול", — און איך האָב געזען אין דעם אַ מין פּראָפּאַגאַנדע פון אַן אידעע, האָב איך געהאַט גאָר אַנדערע מחשבות: נאָך פון פריער האָט זיך עס צווישן די לערער פון נאַטורוויסנשאַפט געפירט אַ מחלוקת: די לערער־מאַטעריאַליסטן האָבן געוואָלט ניט אַנדערש קאָנצענטרירן דעם מאַטעריאַל אַרום די באַדערפעניש אין לעבן: עסנוואַרג, בגדים וכדומה. דאָס דאַרף זיין דער צענטער פון די טעמעס. איך האָב נאָך אין 1912 געפירט אַ דיסקוסיע קעגן דעם. די דאָזיקע מאַטעריעלע אינטערעסן זיינען ניט און זיי קענען ניט זיין קיין צענטרען פאַר קינדערשע אינטערעסן, פאַר זייער פאַראינטערעסירונג. קינדער זיינען ניט קיין מאַטעריאַליסטן און זייערע אינטערעסן זיינען ניט קיין מאַטעריאַליסטישע. עפּעס אַן אַרטיקל אין פּעדאַגאָגישן זשורנאַל פון „מפיצי השכלה" האָט מיר דעמאָלט געגעבן מוט אַרויסצוטרעטן קעגן דעם „מאָגן־צענטער" אין דערציאונג. ווי די ערשטע מענטשן יאָגן זיך קינדער צו די פּרוכט פון עץ הדעת פריער ווי צו די פּרוכט פון עץ החיים. זיכער דאַרף מען אַריינטראָגן גרויסע שינויים אין דער שולאַרבעט, האָב איך געטענהט. דאָס בוך האָט פאַרשטעלט

מיט זין גאַטס וועלט, די דעפיניציעס פון די ביכער אפעלירן ניט צו די קינדער, זיי קענען ניט דורך אַט דעם פאַרטיקן וויסן ווערן אַנטוויקלט. דער עיקר אין לערנען דאַרף זיין דאָס זוכן דאָס וויסן און ניט דאָס וויסן גופא. איך האָב אַלע מאָל ציטירט עפּעס איינעם אַן ענגלישן געלערנטן וואָס האָט געזאָגט: „דאָס לעבן פון דער וויסנשאַפט איז דאָס זוכן דעם אמת" דער דערגאַנגענער אמת איז שוין דער טויט פון דער וויסנשאַפט". און דערפאַר, האָב איך געטענהט צו די פרומע און געטרייע חסידים פון דער אַרבעטשול ווי מען האָט זי דעמאָלט פאַרשטאַנען אין רוסלאַנד, דאַרף דער צענטער פון דער אַרבעטשול בלייבן די וויסנשאַפט. אָבער אַנשטאָט וואָס די קינדער זאָלן חזרן אמתן וואָס אַנדערע האָבן שוין געפונען און פאָרמולירט, דאַרף מען שטעלן די קינדער אין דער ראָל פון די זוכער פון וויסנשאַפטלעכע אמתן; דאַרף דער קלאַס זיין אַ מין וויסנשאַפטלעכע פאַרשערישע עקספּעדיציע וואָס זוכט — ניט אין ביכער, נאָר דירעקט אין דער נאַטור — צו געפינען אַן ענטפער אויף פראַגן און פּראָבלעמען פון וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער. דאַרף דאָס בוך זיין אַ הילפסבוך צו העלפן דער אַרבעט, דאַרף דאָס בוך דערציילן ניט די שוין געפונענע אמתן, נאָר די העראָישע אָנשטרענגונגען צו געפינען די אמתן אין דער געשיכטע. דאַרף דער לערער זיין ניט דער מקור, דער ווייסער פון די אמתן, נייערט ער דאַרף זיין דער העלפער צו זוכן, דער אָנפירער פון די זוכערישע אָנשטרענגונגען פון די קלאַסן. דער געדאַנק האָט מיך געמאַטערט טאָג און נאַכט. אין קיעוו ווו עס איז ניט געווען צו קריגן אַ שוועבעלע, האָט וועגן דעם קיין רייד ניט געקאָנט זיין. אחוץ דעם וואָלט מען מיך פאַרשריען ווי אַ בוגד, ווי אַ כופר בעיקר, אַז די קיך און די פּראָדוקטן וואָס לערער לויפן אין די פרימאָרגנס ברענגען זיינען דער עיקר כל העיקרים אין דער דערציאונג און אין אַלע לימודים אין שול.

דאָ אין דער קאָלאָניע פון די טייערע, וויסנגיריקע תלמידים, פון די באַגייס־טערטע זוכער פון נייע וועגן, גרייטע אויף אַלע קרבנות, דאָ איז דאָס בעסטע אָרט ווו איך וועל קענען אויספּרובירן מיינע געדאַנקען אין דער פּראַקטיק. דאָס אָרט — אַ ווינקעלע אין דער „ליטווישער שווייץ" — אַ שטראַמיק טייכל (די ווילענקע), וואָס באַוועגט מיט זיינע קינסטלעכע וואַסערפאַלן עטלעכע פּאַפּיר־פאַבריקן, כמעט אויף יעדער קילאָמעטער, בערג וואָס דאָס טייכל רייסט פון זיי בסדר שטיקער און קעמפט אָן אויפהער קעגן הויך, — שאַפט בסדר נייע און נייע שטחים פלאַכלאַנד אין דער נידער — אַן אייביקער קאַמף צווישן הויך און נידער; אַן אַלטער יחוסדיקער סאָסנעוואַלד אין דער הייך. „פּראָלעטאַרישע" יונגע ניסוועלדלעך געמישט מיט דאַרע קרומע אָלכעס אין דער נידער. אַט דאָ וועט עס זיין אַ גוט אָרט און אַ גוטער מענטשן־מאַטעריאַל צו פּרובירן דעם מעטאָד. איך האָב אָנגעהויבן די אַרבעט ביי דער פריינדלעכסטער באַציאונג פון די צוויי גרינדערינס ראָזאַ סימכאָוויטש און סאָפיע גורעוויטש.

* * *

געקומען צופוס קיין פושקאַרניע (פינף קילאָמעטער אין גאַנצן פון ווילנע) געפונען עטלעכע מיידלעך שטייען איבער באַליעס און וואַשן גרעט. אַ יינגל בויט פון אַלטע ציגל פון דער פאַבריק־חורבה אַן אויוון צו קאָכן די וועש, עמיצער פון די תּלמידים קלעפּט מיט ליים דעם קוימען פון דעם אַלטן פאַרלאָזטן אויוון, צוויי זעגן האָלץ, איינער האַקט. מען זינגט עפּעס אַן אימפּראָוויזירט לידל טאָקע פון זיך, פון אייגענעם לעבן. מען קוקט אויף מיר ווי אויף אַ נייעם מענטשן: ווער ווייס וואָס פאַר אַ פויגל דער נייער לערער איז? מען ווערט שטילער, איינגעהאַלטע־נער אַ ביסל. עטלעכע ווילנער קענען מיך פון פריער, פון מיינע לעקציעס אין פאָלקס אוניווערסיטעט. מען באַקענט זיך. אַ מיטאָג „מיט נישט" (אויף ווילנער לשון — אָן גאַרנישט, אָן פליש), דער זופּ מסתּמא עטוואָס צוגעברענט, שוואַרצער ברויט — מען עסט און מען וויצלט זיך. וואָס עס פעלט אין עסן דערלייגט מען מיט וויצן און עס איז פריילעך. אין אָוונט — דער ערשטער נאַכטשפּאַציר. מען גייט „איבער טייך און איבער קלאַדקע" (קלאַדקע — אַ בריקל פון אַ קלאָץ צי פון אַ ברעט פאַר פוסגייערס. די גאַנצע פּראָזע אַרויסגענומען פון אַ שפּעטערדיק לידל) צום הויכן באַרגיקן וואַלד. פינצטער! כ'בעט ניט ריידן, זיצן שווייגנדיק עטלעכע מינוט און קענען איבערגעבן אין וואָרט אָדער שריפט די געדאַנקען פון די עטלעכע שטילע מינוט. כ'ווייס ניט פאַרוואָס און מיט וואָס דער שפּאַציר האָט אַזוי שטאַרק געווירקט. מען האָט זיך לאַנג שפּעטער געשושקעט און געסודעט שטיל. איך האָב די יונגע חברה אָפּגעקויפט. ניט אַנדערש, די פעיקייט זיך אַריינצולעבן איז געווען פון פריער. אויף מאָרגן האָט מען זיך פאַרטיילט מיט דער אַרבעט: די ווירטשאַפט און די פאָרשונג פון דער געגנט. מען צעטיילט זיך אויף קאָמיסיעס, און יעדערע באַקומט איין געביט צו שטודירן: דאָס טייכל, דער הויכער וואַלד, וכדומה. יעדער גרופּע דאַרף אויספאָרשן און צוגרייטן אַ באַריכט: די געאָלאָגישע געשיכטע פון ווינקל, באַשטימען און פאַרהעבאַריזירן די געוויקסן פון דעם אָרט, די חיות־וועלט קאָן די עקאָלאָגישע באַציאונגען צווישן אַנאַנד. אויך די שטוביקע ווירט־שאַפט איז געווען איינגעטיילט אין אַזוינע קאָמיסיעס. איך דערמאָן זיך דעם נאָמען „קו־קאַלב־הון־קאָמיסיע". אויפשטיין צו דער אַרבעט פלעגט מען פיר פאַר טאָג: עס איז דאָך זומער. דערפאַר פלעגן מיר אין גאַנצן אויסמיידן אַנצוצינדן אין אָוונט לאָמפּן, סיידן געסט זיינען דאָ. עטלעכע מאָל זיינען מיר גאָר געגאַנגען פאַרטאָג „באַגעגענען די זון", ווען זי גייט אויף. עסן פלעגט מען שוואַרץ ברויט און „וואַסער מיט קאַקאָ" (פון אַ לידל). דאָס מילך פלעגט מען דאַרפן פאַר די קראַנקע. בייטאָג — אַ זופּ מיט נישט אָדער — אַז אַ יום טוב — מיט ביינער. וואָס מען פלעגט ניט דערעסן, פלעגט מען דערזינגען. לידער פלעגט מען אַליין צוטראַכטן צו באַקאַנטע מעלאָדיעס. די לידער, לידלעך און פּאַראָדיעס צו יעדער געלעגנהייט האָט מען אין אַ פּאָר יאָר אַרום לכבוד דעם ערשטן אַרויסלאָז אָפּגע־דרוקט. איך האָב אַ קאָפּיע לזכּרון: נאָך טייערער זיינען די זכרונות געווען פאַר די תּלמידים. מען פלעגט דערמאָנען לאַנגע יאָרן „פושקאַרניעלע", זייער אָפט אפילו מיט טרערן. פון צייט צו צייט פלעגן די קאָמיסיעס אָפּגעבן באַריכטן פון

זייערע ארבעטן פאַר דעם גאַנצן עולם. אַ פּאָר מאָל אין וואָך פלעגן ארקאדי קרעמער (אלעקסאנדער) און פלודערמאכער קומען פון שטאט געבן לעקציעס, ראזע סימכאוויטש פלעגט אויפן גראז געבן אירע לעקציעס פון געשיכטע. אין אוונט, נאָך דער ארבעט פלעגט מען ביי א פייער אין דרויסן זיצן, ליגן און זינגען. וואָס ווייטער — אלץ שטילער, שטילער. דאָ האָבן זיך באַוויזן טאַלאַנטן — ווער — צו ארבעט, און ווער — צו אָרגאַניזאַציע פון לעבן און ווער — צו שאַפן אַט־מאָספער און שטימונג. דאָ האָט זיך ארויסגעהויבן ווי א מתמיד דער „פּראָפעסאָר קאַץ־ניימאַייער, ברענען זאָל ער אויפן פייער" מיט זיינע געאָלאָגישע פאָרשונגען פון געגנט. דאָ האָט זיך ארויסגעוויזן דער געזעלשאַפטלעכער אינטערעס און אָרגאַניזאַציאָנעלע אויסערגעווייטנלעכע פעיקייטן פון א „באַטקאָ". דאָ האָט זיך אויסגעצייכנט דער פריילעכער הארציקער זינגער יאנקל „דער שווארצער" און אזוי ווייטער. מען האָט די ארבעט געלעבט. מיין חלום איז געלונגען. אָבער איך בין זיכער, אז דער פארדינסט איז געווען ניט מיינער, נאָר פון יענער וואונדערבארער גרופּע יידישע יוגנטלעכע מיט זייער מונטערן גלויבן און ארבעטס־לוסט און מיט דער טיפער געטרייקייט ביז רעליגיעזער איבערגעבנקייט דער וועלטלעכער יידישער קולטור. זיי האָבן ניט ווייניקער געחלומט און זיך געגרייט צו פארווירקלעכן די חלומות...

ווי טרויעריק עס איז מיר איצט ווען איך דאַרף אָט די יוגנט מזכיר נשמות זיין. א דריי פערטל פון זיי זיינען אומגעקומען אין גרויסן חורבן.

געסט פלעגן זיין ביי אונדז זייער אָפט. היימישע — ווילנער און פון ווייטן — איבערהויפּט אַמעריקאַנער. פון די היימישע מוז מען אויסטיילן אונדזער מעצענאַט ירמיהו שאַפּירא. א רייכער ייד זיך אומגעקערט נאָך דער מלחמה פון שוועדן. ער האָט א סך געהאָלפן אונדז עקאָנאָמיש. מען פלעגט ביי אים ניט דאַרפן בעטן, — ער פלעגט עס אליין ברענגען איידער מען בעט. שפּעטער איז ער געווען א געטרייער ארויסהעלפער פון ייוואָ אין ווילנע, געשטאָרבן ערב דער צווייטער מלחמה. די משפּחה — די פרוי, די טאָכטער און דער איידעם מיט די קינדער ארויסגעטריבן געוואָרן קיין סיביר. די פרוי איז שפּעטער געשטאָרבן פאַר־וואָגלט אין פאַריז. די קינדער זיינען איצט אין ישראל. אַ צווייטער גאַסט וואָס איז כדאי דערמאָנט צו ווערן איז געווען דער אַלטער פּראָפעסאָר פון ווילנער אוניווערסי־טעט יוזעף לוקאשעוויטש. א פּאָליאַק, פון די אַלטע רוסישע רעוואָלוציאָנערן וואָס איז אָפּגעזעסן אין דער שרעקלעכער צארישער פעסטונג שליסעלבורג גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר צוזאַמען מיט ווערא פיגנער, מאָראָזאָוו און אַנדערע. ער איז שפּעטער געווען פּראָפעסאָר פון געאָלאָגיע. נאָך דער באַפרייאונג פון פּוילן האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין היימשטאָט ווילנע און איז דאָ געווען פּראָפעסאָר פון געאָלאָגיע. געטריי דעם אידעאליסטישן גייסט פון די גרויסע רעוואָלוציאָנערן האָט ער זיך זייער שווער געקאָנט איינלעבן אין דעם שאָוויניסטישן גייסט פון דעם באַנייטן פּוילן. האָט ער זיך מער געפריינדלט מיט זיינע עטלעכע יידישע פריינד

פון אַמאָל, צווישן זיי די גרינדערין פון סעמינאַר סאָפיע גורעוויטש. דער אַלטער געאָלאָג פלעגט זייער וויליק פירן עקסקורסיעס מיט די תלמידים פון סעמינאַר. איבערהויפּט נאָך אַז דער גייסט פון דער פּוילישער סטודענטנשאַפט אין אוניווער־סיטעט האָט אים זיכער ניט געקאָנט באַגייסטערן. צו אונדז אין קאָלאָניע איז ער אַריינגעפאָרן צופעליק: אויף זיינער א סטודיע־רייזע האָט ער אָנגעטראָפן אויף אונדזערע „געאָלאָגן" ווי זיי פאָרשן מיט זייערע אַליין־געמאַכטע מכשירים. אָפּגע־שטעלט, אויסגעפרעגט, איז עס אים געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך מיט אונדז באַפריינדעט. ער פלעגט קומען אָפט: א הויכער, א ריז ממש, פול מיט וויסן אין אַלע געביטן, פלעגט ער ליב האָבן צו פאַרברענגען מיט אונדזערע תלמידים אין „תורה". „איי, ווען איך קאָן האָבן אין אוניווערסיטעט אַזוינע תלמידים ווי אייע־רע" — פלעגט ער מקנא זיין, — „מיינע תלמידים פּראָפּאַגירן דאָך בלויז די וויסנשאַפט. זיי ווילן בלויז איך זאָל זיי געבן נאָפט. די גאַנצע געאָלאָגיע ווילן זיי גאָרניט קענען, — האָט ער זיך געקלאָגט ניט איין מאָל פאַר מיר. ער דער שעפער פון „דאָס אומאָרגאַנישע לעבן פון דער ערד" (2 בענד), דער שעפער פון א גאַנצער ריי טעאָריעס, דער וואָס איז געווען צוגעווינט צו דעם פּראָגרעסיוו־רעוואָלוציאָנערן גייסט פון דער פּעטערבורגער סטודענטנשאַפט מיט דער רעלי־גיע פון „פאָלקס־דינסט", מיט זייער לשמה־באַציאונג צו וויסנשאַפט, — ער האָט זיך געפילט אין זיין היימלאַנד, אין זיין היימשטאָט ווי אין גלות. ער פלעגט ביי אונדז זיך ווי אָפּרוען. ער פלעגט שפּעטער אויך קומען צו אונדז אין שטאָט... איך פלעג דערקענען ווען ער קומט זיך פאַרגעסן זיין אַנטוישונג אין אוניווערסיטעט. כ'דערמאָן זיך: ער האָט איין מאָל מיר דערציילט ווי ער האָט אין שליסעלבורגער קאַטאָרגע, צוזאַמען מיט „וויערקע" (ווערא פיגנער), געפאָרשט די געאָלאָגיע פון אָרט. דערביי האָט ער זיך אויסגעדריקט „א גוט ציטעלע (א רוסישער שטיי־נער) געווען".. ניט ווילנדיק האָט עס מיך אויפגעשוידערט: שליסעלבורג און „א גוט ציטעלע"! ער האָט באַמערקט, א שמייכל געטאָן. מיר האָבן ניט גערעדט פון דעם קיין מאָל. שפּעטער האָב איך אַליין געלערנט פּשט: גרויסער פרייער גייסט קען אפילו אין גהינום זיין מאָראַליש פריי... צו זיין לוויה בין איך דאָס איינציקע מאָל געווען אין א קלויסטער.

פון די ניט היגע געסט וועל איך דאָ דערמאָנען שלום אש. מען האָט אים געבראַכט צו אונדז אין אַן אָוונט. נאָך דעם „וואַסער מיט קאַקאָ" מיט שוואַרצן ברויט האָט מען פאַרבראַכט ביי א פייער אין וואַלד מיט געזאַנגען און מיט דער־ציילן מעשיות. אַזוי ביז א זייגער פיר פאַרטאָג. מיר האָבן זיך שוין ניט געלייגט, אַש איז געשלאָפן ביי מיר אין צימער. אַזייגער זיבן פרי האָט ער אַריינגערופן א תלמיד און אים דיקטירט עפּעס. עמיצער האָט אים געשטערט, האָט ער צעריסן דאָס אָנגעשריבענע. אויף דעם צווייטן טאָג גאָר אין דער פרי, אונדזער חברה אַרבעט שוין. ראָזע סימאָוויטש מיט א גרופּע תלמידות יעטן דעם גאָרטן ביי דעם הויז.

ערשט אַש איז אָנגעקומען איינער אליין מיט אַ גרויסן זאַק צוקערלעך — לערערקע סימכאָוויטש, דאָס איז פאַר אייך מיט די תּלמידים... ער האָט זיך ארויסגעגנבעט פאַרטאָג און איז געקומען צו אונדז. ער האָט שפּעטער געפונען אַ דירה און האָט זיך אַריינגעקליבן אין שכנות מיט אונדז אויף אַ גאַנצן זומער, מיט דער פרוי און טאָכטער.

ער פלעגט אונדז פאָרלייענען זיינע אַרטיקלען וואָס ער פלעגט שיקן אין „פאָרווערטס" פון אונדזער קאָלאָניע.

אַ צווייטער אַמעריקאַנער גאַסט איז געווען אייב קאַהאַן. געקומען אויך אין אַן אָוונט. נאָכן אָוונטברויט ביים פייער אין דרויסן האָט ער זיך צעוויינט אויפן קול... אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָבן מיר באַקומען פון אים ניין הונדערט דאָלאַר. די תּלמידים האָבן געהאַט צו עסן ווער ווייס ווי לאַנג.

קאַלט און אָנגעצויגן איז געבליבן ביי אונדז דר' מאַגנעס — צו פרעמד איז ער געווען, ער זאָל דערשפּירן די „נשמה פון פּושקאַרניע" ווי די תּלמידים פלעגן זיך אויסדריקן.

ווי אין יעדער געמיינשאַפט האָבן מיר ניט אויסגעמיטן קיין קעגנזייטיקע פּראָבלעם און מחלוקתן. איינע אַזאַ געדענק איך. עס זיינען געווען ביי אונדז „חורביסטן" און „שטוביסטן". גאָר פּשוט אין שטוב האָבן געוווינט די מערהייט און אַ צענדליק בחורים האָבן געוווינט אין אַ חורבה. האָבן די חורביסטן איין מאָל געמאַכט אַ סקאַנדאַל: מען האָט געעפנט די שפּייז־שאַפע און אַרויסגענומען אַ פּאָר הערינג, אַ ביסל ליכט, מען האָט פון ערגעץ דאַבוועט אפילו אַ פלעשל בראָנפן, מען האָט זיך אָנגעטאָן פאַר שדים און געפּראַוועט אַ הולאַנקע אין מיטן דער נאַכט. מען האָט אפילו מיך אַרויסגענומען פון מיין בעט און כמעט אויף גוואַלד מיך אוועקגעטראָגן אין חורבה צו דער „גרויסער אימפּראָוויזאַציע" — אַז אַ חורבה, מוזן דאָך זיין שדים. שדים־טאַנץ, דרשות — אַלץ ווי נאָר שדים קענען. עס האָט זיך פאַרצויגן ביז דער גאַנצער עולם שטוביסטן איז שוין אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט. עס האָט זיך געשאַפן אַן אמתער שאַרפער אַנטאַגאַניזם. מען האָט זיך היציק געקריגט, מען האָט געשאַפן לידלעך איינער קעגן דעם צווייטן. איבערהויפּט האָט עס וויי געטאָן די מיידלעך: ס'טייטש, מען איז חברים און דאָ מאַכט מען אַ יום טוב און מען פאַרבעט זיי ניט. אַ גאַנצע וואָך האָט געדויערט דער ברוגז. איך האָב געדאַרפט אַפּציען ווי ווייט לענגער ביזן משפּט, דער כעס זאָל זיך אויסוועפּן. אַ גאַנצע נאַכט האָט נאָך דעם געדויערט דער מישפּט. רעדעס און רעדעס. די גאַנצע פאַרביטערקייט האָט מען אויסגעגאָסן אין די רעדעס.

אין דער פרי, אַז ס'איז געוואָרן ליכטיק, איז מען אַוועק צוזאַמען צו דער אַרבעט. די מלחמה איז געבליבן פאַראייביקט בלויז אין דער פּאָעזיע פון פּושקאַרניע.

אוועק דער זומער, מען האָט זיך געמוזט אומקערן אין שטאָט אריין. גאָר ניט ווייניק טרערן איז פאַרגאָסן געוואָרןביים געזעגענען זיך מיט דער קאָלאָניע. דער פּעדאַגאָגישער קאָלעקטיוו פון סעמינאַר איז דעמאָלט באַשטאַנען אז איך מוז בלייבן אין סעמינאַר. איבערהויפּט נאָך ווען סאָפיע גורעוויטש האָט באַשלאָסן אוועקצוגיין און עפענען צוריק איר גימנאַזיע.

א נייע אַרבעט, נייע אויפגאַבן. מען דאַרף ווידער זיך אָנגורטן די לענדן.

דער סעמינאַר

איז פאַרטראַכט געוואָרן אין ווילנע נאָך לאַנג פאַרן שולצוזאַמענפאָר. דעמאָלט נאָך האָט אַ קאָמיסיע באַשטימט פון צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט אויסגעאַר־בעט דעם פּלאַן פון סעמינאַר. אין דער קאָמיסיע זיינען געווען: די עלטערע לעסגאָפּטס תלמידה מאריע אַקון (ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן אין טיפן עלטער אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע), סאָפיע גורעוויטש, ראָזע סימכאָוויטש און איך. ווי אונדזערע פּלענער האָבן אויסגעזען לכתחילה געדענק איך ניט.

איך בין דאָך נאָך דערצו געבליבן אַרבעטן אין וואַרשע און ניט געוווּסט וועגן סעמינאַר. געגרינדעט און אָנגעפירט מיט אים האָבן לכתחילה די צוויי פרויען — סאָפיע גורעוויטש און ראָזע סימכאָוויטש. לויט דעם פּלאַן האָט עס געדאַרפט זיין אַ שול פון אַ גאָר מאָדערנעם כאַראַקטער: ניטאָ קיין פיקסירטע פּראָגראַם, איינע פאַר אַלע תלמידים גלייך, נייערט יעדער תלמיד לויט זיינע פעיקייטן און אינטע־רעסן שטודירט אַליין. דאָס לערנען באַשטייט ניט אין הערן לעקציעס און אויס־לערנען זיי, נייערט אין שטודירן פאַר זיך פון ביכער און דירעקטע אַרבעטן, פּראַיעקטן. די לעקציעס פון די לערערס זיינען נאָר אַ צוגאָב־מיטל. כדי די תלמידים זאָלן זיך בעסער קענען קאָנצענטרירן אויף זייער אַרבעט, איז די אַרבעט ניט פאַרטיילט לויט שעהן, נאָר אין חודשדיקע ציקלען: איין חודש פאַרנעמט מען זיך איבערהויפּט מיט הומאַניסטישע לימודים און דעם צווייטן — מיט עקזאַקטע. קיין סיסטעם פון מיינונגען און עקזאַמענס איז ניטאָ. צום סוף פון יעדער ציקל באַריכטעט יעדער תלמיד זיינע אויפטוען פאַר דער געגעבענער צייט. אָט די באַריכטן קומען פאַר ניט דווקא פאַר די לערער נייערט עפנטלעך, פאַר אַלע תלמידים, אַדער אַפילו פאַר זייטיקע פּערזאָנען. די סיסטעם האָט ניט פאַרלאַנגט קיין איינהייטלעכע איינטריט־עקזאַמענס אויך. בכלל — דאַרף ניט זיין קיין ניוועליזאַציע פון די תלמידים. — דער סעמינאַר גיט די מעגלעכקייטן איטלעכן תלמיד פאַר זיך צו לערנען און צו דערגרייכן זיין מאַקסימום. די סיסטעם האָט געדאַרפט פאַרווירקלעכן די מאָדערנסטע פּעדאַגאָגישע שטרעבונגען אין יענע יאָרן. מען דאַרף דאָ צוגעבן, אַז סאָפיע גורעוויטש איז דעמאָלט אַקאָרשט געקומען פון רוסלאַנד, וווּ עס האָבן געברויזט נייע אידעען און זי האָט פאַרבראַכט עטלעכע חדשים אין אייראָפּע, וווּ זי האָט ספּעציעל געזוכט דאָס נייע. פאַר מיר אָבער שטייט ביז היינט דער אינטערעסאַנטער פאַקט, וואָס זוכנדיק דאָס נייסטע האָבן די צוויי פרויען־גרינדערינס אַזוי נאָנט זיך דערנעטערט צום סיסטעם פון אונדזערע טראַדיציאָנעלע ישיבות. זיי אַליין האָבן ביידע דאָך קיין ישיבות ניט

באַזוכט, הגם ראָזע סימכאָוויטש איז געווען אַ גאַנץ היפשער למדן. איך דערמאָן דעם פאַקט ניט אָן אַ באַשטימטער נאַציאָנאַלער גאווה, ווי ווייט אונדזער דער־ציערישע טראַדיציע איז געווען פאַרויסגעגאַנגען לגבי דער סיסטעם פון אַנדערע פעלקער. עס איז אין תוך געווען אַ מין וועלטלעכע ישיבה וואָס האָט אָנגעווענדעט אונדזערע ישיבה־מעטאָדן בנוגע צו אַלע אַלגעמיינע לימודים. אָפט טראַכט איך, אַז די נייע אַזוי גערופענע ישיבות אין אַמעריקע טוען דאָס פאַרקערטע: זיי לערנען יידישע לימודים לויט פרעמדע, ניט יידישע סיסטעמען.

קיין לערער פאַרן סעמינאַר האָבן אין ווילנע ניט געקאָנט פעלן: פאַר יידיש זיינען געווען זלמן רייזען, א. ליטוואַק און... דער עקזאָטישער קאַליע טעפער, וואָס האָט דעמאָלט פאַרבראַכט אין ווילנע איידער ער איז אַוועק קיין רוסלאַנד, ווו ער האָט זיך, ווי דערציילט, געשמדט צו ווערן אַ פּראַוואָסלאַוו־נער גלח. מאַטעמאַטיק האָט געגעבן אַרקאַדי קרעמער, העברעיש — פאַלק האַלפּער־רין, אַלגעמיינע געשיכטע — ראָזאַ סימכאָוויטש, יידישע — גרשון פּלודערמאַכער, נאַטורוויסנשאַפטן — סאָפיע גורעוויטש. דאָס זיינען דאָך געווען אַלץ מענטשן מיט נעמען, מיט פאַרדינסטן אויף זייערע געביטן. פאַר דער מערהייט פון די לערער איז די סעמינאַר־אַרבעט געווען נאָר אַ צוגאַב, האָט מען געקאָנט מאַכן עס אין ציקלען. אויסער דאָס לערנען האָט די תלמידים אַ סך געגעבן דער... אינטערנאַט ווו זיי האָבן געוווינט. פאַר אַ סך קען אויסקומען לעכערלעך דאָס זאָגן אַז אַזאַ געמיינזאַמע דירה קען דערציען, אָבער אַזוי איז עס. לכתחילה האָט מען געשאַפן דעם אינטערנאַט, ווייל די גרעסטע טייל תלמידים, די ווילנער ווי די ניט־ווילנער, זיינען געווען אָרעם און ניט געקאָנט זיך איינאָרדענען פּריוואַט. האָבן אָבער די תלמידים אַליין באַלד, פאַרוואַנדלט דעם אינטערנאַט אין אַ קאָלעקטיווער קאָמונע — די הכנסות פון די היימען, די פאַרדינסטן פון פּריוואַטע לעקציעס וכדומה — אַלץ גייט אַריין אין דער קאָמונאַלער קאַסע, אַפילו די בגדים און וועש. און דער קאָלעקטיוו גיט אַרויס יעדערן וואָס ער דאַרף. עס קען אויסקומען פאַר אַ נייעם מענטשן אַ ביסל פאַרקערט: דאָס לערנען איז שאַרף אינדיווידואַליזירט און דאָס לעבן קאָלעקטיוויזירט. און אַזוי איז עס טאַקע אויך געווען. עס האָבן זיך באַלד אין אינטערנאַט אַרויסגערוקט געזעלשאַפטלעכע טוער מיט איניציאַטיוו און ענערגיע. איינער פון זיי האָט טאַקע באַלד געקראָגן דעם צונאָמען „באַטקע" (מאָטל גילינסקי פון סווינציאַן. שפּעטער פירער פון דער מערדעם סאַנאַטאָריע אין וואַרשע, אומגעקומען אין חורבן. הי"ד). ער איז טאַקע געווען אַ וווּנדערבאַרער אָרגאַניזאַטאָר און געטרייער חבר. עס האָבן זיך אַרויס־געוויזן אויך אַנדערע „פאַכמענער" אין געזעלשאַפטלעכן לעבן — זינגערס, דיכטערס, וויצלערס, און אַזוי ווייטער.

דאָס לעבן אין אינטערנאַט איז געווען שווער: אויפן פינפטן גאָרן, אָן סאַניטאַרע איינריכטונגען, אַפילו די רערן פון וואַסער פלעגן אָפט אין די ווילנער פרעסט פאַרפרירן ווערן און מען פלעגט דאַרפן טראָגן וואַסער פון אונטן. האַלץ

צום הייצן און צום קאָכן פלעגט מען דאַרפן אַליין זעגן און האַקן און טראָגן ארויף. קיין שום באַדינונג — אַליין ראַמען און וואַשן און קאָכן אויך. איצט אַז איך דערמאַן זיך, כאַפּט אַפּט אַן א געפיל פון חרטה: ווי דערלאָזט מען יונגע קינדער, צומאָל פיזיש גאַנץ שוואַכע, לעבן אין אַזוינע באַדינגונגען... אָבער אין ווילנע דעמאָלט איז עס געווען גאָר ניט ווייט פון א „באַלעבאַטיש לעבן". געפונען האָט זיך דער אינטערנאַט אין די „ביליקע הייזער" וואָס ייק"א האָט אַמאָל אויסגעבויט אין עק שטאָט פאַר דער ווילנער אָרעמקייט. פלעגן די סעמינאַריסטן דאַרפן לויפן (פאַרשטייט זיך — צופוס) א פּאָר מאָל א טאָג אין שניי און אין רעגן, אָפט אין די ווינטערדיקע גליטשן ניט ווייניקער ווי א האַלבע שעה אין סעמינאַר און צוריק. פלעגט די יוגנט די שוועריקייטן פאַרזינגען אין אַליין צוגעטראַכטע לידלעך און פאַרשפּילן אין אימפּראָוויזירטע פאַרוויילונגען. די בעסטע פאַרוויילונגען זיינען געווען שפּאַצירן און עקסקורסיעס — אַלע מאָל צו־פוס, און ווייטע — פון א זיבן־אַכט קילאָמעטער ערגעץ אַרום שטאָט ביז א דרייסיק קילאָמעטער — אין טראָק און אַריבער הונדערט — ביז דער נאַראַטש־אָזערע הינטער קאָבילניק. אַזא פרייידיקייט און יוגנטלעכע מונטערקייט און וויציקייט איז זעלטן צו טרעפן ביי דער יידישער יוגנט וואָס איז זאַט און צו גוט באַזאָרגט, און זי זוכט זיך צו פאַרוויילן. אָבער זי האָט ניט מיט וואָס זיך צו פאַרוויילן, זי קען ניט שאַפן קיין פרייידיקייט אין איר לעבן. ניט זי שאַפט די פאַרוויילונגען, נאָר זי ווערט פאַרוויילט, עלעהיי, א הינקעדיקער וואָס ווערט דורך עמיצן אַ צווייטן געטראָגן... דער אינטערנאַט איז געווען א גוטע שול פאַר געזעלשאַפטלעכ־קייט. יעדן טאָג פלעגן עטלעכע סעמינאַריסטן מוזן בלייבן אין אינטערנאַט צו באַזאָרגן די נויטיקע אַרבעטן — צו ראַמען, צו וואַשן און צו קאָכן ווי אויך אַכטונג צו געבן אויף די קראַנקע. פאַר דעם איז געווען איינער אַן אַרבעטס־פאַרטיילער. איבער דער זעלבסטפאַרוואַלטונג איז געווען בלויז די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. די לערער פלעגן זיך אין אינעווייניקסטן לעבן פון אינטערנאַט לחלוטין ניט מישן, — און מען האָט עס לגמרי ניט געדאַרפט — מען האָט זיך גאַנץ רויק אויף דער חברה געקאָנט פאַרלאָזן. מיר זיינען אָבער דאָרטן געווען זייער אָפט — ווי אויף אונטערנעמונגען, אַזוי אויך סתם אויף באַזוכן, אַכטונג געבן אויף די טעכנישע דעפעקטן וואָס פלעגן זיך אָפט מאַכן, העלפן פאַרריכטן די עלעקטרי, אַפּוואַרעמען די רערן וכדומה. אַמאָל פלעגט זיך סתם אַזוי פאַרבענקען א קוק טאָן וואָס עס הערט זיך דאָרטן. סימכאָוויטש האָט געהאַט א צימער אין אינטערנאַט. איצט, מיט א סך יאָרן שפּעטער, האַלט איך עס פאַר א בפירושער עוולה. זי איז געווען אַן אמתע אַריסטאָקראַטין, געשטאַמט פון גרויסן יחוס פון מינסק און סלוצק, ווו איר טאַטן האָט מען גערופן ר' שמוליק סימכאָוויטש. ווען מען האָט זי צו זעכצן יאָר אַרעסטירט פאַר רעוואָלוציאָנערע מעשים, האָט מינסק אויפגערודערט: א קליינִיקייט! ר' שמוליקלס טאָכטערל פירט מען אין טורמע אַריין!... דערזעענדיק פאַר זיך די יונגע אַרעסטאַנטין, האָט דער טורמע־פאַרוואַלטער זי א פרעג געטאָן „אפשר אייך ברענגען א ליאַלקע?" — דער

פּאַליציאַנט האָט ניט געוואָגט איר צו זאָגן „דו"... די מישפּחה האָט מיט גרויס מי און כּאָבאַר געפּועלט אַז מען זאָל זי אַרויסשיקן פון רוסלאַנד אַנשטאָט האַלטן אין טורמע. אַן אונטערשריפט האָט זי געגעבן קיין מאָל זיך ניט אומקערן קיין רוסלאַנד. איז זי אַוועק אין שווייץ שטודירן. געוואָרן דאָרטן אַ פאַכמאַן אין שפּראַכן, געשיכטע, פילאָסאָפיע און פּעדאַגאָגיק. אַז מעדעם האָט זיך אין אויסלאַנד אויסגעלערנט יידיש, איז עס טיילווייז געווען די שולד פון דער יונגיקער ראָזע סימכאָוויטש. זי האָט געהאַלטן וואָרט: אַז זי איז געקומען קיין ווילנע, איז עס שוין דאָך ניט געווען רוסלאַנד. אירע קרובים אין לעמבערג, די מישפּחה פון לעאָן ווייל זיינען געווען די שמאַנט פון שטאָט. און איר איז דאָס ווינען אין אינטערנאַט געווען אַ צו גרויסע פייניקונג, אַן עוולה, וואָס מען האָט עס דערלאָזט. פאַרשטייט זיך, זי האָט ניט פּראָטעסטירט און ניט באַקלאָגט זיך: עס איז דאָך געווען דער כּלל ביי דער בעסטער רוסישער אינטעליגענץ צו „גיין אין פאָלק אַריין". האָט אַזוי אויך געטאָן די פּערל פון דער יידישער אַריסטאָקראַטיע, וואָס צו איר האָט סימכאָוויטש געהערט לכל הדעות. איך שטעל זיך פאָר אַז איר איז דאָס לעבן אין אינטערנאַט אָנגעקומען גאָר ניט גרינג, אָבער ניט אַזאַ מענטש ווי סימכאָוויטש וועט זיך באַקלאָגן. אין אַ צייט אַרום ווען זי האָט זיך פאַרנומען אין וואַרשע מיט אינספּעקטירן און אינסטרואירן די שולן, האָט זי מיר דערציילט: זי איז געקומען אין אַ שטעטל, האָט מען איר ניט געלאָזט גיין אין אַ האָטעל אַריין, אַ פרוי האָט זי גענומען צו זיך אַהיים. ווען די באַלעבאָסטע האָט פאַר איר אויסגעבעט, האָט זי זיך פאַר איר באַרימט: די בעט איז זייער ריין, — דער מאַן אירער איז אויף די בעטגעוואַנט געשלאָפן נאָר צוויי וואָכן... סימכאָוויטש האָט ניט געענטפערט, נאָר זי איז צוויי נעכט אָפּגעזעסן אויף אַ בענקל, ניט צו נוצן די „זייער ריינע" בעט, און דאָך אויך קיינעם ניט באַלעסטיקט. קען מען זיך פאָרשטעלן ווי שווער עס איז איר געווען צו ווינען אין אינטערנאַט, אָבער קיין מאָל קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דעם.

* * *

אַז דער סעמינאַר איז צוריקגעקומען פון זיין זומער אין פּושקאַרניע צוריק אין שטאָט אַריין זיינען מיר געווען געצוווּנגען איינצופירן עטלעכע ענדערונגען: אַ טייל תּלמידות וואָס מען האָט צוגענומען אָן אַן עקזאַמען, נאָר אויף אַ פּראָבע אין משך פון חדשים, האָבן זיך ניט געקאָנט אַריינפּאַסן און מען האָט זיי געדאַרפט באַזייטיקן. צוליב טעכנישע שוועריקייטן האָט מען מער ניט געקאָנט אָנהאַלטן די ציקלען־סיסטעם. אַ גרויסער טייל פון די נייע תּלמידים וואָס זיינען אָנגעקומען ביי דעם צווייטן אויפנעם האָבן ניט געקאָנט זיך באַנוצן מיט דער ליטעראַטור אויף רוסיש. קיין יידישע ליטעראַטור אויף די אַלע געביטן האָבן מיר ניט געהאַט, — האָט מען געמוזט פאַרשטאַרקן דעם עלעמענט פון לעקציעס און פאַרמינערן די פאַר־זיך־קע אַרבעטן, ווייל עס זיינען געווען קאַנדידאַטן אַ סך מער וויפל מיר האָבן געקאָנט אָננעמען, האָט מען געדאַרפט צושטעלן אַ אויטאָ־

ביאָגראַפיע. לייענען די אריבער הונדערט ביאָגראַפיעס, וואָס האָבן אַפּט פאַר־נומען גאַנצע העפטן איז געווען ניט קיין גרינגע אַרבעט. אָבער עס איז דאָך מעגלעך געווען צו שאַפן זיך א פאַרשטעלונג וועגן דער פּערזאָן. אויף דעם סמך פון דער ביאָגראַפיע האָבן מיר יאָ אָדער ניט פאַרבעטן צו די עקזאַ־מענס זיינען געווען שריפטלעכע און מונדלעכע. מיר האָבן אָבער ניט געדאַרפט קיין באַשטימטן צוגעשניטענעם קורס, נייערט מער וויניק די אַלגעמיינע אַנט־וויקלונג פון דעם קאַנדידאַט. איינער, למשל איז דורכגעפאַלן ווייל ער האָט ניט געקאָנט באַרעכענען אַן א בלייער וויפל עס איז פּופציק פּראָצענט פון פופצן. עס פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען געווען טעותים אין אויפנאַם יעדן יאָר, אָבער זיי זיינען אַלע מאָל געווען קליינע וואָס האָבן ניט געווירקט אויף דעם גאַנג פון דער אַרבעט.

דער סעמינאַר האָט צום צווייטן יאָר באַקומען א סטאַבילע לערערשאַפט. צווישן די לערער זיינען געווען אויסגעצייכנטע פּערזאָנען. דער עלטסטער איז געווען אַרקאַדי קרעמער, דער גרינדער פון „בונד״. צו אונדז איז ער געקומען פון פראַנקרייך, א אינזשיניר. מיט פּאַרטיי־אַרבעט האָט ער זיך ניט פאַרנומען. זיין פּערזאָן איז אָבער געווען א באַצויבערנדיקע: א פילאָזאָף אין מאַטעמאַטיק, א מענטש פון א העכערער מאָראַל, האָט פון אים געוויט מיט א העכערער גייסטיקייט. די תּלמידים האָבן צוערשט עפּעס מורא געהאַט פאַר זיין שטרענגן אויסדרוק, פאַר זיינע לאַקאָנישע באַמערקונגען, פאַר זיין שווייגן מער ווי פאַר זיין ריידן. מיר פלעגן זיך אָפט אריינכאַפּן צו אים אויף א גלעזל טיי, און אַלע מאָל איז געווען דער איינדרוק: א גייסטיקער גדול צווישן קטני המוחין. ער האָט זייער וויניק געקאָנט יידיש, העברעיש — כמעט גאָרניט — א זון פון א יידישן משכיל האָט ער זיך געהאָדעוועט אויף רוסיש, אָבער ער האָט עס קאָמפּענסירט מיט גרויס דערפאָלג. גאָר גיך האָבן די פעיקערע תּלמידים אין אים דערפילט זיין גרויסקייט און עס האָט זיך געשאַפן אַן אַטמאָספער פון דרך ארץ.

יידישע ליטעראַטור האָט איבערגענומען מאַקס עריק. זיינע לעקציעס פלעגן שוין אויסקומען שפּעט נאָך מיטאָג, ביי דער שוואַכער באַלייכטונג פון א „בליץ־לאָמפּ״ (אַן אַלטמאָדישער קעראָסין לאָמפּ — אין סעמינאַר איז ניט געווען איינגעאָרדנט קיין עלעקטרי). ער פלעגט אַרומשפּאַצירן איבערן גרויסן צימער און אַזוי לייכט אויך אַרומשפּאַצירן אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור.

מיר פלעגן אָפט מיט סימכאָוויטשן זיצן אויף זיינע לעקציעס, עס איז געווען א פאַרגעניגן צו זען ווי די באַגייסטערטע תּלמידים און איבערהויפּט תּלמידות זיצן און קענען ניט אָפּרייסן זייערע פאַרגלאָצטע אויגן פון דעם לערער וואָס שפּאַצירט אַרום. אָפט פלעגן מיר מיט סימכאָוויטשן לאַכן, אַז ווען ער גייט פון לערער־צימער צום קלאַס ווייס ער נאָך ניט וואָס ער וועט ריידן, עס קומט אַרויס ווי אַן עקספּראָמפּט, און ניט געקוקט אויף דעם, פלעגט זיך דער אינהאַלט גיסן אָן אַן אָפּשטעל, ער האָט קיין מאָל ניט געדאַרפט קיין טעקסט צו ברענגען א

ציטאַט, ניט געדאַרפט קיין געשריבענע נאָטיצן — אַלץ איז געווען פאַרטיק, אויסגעסדרט אין מוח. פּונקט ווי זיינע פיס פלעגן פריי אַרומשפּאַצירן אין צימער, אַזוי פלעגט דער מוח אַרומשפּאַצירן אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור. עס האָט אים צום באַדויערן געלאָקט די צוגעזאָגטע פּראָפעסאָר־קאַטעדרע אין קיעוו. צו זיין אומגליק און צום גרויסן פאַרלוסט פון אונדזער קולטור. ער האָט נאָך מיטגענומען קיין רוסלאַנד אַ יונגע תלמידה מיט וועמען ער האָט חתונה געהאַט.

אָבער מער פון אַלע האָבן די תלמידים ליב געהאַט די לעקציעס פון אַלגע־מיינער געשיכטע פון ראַזע סימכאָוויטש. דאָס זיינען געווען יעדער מאָל גייסטרייכע היסטאָריאָסאָפישע עקסקורסיעס דורך דער מענטשהייט איבער אַלע דורות. אויף די לעקציעס פון עקזאַקטע וויסנשאַפטן פלעגט אָפט זיין אַ ברוגז פון די שוואַכערע תלמידים, וואָס יאָסל קאַץ דער עילוי לאָזט ניט לערנען. איידער דער לערער ענדיקט נאָך זיין ערשטן זאַץ, ווייס ער שוין וואָס דער לערער וויל זאָגן, ער האָט שוין קשיות אויף דעם און ער פירט שוין אַ דיסקוסיע. ניט אומזיסט האָבן אים הברים אין אַ שפּאָס גערופן: „פּראָפעסאָר קאַץ־ניימייער, ברענען זאָל ער אויפן פייער". אָבער ער איז ניט געווען קיין בן יחיד, אַ נוח צוקערמאַן (זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד. זיין גורל־מיר אומבאַקאַנט) איז ניט אָפּגעשטאַנען פון אים. יעדער תלמיד האָט אָבער געהאַט זיין אייגנשאַפט, אין זייערע שפּאַס־לידלעך און אין די הומאָריסטישע שאַפונגען בכלל זיינען געווען די בעסטע כאַראַקטעריסטיקס פון אַלעמען. עס איז באמת געווען אַ מישפּחה, אַנגעפירט מער פון די תלמידים גופא ווי פון לערער.

עס האָבן פאַרשטייט זיך, ניט געפעלט אויך קיין ראָמאַנען. איבערהויפּט האָט זיך אויסגעצייכנט איינע אַ ווילנערין, וואָס אַלע בחורים האָבן זיך אין איר געליבט, — און זי האָט קיינעם ניט געענטפערט. אָ, וויפל יוגנטלעכע טראַגעדיעס איך האָב דעמאָלט געדאַרפט לינדערן. איך האָב אַזוי פיל פאַרמיאוסט די „לייבין" אין די אויגן פון די אומגליקלעך פאַרליבטע, ביז איך האָב זי טאַקע... פיינט געקראָגן (אין חורבן אומגעקומען הי"ד), שטילער, אינטימער אָבער טיפער האָבן אַזוינע מאָמענטן איבערגעלעבט די מיידלעך. איך פלעג זייער געמיט דערפילן אין דער אַרבעט, אין זייער שווייגן. ניט איין מאָל פלעגט מען מיר פאַרטרויען די סודות, און מיר פלעגט זיך דוכטן, אַז מיין שמועס פאַרלינדערט, פאַרגרינגערט די שטימונג. די אויפמערקזאַמקייט פון לערער און דער אינטערעס צו דער אַרבעט פלעגט אַ סך העלפן. עס זיינען אָבער בכלל געווען גאָר ווייניק שידוכים אין סעמינאַר.

צום סוף צווייטן יאָר האָבן מיר געמוזט מאַכן ווייטערדיקע ענדערונגען אין סעמינאַר. ווילנע, וואָס איז צוערשט געווען כלומרשט אַ פּאַרזיכיקע פּאָליטישע איינס א"נ „מיטליטע" איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרן צו פּוילן. די רעגירונג איז געוואָרן אַ בעל דעה אין די יידישע שולן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן נגישות. לערער האָבן געמוזט זיין פּוילישע בירגער. מיר האָבן דעם סעמינאַר געמוזט צופּאַסן

פּראגראמאטיש צו די רעגירונגס סעמינארן, א טייל לימודים ווי געשיכטע פון פּוילן און איר געאגראפיע האָט מען געמוזט לערנען אין פּויליש. מען האָט געמוזט נעמען זארגן אז די תלמידים זאלן נאכן ענדיקן דעם סעמינאר קריגן רעכט צו זיין לערער אין יידישע שולן. דאס אלץ האָט געצווּנגען צו פארשמע־לערן דעם געביט פון פאַרזיכיקער אַרבעט פון די סעמינאַריסטן. די קאָלאָניע וואס האָט אזוי שטארק געווירקט אויף דער יוגנט האָט געמוזט פארקירצט ווערן. דערצו נאך האָבן זיך געמוזט בייטן לערער. סימכאוויטש האָט ניט געקאנט ווערן אַ פּוילישע בירגערין, האָט זי געמוזט אוועקגיין פון סעמינאר. איך בין ספּעציעל דעלעגירט געווארן פון דער ציש"א צו פארן צו איר אין לעמבערג, זי זאל בלייבן ביי דעם סעמינאר אומאפיציעל, אבער זי האָט ניט געוואלט. מען האָט געדארפט קריגן פאר אן אפיציעלן דירעקטאר פון סעמינאר א מענטשן וואס זאל האָבן כשרע פּוילישע רעכט; עריק האָט זיך געקליבן קיין רוסלאנד. לערער מיט פּוילישע רעכט האָט מען געקאנט קריגן נאר אין גאַליציע און טיילווייז בלויז אויך אין קרוינפּוילן.

פאר דעם דירעקטאר־אמט האָבן מיר געקראגן דעם דר' ישראל ביבער. א גאליציאנער פון קאלאמייע, א דאָקטאָר פון ביאָלאָגיע אין ווינער אוניווערסיטעט. ער איז געווען גאָר ניט פונעם טיפּ גאַליציאַנער דאָקטוירים, וואָס מיר האָבן געזען נאָך פריער אין ווילנע. א פּרינציפּיעלער אויסגעהאַלטענער, נאַציאָנאַלער ייד, מיט אַ גוטן יידישן וויסן — האָט ער אַפילו ניט געטראַכט צו מאַכן אַ קאַריערע דורך העלפן דער פּוילישער רעגירונג צו פּאָלאָניזירן די יידן אין ווילנע. ער האָט זיך זייער גיך איינגעלעבט אין דער ווילנער אויסגעהאלטענער סביבה און ער איז געבליבן געטריי דער נאציאָנאלער יידישער קולטור ביז דעם טראגישן סוף פון זיין לעבן הי"ד. זיין פאך — ביאָלאָגיע — האָט ער געקענט אויסגעצייכנט ניט בלויז פון אוניווערסיטעט, נייערט ער איז טאַקע געווען א „נאַטורמענטש" פון קינדווייז אָן. פלעגט ער דערקענען א פייגל פון דעם קלאנג, א ווערימל, א גרעזעלע — אלץ האָט ער געקענט און ליב געהאט. זיינע שבתדיקע עקסקורסיעס צי מיט די תלמידים פון סעמינאר, צי מיט די מיטגלידער פון דער „ווילנער בילדונגס געזעלשאפט" (ווילביג) פלעגן תמיד צוציען א סך מענטשן און מען האָט טאַקע פון אים זיך א סך געקענט אויסלערנען. שפּעטער האָט ער אויך א סך געשריבן אויף ביאָלאָגיע אין יידיש, געשאפן לערנביכער אויף זיין געביט. אחוץ אונדזער יידישן לערער־סעמינאר האָט ער אויך געגעבן לעקציעס אין דעם העברעישן סעמינאר און אין דער יידישער רעאל־גימנאזיע. שפּעטער, אז די פאשיסטישע פּוילישע רעגירונג האָט מיט א יעזויטישן אויסרייד געשלאָסן דעם לערער־סעמינאר איז דר' ביבער געבליבן אין ווילנע, ער איז ניט אוועק ארבעטן אין פאלאניזאטאָ־רישע שול־קרעמלעך, נאָר ער האָט אָרגאניזירט ביי דער ווילנער אז"ע א שול פאר קראנקן־שוועסטער, וואָס ער האָט זי געפירט ביז דעם טראגישן סוף ווען ער איז אומגעקומען צוזאמען מיט א סך פון זיינע תלמידים דורך די דייטשן ימ"ש. עס איז ניט שווער צו פאַרשטיין, אז אין א סך זאכן איז ער געווען אַנדערש פון

אונדז וואָס האָבן זיך געהאָדעוועט אויף דער רוסישער קולטור, און וואָס זיינען אין א גרויסער מאָס געווען אויטאָדידאַקטן. אין דער וויסנשאַפט זיינען מיר געווען מער סינטעטיש, ער האָט אונדז ווייט אריבערגעשטיגן אין זיין אַנאַליטישן וויסן, אין סיסטעמאַטישקייט, אין אויסדויער. דאָס האָט אויך אָפט געשאַפן אַן אונטער־שייד בנוגע צו די צילן פון לערנען. מיר פלעגן זיך באַמיען וואָס גיכער צו קומען צו דער אַלגעמיינער אידעע, צו דעם „מאי קא משמע לן". ער פלעגט מער אכט לייגן אויף די עצם ידיעות. אונדזערע אויספירן און אידעען זיינען אָפט געווען „תלוים בשערה" ווי די גמרא רופט עס אָן, ניט גענוג באַגרינדעט, ניט גענוג ארומגעבויט מיט פאַקטן. ער פאַרקערט, פלעגט אָפט אפילו ניט וועלן דערפירן צו אַלגעמיינע אידעען. מיר זיינען געווען אָנגעשטעקט מיט די געדאַנקען פון דער פּראָגרעסיווער רוסישער וויסנשאַפט, וואָס האָט מיט אַלץ זיך באַמיט „צו בילדן דאָס פאָלק". ער איז געווען מער קאָנסערוואַטיוו. אָבער עס האָט זיך קאָמפּענסירט. איבעריקנס, ווען ער איז אָנגעקומען אין סעמינאַר האָב איך אים איבערגעגעבן אַלע ביאָלאָגישע לימודים און איך האָב זיך איצט אָפּגעגעבן מיט די פּעדאַגאָגישע לימודים — פּסיכאָלאָגיע, געשיכטע פון דערציִונג, מעטאָדיק פון אַלע לימודים פּעדאַגאָגיק און איבערהויפּט די לערערישע פּראַקטיק פון די סעמינאַריסטן, עס האָט ניט געפעלט קיין ארבעט.

זאָלן די עטלעכע שורות זיין אַן אַנדענק נאָך א געטרייען יידישן שעפערישן לערער וואָס איז אומגעקומען אין גרויסן חורבן.

ביסלעכווייז האָבן מיר זיך געמוזט צופּאַסן אין גאַנצן כמעט צו דער אָפי־ציעלער מלוכישער פּראָגראַם פאַר אירע סעמינאַרן. מיר האָבן אויך פאַר די יידישע לימודים פעסטגעשטעלט א פּראָגראַם. די צייט פון עקספּערימענטן איז כמעט אַרי־בער. אָבער מיר האָבן דאָך אויסער דער פּראָגראַם ווייט און פאַרצווייגט געפירט אונדזערע זוכענישן.

האָבן אונדזערע זומער־קאָלאָניעס ניט פאַרנומען דעם גאַנצן זומער ווי אין פּושקארניע, האָבן מיר זיי געמאַכט אויף עטלעכע וואָכן, אָדער אפילו אויף עטלעכע טעג. און וווּ? — דאָס איז ניט געווען קיין פראַגע: אין דער סביבה פון ווילנע זיינען געווען גענוג פּרעכטיקע ווינקלעך ווו מען האָט געקאָנט אַסך לערנען. צי דאָס איז געווען אין דער געגנט פון װעריק, וואָס האָט געהאַט א נאָמען „די ווילנער שווייצאַריע", צי דאָס איז געווען אויפן ברעג פון דער גרויסער נאַראַטשער אָזערע, וואָס האָט שפּעטער אין דער צייט פון חורבן גוט געדינט די פּאַרטיזאַנער, אָדער גאָר ביי דער „גרינער אָזערע" און מען דאַרף זאָגן אַז דער כאַראַקטער פון סעמינאַר האָט זיך טאַקע ארויסגעוויזן אין אָט די ספּעציפישע שטריכן. א סך פון אונדזערע דערפאַרונגען זיינען שפּעטער אריין ווי אַרטיקלען אין דער „נייע שול" וואָס איז איצט ארויסגעגאַנגען ניט אין ווילנע, נאָר אין וואַרשע, אין צענטער.

* * *

עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון די ערשטע מלוכהשע עקזאַמענס. עס איז גראַד געווען א נס, וואָס דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע איז געלונגען צו קריגן רעכט אויף אַרויסלאָז־עקזאַמענס ביים סעמינאַר גופא און זיי זאָלן פאָרקומען טאַקע אין דער זעלביקער שפּראַך ווי די לימודים ווערן געלערנט, ד"ה אין יידיש (אחוץ פּויליש, פּוילישע געשיכטע און געאָגראַפיע). מען דאַרף האָבן אין זינען אַז אין פּוילן האָט קיינער ניט געהאַט קיין רעכט צו זיין א לערער אין א שול אָן א באַשטעטיקטן רעגירונגס דיפּלאָם. די גאַנצע אַרבעט פון סעמינאַר וואָלט ניט געלוינט זיך ווען מיר האָבן ניט קיין רעכט צו עקזאַמינירן די געענדיקטע תלמידים. און געקראָגן האָט מען די רעכט דווקא פון דער אַנטיסעמיטישער גראַבסקי־רעגירונג. די עקזאַמענירן־קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון די זעלביקע, אונדזערע לערער, נאָר דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע איז געווען א ספּעציעל געשיקטער פון מיניסטעריום דר' לודוויק עקערט. דאָס איז געווען א פיינער פּעדאַגאָג, פון דייטשישן אָפּשטאַם מסתמא, וואָס האָט גוט פאַרשטאַנען יידיש און מען דאַרף צוגעבן — אַן ערלעכער מענטש, וואָס איז ניט אויסן געווען אָנצוטאָן נגישות. אָבער דערווייל האָבן מיר אים נאָך ניט געקאָנט, און די צוגרייטונגען האָבן ביי די תלמידים צוגענומען די טעג מיט די נעכט: עפּעס א קליייניקייט — מען דאַרף אָפּגעבן עטלעכע שריפטלעכע עקזאַמענס און אַכצן מינדלעכע פון אַלע לימודים אין משך פון איין האַלבן טאָג. די שריפטלעכע עקזאַמענס זיינען דערצו ניט ווי עס איז איינגעפירט אין אַמעריקאַנער לענדער: א סך באַזונדערע פראַגעס, וואָס מען דאַרף אויף זיי ענטפערן מיט א יאָ, אָדער ניט. עס זיינען געווען טעמעס וואָס דאַרפן באַאַרבעט ווערן אויף א סינטעטישן אופן פאַר איין מאָל. יעדער עקזאַמען האָט געדאַרפט געבן אַן עסיי פון דעם געגעבענעם לימוד. שפּעטער צו די מינדלעכע עקזאַמענס פלעגן קומען דריי תלמידים מיט אַמאָל און אין משך פון עטלעכע שעה האָבן זיי געדאַרפט ענטפערן אויף פראַגעס פון אַלע לימודים וואָס מען האָט געלערנט אין משך פון די פינף יאָר. קיין גרינגער ביסן איז עס ניט.

לאָמיך דאָ זיך מודה זיין אויף אונדזערע זינד: די תלמידים וואָס מיר האָבן באַשלאָסן פריער, אַז זיי זיינען ראוי צו זיין לערער (און אַזוי זיינען געווען כמעט אַלע) פלעגן מיר זיך באַמיען צו העלפן, אומלעגאַל — פאַרשטייט זיך. אַלע האָבן זיי באַצייטנס געוווּסט וואָס איך וועל זיי שפּעטער פרעגן פון מיינע לימודים און אַזוי פלעגן פאָרזיכטיק טאָן אויך די אַנדערע לערער: יעדער תלמיד איז געווען טייער, מיר האָבן זיי געדאַרפט האָבן פאַר די שולן, די אָפיציעלע עקזאַמענס זיינען געווען אָפט ניט מאַסגיביק, שווער און אָפּהענגיק פון דער שטימונג פון עקזאַמענאַטאָרן אין געגעבענעם מאָמענט. עס זיינען ניט ווייניק געווען פאַקטן פון סאַדיסטישע עקזאַמענאַטאָרן, וואָס האָבן געוואָלט אָנמאַכן צרות דער עקזאַמענירטער יוגנט (דער פאַל מיט אַן עקזאַמענאַטאָר קאַסאַקאָווסקי וועגן וועלכן א פּסיכיאַטאָר האָט נאָך זיין טויט פאַרעפנטלעכט אין ווילנע א גאַנצע אָפּהאַנדלונג) ניט איין זעלבסטמאָרד פון יונגע מענטשן האָבן אָט די עקזאַמענאַטאָרן פאַראורזאַכט. אין די זעלביקע צייטן טאַקע, האָט א תלמיד אין א מלוכישער גימנאַזיע אין ווילנע,

געוואָרפן א באָמבע אויף די עקזאַמענאַטאָרן און געהרגעט זיך מיט פיר לערער. פאַרשטייט זיך, אז קוים האָבן מיר א תלמיד צוגעלאָזט צו די עקזאַמענס איז שוין זיין גורל געווען פאַר אונדז טייער. וועט מסתמא אונדז גאָט מוחל זיין וואָס מיר האָבן אָפט אונטערגעזאָגט די תלמידים וואָס מיר וועלן זיי פרעגן.

ווען די עקזאַמענס האָבן זיך אָנגעהויבן און מיר האָבן זיך באַקענט מיט דעם געשיקטן שליח פון מיניסטעריום, האָבן מיר געזען אז ער איז אַן ערלעכער מענטש און א גוטער פעדאַגאָג און קיין ספּעציפישע נגישות פון זיין זייט וועלן מיר ניט האָבן, אחוץ וואָס אָביעקטיוו זיינען די עקזאַמענס געווען, פאַר זיך גופא זייער שווער. מיר האָבן די עקזאַמענס איבערגעלעבט ניט ווייניקער ווי די תלמידים. פאַר דער איין וואָך צייט פון די עקזאַמענס איז מיר אָפּגעקומען מער ווי פיר קילאָ וואָג.

אין איינעם אַן אָוונט אין דער וואָך פון די עקזאַמענס, שוין גאַנץ שפּעט איז געקומען א תלמיד צולויפן פון אינטערנאַט (קיין טעלעפאָן האָבן מיר ניט געהאַט, קיין שרייבמאַשין אויך ניט) און האָט מיר אָנגעזאָגט, אז איינע פון די דריי תלמי־דות וואָס זיינען מיט א טאָג פריער דורכגעפאַלן אויף די עקזאַמענס האָט אויס־געטרונקען סם, און אז א דאָקטאָר האָט מען שוין ארויסגערופן אויך. איך האָב געמאָלדן דעם דר׳ עקערט, אז ביי מיר אין משפחה איז מען פלוצים שטאַרק קראַנק געוואָרן און איך מוז לויפן אהיים. ווי איך בין דערפאָרן ביזן אינטערנאַט ווייס איך ניט. ביים טויער האָבן שוין געוואַרט אויף מיר צוויי תלמידים און מיר געמאָלדן אז די סכנה איז אריבער און אז עס איז בעסער די קראַנקע זאָל מיך ניט זען. צו איר אין צימער בין איך טאַקע ניט אריין, אָבער עס איז געווען געגנוג צו זען אנדע־רע תלמידים און איבערהויפּט די מיידלעך. איך האָב זיך געמוזט איילן, ווייל אין רעסטאָראַן פון האָטעל האָט אויף מיר געוואַרט שלמה מענדעלסאָן — דער איינציקער וואָס האָט געוווּסט וועגן דעם צופאַל און מען קען זיך פאָרשטעלן ווי ער האָט זיך באַאומרויקט. בכלל פלעגט אונדז מענדעלסאָן אויף די עקזאַמענס זייער פיל ארויסהעלפן. ר׳האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו שטעלן פראַגעס, ער האָט אָבער געהאַט יאָ רעכט בייצוזיין און נעמען אָנטייל אין די קאָנפערענצן, וואָס פלעגן פאָרקומען צוויי מאָל אין טאָג נאָך די מונדלעכע עקזאַמענס פון יעדערע דריי תלמידים. מענדעלסאָן מיט זיין שאַרפן מוח און צונג, מיט זיין פּראַקטיקן פּויליש, פלעגט אונדז שטאַרק צונוץ קומען ווען מען פלעגט דאַרפן „אָפּשרייען” א תלמיד וואָס דער עקזאַמענאַטאָר פלעגט וועלן פאַרהאַלטן. מיט אים פלעגן מיר זיך פילן גרינגער. יעדער תלמיד וואָס פלעגט דורכפאַלן אויף די עקזאַמענס פלעגט אונדז — די לערער — קאָסטן געזונט. פון דרייסיק תלמידים זיינען דריי דורכגעפאַלן דאָס ערשטע יאָר. ערגער איז געווען דאָס צווייטע יאָר, אין מיי זיבן און צוואַנציק. די רעגירונג האָט באַשטימט צו דעם דר׳ עקערט נאָך צוויי עקזאַמענאַטאָרן אויף פּויליש און אויף פּוילישער געשיכטע. דער עקזאַמענאַטאָר פון פּויליש איז געווען א בייזער רשע און אַן אַנטיסעמיט, האָט ער פון זיבן און צוואַנציק גאַנצע דרייצן

פארהאלטן און עס האָבן נים געהאָלפן קיינע מיטלען. אמת, נאָך די עקזאמענס האָט אים דער דר׳ עקערט אליין שטארק אויסגעמוסרט פאר אזא באציונג צו יונגטלעכע, און מיר זיינען אויף ווייטער שוין פּטור געוואָרן פון אזוינע צוגאב־צרות.

* * *

נאָך די עקזאמענס פלעג איך איבערשיקן אין ציש״א אין ווארשע א גענויעם באריכט וועגן יעדן נייעם לערער — וועגן זיין וויסן, זיין כאראקטער און באַזונדערע אייגנשאפטן, ווי אויך האָב איך געדארפט רעקאָמענדירן ווו וואָסער סעמינאריסט עס פּאסט זיך בעסער. דאָ איז אויך נים אריבער אָן קאָנפליקטן: דער צענטער האָט געוואָלט איך זאָל אויך אינפאָרמירן צו וואָסער פארטיי יעדער נייער לערער געהערט. איך האָב עס קאטעגאריש אָפּגעוואָרפן און פרינציפיעל נים אויסגעפירט די פאָדערונג. פארטיי — דאָס איז א פריוואטע זאך פון יעדער תלמיד און איך וויל זיך נים אריינמישן אין דעם. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט אז די ציש״א קריגט די אינפאָרמאציעס וועגן דער פארטייאישקייט פון די סעמינאַריסטן דירעקט פון תלמידים גופא. געווען צו מיר נאָך א טענה: עס איז נאַטירלעך אז די יונגע לערער פלעגן זיך מיט אלע זייערע ענינים ווענדן צו מיר, אלע זייערע פּעדאגאָגישע פראגעס און פראָבלעמעס פלעגן זיי שוין פון דער ארבעט צושיקן צו מיר און זיך נים ווענדן צו דעם פּעדאגאָגישן אמט ביי דער ציש״א. איך בין דאָך זיי געווען נענטער. יעדן טאָג פלעגט מיר אויסקומען צו שרייבן א צענדליק בריוו און אָפט — מער, אָבער א פּרינציפּ האָב איך געהאט: נים צו לאָזן א בריוו נעכטיקן אָן אן ענטפער. אויך די שולן פון ווילנער פּראָווינץ פלעגן זיך ווענדן צו מיר דירעקט נאָך לערער, איך זאָל באזוכן די שולן ביי זיי אין שטעטל, אויסגלייכן סיכסוכים צווישן לערער־געוועזענע תלמידים מיינע וכדומה. גאָט איז מיין עדות, אז איך האָב דערביי קיינע זייטיקע כוונות נים געהאט. אָבער אין דער ציש״א פלעגט מען האָבן צו מיר טענות, אז איך ווער א צענטער פאַר זיך און איך נעם צו די אַרבעט וואָס געהערט צו די אָמטן פון ציש״א. פלעג איך אויף די פּלענומס פון דער ציש״א האָבן אלע מאָל קאלט און ווארעם: די בונדיסטן האָבן געהאט צו מיר די געבראכטע טענות און פון זיי פלעגן שוין אַרויסוואקסן א סך קלייניקע טענהלעך. נאָך מער זיינען אויף מיר געווען אויפגעבראכט די לינקע פּועלי ציון — די צווייטע פראקציע אין ציש״א. צו מיין אומגליק זיינען געווען עטלעכע סעמינאריסטן פּועלי ציון, וואָס האָבן פּארלאָזט זייער פּארטיי. האָט מען דאָס פּארשריבן אויף דעם חשבון פון מיין כלומרשטער השפּעה. פלעגט מען שוין זוכן אויף דעם סעמינאר עבירות. און אז מען זוכט, געפינט מען. פלעגט מען נעמען רעכענען עבירות. אָבער די אמתע סיבה האָט מען קיין מאָל נים אָנגערופן. מילא, דאָס איז דאָך נאטירלעך פאַר מענטשן וואָס דענקען פּאַרטייאיש. נאָך מער האָט מען געהאט פּאריבל אין צענטער ווען אויף די ווינטער־וואקאציעס האָבן זיך די נייע לערער־סעמינאריסטן צונויפגעקומען אלע אין ווילנע, און

עס איז געוואָרן א פעדאגאָגישע קאָנפערענץ פון יונגע לערער. מיר אין ווילנע האָבן דאָס אויפגענומען מיט פרייד און צופרידנקייט: עס איז צוגעקומען אין די יידישע שולן אין פוילן א זוכנדיקער שאפנדיקער עלעמענט לערער. דער המשך פון אונדזער ארבעט איז געזיכערט. מיר האָבן די פראָטאָקאָלן פון דער קאָנפע־רענץ אפגעדרוקט און זיך געוואונטשן לשנה הבאה — נאך אמאָל. אבער אין צענ־טער האָט מען געהאַט צו ביסלעך פאריבל אויף אונדז, מען האָט אפילו צומאָל גערעדט ניט אָן פארדרוס וועגן די לערער־גאלאמביסטן. מיט איין מיטגליד פון ציש"א איז אפילו איין מאָל ארויס א שטיקל סקאנדאל:

געווען ביי אונדז א מינהג, אז יעדער פורים שטעלן די סעמינאריסטן א טראדיציאנעלע פורימשפיל טאקע אויף טראדיציאנעל־פרימיטיוון שטייגער. די אידעע גופא האָט געשטאַמט פון דר' וויינרייך און ער האָט אויך באַזאָרגט די ערשטע טעקסטן. דווקא האָבן די פורימשפילן זיך אנגענומען אין ווילנע. קינדער פלעגן זיך שפילן מיט די טעקסטן, — און עס איז געווען א פראדוקטיווע ארבעט בכלל.

מאכט זיך אמאָל אז עס קומט צופאָרן א מיטגליד פון ציש"א אין ווילנע. און ווידער איז געווען ביי אונדז א מינהג אז יעדער געהויבענער גאסט האלט א רעפעראט פאר די תלמידים. ווי פארוווּנדערט מיר זיינען אבער געוואָרן ווען דער גאסט האָט זיך צעטענהט: וואס האָט זיך עס דער סעמינאר צעפורימט? ער דארף דאך זיין א וועלטלעכער גאר. דר' וויינרייך און נאך א פאר לערער האָבן ביי די ווערטער זיך אויפגעהויבן און דעמאנסטראטיוו פארלאזט דעם זאל. שפעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז די סעמינאריסטן אליין האָבן געקאַנט באשטיין זייער שטעטל און עס איז געווען א הייסע דיסקוסיע. דער פעדאגאָגישער ראט פון סעמינאר האָט עס אבער געהאלטן פאר ניט אנשטענדיק אז א גאסט זאל פאר די תלמידים ארויסטרעטן קעגן דעם וואס ער, דער פעדראט האָט איינגעפירט. מיר האָבן געשריבן א פראטעסט־בריוו אין ציש"א, און געקראָגן אַן ענטפער, אז דער איינציקער פאַרשטייער פון ציש"א פאר סעמינאר וועט מהיום והלאה זיין מענדעלסאן.

* * *

פאר די פינף ארויסלאזן וואס דער סעמינאר האָט געהאט פון 1925 ביז 1930 — זיינען צוגעקומען צום יידישן שולוועזן 124 גוט צוגעגרייטע יונגע לערער. זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין באזונדערן שבט. די פינף יאָר סעמינאר האָבן אויף אלעמען געלייגט א ספעציפישן שטעמפל; מען האָט געלעבט אין א באזונדער וועלטל, מיט אייגענע אנדערע אינטערעסן, מיט א באזונדערן שטייגער, ניט ווי דער ארום בכלל. סעמינאר און אינטערנאט, אינטערנאט און סעמינאר האָבן אויסגעפילט די גאנצע צייט. די לימודים און די לערער מיט זייער פערזענלעכער השפעה האָבן געווירקט, אז עס האָט זיך אויסגעארבעט א

באזונדערער צוגאנג, אן אייגנארטיקע פסיכיק. ניט געקוקט אויף דער פארשיידנ־קייט פון די כאראקטערן. איינער פון די הויפטשטריכן איז געווען דאס וועלן זוכן, דאָס ניט באפרידיקן זיך מיט דער רוטין. מען איז אויך געווען צונויפגע־לעבט צווישן זיך פשוט חבריש. דאָס אַלץ האָט געשאפן אַ ספעציפישן כאראקטער פון ארבעט אין די שולן.

דאָס האָט אין שולוועזן געקראָגן אַ נאָמען פון „סעמינאריזם." אזוי ווי דער פארבינדער בין איך געווען און כ'האָב געפירט אַ דירעקטע קאָרעספּאָנדענץ מיט אַלע געענדיקטע תּלמידים, און בין ניט איין מאָל געפאָרן באזוכן געוועזענע תלמידים אין זייער ארבעט, האָט מען אפט דעם ספעציפישן שטריך פון די סעמינאריסטן, פארבונדן מיט מיין נאמען. „גאלאמביאנער" אדער „גאלאמביסטן" פלעגט מען זיי רופן. איך דערמאן זיך בלויז איין תלמידה פון ערשטן ארויסלאז וואס מיר האָבן זיך אפגעזאגט זי צו רעקאמענדירן אויף ארבעט, און איך האָב ניט געוווּסט ווי זי האָט זיך איינגעאָרדנט. מיט אַלע איבעריקע האָבן איך געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ און געשטאַנען אין אַ קאָנטאַקט אויף פערזענלעך דורך באזוכן, קאנפערענצן וכדומה.

ווען איך האָב פארלאזט ווילנע האָב איך געלאזן צוויי גרויסע קאסטנס מיט בריוו פון געוועזענע סעמינאַריסטן, פון פּעדאַגאָגישן כאַראַקטער. קיין קאָפּיעס פון מיינע בריוו צו זיי האָב איך ניט געהאט. קיין שרייב־מאַשין איז ניט געווען, קיין סעקרעטאַר מיר צו העלפן האָב איך אויך ניט געהאט. די בריוו אבער זיינען געווען אַ מין שאלות־תשובות אויף פעדאַגאָגישע טעמעס. זיי וואלטן שטארק צונוץ געקומען יעדערן וואס וואלט געוואלט שטודירן דעם אינהאלט פון די יידישע שולן אין פוילן.

דער סוף פון סעמינאר

ווי באשיידן, אפּט ארעם דער סעמינאר איז ניט געווען, איז ער געווען ווי א דאָרן אין אויג פאַר דער פּוילישער מאַכט. די פּאָליציי האָט געהאַלטן אין איין זוכן עבירות אויף דעם סעמינאַר און אויף די תלמידים, די שולמאַכט — דאָס זעלביקע. און עס איז דערגאַנגען ביז צו האָבן אין סעמינאַר א פּראוואָקאַטאָר, א פּאָליציי־אינפאָרמאַטאָר.

ווי קומט אַזאַ טיפּ צווישן די תלמידים פון סעמינאַר? — טאַקע א חרפּה, אָבער כדאי צו דערציילן ווי און צווישן וועמען פּאָליציי האָט געזוכט אירע אויסהעלפּער.

געווען אין דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע א בחור פון סוויר — א שטעטל אַזאַ — א טעמפּער נאַרישעוואַטער יינגל. קוים וואָס מען האָט אים געשלעפּט פון קלאַס אין קלאַס. געהאַלטן האָט מען אים מערער ווייל ער האָט געהאַט א גוטע שטים פאַרן כאָר. נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע האָט ער דערלאַנגט א ווענדונג אין סעמינאַר. איך האָב ניט געוואָלט אים צונעמען. בפירוש ניט געוואָלט. איך געדענק גוט די פראַגעס וואָס איך האָב אים געשטעלט אויף דעם עקזאַמען.

וויפל איז פּופּציק פּראָצענט פון פּופּצן? פּופּצן פּראָצענט פון פּופּציק? (אָן בלייפעדער ניט געקאָנט ענטפערן).

פאַרוואָס גייט דער שטראָם פון דעם טייך ווילִיע פון וועריק צו פּאָנאַר און ניט פאַרקערט?

ענטפער: וואָלט דאָך אין וועריק געוואָרן א ים...

די צוויי ענטפערס זיינען געווען גענוג איך זאָל אים פּסלען. האָבן זיך פאַר אים איינגעשטעלט די לערער משה קולבאַק און איבערהויפּט יעקב גערשטיין, דער פירער פון געזאַנג אין סעמינאַר: ער דאַרף האָבן אוורומע קאַפּלאַן פאַר א באַס, ניטאָ אין סעמינאַר קיין גוטער באַס... זיי זיינען אַזוי צוגעשטאַנען, אַז ער האָט זיך געשלעפּט פון קלאַס צו קלאַס. דעם אַרויסלאָז עקזאַמען האָט ער, פאַרשטייט זיך, ניט אויסגעהאַלטן, און מיר האָבן נאָך געקראָגן א פאַרוואָרף פון דעם עקזאַמענאַטאָר ל. עקערט פאַרוואָס מיר האָבן אַזאַ טעמפּן מענטשן געהאַלטן אין סעמינאַר און פאַרוואָס מיר האָבן אים גאָר דערפירט אַזש ביז די אַרויסלאָז־עקזאַמענס. ער פלעגט זיך כסדר חנפהנען צו די לערערס, מען האָט אים געהאַלטן פאַר א מין שאינו יודע לשאול, וואָס מילא — שעדיקן וועט ער דאָך ניט... ווען פּאָליציי האָט גענומען וויסן צו פיל פּרטים פון דעם לעבן פון די

סעמינאַריסטן, פון זייערע דיסקוסיעס און פּאַרוויילונגען, איז פאַר אונדז געוואָרן קלאָר, אַז עס איז פאַראַן אַן אינעוויינעקסטער אינפאָרמאַטאָר. אָבער ווער איז עס? איך האָב עטלעכע חושד געווען, אָבער ניט דעם אמת׳ן. נאָך איצט טוט מיר ווי אונדזער נאַיווקייט, אָבער גיי זיי חושד אַ „געטרייען״ תלמיד... ערשט אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווען דער סעמינאַר איז געווען געשלאָסן, איך בין שוין ניט געווען אין פּוילן, האָט מען זיך דערוווּסט די אמתע ראָל פון אוורומע קאַפּלאַן. צוערשט איז געוואָרן אויפאַלנדיק דער פאַקט וואָס ער האָט געקראָגן רעכט צו אַרבעטן אין אַ שול אין אַ לערער־דיפּלאָם בעת אַלע טאָג פלעגט די פּאָליציי אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט גוטע, און געניטע דיפּלאָמירטע לערער... אָבער גענוג וועגן אים. תהי מיתתו כפרתו. דעם דירעקטאָר אויסרייד צו שליסן דעם סעמינאַר האָט די פּוילישע מאַכט געקראָגן צוליב אַ קליינעם נאַרישן צופאַל. געווען אין ווילנע גינע מעדעם, האָט זי געהאַט אַ לעגאַל דערלויבטן רעפעראַט. איז געקומען פּאָליציי און פאַרהאַלטן אויפן רעפעראַט אַ גרופּע יוגנטלעכע. צווישן זיי — איין סעמינאַריסטן. אויף מאָרגן האָט דער קוראַטאָר פון דעם בילדונגס־קרייז גערופן דעם דירעקטאָר דר׳ ביבער און אים געפרעגט וואָס טראַכט דער סעמינאַר צו טאָן מיט דער אַרעסטירטער תלמידה: דער ענטפער איז געווען, אַז דער סעמינאַר וועט זיך ריכטן לויט דעם באַשלוס פון פּוילישן מלוכהשן געריכט: וועט מען די תלמידה פאַרמישפּטן, וועט זי דער סעמינאַר אויסשליסן, אָבער אויב דאָס געריכט וועט זי געפינען אומשולדיק, דעמאָלט קומט דאָך איר קיין שטראָף. שפּעטער איז דער זעלביקער ענטפער געקומען שריפטלעך, מיט דעם הסכם פון פּעדאַגאָגישן ראַט, פון צענטראַלן בילדונגס קאָמיטעט אין ווילנע און פון ציש״אָ אין וואַרשע. אָט דער ענטפער האָט אַרויסגערופן דעם גרימצאָרן פון דעם פּוילישן סאַטראַפּ, און ער האָט געמאָלדן: דער סעמינאַר שליסט זיך, די תלמידים וואָס האָבן געענדיקט דעם גאַנצן קורס, זיך צוגעגרייט צו די לעצטע עקזאַמענס, וועלן אַזאַ מלוכהשן עקזאַמען ניט קריגן, הגם זיי זיינען דאָך זיכער ניט שולדיק, אָבער קיין לערער וועלן זיי שוין ניט קענען ווערן. אין אַ חודש צייט דאַרף דער גאַנצער אַרכיוו פון סעמינאַר צוגעשטעלט ווערן צום קוראַטאָריום. דער דאָזיקער באַפעל איז געווען ווי אַ האַמער אין קאָפּ דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן לויפענישן, ווענדונגען, פּראָטעסטן, ביטעס, — און עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן. דער ציוניסטישער פירער, דער שפּעטערדיקער קדוש דר׳ ווינגאָדסקי, איז אַרומגעלאָפן, געשריען, געבעטן, געקריגט זיך אין ווילנע. די ציש״אָ אין וואַרשע האָט אָרגאַניזירט דעלעגאַציעס צו מיניסטאָרן, פּראָטעסטן פון פאַריינען, אָרגאַניזאַציעס; דער ייוואָ אין ווילנע האָט אָרגאַניזירט אַ פאַר־זאַמלונג פון פּוילישע פּראָפעסאָרן און שרייבער, אין ניו יאָרק זיינען געגאַנגען פּראָטעסטן צום פּוילישן אַמבאַסאַדאָר, — עס האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפן, די גזרה איז אויסגעפירט געוואָרן בשלמות. אין איינעם אַ שבתצונאַכט האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די תלמידים. עס זיינען געווען אַ סך טרערן פון תלמידים און אויך פון לערער... געווען דעמאָלט אין ווילנע צביון ע״ה, האָט אונדז אַלעמען

אויפגערעגט זיין קאַלטקייט און געלאַסנקייט... געענדיקט האָט זיך די געזעגענונג מיט א טראַדיציאָנעלן נאַכט־שפּאַציר אין א וואַלד... דערמיט האָט זיך געענדיקט די געשיכטע פון דעם יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע. עלף יאָר האָט ער עקזיסטירט, א סך כוחות, אידעאַליזם, געטרייקייט, אידעען האָט ער אין זיך אריינגענומען, א סך האָט ער געפּרובירט אַנטוויקלען. הונדערט מיט פיר און צוואַנציק יונגע, דיפּלאָמירטע לערער האָט ער ארויסגעלאָזט. אחוץ די וואָס האָבן ניט געענדיקט צוליב פאַרשיידענע סיבות און זיי האָבן שפּעטער פּראַקטיצירט לערעריי אנדערשוווּ. צווישן זיי וועל איך אנרופן בלויז א פּאָר נעמען: ח. בעז — אין ניו יאָרק און ג. סאָפּאָזשניקאָוו אין בוענאָס איירעס. אבער די גזירות האָבן אויך געהאַט עמעס גוטס. ניטאָ קיין שלעכטס אָן גוטס, זאָגט א רוסיש ווערטל, — און אין אמתן. א היפּשער טייל פון די יונגע לערער וואָס די פּוילישע רשעותדיקע מאַכט האָט ביי זיי צוגענומען דאָס רעכט צו אַרבעטן, האָבן עמיגרירט אין אנדערע לענדער, און זיי האָבן אַזוי אַרום געהאָלפן דעם שולוועזן אין אנדערע לענדער. פון די הונדערט פיר און צוואַנציק יונגע לערער, זיינען שפּעטער אריבער אַכציק אומגעקומען אין דער היטלער־גזירה. ווער האָט געקאָנט נביאות זאָגן, אז מיר, זייער לערער וועט אויסקומען צו באַוויינען זייער יונג פאַרשניטענעם לעבן! ווער?

* * *

א גאַנצע ריי פּעדאַגאָגישע אידעען פון סעמינאַר האָבן די יונגע לערער אריינגעטראָגן אין די יידישע שולן. א שאָד וואָס צוזאַמען מיט זיי, צוזאַמען מיט דעם גרויסן חורבן פון פאָלק איז אויך פאַרלאָרן געגאַנגען די גאַנצע דערפאַרונג. עס איז אויך ניט געבליבן, דאַכט זיך, פאַר וועמען דאָס וואָלט געקאָנט ברענגען נוצן... דער לימוד פון גאַנצע ווערק אין דער ליטעראַטור, איז דורך זיי איינגעביר־געַרט געוואָרן אין שולוועזן; דער מעטאָד פון די „פאַרשונג־עקספּעדיציעס" לערנען די נאַטור אין דער נאַטור גופא; יעדער סעמינאַריסט האָט זיך געפליסט עפּעס מחדש צו זיין אין דער אַרבעט אין די קלאַסן אדער אין די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען פון די שולן. מיט יעדער דערפאַלג פלעגט מען זיך טיילן מיט חברים אדער אויף די אָפטע קאָנפערענצן אדער אין בריוו צו מיר. געווען א גרויסע צונויפגעזונגענע משפּחה. מען פלעגט א סעמינאַריסט דערקענען צווישן אנדערע לערער אין דער זעלביקער שול. עס וואָלט פאַר מיר אליין געווען א גרויסע פרייד, ווען איך זאָל קענען אויפשטעלן א רשימה כאָטש פון די חדושים וואָס די סעמינאַריסטן האָבן בשעתם מחדש געווען אין זייער אַרבעט.

דער יידישער לערער־סעמינאר ווי א פעדאַגאָגישע לאבאראטאריע

דער יידישער שולוועזן האָט געהאט א סך אויסגעצייכנטע לערער: די יידישע שול האָט דאך געהאט א לאנגע טראדיציע, פריער אין רוסיש און נאך דעם אין יידיש; דער גייסט איז געווען אנגעטראגן פון דער רוסישער פראגרעסיווער געזעלשאפטלעכקייט, פון דעם אפט מסירת־נפשדיקן גלויבן צו „גיין אין פאלק אריין", וואס די רוסישע אינטעליגענץ האָט אזוי אפט געטראגן אין זיך; און אויך דירעקט פון דער רוסישער פראגרעסיווער געזעלשאפטלעכער פעדאַגאָגיק. צווישן די יידישע שולן זיינען געווען אין רוסלאנד און שפעטער אויך אין פוילן אמתע מוסטער־אנשטאלטן.

אבער צום באדויערן האָט די גרויסע און אפט וווּנדערבארע דערציערישע טעטיקייט געהאט גאָר א קנאַפן טעאָרעטישן אויסדרוק. הגם פון יאָר 1902 אָן איז געווען א פעדאַגאָגישער זשורנאל — צוערשט אין רוסיש — געווידמעט דער יידישער שול, דאך האָבן יידישע לערערס גאר ווייניק געשריבן און גאר ווייניק זיך פארטיפט אין דער טעארעטישער באגרינדונג און באארבעטונג פון זייער אייגענער פעדאַגאָגישער פראקטיק. פארוואס דאס איז אזוי געווען איז אַן אנדער פראגע, פון וואנען עס קומט אזא „גראַפאָפאָביע" וואלט פאר אונדז דא געווען א ווייטער אומוועג פון אונדזער טעמע. אבער דער פאקט בלייבט: יעדער יידישער לערער האָט געדארפט כמעט ווי אנהייבן פון אנהייב, קיין טעארעטישע צוגרייט־ליטעראטור דירעקט פון דער יידישער שול פאר דער יידישער שול איז כמעט ווי ניט געווען.

איז אין דעם זינען פארן סעמינאר געלעגן אויך א פיאנערן־ראל — די פראקטישע און טעארעטישע אויסשולונג פון די יונגע לערער.

דער סעמינאר האָט געהאט גאָר א הויכן פראָצענט אויסגעצייכנטע לערער, אָבער דער גרעסטער טייל פון זיי האָט די פאָלקשול ניט געקאָנט. און אין אַזעלכער קיינמאָל גאָר ניט געארבעט. בכן, אין די ארבעט כמעט אין גאנצן אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף מיר.

די לימודים גופא, דער דירעקטער קאנטאַקט מיט דער לערערשאפט, דאָס קאָלעקטיוו לעבן האָבן א סך געגעבן דער יוגנט. אָבער דער קאָמפלעקס פעדאגאָ־גישע לימודים איז געווען א סך ברייטער. דער מעטאָד פון פארזיכיקער ארבעט וואָס דער סעמינאר האָט אָנגעהויבן מיט אים גלייך ביי דער גרינדונג; שפעטער

זיינען געקומען אונדזערע „פּאַרש־עקספּעדיציעס" ווי א מעטאָד פון דערציען", וואָס מיר האָבן אָנגעווענדעט אין די קאָלאָניעס און אין ספּעציעלע אויספלוגן איבערהויפּט אויף די לימודים פון געאָגראַפיע און ביאָלאָגיע. די אָפטע רעפעראַטן פון די תלמידים און דיסקוסיעס האָבן דער יוגנט וואָס האָט געאַרבעט לשמה, קיין מאָל ניט פאַר מיינונגען און קיין מאָל ניט פאַר די עקזאַמענס, געגעבן זייער פיל שוין דירעקט, אָן די טעאָרעטישע לימודים. אָבער דאָך זיינען זיי געווען דער יסוד און דאָך פון דער פּעדאַגאָגישער אויסשולונג.

געלערנט האָבן מיר פּסיכאָלאָגיע, קינדערוויסנשאַפט (פּעדאָלאָגיע), געשיכטע פון דערציאונג, אַלגעמיינע פּעדאַגאָגיק און מעטאָדיק פון אַלע לימודים אין פאָלקשול. די אַלע לימודים האָב איך געמוזט ווילנדיק צי ניט ווילנדיק, קאָנצענטרירן אַליין. אחוץ מעטאָדיק פון מאַטעמאַטיק וואָס עס האָט געפירט דער מעטאָדיקער דוד לובאַצקי, אַליין אויך א לערער פון פאָלקשולן. מעטאָדיק פון גימנאַסטיק האָט געפירט דער לערער גליאַט. א חוץ דעם האָב איך געדאַרפט פירן דעם גאַנצן פּעדאַגאָגישן פּראַקטיקום פון די תלמידים. קען זיין אז איך האָב זיך פון מיינע תלמידים אויסגעלערנט מער ווי זיי פון מיר. איך האָב געדאַרפט אַרבעטן זייער פיל, אָבער איך בין דאַנקבאַר דעם גורל אויך פאַר דעם. דעם ערשטן יאָר בין איך אַליין געווען גאָר ווייניק צוגעגרייט צו פירן די גאַנצע אַרבעט, — און מיר האָבן „געטאַפּט א וואַנט", ווי מען פלעגט זיך אויסדריקן אין ווילנע. יענער קורס מיינער פון פּסיכאָלאָגיע איז געווען א גוטער נעבעך. די פּראַקטיק האָבן די סעמינאַריסטן געפירט גרופּעסוויז אין אַלע יידישע שולן פון ווילנע אָן א צענטראַליזירנדיקער האַנט, לויט דעם איינזען פון יעדער לערער באַזונדער. אָבער ביסלעכווייז איז דאָ אַריינגעטראָגן געוואָרן א סדר און סיסטעם. די פּעדאַגאָגישע פּראַקטיק איז פאַרבונדן געוואָרן מיט דער שול א"נ פון לייזער גורוויטש, זי איז געווען מיטן סעמינאַר אויף איין הויף. דאָס איז געווען זייער באַקוועם. אין קורס פון פּסיכאָלאָגיע אין פּעדאָלאָגיע האָבן מיר אַריינגענומען פּראַקטישע באַקאַנטשאַפט מיט לעבעדיקע קינדער פון שול און פאָרשונג פון טיפּן קינדער אין דער ליטעראַטור. דאָס האָט זייער פיל געגעבן. אָפט האָט אפילו דאָס גריבלען זיך פון די סעמינאַריסטינס צו פיל אין דער אייגענער נשמה שוין אריבערגעשטיגן די מאָס. ניט געווען ביי זיי דער שטריך וואָס איך באַמערק איצט כסדר ביי יידישע קינדער אין אמעריקע: מען ווייס זייער גוט אז ס'דאַרף אזוי ניט זיין און מען באַמיט זיך אפילו ניט צו ענדערן דאָס וואָס מען אָנערקענט אז ס'איז ניט ריכטיק. מען נוצט זייער אָפט פיינע שיינע רייד, אָבער דאָס זיינען נאָר פראַזעס, מן השפה ולחוץ. די קינדער אַליין דערקלערן דאָס, דעם אונטערשייד צווישן אומר און עושה מיט דעם אויספעלן פון ווילן. עס איז זייער ריכטיק אז עס פעלט כוח פון ווילן. אָבער אחוץ דעם איז נאָך עפּעס פאַראַן א צווייטע סיבה אויך. אָבער יענע יוגנטלעכע האָבן דעם מרחק צווישן דעם אומר און דעם עושה ניט פאַרמאָגט און יעדער דעפעקט וואָס מען האָט באַמערקט ביי זיך מיט רעכט צי מיט אומרעכט האָט געווירקט אויף דעם אויפפיר. כדי צו באַקענען זיך מיט באַזונדערע קינדער

האָבן די סעמינאַריסטן געדאַרפט זייער אָביעקט באַטראַכטן אויף די לעקציעס, אויף די הפסקות, אין די שפּילן און אין דער אַרבעט ווי אויך אין זייַן היים. אַזוינע מאָנאָגראַפיעס פון באַזונדערע קינדער זייַנען אָפט געווען א וויכטיקער מאַטעריאַל פון פּעדאַגאָגיש־פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. דערמיט פלעגן די סעמינאַריסטן זיך אָנהייבן צו פאַרנעמען שוין אין דריטן קורס. כדי צו האָבן די קינדער פאַר די אויגן פלעגן זיך די סעמינאַריסטן דאַרפן פאַרנעמען אויך מיט אויסערשול־אַרבעט מיט די שולקינדער, ווי קלובאַרבעט אין די אָוונטן, שפּאַצירן און אויספלוגן, יום טובים וכדומה...

גאָר א וויכטיקער געביט איז געווען פאַר אונדז געשיכטע פון דערציִונג. דאָ האָבן מיר זיך באַמיט צו באַקענען די תלמידים מיט די פאַרשיידענע פאַקטאָרן וואָס ווירקן אויף דעם געשטאַלט פון די פאַרשיידענע דערציִונג־סיסטעמען אין דער וועלט. איבערהויפּט פאַרשטייט זיך, פלעגן מיר אַלץ פאַרגלייכן מיט דער דערציִונג ביי יידן. קיין סיסטעמאַטיש לערנבוך אויף דעם געביט איז טאַקע ניטאָ נאָך איצט אויך, אָבער די ליטעראַטור איז שוין גאָר ניט קיין אָרעמע און עס זייַנען געווען בעלנים צו שטודירן אויך מקורים.

די דירעקטע פּראַקטישע אַרבעט אין די קלאַסן פלעגן די סעמינאַריסטן אָנהייבן אין פערטן לערניאָר. דאָס איז געווען א מין עבודת הקודש. מען פלעגט דאָס שטאַרק איבערלעבן. מיר פלעגן ניט געבן קיין ספּעציעלע פּאַראַדישע לעקציעס, נייערט מיר, דער קאָלעקטיוו סעמינאַריסטן פלעגט איבערנעמען דעם לימוד אויף א באַשטימטער צייט כדי דורכצופירן א ברייטערע טעמע, א גאַנצן אָפּטייל פון פּראָגראַם. אַזאַ איינס האָט געקאָנט פאַרנעמען אויך צענדליקער לעקציעס. מען האָט פריער קאָלעקטיוו אויסגעאַרבעט די פּעדאַגאָגישע צילן פון דעם גאַנצן קאַפּיטל. דאָס פלעגן מיר מאַכן אין סעמינאַר אויף אונדזערע ספּעציעלע לעקציעס. שפּעטער פלעגט מען די גאַנצע אויפגאַבע צעטיילן אויף קלענערע איינסן, אויף באַזונדערע לעקציעס און זיי פלעגט מען איינטיילן צווישן די סעמינאַריסטן. יעדער פלעגט דאַרפן צוגרייטן א שריפטלעכן פּלאַן פון דער לעקציע וואָס ער וועט דאַרפן געבן. דער פּלאַן פלעגט דאַרפן אַרומנעמען: די צילן פון דער לעקציע, וואָסערע גייסטיקע פעיקייטן דאַרף זי זיך שטעלן צו אַנטוויקלען ביי די קינדער און ערשט איצט — ווי דער תלמיד מיינט צו צעוויקלען די אַרבעט אין דער שעה צייט וואָס ער האָט אין קלאַס. דער פּלאַן פלעגט באַטראַכט ווערן פאַר דער לעקציע פון דעם קלאַס־לערער אין שול און שפּעטער פלעג איך אים דאַרפן באַשטעטיקן. ניט איינמאָל פלעגט א תלמיד אויסאַרבעטן עטלעכע פּלענער. דאָס אָבער פלעגט שוין געטאָן ווערן מיט יעדער תלמיד אינדיווידועל. סיידן עפּעס א נייעס, א פּעדאַגאָגישער עקספּערימענט אין דער לעקציע. דעמאָלט האָבן די סעמינאַריסטן וואָס האָבן באַדאַרפט זייַן אויף דער לעקציע שוין פריער געוווּסט וואָס עס גרייט זיך. די לעקציעס זייַנען דאָך געווען פאַרבונדן מיט דעם קורס פון מעטאָדיק. זיי האָבן געדאַרפט אילוסטרירן די מעטאָדן און די געדאַנקען וואָס דער מעטאָדיסט האָט

פאַרגעליינט. עפ"ר פלעגן די דעמאָנסטראַציע־לעקציעס געגעבן ווערן פון מיר אָדער פון קלאַסלערער. אָבער אויך סעמינאַריסטן פלעגן צומאָל האָבן אמביציעס צו דעמאָנסטרירן נייעסן, מעטאָדן וכדומה. אויף די פּראַקטישע לעקציעס פלעגט דער גאַנצער קלאַס סעמינאַריסטן זיצן אויף די הינטערשטע בענק און אַלע פלעגן מאַכן נאָטיצן. דערמאָנט זיך מיר איצט די פרייד ווי די סעמינאַריסטן האָבן אויפגענומען א נייעם אויפטו — געבן די קינדער באַגריפן און ווערבאַלע דעפיניציעס, וואָס דאַרפן, לויט אונדזערע מיינונג, קומען ערשט שפּעטער ווען די קינדער קענען שוין נוצן אַדעקוואַט די זעלביקע באַגריפן. עס האָט זיך געהאַנדלט אויף דער לעקציע קאָנקרעט וועגן די באַגריפן „פּאַראַלעל" און „פּערפּענדיקולאַר". דער לערער האָט געדאַרפט נוצן ווערטער דירעקט איידער ער האָט זיי דערקלערט. און וואָס פאַר א פרייד עס איז געוואָרן ביי אַלע סעמינאַריסטן ווען א קינד האָט צייכענענדיק אויפן טאָוול עטלעכע גאַסן פון ראַיאָן, דערקלערט ריכטיק די פּאַראַלעלע און פּערפּענדיקולעלע גאַסן: דער פּרינציפּ איז געלונגען... ענלעך איז געווען מיט די טערמינען פון גראַמאַטיק וכדומה.

א יום טוב איז געווען פאַר די סעמינאַריסטן ווען מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון די קורצע דערציילונגען אין די כרעסטאָמאַטיעס און זיך גענומען דורכפירן אין א דריטן קלאַס א גאַנץ גרעסער ווערק. דאָס איז געווען „דאָס מעסערל". זיבצן לעקציעס האָט גענומען די טעמע, זיי זיינען אַלע געגעבן געוואָרן פון סעמינאַריסטן (אָדער פון מיר). און דער סיום איז געווען באמת א פריידיקער יום טוב פאַר די סעמינאַריסטן מיט די תלמידים פון שול אויך. פון דאַנען האָט זיך דער מעטאָד פון גאַנצע ווערק צעטראָגן איבער די יידישע שולן פון פּוילן און ער האָט געבראַכט נוצן.

איין מאָל א וואָך פלעגט דער קלאַס זיך צונויפנעמען כדי צו באַהאַנדלען, צו אַנאַליזירן און קריטיקירן די געגעבענע לעקציעס, די פּעדאַגאָגישע קאָנפערעצן פלעגן זיך פאַרציען ביז גאַנץ שפּעט אין אָוונט אויך. דאָ פלעגן זיין אויך די לערערס פון שול, עס פלעגן אָפט אַרויסשווימען טיפע פּרינציפּיעלע פּראָבלעמען וואָס מיר פלעגן זיך באַמיען זיי פּראַקטיש צו לייזן.

די סעמינאַריסטן פלעגן זייער פּראַקטיק איבערלעבן זייער טיף. ניט איין מאָל פלעגן זיי נאָך אַן אומגעלונגענער לעקציע אָפּליגן קראַנק א פּאָר טעג אפילו. איך פלעג אָבער שאַצן די פּראַקטיק ניט לויט דעם ווי דאָס צוגעגרייטע אין פּלאַן גיסט זיך אויס גיך און גלאַט אין קלאַס, נייערט אויף וויפיל דער יונגער לערער טרעט אָפּ פון פאַרשריבענעם פּלאַן און רעכנט זיך מיט די לעבעדיקע קינדער מער, און זיי האָבן דעם אומדערפאַרענעם לערער אפילו אַראָפּגעפירט פון וועג. אָפט פלעגן מיר אין אַן אומגעלונגענער לעקציע דווקא דערקענען פּאָטענצן פון גאָר א גוטן לערער.

אזוי ארום איז דער סעמינאַר אין ווילנע געווען ניט בלויז א לערן־אַנשטאַלט, נייערט א טעאָרעטיש־פּראַקטישער פּעדאַגאָגישער פאָרש־אינסטיטוט. מיר וועלן

דאָ אָנמערקן בלויז עטלעכע פּרינציפּן וואָס דער סעמינאַר האָט פאַרשפּרייט אין דער סיסטעם פון דער יידישער דערציונג: דער מעטאָד פון פאָרשן אָנשטאָט דעם לערנען פאַרטיק וויסן. מיר האָבן דאָס אין סעמינאַר אָנגערופן „עקספּע־ריציע־מעטאָד”. די סעמינאַריסטן האָבן אים באמת שטאַרק פאַרשפּרייט און איינגעפירט אויף פאַרשיידענע געביטן. דער גרעסטער פּרווו אויף דעם געביט אויסערן סעמינאַר איז געווען דאָס שטודירן מיט א קלאַס קינדער פון זיבעטן לערניאָר די געשיכטע פון דער שטאָט פּרוזשאַנע, וואָס האָט זיך צעוואַקסן, אריינ־געצויגן אין דער ארבעט אויך דערוואַקסענע קולטור־מענטשן און עס איז ארויס „דער פּנקס פון דער שטאָט פּרוזשאַני”, וואָס האָט בשעתו געמאַכט אזא פּוראָר אין דער יידישער קולטור וועלט. קלענערע פאָרשאַרבעטן אויף די געביטן פון נאַטור און געאָגראַפיע זיינען געפירט געוואָרן כמעט דורך אַלע סעמינאַריסטן אומע־טום ווו זיי האָבן געארבעט.

דער מעטאָד פון גאַנצע ווערק אָנשטאָט די קורצינקע פראַגמענטן אין די כרעסטאָמאַטיעס. די פּראָבלעם האָט געהאַט ביי אונדזערע יידישע פּעדאַגאָגן א לענגערע געשיכטע. מיר איז אויסגעקומען דערמיט זיך צו פאַרנעמען נאָך בעת מיין זיין אין רוסלאַנד. צווישן די טיפערע דענקער אין פּוילן האָט מען נאָך די פראַגע דיסקוטירט אין א קאָמיסיע אויף דעם ערשטן שולצוזאַמענפאָר. ניט דאָ איז דאָס אָרט באַהאַנדלען די מאָטיוון פון דער פּלוגתא. מיר דאַכט זיך אָבער אז עס האָט אויך געשפּילט א ראָלע דער פאַרלאַנג זיך אָפּצוריים פון דער סביבה וואָס די יידישע ליטעראַטור גיט: עס איז דאָך געווען די צייט ווען פון ערגעץ אין מזרח (עקס אריענטע לוקס — פון מזרח קומט די שיין) זיינען דערגאַנגען ווידערקלאַנגען וועגן אייזערנע בעזימער וואָס מיט זיי דאַרף מען אויסקערן די „פּרצעס מיט די שלום עליכמס”. האָט מען דאָך ניט געוואָלט לערנען קיין חומש (אויך אין ארץ ישראל זיינען געווען אזוינע), האָט מען דאָך אָפּט מורא געהאַט פאַר ליטעראַרישע ווערק, ווייל עס הערט זיך פון זיי א רעליגיע־ריח...

אין סעמינאַר האָבן מיר זיך אויסגעהיילט פון די אַלע „שלאַפּקייטן”.

דערמיט איז פאַרבונדן געוואָרן במילא דער פּרינציפּ, אז יעדער לימוד, יעדער אינהאַלט פון שול מוז האָבן א קולטור־ווערט אויך אויסער דער שול. קולטור־שולן אָדער שפּראַך־שולן איז די פּראָבלעם. ביז היינט איז די פראַגע פאַר גאָר גרויסע צאָלן יידישע דערציערס אין יידיש און נאָך מער — אין העברעיש ניט קלאָר. מען מיינט נאָך אַלץ אז ווען א קינד קען זאָגן אויף דער אָדער יענער שפּראַך א זאַץ, האָט ער שוין זיין ציל דערגרייכט... איך ווייס ניט צי עס איז א נאַיווקייט, אָדער עפּעס אנדערש. מיר האָבן זיך אין סעמינאַר אויך פון דעם פאַלשן צוגאַנג זיך אויסגעהיילט.

דער סעמינאַר אַליין האָט געפירט זיין ארבעט מיט זיינע תלמידים און ער האָט עס זיך באמת איבערצוגעבן זיי אין זייער ארבעט ווי א פּרינציפּ: ווי ווייט

מעגלעך אינדיווידואליזירן די ארבעט און קאָלעקטיוויזירן דאָס צוזאמענלעבן פון די תלמידים. איינע פון די צרות פון דעם היינטיקן שולוועזן אין דער וועלט איז די ניוועליזאציע פון אלע תלמידים. אלע דארפן קענען דאָס זעלבע און אלע מוזן זיך אויסגלייכן אין זייער וויסן און אין זייער אינטעליגענץ. דאָס וואָס איטלעכער מענטש איז אַ באַזונדערע וועלט — דאָס ארט ניט דער שול. די פעיקערע תלמידים ווערן צוליב דעם אָפּגעהאלטן און די טעמפּערע קען מען סיי ווי זייער זעלטן העלפן. דערפאר איז עס אָן אָפּטע דערשיינונג אַז גאָר פעיקע און גאוניאלע מענטשן ווערן אין זייער קינדהייט אין שול פאררעכנט פאר אפגעשטאנענע תלמידים. מיר האָבן זיך באמיט צו קענען אינדיווידואליזירן די ארבעט, די פעיקערע זאלן באקומען מעגלעכקייטן צו ארבעטן אליין ווייט איבער דער מינימום־פּראָגראם און ניט דאַרפן זיך צופּאסן צו די שוואכערע. די קאָלעקטיווע פּאָרש־ארבעטן האָבן תמיד געגעבן אַ מעגלעכקייט אזוי צו צעטיילן די ארבעט, איטלעכער זאָל באקומען וואס אים איז ליבער און גרינגער. דאס האָט ווי געזאגט ניט פארהאלטן די פעיקערע און פון דער צווייטער זייט האָט דאס די שוואכערע געראטעוועט פון אלערליי קאמפּלעקסן. אין דער שפּעטערדיקער ארבעט פון די סעמינאריסטן האָט זיך דאס אלץ בולט ארויסגעוויזן. איטלעכער פון זיי האָט זיך באמיט צו לערנען זיך פון דער אייגענער ארבעט און זיך טיילן מיט חברים מיט דער דערפארונג. דערפאר די אפטע קאנפערענצן און די כסדרדיקע פארבינדונג מיט דעם סעמינאר נאך דעם ענדיקן, שוין ווי פראקטישע לערערס.

איך דערמאָן זיך דאָס אלץ איצט, מיט אַ געדריקט הארץ, אז די גרעסטע מערהייט פון די דאזיקע געטרייע און שטרעבנדיקע לערערס זיינען אומגעבראכט געווארן צוזאמען מיט זייערע תלמידים דורך די רשעים. ימ״ש.

מיטן אומקום פון סעמינאר איז פאר מיר ניט געבליבן וואס צו טאָן אין ווילנע. מיט צען יאָר פריער איז דער שולוועזן געגאנגען בארג ארויף און וויפל נייע מענטשן עס זיינען נאר געקומען האָט געקלעקט פאר אלעמען ארבעט, און שעפערישע ארבעט. איצט איז עס געווען זייער שווער אויפצוהאלטן דאס איז שוין געווען. וועגן נייע פארמעסטן און נייעם שוואונג, איז ניט געווען וואָס צו ריידן. די שטייער־פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג האָט רוינירט די יידישע באפעל־קערונג (די באריכטע „גראבסקים עגלה״) רייכע יידן זיינען ארעם געווארן און ארעמע זיינען פשוט הונגעריק געווען. די בילדונגס פּאָליטיק פון דער זעלביקער האָט געטאָן אירס. געשטיקט די יידישע שולן, געשלאָסן לאקאלן, געפּסלט לערער צוליב כלומרשטע פּאָליטישע מאטיוון, געשאטן מיט גזירות אויף די שולן וואס האבן זיך נאך געהאלטן, אז מיט ניסים האָבן זיך שולן געעפנט יעדן יאָר פון דאָס ניי. וועגן נייע פארמעסטן האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין. אזא איז געווען די סיטואציע אין פּוילן. מיט צען יאָר פריער זיינען מיר געלאָפן פון רוסלאנד קיין פּוילן מיט גאר גרויסע האפענונגען און פארמעסטן. איצט האָב איך ווידער געמוזט טראכטן וועגן לויפן, זוכן אנדערע בעסערע מעגלעכקייטן פון ארבעט.

אנדערע יינגערע זיינען געלאָפן אפילו קיין רוסלאנד, געגנבעט גרעניצן אריינ־צוכאפּן זיך אין יענעם גן עדן... מיר איז עס צום גליק געווען אוממעגלעך: מיין רעקארד איז געווען א שווארצער פאר זיי: ארויסגעגנבעט זיך פון זיי, געארבעט מיט „פאשיסטן". אין דער יידישער פּרעסע אין סאוועטן־רוסלאנד זיינען געווען דירעקטע אנפאלן אויף מיר. מען האָט ניט פארגעסן נאך מיין אמאליקע „קאנ־טררעוואלוציע" און עס איז צוגעקומען נייע עבירות אויף מיין חשבון: געווען דארטן א יידישער לערער געקומען פון ווארשע (דאכט זיך, דמשק איז געווען זיין נאָמען). אין פּוילן איז ער געווען גאָר מיינער כמעט א חסיד. ווי ער איז אָבער געקומען אהין האָט ער גענומען דרוקן אין „ראטן־בילדונג" (ארוים דאכט זיך אין כארקאוו) אַ סעריע אַרטיקלען וועגן די קאָנטרעוואָלוציאנערע יידישע שולן אין פּוילן. און א גרויסן — אויב ניט דעם גרעסטן חלק האָט אריינגעכאפּט טאקע די „יידישיסטישע ישיבה" (געמיינט דעם סעמינאר) מיט איר „ראש ישיבה" — גאלאמב, וואס רודפט קאמוניסטן, וואס צווינגט ארויף אויף די תלמידים רעליגיעע און וואס ניט. מיט איין ווארט — טריף שבטריף.

דערצו איז צוגעקומען נאך עפּעס, וואס פאר אונדז אלעמען איז עס געווען זייער פּיינלעך. ס'איז פארבונדן מיט דעם נאמען פון דעם טראגיש פארלארענעם משה קולבאק. איך האָב שוין איין מאל געשריבן אז אין סעמינאר זיינען געווען ראמאנען. אין דעם לעצטן יאָר פון קולבאקס ארבעט אין סעמינאר האָט פּאסירט אז אַ תלמיד און תלמידה זיינען אוועק ווינען צוזאמען ווי א מאַן און ווייב אָן א חופּה. קיין ציווילע חתונות זיינען אין פּוילן ניט געווען. איך האָב געוווּסט פון דעם און אָנגעשריבן אַ בריוו דעם מיידלס פאָטער אין ביאַליסטאָק. אָן אים האָב איך ניט רעאגירט... ווען אנדערע לערער האָבן זיך דערוווּסט פון דעם איז געווארן וועגן דעם א שארפע פּלוגתא. דער אלטער פאלק האלפּערין, אליין א פאטער פון א דערוואקסענער טאכטער האָט געטענהט אז דאס האָט ניט צו אונדז, אז ווען זיין טאכטער טוט עס וואלט ער זיך ניט דערלויבט אריינצומישן. געווען שטארקע קעגנער: אין סעמינאר זיינען פאראן אויך יינגערע תלמידים און עס וועט אויף זיי שטארק ווירקן ניט צום גוטן, דעריבער מוז מען פאדערן פון דעם פּארל אדער ארויסגיין פון סעמינאר אדער שטעלן א חופּה. דערווייל האָט דאס פּארל געמוזט סיי ווי ארויסכאפּן זיך באצייטנס פון פּוילן, און זיי האָבן געמוזט האבן א חופּה־באשטעטיקונג פון א רב. געקומען דער פאטער, איך האָב נאך געגעבן א בריוו צום רב אין לאנדווערא ווע ער זאל געבן חופּה וקדושין, און דאס פּארל לעבט איצט אויך צופרידן אין אן אמעריקאנער לאנד. אבער דעמאלט האָט מען זיך אין סעמינאר שטארק געטומלט. איז דווקא קולבאק געווען פון די מחמירים. די עלטערע תלמידים האָבן זיכער געוווּסט פון דער מיינונג־פארשיידנהייט. ווען קולבאק איז נאר געקומען קיין מינסק, איז ארוים קעגן אים דער זעלביקער לערער מיט א מסירה אז ער האָט אין סעמינאר געהאלפן רודפן קאָמוניסטן, ארויפצווינגען אויף זיי א רעליגיעזע חופּה!... די מסירה איז געווען דווקא אפּגעדרוקט אין דער מינסקער יידישער צייטונג „אקטיאבער". מיר האָבן געוווּסט, אז גרינג וועט עס

ניט אריבערגיין, מיר האָבן געדענקט אלע קולבאקס ווארט ביים געזעגענען זיך: אליין וועל איך זיך אויפן בענקל ניט לייגן מען זאל מיך שמייסן. אין א קאַרטל שוין פון מינסק האָט דעמאָלט קולבאק געשריבן ביי דער זייט מיט קליינע אותיותלעך: „זאָגט מיר צו רפואה, איך גיי פון באַד. דאָ מוז מען זיך וואַשן און רייניקן אויב מען וויל ניט גיין ביים ראַנד פון לעבן". האָבן מיר געוווּסט אַז וואָס־וואָס צרות וועלן קולבאקן ניט פעלן. אין א חודש אַרום נאָך דער מסירה איז געקומען אין דער זעלביקער צייטונג קולבאקס אַן ענטפער. בערך אַזוי: עס איז טאַקע אמת, מען פלעגט אין סעמינאַר רודפן קאָמוניסטן, אַרויפצווינגען אויף זיי גאָט וויים וואָס, אָבער שולדיק איז אין אַלץ טאַקע גאָלאָמב; ער, קולבאַק, פלעגט זיך אַלע מאָל איינשטעלן פאַר די גערודפטע תלמידים, די חופּה פון דעם פּאַרל וואָס די מסירה האָט געבראַכט ווי אַ ראיה איז אין גאַנצן געווען גאָלאָמבס אויפטו, אַן אַרויפצוואַנג... וויפל געזונט דער ליגן האָט מסתמא געקאָסט דעם שטאָלצן און אויפריכטיקן קולבאַקן! אָבער אויף דעם מאָמענט בין איך געווען זייער אויפגעבראַכט. איך האָב אפילו געוואָלט אָפּדרוקן אַ הכחשה אין „ווילנער טאָג". צום גליק האָט עס מיר זלמן רייזען ניט געלאָזט טאָן. מיט איין וואָרט — איך בין געווען טריף און טריף, און דאָס האָט מיך געראַטעוועט פון פּרובירן זוכן דאָרטן אַרבעט. קען זיין ווען איך וואָלט געווען אַ בונדיסט, וואָלט זיך נאָך פאַר מיר געפונען עפּעס אַרבעט אין שולוועזן פון ציש"אָ. אָבער איך האָב דאָ אויך זיך פאַרזינדיקט. בקיצור, איך האָב געמוזט זוכן אַן אָרט צו עמיגרירן ווייטער. קיין אַמעריקע האָט מען מיך ניט אַריינגעלאָזן. האָט מען מיך אָבער יאָ געוואָלט קיין ארץ ישראל. ניט אין דער שולנעץ פון דער אַגענטור: דאָרטן וואָלט מען מיך מסתמא ניט אַריינגעלאָזט. אָבער אין דער שול פאַר אַגריקולטור „מקווה ישראל", וואָס איז געפירט געוואָרן פון דער חברה „כל ישראל חברים". — דאָ האָט מיין ייִדישיסטישע פאַרגאַנגענהייט ניט שטאַרק געשטערט. מיין פאָטער האָט מיך אויף אַ ווײַלע געמאַכט פאַר אַ „קאַפּיטאַליסט": ער האָט געליען טויזנט פונט און אַריינגעלייגט אין באַנק אויף מיין נאָמען, איך זאָל קענען קריגן אַן אַריינפאָר־וויזע, אָן אַ ריי, דירעקט פון דער רעגירונג מחוץ דער סוכנות. אין דער אמתן האָב איך ניט געהאַט אפילו אויף הוצאות. אמת, דער סעמינאַר איז מיר געבליבן אַ בעל חוב. אָבער גיי מאָן, ביי וועמען? ביי דער ציש"אָ, אָבער אַז זי האָט אַליין ניט, איז דאָך פאַרפאַלן. געפּרובירט דעמאָלט מאַכן אַ שטיקל חשבון, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די ציש"אָ איז מיר געבליבן שולדיק אַרום אַ טויזנט דאָלאַר. אָבער אויף הוצאות האָט מיר געמוזט באַזאָרגן דער ברודער פון אַמעריקע...

שווער געווען צו אַנטשליסן זיך אויף אַזאַ טריט: מער ווי צוואַנציק יאָר געווען פאַרבונדן מיט דעם ייִדישן שולוועזן אין גלות. מיט ייִדיש־שפּראַך און מיט ייִדישער קולטור, — ווי וועל איך זיך קענען צופּאַסן? צוגעוווינען? ווי וועל איך קענען אָפּרייסן זיך פון דער פאַרגאַנגענהייט? וויניקער האָב איך געטראַכט ווי וועט די העברעיסטישע סביבה מיר אויפנעמען: געווען זיכער אַז איך קום

אהער, — מיין איך צו אַרבעטן ערלעך, אָן הינטערפּיסלעך. כ'האָב זיך ניט פֿאַר־געשטעלט אַז דאָ וועלן זיין שוועריקייטן און אומאָנגענעמלעכקייטן. וואָלט איך גע־ווען אַ מאַמין וואָלט איך געזאָגט, אַז די השגחה האָט אַלץ אָנגעגרייט באַצייטנס און האָט מיך מיט מיין קליינער מישפּחה ארויסגענומען פון פּוילן באַצייטנס... בקיצור — אַלץ איז שוין געוואָרן באַשלאָסן און איך — ווי איך האָב זיך געפילט, בין שוין גרייט געווען צו פאָרן קיין ארץ ישראל זיך צו באַזעצן דאָרטן צו אַרבעטן אין העברעישן שולוועזן, ווי איך האָב געהאַט פון פריער א סך פריינד און חברים און געהאַפּט אַז היות איך האָב באַשלאָסן זיך צוצופּאַסן, וועלן שוין קיין אַנדערע שוועריקייטן ניט זיין. איבערהויפּט האָב איך געדענקט דעם גאַר פיינעם קבלת פּנים וואָס איך האָב דאָרטן געהאַט מיט פינף יאָר פריער אין 1927 ווען איך בין געקומען ווי א טוריסט. דעמאָלט האָט מיר קיינער ניט אויפגעוואָרפן קיין יידישיסטישע עבירות. אויפגענומען האָט מען מיך אומעטום ווי נאָר איך האָב געהאַט אַן אינטערעס צו זיין ביז צו דער בילדונגס אַפּטיילונג פון דער אַגענטור, וואָס איז אין תוך געווען שוין דעמאָלט דאָס מיניסטעריום פאַר בילדונג פון דער „יידישער מדינה אין וועג".

ביז וואָס־ווען האָב איך געהאַט צייט, דאָס איינציקע וואָס אַן אַרבעטס־לאָזער לערער פאַרמאָגט. מיין פרוים מוטער איז געווען שטאַרק קראַנק, דער קליינער אַנדעהאַלבניאָריקער זון, איז אויך געווען ניט געזונט. די פרוי האָט אָבער נאָך געהאַט איר אַרבעט אין דער שול „מפיצי השכלה", חיונה?... מילא, — ווער געדענקט אַזוינע זאַכן?

דערווייל האָב איך געהאַט צייט און אויסגענוצט מיין צייט אויף צו פאָרן וויזיטירן די שולן אין דער ווילנער פּראָווינץ אין נאָמען טאַקע פון דער צענ־טראַלער שול־אָרגאַניזאַציע פאַר דער ווילנער פּראָווינץ. דאָס פאָרן איז געווען אַזוי: אָפט זיינען געווען שוועריקייטן אויפן אָרט, קריגערייען מיט דער צווייטער תרבות־שול, צווישטיקייטן צווישן לערער אין דער שול גופא. פלעגט דאַרפן קומען עמיצער פון צענטער. און ווער האָט נאָך געהאַט אַזוי פיל פרייע צייט ווי איך? ווי נעמט מען אויף הוצאות? פלעג איך פאָרן אַזוי צו זיין שבת אין שטעטל, האַלטן א רעפעראַט פאַר דעם גאַנצן עולם, און מיט דער הכנסה פון רעפעראַט פלעגט מען דעקן די רייזע־קאָסטן. קיין האָטעלן אָדער האָנאָראַרן האָט מען דאָך ניט געדאַרפט. איבערהויפּט נאָך אַז אומעטום כמעט, אין אַלע שטעטלעך האָבן געאַרבעט מיינע געוועזענע תלמידים־סעמינאַריסטן.

די יידישע שול אין ווילנער פּראָווינץ

דער אונטערגאַנג פון די קליינע שטעטלעך אין ווילנער געגנט האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגע צייט פריער פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה נאָך. די אויסגעבעסערטע וועגן האָבן נאָנטער געמאַכט די שטעטלעך און די דערפער צו דער גרעסערער שטאָט, דער פּריצישער הויף האָט זיך באַפרייט פון דעם יידישן פאַכטער, די קרעטשמע האָט פאַרלאָרן איר טראַדיציאָנעלע ראָל אויף די וועגן פון ליטע, די אַלטע פּאָסט מיט די פערד איז אונטערגעגאַנגען, אין די שטעטלעך האָבן זיך געעפנט גוישע קראָמען, איבער די דערפער האָבן זיך איינגעאָרדנט גוישע בעלי־מלאכה־שמידן, שניידערס, שוסטער. יידישע פּרנסות זיינען איינגע־שרומפּן געוואָרן, די יוגנט האָט גענומען בענקען נאָך דער גרויסער שטאָט, אַמעריקע איז געשטאַנען אָן אָפּענע, אָן קיינע וויזעס. אַזוי אַרום האָבן זיך שטעטלעך אויסגעליידיקט. וואָס קלענער דאָס שטעטל, אַלץ גיכער איז דער פּראָצעס פאָרגעקומען.

און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן דער פולער באַנקראָט פון חדר לגבי די געענדערטע תנאים. כל זמן דער חדר איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם גאַנצן לעבן מיט דעם בית מדרש מיט דעם הכל בכל, איז עס ניט געווען קענטיק, אַז דער חדר פאַר זיך ווי אַזאַ אַליין, אָן דער יידישער היים אין שטעטל, אָן דעם בית מדרש, גיט גאָרניט וואָס זאָל בלייבן ביי די קינדער אויף זייער גאַנץ לעבן. אין 1911, 1912 האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך איבערצוציייגן אַז יינגלעך וואָס זיינען נאָך בר מצווה פון די שטעטלעך געפאָרן אין ווילנע, אין „הילף דורך אַרבעט” אָדער אַנדערשוווּ און זיינען געקומען אין אַ יאָר אַרום אַהיים, האָבן זיי דעם סדר פון דאַוונען פאַרגעסן און אַ פּסוק חומש, צי תנ”ך איז שוין אינגאַנצן אָפּגערעדט. דאָס הייסט, אַז אַ זיבניאָריקע שול מיט אַ גאַנצן טאָג קאָנצענטרירטע יידישע לימודים האָט קיין יידישע דערציונג ניט געגעבן. אויב אַזוינע בחורימלעך האָבן פון דער גרויסער שטאָט שוין געבראַכט אַ ביכל, אַ צייטונג, צי אַ בלעטל, — איז עס שוין געווען די השפּעה פון שטאָט. ניט פון חדר. דער חדר האָט געדינט בלויז אין זיין סביבה, אין שטעטל, ביים בית מדרש, ביי דעם גאַנצן יידישן שטייגער. פאַר זיך גופא איז ער געווען גאָרנישט.

און דאָס האָבן דערפילט די פּשוטע יידן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ויצעקו, בריוו און ווענדונגען צו אָרגאַניזאַציעס אין ווילנע. איך פלעג קומען אויף יום־טוב אַהיים צו מיינע עלטערן, פלעגן מיך די שטעטלשע יידן באַפאַלן מיט טענות: ביסט אַן אונדזעריקער, — און אַ לערער זיין פאָרסטו אין מרחקים,

און אונדזערע קינדער וואַקסן פּויערים"... אין חול המועד פּסח 1912 איז געקומען צו מיר אַ דעלעגאַציע פון צוויי שירווינטער יידן, איך זאָל דאָרטן אָרגאַניזירן אַ שול. אין אייניקע שטעטלעך זיינען טאַקע אָרגאַניזירט געוואָרן קליינע שולן און שולכעלעך מיט מאָדערנערע לערער. אין ווילנע, לעבן דעם שולהויף איז געווען אין יענע צייטן אַ „לערער-בירזשע". אהין פלעגן זיך ווענדן ישובניקעס, קליינע ישובים נאָך אַ לערער. די לערער זיינען געווען „עקסטערנס" (ישיבה-בחורים וואָס האָבן זיך גענומען צו וועלטלעכער בילדונג און האָבן געלע־רנט אליין כדי זיך צו עקזאַמענירן שפּעטער), וואָס פלעגן פאָרן אויף אַ זמן צי צוויי אויף אַ „קאָנדיציע" אין אַ דאָרף, צי אין אַ שטעטל אויף אַ זמן צי צוויי אָפּעסן אביסל, אָנקלייבן אַ פּאָר גראָשן אויף ווייטער. צווישן די קאָנדיציע-לערער זיינען געווען אַ סך טויגעניכצן אָבער אויך אַזוינע וואָס האָבן שפּעטער זיך דערוואָרבן אַ נאָמען ביי יידן.

בכלל אָבער איז עס געווען אַ גענוגער סימן, אַז דער חדר האָט ניט געקאָנט זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען און איז אונטערגעגאַנגען. אין די גרעסערע שטעט און שטעטלעך, ווו די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן האָבן זיך ניט געביטן אַזוי שנעל איז אויך די ירידה פון חדר ניט אַזוי קאָנטיק געווען.

די שטעטלעך אין ווילנער פּראָווינץ האָבן עס דערפילט די ערשטע.

ווי אַ מאַסן-דערשיינונג זיינען די שולן אויסגעוואַקסן אין יענע שטעטלעך אין מיטן דער ערשטער וועלט-מלחמה, אין דער זעלביקער צייט אייגנטלעך ווען עס זיינען אויפגעקומען די יידישע שולן אויך אין רוסלאַנד (איבערהויפּט מיט די קינדער פון די „בעזשענצעס" — די וואָס דער צורר ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט אַרויסגעטריבן פון מלחמה-ראַיאָן) אַזוי אויך אין פּוילן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע. עס איז אויף דעם גאַנצן געביט פון דעם געוועזענעם תחום המושב אויפגעקומען אַ קאָכיקע באַוועגונג פון יידישער שול-בויונג. דער אידעאַל פון לערער פון אָנהייב יאָרהונדערט אַן איז מקוים געוואָרן, אויך די קליינע שטעטלעך פון ווילנער געגנט האָבן פון דער באַוועגונג גענאָסן.

איך קען ניט שרייבן קיין גענויע געשיכטע פון דעם אויפקום פון די שולן אין דער פּראָווינץ, ווייל מיין אַרבעטס-פּלאַץ איז דעמאָלט געווען רוסלאַנד און אוקראַיניע, און פון ווילנע זיינען מיר געווען אָפּגעריסן. די הויפּט-שעפער און אַקטיווע טוער אויף דעם געביט זיינען אַלע, דאַכט זיך, אומגעקומען מיט דעם יידישן ישוב אין דער פּראָווינץ. צי זיינען געבליבן מאַטעריאַלן ערגעץ ווייס איך ניט. קען איך בלויז פאַרצייכענען דאָס וואָס איך ווייס פון דער צייט ווען איך האָב זיך אומגעקערט צוריק קיין ווילנע, ד"ה אין אָנהייב 1921.

איך האָב אָנגעשריבן אויבן דאָס וואָרט „שעפער און בויער פון שול-וועזן", — און איך קען ניט גיין ווייטער ביז איך וועל ניט דערמאָנען דעם הייליקן נאָמען פון אַ באַשיידענעם דונילאָוויטשער בחור אורי קליאַנסקי ז"ל, שפּעטער אַ מיט־

אַרבעטער אין דער יידישער באַנק אין ווילנע, וואָס האָט זיין לעבן אוועקגעגעבן פאַר אָט די שולן פון דער פּראָווינץ. אַ שטילער, באַשיידענער פאָלקס־מענטש, ניט קיין רעדנער און ניט קיין כיבודים־זוכער איז ער די גאַנצע יאָרן וואָס די ווילנער פּראָווינץ האָט געהאַט שולן, אַן אַנגעשטעלטער אין באַנק, אַן אויפזעער איבער די קליינשטעטלדיקע ליי־און שפּאָר קאַסעס, איז ער די גאַנצע צייט געווען די נשמה פון די שולן. אורי קליאַנסקי איז אָלע אָוונט אין ביוראָ פון דער פּראָווינ־צער שול־אָרגאַניזאַציע. קליאַנסקי גייט אַרום צעטראָגן, רויכערט אַ סך, איז אויפ־גערעגט: זיכער איז אָנגעקומען אַ שלעכטער בריוו פון שטעטל; קליאַנסקי לאַכט — אוודאי אַ גוטער גרוס פון אַ שול. מען פלעגט לאַכן: קליאַנסקי האָט חתונה געהאַט מיט די יידישע שולן. גאָט! ווי וואַקסן אַזוינע קליאַנסקיס און צי וועלן מיר נאָך האָבן אַזוינע??

דער פאָרזיצער פון דער דאָזיקער „צענטראַלער שול אָרגאַניזאַציע פאַר דער ווילנער פּראָווינץ" איז געווען דאַכט זיך, די גאַנצע צייט ניט אורי קליאַנסקי, נאָר דער ווילנער לערער ברוך לובאַצקי ז"ל וואָס איז אויך אומגעקומען מיט זיין גאַנצער משפּחה. זיינע צוויי זין־ווי פּאַרטיזאַנער.

לכתחילה האָט געהאָלפן די אָרעמע שטעטלעך אויפצוהאַלטן זייערע שולן די „יעקאָפּאַ" (אַ רוסישער ראשי תיבות פון די ווערטער „יידישער קאָמיטעט צו העלפן די מלחמה־געליטענע"); שפּעטער פלעגט מען פון צייט צו צייט אויסוויי־נען אַ סובסידיע פון דעם דזשאָינט, און דאָס איבעריקע... פלעגט מען זיך מאַטערן. אין די גאָר קליינע שטעטלעך האָבן זיך די שולן ניט לאַנג געהאַלטן: שרעקלעכע אָרעמקייט, קנאַפּ קינדער פאַר אַ שול, מאַנגל אין לערער וואָס זאָלן וועלן זיך פאַרקלייבן אין אַ העק מיט אַ פּאָר מנינים יידן, — און ועל כולם — נגישות פון דער „דעמאָקראַטישער" פּוילישער מאַכט, זאָל איר מיין וואָרט ניט צו גרינג זיין אין איר קבר. דערצו איז נאָך צוגעקומען די ליבהאַרציקע מחלוקת יידיש — העברעיש; ציש"אָ (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע) און תרבות. אַלץ צוזאַמען האָט אונטערגעשניטן די יאָרן פון אייניקע שולן און געמאַכט גענוג צרות די אַנדערע, שטאַרקערע שולן אין גרעסערע שטעטלעך.

* * *

פאַרשיידן איז געווען דער אויסזען און דער אינהאַלט פון אָט די שולן...

ווען איך בין אַראָפּגעקומען פון קיעוו, ווו די יידישע שולן זיינען דעמאָלט געווען מלוכישע, רייך, באַזאָרגט, מיט גוטע לערער, סעמינאַר אאַז"וו קיין ווילנע, האָט מען מיך געבעטן צופאָרן אין לאַנדווערעוואָ אינספּעקטירן די שול. מען מוז פאָרן מיט אַ פור — די באַן איז צעבראָכן. געקומען אַריין אין שטעטל מיט ברילן און מיט אַ טעקע, האָב איך גלייך דערהערט פון אַלע זייטן:

— אוי, מאַמעלעך, אַ דעלעגאַט! (פון אַמעריקע)... און מען איז גלייך באַפאַלן דעם כלומרשטן דעלעגאַט, וואָס ברענגט מן הסתם אַמעריקאַנער דאָלאַרן

פּאָר קרובים... אזא אַנטוישונג, נעבעך! מיר איז באַלד אויסגעקומען צו הערן ווי אַ מאַמע שרייט אויפן לערער דורכן פענסטער פאַר וואָס ער מאָנט שכר־לימוד, און מיר איז שפּעטער געווען פריקרע צו קריטיקירן דעם לערער און זיינע מעטאָדן: ער האָט שוין גענוג אָן מיר...

אַזוינע שולן זיינען גיך אונטערגעגאַנגען. אין דער גאַנצער ווילנער פּראָווינץ האָבן עקזיסטירט אַרום צוואַנציק פעסטערע שולן אין גרעסערע שטעטלעך. איך געדענק די שולן וואָס מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן: ניי־ווילייקע, ניי־סווענציאַן, שטאָט סווענציאַן (אַ שטיקל צייט האָט דאָרטן אויך עקזיסטירט אַ יידישע גימנאַזיע), דוקשט, איגנאַלינע, פּאָסטאַוו, דונילאָוויטש, הײדוטשישאָק, לידע, איוויע, באַראַנאָוויטש, האָראָדישטש. עס זיינען אָבער געווען נאָך אין אַנדערע שטעטלעך, וואָס איך קען זיך ניט דערמאָנען.

אַ טייל שולן האָבן געהאַט אייגענע געביידעס. עס איז געגאַנגען אַ ווערטל: אַ שול האָט ניט פון וואָס צו צאָלן דירה־געלט, — בויט מען אַן אייגענע געביידע. איין עפּיזאָד פון דעם מין וועל איך קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

איך בין געפאָרן באַזוכן די שול אין דונילאָוויטש, ווו עס איז עפּעס פאָרגע־קומען אַ סיכסוך און מען האָט געדאַרפט פאַרמיטלען פון צענטער. ווו זשע נעמט מען אָבער אויף הוצאות הדרך? — וועט דער וואָס פאָרט שוין פאַר איין וועגס האַלטן שבת צו נאַכט אַ רעפעראַט, און דאָס וועט דעקן די הוצאות פון באַן און פורן. קיין האָטעל דאַרף ער ניט: אַ ווילנער ייד צווישן יידן... און עסן — איז מען דאָך עפּעס אַ גאַסט און מען ווערט ניט פאַרלאָרן... דערפאַר האָבן אַלע אַזוינע באַזוכן געדאַרפט אַריינגעמען אַ שבת. פאָר איך פון ווילנע אַרויס מיט דער באַן דאָנערשטיק ביינאַכט ביז דוקשט כדי וויטער צו פאָרן מיט אַ פור פינף מייל אין גוטע בלאָטעס ביז דוניֹלאָוויטש. קומט די באַן אָראָפּ קיין דוקשט אין מיטן נאַכט, ס'רעגנט, אָבער אויפן פּעראָן דרייען זיך אַרום עטלעכע מענטשן מיט הויכע שטיוול און פּעלצן, מיט הילצערנע לאַמטערנעס. — איר זייט גאָלאָמב? אָט קומט מיט אונדז.

אין דער הויפּט־גאַס איז אַ בלאָטע, און אַן לאַנגע שטיוול קען מען ניט דורכ־גיין, פירט מען מיך איבער גערטנער, איבער פּלויט און מיר קומען צו אַ הילצער־נער געביידע פון דער צווייטער זייט שטעטל, וואָס האַלט זיך נאָך אין בויען. אַ לעמפּל שמעלקעט אינעווייניק, און אַ הובל הערט זיך אַרבעטן, אין מיטן נאַכט.

— דאָס איז אונדזער שול. און מען פירט מיך אַריין אין די רויע ווענט פול מיט שפּענער און סטרוזשקעס. מען צעזעצט זיך אויף בענקלעך וואָס מען האָט משמעות אָנגעגרייט פון פריער און מען הייבט אָן דערציילן:

— אַ חלום געווען צו האָבן אַן אייגענע שול־געביידע, אָבער ווו נעמט מען געלט אַז מען קען קיין דירה־געלט אויך ניט צאָלן? גיבן זיך יידן אַן עצה. דעם ערשטן

הונדערטער האָט מען אויסגעבעטן ביי א לאַנדסמאַן אין אַמעריקע, זאָל אים גאָט דערפאַר בענטשן, נאָך דעם האָט מען זיך גענומען צונויפּליינן — דער — א פּאָר קלעצער, און דער — עטלעכע ברעטער און יענער גאָר א פּאָר גילדן, — און מען בויט. איר זעט? שוין באַלד פאַרטיק. איז אָבער געווען א צרה: די רעגירונג האָט געזוכט אַלע טענות, האָט זיך עס פאַרשלעפּט, דערווייל זיינען געקומען די בלאָטעס, וואַרטן אויף א שליטוועג איז צו לאַנג, און אין די בלאָטעס קענען די „יידישע״ פערד (פערד פון די יידישע פורמאַנעס) ניט אַרויסשלעפּן די קלעצער פון וואַלד. א גליק דער וואַלד איז ניט ווייט, האָבן מיר אויף די פּלייצעס געבראַכט צושלעפּן כמעט גאָר די קלעצער...

... זיצט א קופּקע יידן אין האַלב־טונקלקייט, א נאַסע קעלט יאָגט דורך די פענצטער־לעכער, און איך שטעל זיך פאָר ווי פּשוטע פעלץ־יידן מיט די גרויסע שטיוול שלעפּן פון וואַלד קלעצער צו בויען זייער שול... עס האָט מיר פאַרקוועטשט אין האַרצן און מסתמא האָבן זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אויגן, ווייל איך האָב דערהערט:

— וואָס איז דאָס, חבר גאָלאָמב? מיר פרייען זיך דאָך! זעט, שוין באַלד פאַרטיק... און פון א בוזעם־קעשענע האָט זיך באַוויזן א פּלעשל בראָנפן און א פּאָר „המוציאס״ ראַזאַוועס, שוואַרץ־ברויט צום פאַרבייסן, — און אַזוי האָבן דוקשטער יידן מקבל פּנים געווען א גאַסט פון צענטער אין זייער ניט־פאַרענדיקטער שול, וואָס זיי האָבן געבויט... א כפּרה אַלע באַנקעטן, אַלע פּאַראַדנע מיטאָגן און וועטשער־עס מיט קאָניאַק און שאַמפּאַניער, וואָס מיר איז אויסגעקומען אויסצושטיין פאַר יענעם גלעזל בראָנפן אין דער ניט פאַרענדיקטער דוקשטער שול אין מיטן פון א קאַלטער פינצטערער נאַכט. איך האָב זיי געמוזט צוזאָגן אַז איך וועל קומען צו דעם חנוכת־הבית. אַז עס האָט גענומען ווערן עטוואָס ליכטיקער איז צוגעקומען א ייד מיט א בייטש — חבר גאָלאָמב, קומט, מיר פאָרן, עס איז פרייטיק, איך דאַרף נאָך אומקערן זיך אויף שבת אהיים.

אַז מיר זיינען אַרויסגעפאָרן אין גרויסן וואָגן שטרוי אָנגעפּעלצט אין בורקע (אַזאַ מין ברייטער מאַנטל), האָט מיר דער פורמאַן דערציילט נאָך און נאָך פון דער עפּאָפּעאַ ווי אַזוי א יידיש שטעטל בויט א שול. איין זאַך געדענק איך:

— אָט די „יאַזדע״ (רייזע) מיינע גייט אויך פאַר דער שול: איך האָב אויך אונטערגעשריבן א וועקסעלע אויף א פינף און צוואַנציקער (25 גילדן־אַן ערך 5 דאָלאַר), און מיר ביידע, איך מיט מיין פערדל צאָלן דאָס אויס ביסלעכווייז...

וועד קען זיך פאַרגלייכן מיט יענעם פורמאַן און מיט זיין פינפאונצוואַנציקער?

* * *

די שולן אין ווילנער פּראָווינץ האָבן געהאַט אַן אמתן פאָלקס־כאַראַקטער, זיי זיינען געבויט געווען פון פאָלקס־מענטשן און זיינען געווען ווייט פון פּאַרטיי

און פון פּאַרטיי־אַמביציעס. אין פּוילן האָבן זיך אַרום די יידישע שולן גרופּירט מער די פּאַרטייען בונד און לינקע פּועלי ציון, זיינען די שולן גופא אויך געווען מער פּאַרטייאיש. אין ווילנער פּראָווינץ אָבער איז דאָס געווען כמעט אוממעגלעך. דערפאַר זיינען ניט איין מאָל אַרויסגעקומען רייבונגען אויף די פּלענום־זיצונגען פון דער ציש״אַ אין וואַרשע: די פאָרשטייער פון ווילנער פּראָווינץ (על פּי רוב פּלעגט עס זיין ברוך לובאַצקי) פּלעגן האָבן אויסצושטיין אָפּטמאָל פאַר דער ניט אויסגעשפּראָכענער וועלטלעכקייט, כלומרשט, און פאַרקערט, פּלעגן די שולן קיין מאָל ניט זיין צופרידן מיט די צו שאַרפע רעזאָלוציעס וואָס מען פּלעגט אָננעמען אויף די צוזאַמענפאָרן.

אין יעדער שטעטל מיט אַזאַ שול האָט זיך געפונען איינער אָדער עטלעכע פּשוטע פאָלקס מענטשן, וואָס פּלעגן פאַר דער שול זייערער קענען אוועקגעבן אַלע כוחות און דעם לעצטן ביסן פון מויל.

עס זיינען אויך געווען שולן פון „תרבות״. פאַרשטייט זיך אַז מען פּלעגט זיך קריגן.

צומאָל פּלעגט עס אין אַזאַ קריגעריי אַוועק צו ווייט, ווי עס טרעפט ביי יידן. מען פּלעגט מוזן פון ווילנע דערליידיקן אַזוינע ענינים: פאַרכאַפּן געביידעס, איבער־כאַפּן קינדער פון איין שול אין דער צווייטער... זאָל בעסער ניט אויסגערעדט זיין וואָס יידן קענען אין דער צייט פון מחלוקת...

דאָ אין דער ווילנער פּראָווינץ האָבן די יידישע שולן אין גאַנצן געירשנט דעם חדר, וואָס איז אַראָפּ פון דער סצענע נאַטירלעך, אָן גוואַלט — ער איז פאַר־עלטערט און ניט צוגעפּאַסט געווען. דער איבערגאַנג צו די נייע יידישע שולן איז אויך געווען אַ נאַטירלעכער. די שולן זיינען געווען אויף אַזוי פיל פאָלקיש און פאָלקסטימלעך ווי דער חדר בשעתו.

עס דערמאָנט זיך מיר נאָך אַן עפּיזאָד, וואָס עס ווילט זיך דערציילן:

אין ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר איז ביי אונדז געווען אַ טראַדיציע: חמישה־עשר בשבט פּלעגט מען מאַכן אַ גרעסערע עקסקורסיע צו פוס, אַ ווינטער־שפּאַציר אויסער שטאָט. איין מאָל האָבן מיר עס געמאַכט קיין ניי ווילייקע (10 קילאָמעטער) צו גאַסט צו דער יידישער שול. געקומען פאַרמאַטערט אַ ביסל, אָנגעפראָרן זיך וואַרט מען אויף אַ גלעזל טיי. דער עולם דערוויַיל זינגט, סעמי־נאַריסטן און קינדער צוזאַמען. איך האָב זיך צוגעלייגט אויף אַ שולבאַנק אָפּצו־רוען זיך און לעבן מיר — אַ בינטל סעמינאַריסטן וואָס האָבן נאָך ניט געענדיקט זייערע אַ דיסקוסיע, גאָט ווייס וועגן וואָס. עס זיינען געקומען עטלעכע שול־טוער. צווישן זיי דער בעקער רודאַשעווסקי (זאָל דאָ דערמאָנט ווערן אַ נאָמען פון אַ גוטן יידן!) מיט אַ היפּש שטיקל גמרא אין זכרון, מיט אַ גאַנצער ביבליאָ־טעק אין קאָפּ און מיט גאָר אַ גרויסן פּאַק מיט צרות און אָרעמקייט.

ער וויל אַ וואָרט. און ער רעדט, ער באַגריסט אין נאָמען פון שטעטל, פון שול. ער רעדט וועגן דער קרובהשאפט פון אינטעליגענץ און פאָלק, וועגן דער אינטעליגענץ וואָס איז מרביץ תורה אפילו ווען מען ליגט אויף אַ האַרטן באַנק פאַרמאַטערט... איך דאַרף ענטפערן, אָבער איך בין מיד און איך בעט דעם תלמיד פרענקל ע״ה ער זאָל אָנשטאָט מיר ענטפערן. אָט דער שניפּישקער שטילער פּאַחלומטער בחורל מיט טיפע פילאָזאָפישע ניגונגען (גאָט מיינער! ווי שווידערלעך זיי זיינען דאָס אַלע פאַרשניטן געוואָרן!) — ער הייבט אָן עקספּראָמט אין זעלביקן גייסט, און ער רעדט וועגן דער נאָנטקייט פון של ראש מיטן של יד, וועגן וואָסערטרעגער מיט דעם אורח חיים און וועגן די „באַפעלצטע״ יידן וואָס טראָגן אונטער די קאַלטע פעלצן זייער וואַרעמע יידישע הערצער און וועגן דעם אַז אָן אָט די פעלץ־יידן מיט די יידישע הערצער זיינען אויך די אינטעליגענטן גאָרניט...

אָט אַזוי קען זיך צערייד̈ן אַ ווילנער בחורל גאָר ניט געגרייט זיך... און ער איז געווען גערעכט. ווילנע און ווילנער פּראָווינץ האָט אין וועג פון קולטור־רענעסאַנס ניט געמאַכט קיינע שפּרונגען. עס איז געווען אַ נאַטירלעכער און בהדרגה׳דיקער איבערגאַנג, אָן אָנוווּקס, אַ נאָרמאַלער, און מער ניט. און ווייל אין ווילנע איז דער איבערגאַנג געווען אַזוי נאַטירלעך, דערפאַר האָט ווילנע ניט אויפגעהערט צו זיין שעפעריש.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז די לערערשאַפט פון די שולן. עס איז גאָר ניט געווען פון די גרינגע זאַכן צו באַזאָרגן עטלעכע און צוואַנציק שולן אין קליינע פאַרוואָרפענע שטעטלעך מיט לערער. צום אָנהייב זיינען עס געווען בלויז טייל־ווייז פּראָפעסיאָנעלע לערער פון די פריערדיקע יידישע לערער אין די פאַרשיי־דענע רוסישע שולן. די איבעריקע זיינען געווען אַ נייער עלעמענט: געוועזענע עקסטערנס, אייניקע „קאָנדיציע־לערער״, מיידלעך מיט גימנאַזיע־בילדונג וכדומה. פאַרשטייט זיך, אַז דער וואַגיקסטער טייל זיינען געווען די לערער פון די פריערדיקע רוסישע שולן. דאָ איז געווען דערפאַרונג, וויסן און אויך גוטער שעפערישער ווילן. דער עלעמענט האָט זיך דאָך געהאַדעוועט ניט אויף דעם „קאַזיאָנעם״ רוסיש, נייערט אויף דער ליבעראַלער געזעלשאַפטלעכקייט פון די צאַרישע צייטן און זיי זיינען געווען אָנגעזעטיקט מיט די מוטערשפּראַך־לאָזונגען וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין רוסלאַנד.

שפּעטער זיינען געקומען די תלמידים פון דעם ווילנער יידישן לערער־סע־מינאַר און זיי האָבן פאַרנומען דעם הויפּט־אָרט אין די שולן ווי בכלל אין די יידישע שולן אין פּוילן.

* * *

אַ שווער, געמאַטערט לעבן געהאַט די שולן. קיין פּרייער גראָשן געלט צו צאָלן די לערער איז קיין מאָל ניט געווען, אָבער די הויפּט־צרה איז ניט דאָס געווען. אַן ערגערע צרה איז געווען די פּוילישע מלוכה מיט אירע יעזויטישע

שפּיצלעך, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן כּסדר מיט דער כּוונה אומצוּברענגען די שולן. איינער פון די יעזוּויטישע מיטלען פון דער רעגירונג איז געווען צו פּסלען די לערער פּאָליטיש: דער און דער איז פּאָליטיש ניט כּשר און ער קען ניט זיין מער קיין לערער. דאָ האָט די רעגירונג ניט געדאַרפט געבן קיינע באַווייזן, קיינע באַשלוסן פון געריכט — עס איז געווען געגוג אַ קליין בריוועלע, און לית דין ולית דיין, קיינע אַפּעלאַציעס זיינען אויף דעם ניט מעגלעך געווען. דער מאַנגל אין לערער האָט געדריקט די שולן ניט ווייניקער ווי די אָרעמקייט. און די לעצטע האָט אַלץ געהאַלטן אין שטייגן אויף אַ דאַנק דער פינצטערער אַנטיסעמיטישער רעגירונג, וואָס האָט אַלץ געהאַלטן אין איין טראַכטן ניט ווי צו בויען אַ געזונט פּוילן, נאָר ווי חרוב צו מאַכן דעם יידישן ישוב אין לאַנד.

דאָס פּסלען די לערער האָט אין לעצטן סך הכּול אויך געהאַט פאַר אונדז אַ מעלה. ווי זאָגן די רוסן: ניטאָ קיין שלעכטס אָן גוטס. און דאָס גוטס אין דער גזרה איז געווען אָט וואָס:

די יידישע לערער פון פּוילן האָבן זיך ניט געאיילט צו עמיגרירן, אַפילו ווען שולן אין אַמעריקע און אין קאַנאַדע האָבן זיי געמאַכט אַלע נויטיקע פּאַפּירן. איך האָב פאַר דער מלחמה געבעטן זיך ביי אייניקע געוועזענע תּלמידים פון סעמינאַר זיי זאָלן קומען קיין קאַנאַדע אין די יידישע שולן, און זיי פלעגן ענטפערן „כּל זמן מען קען נאָך דאָ אַרבעטן בלייבן מיר דאָ"... דער קדוש ראובן ליכט־שטיין, וואָס איז געווען אַזוי פרום אין זיין גלויבן ווי זיין טאַטע, דער רב אין מאַלאַ־ריטע — אין זיינעם, דער וואָס איז אומגעקומען אין ווילנע נאָך פאַר דער געטאָ דערפאַר וואָס ער איז געגאַנגען ניט אויף דעם פאַרוועג ווי יידן זיינען געווען געצוווּנגען, נייערט דווקא אויף דעם טראָטואַר ווי אַלע מענטשן און דערמיט האָט ער מקיים געווען די גמרא, אַז אין צייטן פון גזירות דאַרף זיך אַ ייד לאָזן אומברענגען (יהרג לא יעבור) אַפילו צוליב אַ שוך־בענדל, פאַר דעם קלענסטן מינהג. אָט דער זעלביקער האָט מיר אַ חודש פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה אַזוי געענטפערט: „די יידישע שולן אין פּוילן זיינען וויכטיקער איידער די יידישע שולן אין אַמעריקע". — די לערער האָבן ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון פראָנט.

אָבער ווען אַ לערער האָט פאַרלאָרן די מעגלעכקייטן צו זיין אַ לערער, ווייל די רעגירונג האָט אים געפּסלט, האָט דער בּלית בּרירה זיך געלאָזט עמיגרירן, — און אַ דאַנק דעם האָבן מיר אין די אַמעריקעס געקראָגן אַ צאָל געטרייע, איבער־געגעבענע און גוטע לערער. אָבער דאָס איז שוין ניט צו דער טעמע.

זאָלן די נאָטיצן זיין אַ זכר נאָך די שולן אין ווילנער פּראָווינץ, נאָך זייערע געטרייע און איבערגעגעבענע שולטוער און לערער. איך האָב די נאָטיצן געשריבן פון זכּרון ווי איינער וואָס האָט זיי אַ ביסל געקאָנט און עטוואָס אפשר אויך צוגעהאָלפן מן הצד. און ווידער, בין איך אָפּגעפאָרן פון ווילנע מיט אָן אַכט יאָר פאַרן חורבן. אָבער גאָט ווייס צי עס איז ערגעץ ווער פאַרבליבן עמיצער וואָס קען די שולן און ווייס מערער ער זאָל געבן אַ ברייטערן און אַ ריכטיקערן בילד.

אין ארץ ישראל

אין הארבסט 1932 זיינען מיר אנגעקומען קיין ארץ ישראל. דאכט זיך, אויף א פארטיקער ארבעט, אין דער אגריקולטור־שול „מקווה ישראל" לעבן תל אביב. אבער עס איז קענטיק, ניט באשערט מיר צו האבן רויקע ארבעט. האט זיך אנגעהויבן א קאמפאניע קעגן דעם געפערלעכן יידישיסט גאלאמב וואס קומט חרוב מאכן די העברעישע קולטור אין ארץ ישראל. אין דער פרעסע האט די מלחמת־מצווה קעגן מיר געפירט דער „דואר היום". דא זיינען געווען נאטיצן און ארטיקלען גאנצע אונטערגעשריבענע און מיט פסעוודאנימען. דער „דבר" האט זיך יא אנגענומען פאר מיר. אבער שטארק אנגאזשירן זיך האט ער זיכער אויך ניט געוואלט. דער „הארץ" איז געווען נייטראל. אבער נאך ערגער איז געווען דער קאמף קעגן מיר אין גאס. דא זיינען געווען קלאנגען און באבע־מעשיות. מען פלעגט אפילו טייטלען מיט א פינגער: אט גייט ער. ווי אן אנעקדאט קלינגט מיר איצט די מעשה, אז איך בין געקומען קיין ארץ ישראל געשיקט פון... קאמינטערן מיט א גרויסן געהאלט, מיט א דירעקטער אויפגאבע ארונטער־צורייסן די העברעישע קולטור... דעמאלט אבער איז עס פאר מיר געווען גארניט קיין אנעקדאט. געטראכט אנצוקלאגן דעם „דואר היום" אין געריכט פאר מאכן אויף מיר בילבולים, אבער דאס דארף קאסטן א סך געלט, אן אדוואקאט, אפצאל אין געריכט אליין, דארף קאסטן גאנצע צען פונט. ווו נעמט מען אזא סומע? די פארוואלטונג פון מקווה ישראל האט ניט געוואלט גיין קעגן דער עפנטלעכער מיינונג און האט זיך אפגעהאלטן פון אנשטעלן מיך אויף דער ארבעט. נאך ערגער איז געווארן די סיטואציע ווען דער לערער און שרייבער שלמה היללס האט געבראכט דעם גרוס אז אויך ביאליק אליין איז קעגן דעם גאלאמב זאל קריגן ארבעט אין מקווה ישראל... מיינע פריינד האבן דעם אנגריף אויף מיר איבער־געלעבט נאך מער ווי איך אליין, ווייל ווייט ניט אלץ האב איך געוווסט: מען האט זיך באמיט איך זאל ניט דארפן האבן אזוי פיל יסורים. זיינען געגאנגען דעלעגאציעס צו ביאליקן אים בעטן ער זאל ניט זיין אזוי שטרענג. איך האב שפעטער זיך דערוווסט אז מיין חבר און געטרייער פריינד יחזקאל הן (בארימטער לערער, דעפוטאט אין כנסת, געשטארבן מיט צוויי יאר צוריק), וואס ביאליק האט אים ליב געהאט, האט געוויינט אזש פאר ביאליקן. פון ירושלים איז מיין ברודער געפארן צו ביאליקן. שפעטער איז אויך געפארן מיין פריינד נאך פון די קיעווער צייטן בן ציון דינאבורג (שפעטער מיניסטער פון בילדונג) ... עס זיינען אריבער א פאר חדשים. עס איז געקומען פון אויסלאנד דער גביר און מעצענאט

יצחק ליב גאָלדבערג: געווען אַן אַלטער ידיד פון מיין פאָטער, האָט ער מעשה גביר אנגעקלונגען צו ביאַליקן: וואָס איז דאָס?! נאָך מער האָט געווירקט וואָס פון אַמעריקע האָט מען גענומען שרייבן וועגן דעם ענין. געווען דעמאָלט אַן אַרטיקל פון ניגערן אין „טאָג", געווען אַן אַרטיקל אין זשורנאַל „די וואָך". עס איז געווען א ווענדונג פון סיירוס אדלער דירעקט צו דער אגענטור אין ירושלים... בקיצור... עס לוינט זיך ניט צו האָבן א שטאַרקן טומל צוליב דאַרטן איין לערער... איז פאָרגעקומען איין מאָל אין א שבת־צונאַכט א קאָנפערענץ אין האָטעל סאַן רעמאָ אין תל אביב. מען האָט מיר אויך גערופן צו דער קאָנפערענץ. געפירט האָט זי דר' יוסף לוריע — דער אָנפירער פון דער בילדונגס־אָפּטיילונג פון דער אגענטור. פון מקווה ישראל זיינען געווען דער דירעקטאָר א. קרויזע און דער כימיקער וויניק, פון לערער־פאַרבאַנד איז געשיקט געוואָרן איינער אַן אומבאַקאַנטער יעקובי... פון שרייבער־פאַרבאַנד איז דאָ געווען דער דיכטער דוד שמעונאָוויטש, פון „דבר" איז געווען בערל קאַצענעלסאָן ע"ה. פון „הארץ" — געדענק איך ניט ווער עס איז געווען. דר' יוסף לוריע האָט זיך געפילט שלעכט, ווייל ער אַליין האָט דאָך אַמאָל אויך געזינדיקט: ער איז דאָך געווען דער רעדאַקטאָר פון „דער יוד", און פון „דאָס יידישע פאָלק", און פרומע העברעיסטן האָבן אים דאָס ניט געקאָנט מוחל זיין. דער שטאַרקסטער פּראָקוראָר קעגן מיר איז געווען דער פאַרשטייער פון די לערער, יעקובי. ער האָט אין זיין רעדע זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז איך קען אומברענגען אַלץ וואָס לערער האָבן אין צענד־ליקער יאָרן געשאַפן. דוד שמעונאָוויטש האָט דערציילט: ער קומט אַהער דירעקט פון ביאַליקן. ביאַליק האָט פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אַרויסגעקראָגן דעם נומער פון „ווילנער טאָג" מיט מיין אַרטיקל קעגן זיין רעפעראַט אין ווילנע וועגן די „20 שפּראַכן", און ער האָט געביטן זיין מיינונג: מען מעג, הייסט עס, גאָלאָמבן געבן א מעגלעכקייט צו אַרבעטן. דער לעצטער האָט גענומען א וואָרט בערל קאַצענעל־סאָן, און ער האָט אַלעמען געגעבן א חלק. איך געדענק זיין לאַנגע רעדע: וואָס מיינט איר? — ארץ ישראל איז פאַר ציוניסטן? ארץ ישראל איז פאַר יידן. איר ווייסט דאָך קיינער ניט וואָס אַזוינס גאָלאָמב האָט געשריבן. איך לייען אַלץ (אני עוקב — איך פאָלג נאָך — איז מיר געפעלן געוואָרן דער אויסדרוק) וואָס גאָלאָמב שרייבט, מיר זיינען אין ארץ ישראל ניט כדי צו מאַכן דיסקרימינאַציעס אויף יידן... וכדומה. ניט ווילנדיק האָט ער מיך געשטעלט צום סוף אין א פאַרלעגנהייט: ער האָט מיך געפרעגט: איר האָט געאַרבעט צוועלף יאָר מיט די בונדיסטן, — זיינען דען ביי אייך ניט געווען קיין חלוקי דעות? איך האָב אויף דעם געענטפערט: ווי וואָלט אויסגעזען ביי אייך אין די אויגן ווען איך וואָלט איצט פאַר אייך דאָ גענומען ריידן וועגן מיינע רייבונגען מיט בונדיסטן? ער האָט זיך באַלד פאַרריכט: ער האָט ניט געמיינט דאָס, ער מיינט בלויז, צי זיינען ניט געווען קיין אונטערשיידן אין שול־פּראָגראַמען צווישן בונד און מיר. אויף דעם איז מיר שוין געווען ניט שווער צו ענטפערן, אַז היות איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו הערן אַז ער פאָלגט נאָך אַלץ וואָס איך שרייב — ער האָט אפילו

ציטירט מיין פראזע „פון בית לחם ביז קאסרילעווקע" — ווייסט ער דאָך אַליין די פרינציפּיעלע אונטערשיידן צווישן מיין פּעדאַגאָגישן אני מאמין און דעם בונדישן, פּונקט ווי עס איז פאראן ניט קיין קלענערער אונטערשייד צווישן מיר און צווישן מיין איצטיקן שכן מר יעקובי... דערמיט האבן זיך געענדיקט די פראגעס צו מיר. איצט וועט די קאנפערענץ אליין באשטימען מיין גורל...

דעם חרם האָט מען אראפּגענומען. איך האָב שוין געקאנט אנהייבן ארבעטן. ניט חלילה אין דער שול־נעץ פון דער אגענטור, ניט פון דער הסתדרות, נאר אין מקווה ישראל וואס איז גאָר אפהענגיק פון דער חברה כל ישראל חברים (אליאנס איזראעליטא).

א גאנץ לעבן געהאט רדיפות: אין צארישן רוסלאנד בין איך געווען א רעוואלוציאנערער עלעמענט, פאר די קאמוניסטן שפּעטער בין איך געווען טריף ווי א קאנטררעוואלוציאנער, פאר דער פּוילישער רעגירונג בין איך געווען א ייד, פאר די אנפירנדיקע פּארטייען פון דער צענטראלער שול־ארגאניזאציע בין איך געווען צו פיל נאציאנאליסטיש, העברעיסטיש, רעליגיעז און ווייס איך וואס נאך. און אין ארץ ישראל בין איך געווען טריף ווי א יידישיסט... אזוי איז שוין מיר באשערט, קענטיק. אבער לאמיר זיך ניט קלאגן.

דערווייל איז אין דער ארבעט געווען גענוג שוועריקייטן: איך האָב געדארפט לערנען זאאלאגיע און באטאניק אין אן אגריקולטור־שול. און די גאנצע נאטור פון לאנד איז מיר געווען לחלוטין פרעמד. איך אליין האָב זיך געמוזט נעמען לערנען די פלארע און די פאונע פון ארץ ישראל. דער עלעמענט תלמידים איז דאָ געווען גאָר אַן אַנדערער: א ביסל סאַברעס, מערער — פון די מזרח־עדות, בחורים פון גריכנלאנד, פון סאלאניקי, זייער ווייניק פון פּוילן, פאר מיר — א פרעמדער עלעמענט. די באציאונגען צווישן תלמידים און לערער — גאר אנדערע, די תלמידים האָבן כסדר טענות — מען גיט זיי שלעכט עסן, שלעכטע קליידער, מען עקספּלאאטירט זיי ביי דער ארבעט, געווען באשטימטע טראדיציעס פון צו להכעיס מצד די תלמידים. אין די צימערן פון אינטערנאט דארף יעדער תלמיד היטן זיינע טשעמאדאנעס, שאפקעס מיט בעסערע שלעסער: געווען אזא ספּאָרט ביי תלמידים — אלץ און אלע האָבן געדארפט היטן. אז מען פלעגט פירן א וואגן מיט קעסטלעך מאראנצן, פלעגט פון הינטן רייטן אַ שומר... און געווען צווישן די תלמידים אפט זייער אינטערעסאנטע בחורים, טיף ערנסטע. אבער טראדיציעס בלייבן טראדיציעס... דער אינטערעס אין די לימודים איז געווען א ריין פּראקטי־שער, אלגעמיינע ביאלאגישע פּראבלעמען האָבן א סך ווייניקער אינטערעסירט, — האָב איך זיך שווער איינגעלעבט אין דער אַטמאָספער, הגם מיט די לערער זיינען מיר געווען זייער פריינדלעך. מיר האָבן געהאט אונדזער דירה קעגן די צימערן פון אינטערנאט. אכט אזייגער אין אוונט פלעגט מען לעשן דאס ליכט, כדי די תלמידים זאלן קענען אויפשטיין פאר טאג צו דער ארבעט: זעקס אזייגער פלעגט מען שוין גיין צו דער ארבעט. מיך פלעגט אבער שאקירן דאס לשון

פון די תלמידים אין זייערע פינצטערע צימערן: אַזוינע גראָבע רייד איז שווער געווען צו הערן אין ווילנע אויפן פישמאַרק. און דערצו איז עס געווען אויף העב־רעיש מיט א צומיש אויף אַלע שפּראַכן אין דער וועלט... דאָס איז אויך געווען א ספּאָרט אַזאַ. געווען דאָרטן איין ווילער בחור, א זון פון א רב אין אוקראַינע, וואָס איז אומגעקומען אין די פּאָגראָמען. ער האָט אויך געהאַט א ברודער א רב. ער פלעגט אָפט אַריינקומען פריוואַט צו אונדז, און איך האָב אים שטאַרק ליב געהאַט פאַר זיין אינטעליגענץ און וויסנשאַפטלעכע אינטערעסן. אָבער ביי־נאַכט פלעגט זיך הערן זיין מענה־לשון, אַז עס פלעגט נעמען עקלען. האָב איך אים געפרעגט: ווי קומט עס צו דיר? דו שעמסט זיך גאָרניט פאַר די קעבינס וואָס וווינען אַנטקעגן און זיי הערן דיין „לשון נקיה"? האָט ער מיר געענטפערט: מיין טאַטע איז געווען א רב, דורות רבנים, אַלץ מיטן ספר, וויל איך ניט מער, וויל איך זיין א פויער, מיט אַלע פויערים צוגלייך, אין פערדשטאַל און אין קושטאַל — דאָרט איז איצט מיין אָרט, ניט קיין בית מדרש... אַזאַ מין פּראָ־טעסט, הייסט עס. מיר פלעגן אין די שבתים און פרייע טעג אַסך שפּאַצירן, איך האָב אָבער די טעמע ניט אָנגערירט... אחוץ אַלעם איז מיר אויך שווער געווען דאָס אָפּ־רייסן זיך פון דער גאַנצער סביבה און קרייז אינטערעסן, וואָס מיט זיי האָב איך געלעבט מיין גאַנץ פריערדיק לעבן. איך פלעג שיקן אַרטיקלען אין די „ליטעראַרישע בלעטער", אין די „פרייע שריפטן", אָבער אַלע מאָל מיט א פּסעוודאָנים עפּעס. גוטע פריינד און חברים וואָס האָבן געוואָלט איך זאָל זיך וואָס גיכער איינלעבן אין ארץ ישראל, האָבן מיך געבעטן און געוואָרנט, איך זאָל איבעררייסן מיט דער פּעריאָדיק אין יידיש. כ'דערמאָן זיך ווי מיין ליבסטער חבר כאַצקל הן, וואָס זיין פּריצייטיקן טויט באַוויין איך ביז היינט, האָט איין מאָל מיך געמוסרט: מיינסט, מיר ווייסן ניט, אַז דו האָסט ניט איבערגעריסן מיט דעם גלות? —לאָז זיי דאָרטן זשיפּען. וואָס אינטערעסירן זיי דיך? דו ביסט שוין א היגער, ניט אין גלות... און דערפאַר האָט מען צו דיר ניט קיין צוטרוי... איך פלעג קומען אין די קרייזן פון די לינקע פּועלי ציון. קיין סך נחת איז דאָ אויך ניט געווען. לאָמיר דערמאָנען דאָ אַן עפּיזאָד. איין פרייטיקצונאַכט איז געווען א יידישע פאַרזאַמלונג אין זאָל יאשא חפץ — דער איינציקער זאָל אין תל אביב, וווּ מען פלעגט דערלויבן צו מאַכן א פאַרזאַמלונג אויף יידיש. אין מיטן דער פאַרזאַמלונג איז מיט איין מאָל געוואָרן פינצטער: מען האָט פון דרויסן איבערגעריסן דעם שטראָם און דורך די פענצטער וואָס צו דער גאַס (אַלענבי) האָבן גענומען פליען שטיינער... באַלד איז אָנגעקומען פּאָליציע, מען האָט טאַקע געמאַכט צוריק ליכטיק, אָבער די פאַרזאַמלונג האָט מען געהייסן איבעררייסן. ווען איך בין אַראָפּ אין גאַס האָבן שפּאַצירט גרופּקעס יינגלעך, מיידלעך, גימנאַזיסטן, מען האָט פריידיק, מיט א געלעכטער זיך באַרימט מיט דעם אויפטו. איך שעם זיך צו דערציילן: די קני זיינען ביי מיר געווען אַזוי שוואַך און אין די אויגן זיינען געשטאַנען טרערן: אין פּוילן ביי אָנפאַלן פון פּוילישע כוליגאַנעס פלעג איך פילן כעס און האַס און פּשוטע מורא. דאָ איז

עס געווען וויטאַק, כאָטש לייג זיך אין מיטן גאַס און שריי ביז דאָס האַרץ זאָל פּלאַצן...

א צווייט מאָל האָב איך געהאַט אַן ענלעכע איבערלעבונג. אין 1934 אַרום שבועות האָט דער יוגנט־דאָרף בן שמן געמאַכט א גרויסן צונויפפאָר אונטערן נאָמען „אל הכפר" צום דאָרף, הייסט עס. זיינען זיך צונויפגעקומען טויזנטער יוגנטלעכע, מען האָט גענעכטיקט איןביידלעך אויף די פעלדער. דריי טעג האָט עס געדויערט. עס זיינען געווען רעדעס, מוזיק, געזאַנג און צווישן אַנדערע — טענץ פון אַלע פעלקער אין דער וועלט אין זייערע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען. איך בין געזעסן און געוואַרט אויף עפּעס א יידישן טאַנץ אויך, אָבער דאָס איז ניט געווען. ווען מען האָט גענומען טאַנצן א קראַקאָוויאַק, און איך האָב דערזען די פּוילישע מלבושים, האָט איך שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן. כ'האָב א שלעפּ געטאָן מיין חבר הן: קום, איך וועל דאָ דערשטיקט... אויפן וועג צום אויטאָבוס באַגעגנט אונדז א באַקאַנטער ציוניסטישער אַרבעטער־טוער; עס קומט פאָר צווישן אונדז א קורצער שמועס:

— נו, וואָס זאָגט איר איצט גאַלאַמב?

— כ'בין אַנטלאָפן פון פּוילן און פון די טייערע פּאַליאַקן ניט כדי צו זען פּוילישע טענץ אין ארץ ישראל, אפשר וואָלט מען אָנשטאָט דעם געגעבן א יידישן טאַנץ?

— איר זייט א שונא ציון, גאַלאַמב!

— און איר זייט א שונא ישראל!...

אויף דעם האָט זיך אונדזער שמועס איבערגעריסן...

נאָך צוויי יאָר אַרבעט אין מקווה ישראל, וואָס איך האָב פון זיי ניט געהאַט קיין הנאה און די תלמידים, מסתמא, נאָך ווייניקער, בין איך אַריבער אין דעם יוגנט־דאָרף בן שמן. דאָ האָט מיין פרוי געקראָגן אויך אַרבעט ווי א לערערין אין פּאָלקשול, און זי האָט אַזוי אַרום צוריק געקראָגן אירע אינטערעסן. אין משך פון די פינף יאָר וואָס זי האָט געפירט איר קלאַס, איז איר אַרבעט באַרימט געוואָרן אין לאַנד, לערער פלעגן קומען אַליין אָדער געשיקט פון דער הסתדרות צו זען, זיך צוצוקוקן צו דעם גאַנג פון דער אַרבעט אין דעם קלאַס. א גרויסער חסיד פון איר אַרבעט איז געווען דער באַקאַנטער אין לאַנד פּעדאַגאָג יהושע מאַרגאָלין, דער גרינדער פון דעם ביאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין תל אביב, וואָס די קינדער אין לאַנד פלעגן אים רופן הדוד יהושע. עס זיינען אָבער אויך געווען קאָנפליקטן: זי האָט מיט די קינדער געלערנט דערציילונגען פון פרץ, פון רייזען (פאַרשטייט זיך, אַז אין העברעיש!). איבערהויפּט האָט א גרויסן פוראָר ביי די קינדער געהאַט שלום עליכם מיט זיין „מאָטל בן פּייסי החזן". האָבן דאָס אַנדערע לערער ניט געקאָנט פאַרטראָגן: את כל הגלות מכניסים לכאן (דעם גאַנצן גלות פירט מען אַריין אַהער). ווער איז ער

אזוינער דער מאָטל? איז ער געבאָרן אין א קיבוץ, צי אין א קבוצה? וכדומה נאָך אזוינע רייד. אזוי ווי די קינדער האָבן דאָך געוווינט אין דאָרף און זיי האָבן זיך געמישט כסדר מיט די גרויסע, האָבן זיי געהערט די מיינונגען. האָט איין תימנער נייניאָריקער בחור געפסקנט: „איש אשר אינו אוהב את מאָטעלע, אסור שיהיה מורה" (א מענטש וואָס האָט ניט ליב מאָטעלען טאָר ניט זיין קיין לערער). דער ענין איז געקומען צו די זיצונגען פון פּעדאַגאָגישן ראַט. דאָ האָט איין לערער — א סאַברע, הייסט א באַקאַנטער שרייבער און דעפּוטאַט אין כנסת — א זאָג געטאָן בוכשטעבלעך דאָס ווייטערדיקע: „מספּיק עם הסיפּורים המסריחים של פּרץ ושל שלום עליכם" (גענוג מיט די שטינק... דערציילונגען פון פּרץ און פון שלום עליכם). מיין פרוי האָט אויף דעם געענטפערט אַז מיט עמי ארצים האָט זי ניט וואָס צו ריידן און איז געקומען אהיים א וויינענדיקע. די זאַך איז דערגאַנגען ביז צום דערציאונגס צענטער פון דער הסתדרות (מרכז לחינוך), עס איז געקומען דער אינספּעקטאָר (משה אהרון בייגעל — איצט מ. אביגיל). ער האָט ערנסט שטודירט די אַרבעטן פון די קינדער אויך די טעמעס, ער האָט געפירט א שמועס מיט די קינדער, — און, א דאַנק גאָט, ער האָט געפסקנט אַז מען מעג, מען מעג אין א העברעישער שול לערנען דערציילונגען פון פּרץ און פון שלום עליכם. דער קלאַס האָט געשמט אין גאַנץ ארץ ישראל ווי א מוסטער־קלאַס. יעדן יאָר האָט דער קלאַס געהאַט אַן אויסשטעלונג אין תל אביב. לערער פלעגן קומען און לייענען די אַרבעטן פון די קינדער. אַז מיין פרוי האָט געהאַלטן ביים אַפּפאָרן פון ארץ ישראל האָט מאַרגאַלין ע"ה געהאַלטן אין טענהן מען זאָל זי ניט לאָזן אוועקפאָרן.

מיר איז אויך די אַרבעט אין בן שמן געווען א סך מער צום האַרצן. איך בין שוין געווען א גאַנצער ידען פון דער נאַטור אין לאַנד, די תלמידים זיינען דאָ געווען אָרגאַניזירט אין אַן אַליין־פאַרוואַלטונג. די באַציאונגען זיינען געווען גאָר אַנדערע, קיין דיסציפּלין־פראַגן און קיינע שוועריקייטן, — פאַרקערט איז זייער גרינג געווען צו אָרגאַניזירן פרייוויליקע אַרבעטן מחוץ דער פּראָגראַם. דאָ האָב איך אין א פּאָר אוונטן א וואָך געפירט צוויי קרייזן: א שלום עליכם־קרייז און א פּרץ־קרייז. געווען א גוטער אינטערעס. עטלעכע קינדער פון דער עליה פון דייטשלאַנד, וואָס האָבן נאָך ניט געקענט גוט קיין העברעיש האָבן די ווערק אויסגעשריבן אין דייטש... עס איז געווען א גוטע שטימונג. איין דירעקטאָר פון א גרויסער שול אין תל אביב האָט מיך אַמאָל געפרעגט: ער פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס זיין דערוואַקסענע טאָכטער וואָס איז געווען א תלמידה ביי אונדז אין בן שמן האָט מיט אַמאָל געבעטן אַז צו איר געבוירן־טאָג זאָל מען איר קויפן די גאַנצע אויסגאַבע פּרץ אין העברעיש. דאָס ערשטע מאָל זעט ער ווי א יונגע סאַברא זאָל האָבן אַזא אינטערעס. קיין יידיש אין דער אַרבעט האָט פאַרשטייט זיך ניט געטאָרט געהערט ווערן... מערניט איין מאָל האָבן קינדער און אויך חברים לערער געבעטן מיך איך זאָל לייענען עפּעס פון שלום עליכם אין יידיש. איך

האָב געלייענט „חוה". דאָך האָבן ניט געפעלט קיין שוועריקייטן אויף דעם געביט.

אין 1934 איז איין מאָל געקומען קיין בן שמן די באַקאַנטע פּעדאַגאָגין און שרייבערקע דר' פאַניע שאַרגאָראָדסקי. זי האָט אַן ענין צו מיר: אין א וויכטיקער אָרגאַניזאַציע אין תל אביב האָט מען נעכטן באַהאַנדלט די פראַגע, ווי קען מען דערלאָזן אַז אַ משפחה פון לערער זאָל מיט זייער קינד ריידן יידיש? עס האָט געהאַלטן דערביי מען זאָל שיקן צו מיר זייער א שטרענגען מענטשן, וואָס זאָל מיר דראָען. כדי אויסצומיידן די שוועריקייטן פאַר מיר, האָט זי גענומען די שליחות אויף זיך. אָבער איך דאַרף וויסן אַז אַלע שיכטן זיינען שטאַרק בייז אויף מיר: מען קען ניט פאַרשטיין ווי עס קענען א פּאָר לערער אין ארץ ישראל וואָגן צו ריידן מיט זייער קינד יידיש. פאַראַן אַזוינע וואָס לייגן פאָר פשוט מען זאָל ביי אונדז צונעמען די אַרבעט, און זי ווי א גוטער פריינד עצהט אונדז מיר זאָלן ניט רייצן די גאַנצע באַפעלקערונג און לאָמיר מיט אונדזער זון איבער־גיין צו ריידן העברעיש... ווי זי האָט זיך באַמיט צו ריידן געלאַסן, איז דאָך איר שטים געווען גאַנץ הילכיק. ווי מיר האָבן זיך געפילט פון דער רעדע איז גרינג צו פאַרשטיין, איך האָב איר געענטפערט שטאַרק פאַרביטערט: מען קען צו אונדז האָבן טענות ווען מיר טוען עפּעס אין אונדזער אַרבעט, אָבער אין אונד־זער פּריוואַטן משפחה־לעבן דאַרף קיינער זיך ניט מישן. איך האָב גערעדט זייער לאַנג און זייער פאַרביטערט, ניט אויסגעמיטן צו דערמאָנען די אינקווי־זיציע וכדומה... דערווייל האָט דער אויטאָבוס קיין תל אביב מער ניט געקאָנט וואַרטן אויף איר, האָב איך גלייך נאָך איר אוועקגעפאָרן איר אָנגעשריבן א לאַנגן בריוו, זיין אינהאַלט געדענק איך ניט. דערמיט האָט זיך די אַקציע קעגן מיר געענדיקט. דר' וויינרייך וואָס איז שפּעטער געווען אין ארץ ישראל האָט מיר איבערגעגעבן, טאַקע אין דר' שאַרגאָראָדסקיס נאָמען, אַז זי איז אַרויס פון דער אָרגאַניזאַציע אונטער דעם איינדרוק פון מיין בריוו. וואָסער אָרגאַניזאַציע דאָס איז געווען, ווייס איך ביז היינט ניט, מסתמא עפּעס פון דעם מין „מגיני השפה".

אויך די אַרבעטער און פריינד פון דאָרף גופא האָבן אויף אונדז געקוקט קרום. אַז מען פלעגט פרעגן מיין פרוי, — ביז וואַנען וועלן מיר אונדזער קינד רופן מיט גלותדיקן נאָמען בערל, פלעגט זי ענטפערן — ביז בערל קאַצענעלסאָן וועט ניט בייטן זיין יידישן נאָמען. צו מיר פלעגט מען אַזוינע פראַגעס ניט שטעלן. איין מאָל נאָר האָט מיר אַן אַרבעטער פון דאָרף געפרעגט: ביז וואַנען וועט איר ריידן „זשאַרגאָן"?

— וואָס, עס טוען אייך ווי די אויערן? האָב איך געענטפערט מיט א פראַגע.

— ניט די אויערן, דאָס האַרץ טוט וויי, האָט ער מיר געענטפערט. דער ענט־פער האָט אויף מיר געווירקט, איך זאָל אויסמיידן אין דער עפנטלעכקייט צו ריידן צום זון. אָבער קיין אַנדער שפּראַך ווי יידיש האָבן מיר מיטן קינד ניט גערעדט.

דער זון האָט געפילט און ניט געוואָלט זיין אַנדערש פון אַלע קינדער. מיט אונדז האָט ער קיין מאָל ניט געפּרוּווט און ניט געהאַט קיין טענות, אָבער מיט זייטיקע מענטשן האָט ער ניט געוואָלט ריידן קיין יידיש. איך דערמאָן זיך מיינע אַ דיסקוסיע מיט אים ווען ער איז געווען אַ זעקס יאָר אַלט: ער וויל ניט זיין אַנדערש פון אַלעמען. דאָס וואָס אין דער וועלט זיינען דאָ מיליאָנען יידן וואָס ריידן יידיש אַ סך מער ווי די וואָס ריידן העברעיש, איז פאַר אים ניט מאַסגיביק, — ער איז אַ ארץ ישראלדיקער און במילא אַ העברעישער יינגעלע... אָבער מיט טאַטע־מאַמע האָט ער קיין מאָל ניט געהאַט קיין טעות אָנצוהייבן ריידן ניט יידיש. און מען דאַרף געדענקען אַז ער איז געווען אין דעם העברעישן אינטערנאַט פון דאָרף, פלעגט לערנען און עסן מיט אַלע אַנדערע קינדער. מיט אונדז פלעגט ער זיין כמעט נאָר אַ שעה אין טאָג. פון דעם האָבן מיר געלערנט די וויכטיקייט פון דער אויסגעהאַלטנקייט פון די עלטערן בנוגע צו דער שפּראַך. ווען עלטערן קלאָגן זיך, אַז די קינדער ווילן זיי ניט ענטפערן אין יידיש, איז עס אַלע מאָל די שולד פון די עלטערן. אָבער דאָס געהערט שוין ניט צו אונדזער היינטיקער טעמע. דאָס איז ניט געווען דער לעצטער פאַל, מען זאָל פּרוּוון צווינגען דעם אומהיילבאַרן יידישיסט. איין מאָל רופט מיך אַריין דר'. ז. ליימאַן דער גרינדער און פירער פון דעם יוגנט־דאָרף און ער ווייזט מיר אַ בריוו פון אַן אָרגאַניזאַציע, דאַכט זיך „למען השפה העברית”: (געניי געדענק איך ניט) היות ווי זיי האָבן געקראָגן באַגלויבטע אינפאָרמאַציעס אַז אין דאָרף איז פאַראַן אַ לערער וואָס פירט יידישיסטישע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, האַלטן זיי פאַר נייטיק צו וואָרענען אַז זיי וועלן אָננעמען שטרענגע מיטלען אויב דער דאָזיקער לע־רער וועט ניט באַזייטיקט ווערן... ליימאַן האָט מיך געבעטן איך זאָל אָנשרייבן דעם ענטפער. דער ענטפער איז געווען בערך אַזוי: אונדז פאַרדריסט וואָס אַזאַ ערנסטע אָרגאַניזאַציע ווי אייערע פאַרנעמט זיך מיט נאַרישע בילבולים... נאָך ערנסטער איז געווען דער לעצטער פאַל. דער יוגנטדאָרף וואָס איז געווען אַ פּאַרזיכיקע אינס־טיטוציע, האָט געוואָלט אַריינגענומען ווערן אין דער נעץ פון די הסתדרות־שולן, בראש פון דעם דערציונגס־צענטער (מרכז לחנוך) איז געשטאַנען דער באַקאַנטער טוער ש. יבניאלי. איין מאָל קריג איך אַ בריוו איך זאָל קומען אין צענטער. צו דער באַשטימטער צייט בין איך געווען דאָרטן. דער אינספּעקטאָר בייגעל האָט גלייך גענומען דעם מאַנטל און איז אַוועק. „ער מוז ערגעץ גיין” האָט ער געענטפערט יבניאלן אויף זיין פראַגע. שפּעטער, פון שמועס האָב איך פאַרשטאַנען: בייגעל האָט דאָך צוזאַמען מיט מיר געלערנט אין גראָדנע, מיר זיינען געווען אויך פּריוואַט חברים, איז אים געווען ניט אָנגענעם בייצוזיין ביים שמועס. דער קורצער זינען פון שמועס איז געווען, אַז דער מרכז לחינוך קען ניט אַריבערנעמען אין זיין שולנעץ די אַגריקולטור־שול כל זמן זי האָט אַ לערער, וואָס איז ניט קיין ציוניסט, וואָס רעדט מיט זיין זון יידיש וכדומה. די פראַגע איז נאָך דעם אַריבער צום עקזעקוטיוו (ועד הפועל) פון דער הסתדרות. דאָ איז

מען געווען מילדער און מען האָט געפּסקנט לקולא: מען מעג יאָ אַריינגעמען די שול אין נעץ מיט מיר אפילו...

ממש אַן אנעקדאָט איז אַרויסגעקומען נאָך דעם קולטור־צוזאַמענפאָר אין פּאַריז ווען עס האָט זיך געגרינדעט דער איקוף. דאָרטן האָבן זיי אַן מיין וויסן אַריינגעשטעלט מיין נאָמען ווי אַ פאָרשטייער אין ארץ ישראל צוזאַמען מיט דעם נאָמען פון זרבבל. דערצו איז גלייך נאָך דעם צוזאַמענפאָר געקומען קיין ארץ ישראל לייוויק און ער האָט געהאַט גאָר אַ געהויבענעם קבלת פּנים מצד דער הסתדרות: — קבלת פּנימס, לעקציעס איבערן גאַנצן לאַנד און דווקא גוט באַזוכטע. דאָס איז ניט געפעלן געוואָרן די שטרענגע העברעיסטן. יענעם פּריי־טיקצונאַכט, ווען עס איז אויסגעפאַלן לייוויקס לעקציע אין מוגראַבי־טעאַטער אין תל אביב איז דער טעאַטער געוואָרן פול אַ צייט פאַרן אָנהייב. מיטגלידער פון „פּועל" האָבן געמוזט היטן דעם אַריינגאַנג פון דעם עולם וואָס האָט אין געדיכטע מאַסן געשפּאַרט אין זאַל אַריין. האָבן די רעוויזיאַניסטן אויף דער גאַס, אויף דעם מוגראַבי־פּלאַץ איינגעאָרדנט אַ דעמאָנסטראַציע מיט אַ פּויק־אָרקעסטער מען זאָל אינעווייניק אין זאַל ניט קענען הערן די רייד... עס איז געווען אין „אוהל שם" איינגעאָרדנט שפּעטער אַ פאַרזאַמלונג וואָס האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם פאַראַד וואָס מען מאַכט דאָ פאַר יידיש, ווייל לייוויק איז דאָך געקומען ווי אַ חשובער אַנטיילנעמער פון דעם צוזאַמענפאָר פאַר יידישער קולטור אין יידיש. פאַרבייגייענדיק האָט מען שוין אויך אַ שמיר געטאָן דעם „הסתדרות־טוער א. ג. (ניט אָנגעגעבן דעם גאַנצן נאָמען) וואָס איז אַ טוער אין הסתדרות און איז געפאָרן אויף דעם יידישיסטישן קאָנגרעס... דער „דבר" האָט דעמאָלט געגעבן אַ נאָטיץ אַז דער טוער אליהו גאָלאָמב איז ניט געפאָרן קיין פּאַריז, און די איניציאַלן א. ג. קענען דאָך מיינען אלחנן גאַרדאָן, צי אַלטער גאָטליב, כּאָלע וויפל יידן עס האָבן געמען מיט די איניציאַלן?... מיין נאָמען האָט מען ניט אָנגעוויזן... אַט אַזוי האָט מען די גאַנצע צייט ניט געהאַט צו מיר קיין צוטרוי. ווען אַ גרופּע לערער אין תל אביב האָבן געוואָלט עטלעכע לעקציעס מיינע וועגן דעם לערנען נאַטור־וויסנשאַפט, האָט דער מרכז לחינוך ניט געוואָלט אָרגאַני־זירן, עס איז געגאַנגען ווי אַ פּריוואַטע זאַך פון עטלעכע לערער. מיך האָט דער שטילער חרם שטאַרק געדריקט, הגם אין פּריוואַטן לעבן האָבן אונדז ניט געפעלט קיין פריינד און אין בן שמן האָט מען זיך צו אונדז צוגעוווינט, מען האָט מיך אַפילו געמאַכט פאַר דעם „ראש השופטים" (דעם עלטסטן ריכטער) אין דאָרף, אָבער דאָס זיין דערוויטערט פון אַלגעמיינעם קולטור־לעבן איז געווען שווער. עס איז אויך געווען שווער זיך צו פילן אָפּגעריסן פון דער גאַנצער פריערדיקער סביבה און פון אַלע פריערדיקע אינטערעסן פון דער וויכטיקסטער תקופה אין מיין לעבן. קיין דירעקטע פאַרבינדונג מיט דער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע האָב איך ניט געהאַט. אָבער די גרוסן וואָס איך האָב יאָ געהאַט זיינען ניט געווען קיין פריילעכע. די פּאָלאַניזאַציע איז געגאַנגען פאַרויס. מיין זון וואָס איז מיט זיין מאַמען געפאָרן אין 1937 קיין ווילנע און קיין וואַרשע צוגאַסט,

האָט כמעט ניט געקאָנט געפינען קיין קינדער אין זיין עלטער וואָס זאָלן ריידן יידיש, די שטיקנדיקע האַנט פון דער פאַשיסטישער רעגירונג איז אַלץ געוואָרן פרעכער, יידישע לערער אין פוילן האָבן זיך דערטראַכט ביז צו דעם געדאַנק, אַז אין די יידישע שולן דאַרף מען לערנען נאָר די געשיכטע פון יידן אין פוילן. איך האָב פון ווייטן אין דעם איינגעזען אַ נייגונג צו האַלטן די פאַרבינדונג מיט פוילן וויכטיקער ווי מיט דעם גאַנצן יידישן וועלט־פאָלק. מיין פרוי וואָס האָט זיך געריסן צו פאָרן כדי זיך „אַנצוהערן מיט יידיש, כאַטש אויף דעם האַלצמאַרק", האָט ניט אויסגעהאַלטן די באַשטימטע צייט און איז אַנטלאָפן פון פוילן מיט צוויי וואָכן פריער ניט געזעגנטערהייט. שוין אין באַן פון טריעסט ביז וואַרשע האָט זי ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם אויסגעוואַקסענעם אַנטיסעמיטיזם און די דערשלאָגנקייט פון די יידישע פאָרער. זי איז געקומען צוריק אַ פאַרברענטע חסידה פון א״ץ ישראל.

ניט געקוקט אויף די פאַרשיידענע פערזענלעכע שוועריקייטן האָבן מיר זיך שטאַרק צוגעבונדן צו ארץ ישראל: איז געווען גוט צו גיין אָפּט איבער די גאַסן פון תל אביב נאָך האַלבער נאַכט און ניט מורא האָבן — ניט פאַר הינט און ניט פאַר צווייפיסיקע אַנפאַלערס; עס איז געווען גוט צו פילן און צו טראַכטן אָפּט — אַלץ וואָס דו זעסט אַרום און האָבן געשאַפן יידישע הענט, יידישע מוחות; דו גייסט, דו טרעטסט אויף טראָטואַרן, דו עפנסט אַ טיר — אַלץ נאָר יידישע הענט; עס איז געווען גוט צו... פאַרגעסן אַז עס איז ערגעץ ווו דאַ אַ יום טובדיקער זונטיק אַרויפגעצוווּנגען אויף דיר; עס איז געווען גוט אָפּשטעלן זיך אין מיטן גאַס שמועסן מיט אַרבעטער וואָס גיסן הייסן אַספאַלט און ענטפערן דיר מיט אַ יידישן וויץ אויף דיינעם אַ וויץ; עס איז געווען גוט צו פאָרן אין אויטאָבוס און הערן זאַפטיקע וויצן פון יידישן שאָפער; עס איז געווען גוט צו זען פרייטיק פאַרנאַכט אַרבעטער אין אַרבעטס־בגדים איילן זיך אַהיים אויף צווייערדער און איטלעכער האַלט אין האַנט בלומען לכבוד שבת; עס איז געווען גוט צו גיין שפּעטער דורך דער שבתדיקער גאַס, זען דורך אַלע פענצטער די שבתדיקע ליכט, הערן אין גאַס דעם מפטיר דורך דעם ראַדיאָ... עס איז געווען אַ סך זאַכן גוט, וואָס אַנדערשוו קען מען עס ניט פילן. עס איז פאַראַן אויף דעם אַ פסוק „בתוך עמי אַני יושב". דאָס איז אַ גרויס געפיל. ניט אַלע קענען עס פאַרשטיין.

זיכער האָבן אונדזערע עלטערן געקאָנט נאָך מער שאַפן: לעבן אין אַן אָרום וואָס איז אין גאַנצן פרעמד און דאָך זיך שאַפן אַ היים, אין גאַנצן אַנדערש ווי דער גאַנצער אַרום. יעדער יידישער שטוב איז געווען ווי אַן אינדזל אין אַ ים. האָט דער ייד כאָטש אַן איינזאַמער, פאַרוואָרפן צווישן גויים, דאָך געקאָנט קוקן אויף דער גאַנצער וועלט אַרום און אַפילו אויף דער אַרומיקער נאַטור נאָר מיט אַנדערע אויגן, זען די גאַנצע אַרומיקע וועלט אין יידישע קאָלירן; האָבן דאָך פאַר דעם איינציקן יידן אין אַ גרויסן דאָרף, אין אַ פרעמדן גויישן

אָרום פּריטיקצונאַכט אפילו די קלויסטער־גלאָקן געקלונגען גאָר אַנדערש, שבתדיק... דאָס איז געווען אַ היים, אַ יידישע היים, מערער — אַ יידישע וועלט של מעלה. האָבן יידן אין ארץ ישראל אָראָפּגענומען די יידישע וועלט של מעלה און איר אָנגעטאָן אַלע מאַטעריעלע חנען. די וועלט פון כולו רוחניות ווי זי איז געווען ביי יידן דורך דורות אין גלות האָט געקראָגן איר גשמיות... ביי אונדז אין די אויגן האָט די יידישע גשמיות געקראָגן איר חן, זי איז אונדז געוואָרן ליב, אָנגענעם, טייער.

אפילו צו ליגן אַ האַלבע, צי אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ ביקס ערגעץ אין אַ ווינקל און היטן דאָס דאָרף פון אַן אָנפאַל האָט אויך געקראָגן אַ זינען, אַ חן. דאָס האָט געצויגן און כמעט אַז עס איז געווען זיכער אַז אַזוי וועט מען שוין בלייבן לעבן אין דעם יידישן לאַנד הגם ביי דער זייט פון לעבן, בצדי הדרכים, הגם כמעט ווי אָפּגעזונדערט. אין דער זעלביקער צייט זיינען געווען כשרע ציוניסטן וואָס האָבן זייער אָפּט געהאַט אַ לוסט אַרויסצוכאַפּן זיך קיין חוץ לארץ. איינער פון זיי האָט מיר געזאָגט, אַז כאָטש צוויי מאָל אין יאָר מוז ער אַרויספאָרן פון ארץ ישראל זיך אָפּטונקען אין דעם גלותדיקן ים מיט יידן... דאָס איז אויך זייער פאַרשטענדלעך פאַר אַ יידן וואָס איז אויסגעבונדן אין דער יידישער יידיש־קולטור, ער זאָל דאַרפן פון צייט צו צייט בייטן די אַטמאָספער. דאָס דווקא האָט מיך ניט געדריקט: אַ יושב אוהל, לייען און שרייב, האָב איך געהאַט די יידישע וועלט אין זיך... געדריקט האָט אָבער דאָך די איינזאַמקייט, די פאַרשטויסנקייט. און אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט צו פאָרן אויף אַ צייט קיין קאַנאַדע, האָב איך גערן אָנגענומען. עס איז בפירוש געווען אַ „ויחד": עס האָט זיך געוואָלט אַרויסגיין פון דער פאַרשלאָסנקייט און עס האָט זיך גאָר ניט געוואָלט שיידן מיט ארץ ישראל. עס איז געווען פאַרקערט ווי עס איז ביי אַ סך פּאַטענטירטע ציוניסטן וואָס עס דערעסט זיי דורכויסיקע יידישקייט אין ארץ ישראל, און דערפאַר ווילט זיך זיי פאָרן אין דער „גרויסער וועלט אַריין". אָט די „גרויסע פרעמדע וועלט" האָט מיך לגמרי ניט געצויגן. איך בין דאָך קיין מאָל ניט געווען היימיש אין אָט דער פרעמדער וועלט, און איך האָב ניט געבענקט נאָך איר. ווען איך פלעג שפּעטער גיין אויף די גאַסן פון וויניפּעג, קאַנאַדע, פלעגט מיר אָפּט קומען אין קאָפּ אַ פסוק פון תנ"ך „ואתה על אדמה טמאה תמות"... איך פלעג מורא האָבן טאָמער קומט שוין אויס צו בלייבן אָט אַזוי אין דער „פרעמד". איין זאַך: אַז איך האָב באַקומען אַ שיפס־קאַרטע צו פאָרן דורך פוילן אין 1938, האָב איך זי אָפּגעשיקט צוריק: איך קען ניט אַפילו נאָר דורכפאָרן דאָרטן: די פּאָליאַקן האָבן מיר פאַרמיאוסט מיין היים, עס וואָלט געווען צו גרויס די ווייטאָק צו זען די צישנדיקע העלדן פון פּשיטעק ווי זיי שטיקן — אין ווייסע הענטשקעס — סיסטעמאַטיש די יידן אין די יידישע אוראַלטע ישובים. ניט געקאָנט פאָרן דורך פוילן... האָט מען אומגעביטן מיין

מאַרשרוט, און איך בין געפאָרן דורך פראַנקרייך. דאָס איז געווען אין האַרבסט 1938. היטלער ימ״ש האָט געשאַלטעוועט, אָבער קיינער האָט נאָך ניט פאָרויס־געזען, אַז פּוילן זאָל ווערן די שחיטה־שטוב פון אונדזער פאָלק.

וועגן דער דערציאונג אין ארץ ישראל בכלל

גלייך אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן י״ה, ווען עס האָט זיך געגרינדעט די גימנאַזיע הרצליה אין יפו, איז אחד העם געווען אין ארץ ישראל און שפּעטער אָנגעשריבן אַן עסיי וועגן דעם לערנען אין דער גימנאַזיע. קיינער וועט ניט חושד זיין אחד העמען אין אַ נטיה צו „גלותיזם״, צו „יידישיזם״, צו יידישער פאָלקסטימלעכקייט וכדומה, דאָס איז דאָך דער זעלביקער אחד העם וואָס האָט געשריבן אַז די יידישע פאָלקסלידער האָבן ניט קיין טעם און ניט קיין ריח. און פונדעסטוועגן האָט ער באַמערקט וועגן דעם פּרינציפּ פון „שלילת הגלות״ לערנען, אַז אַט די שלילה קען ציען נאָך זיך אַ סך שלילות, וואָס ווער קען פאָרויס־זען וווהין זיי קענען פאַרפירן („ואחריתן מי ישורונו״). אָבער צוליב געוויסע פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון, וואָס ניט דאָ איז דאָס אָרט זיי צו אַנאַליזירן, האָט זיך דאָך די שלילת הגלות קיין מאָל ניט אָפּגעשטעלט. דאָס איז דער חטא קדמון פון דער גאַנצער דערציאונג אין ארץ ישראל. ווען איך בין געווען דאָס ערשטע מאָל אין ארץ ישראל אין 1913, איז מיר אויסגעקומען בייצוזיין אויף דער ערשטער גראַדואירונג פון דער זעלביקער הרצליה־גימנאַזיע. האָט דעמאָלט איינער פון די געענדיקטע תלמידים געהאַלטן אַ דרשה. האָט ער קריטיקירט דאָס גאַנצע יידישע לעבן און ער האָט זיך דערדערדט ביז „עד שקמנו אנו״ (ביז מיר זיינען אויפגעקומען). אַט דאָס גאוותדיקע קעגנשטעלן זיך קעגן דעם גאַנצן פאָלק האָט דעמאָלט אַ שניט געטאָן אין הארצן פון אַ יונגן יידישן לערער אין גלות, און איך האָב עס ניט פאַרגעסן קיין מאָל. עס איז מיר דעמאָלט אויך אויסגעקומען צו הערן פון איינעם פון די בעסטע לערער אין לאַנד, אַז זיין גרעסטער ווייטיק איז, וואָס ער מוז מיט די עלטערע קאָלאָניסטן ריידן „זשאַרגון״. עס איז מיר אויסגעקומען צו זען ווי איינער פון די באמת גוטע לערער האָט פאַרשטאָפּט זיך די אויערן ווען ער האָט דערהערט אַ פּאָר ווערטער טאַקע אין העברעיש, אָבער אין „אשכנזית״ ניט אין ספרדיש. „במה מן הגלות יש כאן!״ האָט דער ייד אויסגעשריען.

מיר איז שפּעטער אויסגעקומען צו זען אַ פאָרשטעלונג אין אַ שול לויט ביאַליקס וויציקן פּזמון „מי יודע עיר לישטין״. איך האָב נאָך דעם געזאָגט דעם לערער — דווקא אַ גוטן פריינד — אַז אַזאַ אָפּלאַכן און אָפּשפּאָטן פון יידן ווי ער האָט געגעבן, קען מען בלויז אין אַן אַנטיסעמיטישן טעאַטער אין פּוילן וועגן דער באַציאונג צו דער גאַנצער ליטעראַטור אויך אין העברעיש אין די שולן, איז מיר אויסגעקומען צו דערציילן פריער. אין 1927, ביי מיין צווייטן

באַזוך אין לאַנד, האָב איך געהערט פון אַ געהויבענעם לערער, אַ תּלמיד חכם, דורכגעווייקט מיט יידישער טראַדיציאָנעלער קולטור פון אַלע גלותן, אַ פראַזע וואָס איז מיר אויך פאַרבליבן אין זכרון: „פון דער ליטעראַטור וועלן מיר אָנהייבן פון דעם ערשטן ברונעם אין ראשון לציון. אַל דאָס פריערדיקע אינטערעסירט אונדז ניט". איך ווייס אַז ער האָט שפּעטער חרטה געהאַט און האָט זיך געשעמט מיט דער פראַזע ווען איך פלעג אים דערמאָנען, אָבער דאָס איז געווען די ריכטונג אין דער דערציאונג. און אָט דער דרך האָט געצאָלט צוריק, געקלאַפּט, געשלאָגן און געבראַכט אָן אַ שיעור שאָדן. עס איז מקוים געוואָרן אחד העמס נבואה: ווער קען גאָר פאַרויסזען צו וואָס דאָס קען פירן. נאָך אין דרייצנטן יאָר האָב איך אין דער קאָלאָניע ראש פינה, וווּ איך האָב פאַרבראַכט פינף טעג ספּעציעל צוליב דער שול, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך איינעם פון די חשובסטע פּיאָנערן, ווילקאַמיץ ע"ה, — געזען אַזאַ דערשיינונג: אין קאָלאָניע זיינען געווען עלטערע יידן און קינדער אין שולעלטער. ווו איז די יוגנט? — די יוגנט צעלויפט זיך פון דער קאָלאָניע און בכלל פון לאַנד, ווילקאַמיץ האָט זיך אַזש צעוויינט ווען איך האָב אָנגערירט די פּראָבלעם. „זאת כל הצרה", האָט ער אַ זאָג געטאָן שטילערהייט. אַזוי איז געווען אין אַלע קאָלאָניעס. מיר איז שפּעטער אַ סך מאָל אויסגעקומען צו זען אַ פולשטענדיקע דערווייטערונג פון יידן, פון אַלע יידישע אינטערעסן און פון דער יידישער קולטור בכלל אַפילו פון דער העברעישער. אַ קינד האָט צו זיבן יאָר געוויינט און ניט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי איר קרוב איז „הוא חוזר לגלות" — ער פאָרט צוריק אין גלות אַריין. נאָך דעם ווי זי האָט געענדיקט גימנאַזיע, איז זי געפאָרן אין אויסלאַנד און וויל ניט קומען צוריק. מיינער אַ תלמיד וואָס איז אַוועק פון ארץ ישראל האָט מיר געזאָגט: ער האָט דערפילט אַן ענגשאַפט, ניט געקאָנט מער בלייבן דאָרטן. די גרעסטע צאָל יונגע מענטשן פון ארץ ישראל זיינען ניט געבליבן דאָרטן כל זמן די גרעניצן זיינען געווען אָפן און מען האָט פריי געקאָנט פאָרן וווּהין מען וויל. די סטודענטן פון ארץ ישראל אין אַנדערע לענדער האַלטן זיך ווייט פון יידן און פון דער יידישער געזעלשאַפט. אין לאַנד וויל די יוגנט ניט לייענען די אָריגינעלע העברעישע ליטעראַטור און אויף וויפל מען קען ניט קיין פרעמדע שפּראַכן, לייענט מען די פרעמדע ליטעראַטור אין העברעיש. יונגע יידן וואָס האָבן זיך דערצויגן אין ארץ ישראל און איר טרעפט זיי אין אויסלאַנד מאַכן אויף אייך דעם פולן איינדרוק ווי אַלע אַנדערע יוגנטלעכע וואָס האָבן ניט געקראָגן קיין יידישע דערציאונג, מער ניט וואָס זיי קענען ריידן העברעיש. האָט דאָך אַזאַ הייסער פּאַרטיידיקער פון העברעיש ווי דער אַלטער פּראָפ' דר' יוסף קלויזנער געלאָזט פאַלן דעם אויסדרוק „גויים מדברים עברית" טאַקע אויף דער ארץ ישראלדיקער יוגנט. מען וואָלט אויף דער טעמע אַ סך געקענט שרייבן, אָבער דאָס זיינען דאָך שוין איצט אַלגעמיין באַקאַנטע זאַכן. וועל איך דאָ דערציילן בלויז איין דערפאַרונג פון מיין אייגענער פּראַקטיק: די הסתדרות האָט אונדז צוגעשיקט אַ צענדליק בחורים מיט מיידלעך מיר זאָלן זיי אַריינעמען אין בן שמן, נאָך דעם ווי זיי האָבן געלערנט אין הסתדרות־

שולן גאַנצע צען יאָר. מיר האָבן אָפּגעמאַכט צו מאַכן מיט זיי אַ שמועס, זיך צו באַקענען מיט זייער גייסטיקן אינהאַלט. אויף דעם שמועס זיינען געווען די לערער און דערציִער פון דער אַגריקולטור־שול. דעם שמועס איז אויסגעקומען מיר צו פירן. איך וועל דאָ איבערגעבן עטלעכע פראַגעס און ענטפערס אויף וויפל זיי זיינען געבליבן ביי מיר אין זכרון.

— אין תל אביב איז דאָ אַ גאַס אויף דעם נאָמען י. ל. פּרץ. ווער איז געווען דער פּרץ?

— מסתמא עפּעס אַ ציוניסט וואָס האָט באַגייסטערט די יוגנט עולה צו זיין קיין ארץ ישראל.

— וואָסערע העברעישע שרייבער קענט איר?

— איך לייען נאָר איבערזעצונגען.

— וואָסער פאָרשטעלונג פון העברעישן טעאַטער האָט איר געזען?

— איך גיי ניט אין טעאַטער. וואָס איז דאָרטן דאָ צו זען?

— וואָס געדענקט איר פון ביאַליקס לידער?

— ...גאָרניט, קיינער ניט.

— וואָסערע וויכטיקע ציוניסטישע טוער געדענקט איר אחוץ הערצל?

— איך האָב ניט ליב צו ריידן ציוניזם... אל תדבר ציונות איז איצט געוואָרן כמעט אַ זידלוואָרט אין ארץ ישראל ביי דער יוגנט.

דער שמועס האָט אונדז אַלעמען שטאַרק דערשלאָגן. אַזוי ווי אין בן שמן איז געווען אַ קליינער קיבוץ גלויות — די עלית הנוער, — איז געווען מעגלעך צו מאַכן אַ מין גראַדואַציע פון דער יוגנט. די טיפסטע, געטרייסטע יוגנט איז געווען די וואָס איז געקומען פון פוילן און פון ליטע. פון דער דייטשישער עליה איז געווען בערך אַ דריט חלק, אַ פערטל חלק זייער שטאַרק אַנטוויקלטע און וויסנגיריקע מענטשן, די פלאַכסטע, „ס'אַך מיין דאַגה־יוגנט" איז געווען דווקא די ארץ ישראלדיקע. כ'דערמאָן זיך אַ שריפטלעכע אַרבעט פון אַ יונגער מיידל פון פוילן, פון פופצן צי זעכצן יאָר, וואָס פאַר אַ גליק זי האָט איבערגעלעבט ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל זיך אַריינגעגראָבן מיט די הענט אין דער ערד פון ארץ ישראל, ווי גליקלעך זי האָט זיך דערפילט מיט דער „קאַראַרע" (אַ הויט־אויסשיט) ווייל עס איז דאָך די ערשטע „חבלי קליטה" אין לאַנד... מיר האָבן אַלע לערער געלייענט די אַרבעט און ניט ביי איינעם פון אונדז זיינען געווען טרערן אין די אויגן. אַ בחורל פון קעלן פלעגט אַריינגיין צו מיר און מיר לייענען פילאָזאָפישע עסייען אויף דייטש, ווייל קיין העברעיש האָט ער ניט געקאָנט נאָך... געווען צווישן די סאַברעס אויך פעיקע און גוטע חברה, אָבער קיין טיפערע גייסטיקע און וויסנשאַפטלעכע אינטערעסן האָבן זיי על פי רוב ניט פאַרמאָגט. די יוגנט פון די קאָלאָניעס האָט ניט געוווּסט דעם לאַטיינישן אלף בית. אַ כעמישע פאָרמל אָנשרייבן האָבן מיר פאַר זיי ניט געקאָנט. אויף

מיין בייז ווונדער האָט מען מיר געענטפערט, אז דאָס ווערט געטאָן בכוונה, כדי די יוגנט זאָל ניט וועלן אוועק פון דארף פון לאנד. דאָס האָט אבער ווייניק געהאָלפן. איך האָבן געזען די פסיכיק פון דער ארץ ישראל יוגנט אין אזא אַנט־וויקלונג: בראשית איז פאר זיי פאראַן איין גרויסע א־ר־ץ י־ש־ר־א־ל און אחוץ דעם איז עפּעס פאראַן דאָרטן ערגעץ ווו א קליין, נישטיק חוץ לארץ. און אין יענעם נישטיקן חוץ לארץ איז פאראַן עפּעס א מיאוסער, ניבזהדיקער „גלות", וואָס מען דארף פיינט האָבן. שפּעטער, מען ווערט עלטער, מען לערנט עפּעס מער מ'הערט פון דערוואַקסענע, דערוויסט מען זיך אז ארץ ישראל איז גאָר זייער קליין לגבי דעם חוץ לארץ. די וועלט איז גרויס און ארץ ישראל איז קליין. ווערט די פסיכישע גרויסקייט און שטאָלץ מיט ארץ ישראל א סך קלע־נער. נאָך שפּעטער קומט נאָך אַן אנטוישונג: אין ארץ ישראל גופא איז ווייט ניט אַלץ „ארץ ישראלדיק". תל אביב איז גלותדיק, צו פיל גלותדיקע יידן דרייען זיך דאָרטן ארום. פתח תקווה איז דאָך זיכער א שטיק גלות, וואָס קען ניט אריין אין חשבון פון דער „אומה עבריה המחודשת", און אזוי כסדר. ווערט נאָך מער איינגעשרומפּן דאָס נייע שטאָלצע. מען לערנט ווייטער, אַלע וויסנשאַפטן קומען פון דער פרעמד, ביכער, קינאָען דערציילן פון א ווייטער גרויסער וועלט. ציט עס, גלאַנצט עס פון ווייטן, ווערט אין די נשמות פארקערט ווי עס איז געווען אין דער קינדהייט — א היפּערטראָפירטע אכטונג צו דער „גרוי־סער וועלט" און א געפאַלענקייט בנוגע צו זיך... די זעלביקע עגאָפּאָביע וואָס ביי דער יידישער יוגנט אין גלות וואָס האָט געקראָגן ניט קיין ריכטיקע יידישע דערציאונג. בלייבט ביי דער יוגנט יאָ אַן אתה בחרתנו, אָבער אַן אנדערער: אַנשטאָט „אתה בחרתנו מכל העמים" קומט אַן „אתה בחרתנו מכל היהודים".

איז דער ציוניזם לכתחילה געגאַנגען ארויסנעמען יידן פון דער גויישער וועלט. צו דעם איז נאָך ווייט, אבער אָפּזונדערן זיך פון דער יידישער וועלט, אפילו פון ציוניזם ווי אַן אידעאַל — דאָס בלייבט. פאַר דעם אויפגעהאָדעוועטן אין גלות איז ארץ ישראל געווען א גאולה — פון פיזישן אדער פון מאראַלישן גלות, — דער סאַברע אָבער וואָס איז א גאַנץ לעבן פארבונדן בלויז מיט דעם רעאַלן ארץ ישראל, מיט אַלע שווועריקייטן פון אט דעם לעבן פילט ניט די גאולה. די שוועריקייטן פילט ער יאָ, די מעלות אָבער ניט.

און אזוי וועט עס זיין ביז... ביז אין דער דערציאונג פון ארץ ישראל וועט אריינגעפירט ווערן א גרונטיקע ענדערונג, כמעט א רעוואָלוציע: ניט א נייע יידישע קולטור אנשטאָט דער אלטער גלותדיקער יידישקייט, — נייערט נייע פרייע מעגלעכקייטן פאַר דער אלטער, גלותדיקער קולטור, פאַר דער אלטער גלותדיקער יידישקייט. פאַר דער ארץ ישראלדיקער יוגנט איז נויטיק צו ווייזן דעם מאור שביהדות פונקט אזוי ווי דער גלותדיקער יוגנט. אַן דעם האָט ניט קיין זינען די יידישקייט בכלל. פאַרוואָס? צו וואָס? צוליב וואָס? מיר וועלן דאָ אנווייזן אויף צווייערליי דערציאונגען: דערציאונג צו אקטיווער יידישקייט און

צו פּאַסיווער. מען איז א ייד ווייל מען לאָזט עס ניט פאַרגעסן. די אַלגעמיינע לימודים, מעגן זיי זיין אויף יידיש און אויף העברעיש קענען ניט שאַפן קיין אַקטיווע יידישקייט. דערפאַר, למשל, האָט די יוגנט פון ווילנע, וואָס האָט געלערנט אַלע אַלגעמיינע לימודים אין יידיש, אין פראַנקרייך ניט אַרויסגע־וויזן קיין יידישע אַקטיווקייט, זיי זיינען אַוועק מיט דעם אַרומיקן אַסימילאַציע־שטראָם. און אַזוי זיינען אויך די יוגנטלעכע פון ארץ ישראל אין אַנדערע לענ־דער. כדי צו אַנטוויקלען אַקטיווע יידישקייט מוזן אין דער דערציִונג זיין צוויי מאָמענטן: דער „מאור שביהדות" — דער דאַרף געבן א זינען פאַרוואָס און צוואָס מיר זיינען יידן. צוליב וואָס אונדזער יידישקייט האָט אַ זינען. צווייטנס — דאַרף זיין אַן אַקטיווע יידישע פּראַקטיק, וואָס דאַרף ווערן געוווינ־הייט. די אַקטיווקייט איז דווקא יאָ דאָ אין ארץ ישראל און זי טאַקע בינדט צו די יוגנט — טיילן פון דער יוגנט בכל אופן — צום לאַנד. אָבער די אַקטיווקייט איז אַ נייע, אָן אַ פאַרבינדונג צו דער אַלטער יידישקייט. קען מען יאָ זיין דאָס וואָס קלויזנער רופט „גויים מדברים עברית". מען קען אַפילו גיין אויף מלחמה און אַוועקגעבן דאָס לעבן. אָבער פאַרוואָס דאַרפן זיי דאָס טאָן ווי יידן? און אַזוי ווי אַלע פּאַסיווע יידן אומעטום אין דער גאַרער וועלט, זוכן אויך די פּאַסיווע יידן אויף העברעיש, ווי זיך צו באַפרייען פון דעם צוואַנג, וואָס מאַכט מען זאָל זיין דווקא יידן. דערפאַר איז די יוגנט פון ארץ ישראל וואָס קומט אין אַנדערע לענדער, אין פרייע לענדער, ווייט פון יידן און פון יידישקייט...

דאָס איז דער גרויסער חסרון פון דער דערציִונג אין ארץ ישראל. לויט אייניקע גרופּן האָט זיך איצט געענדערט די סיטואַציע און מען באַמיט זיך ביסלעכווייז צו פאַריכטן אין דער דערציִונג דאָס וואָס מען האָט ביז איצט געזינ־דיקט און שטאַרק פאַרזען. הלוואי זאָל דאָס זיין אמת. מיט איין וואָרט: ווען עס איז דאָ יידישקייט איז ארץ ישראל איז עס געבראַכט, איבערהויפּט און כמעט אויסשליסלעך פון מזרח איירָאָפּע, פון דער שעפערישער טראַדיציע דאָרטן... זי און דווקא אין אירע ביידע שפּראַכן מוז ווערן דער באַזיס פון דער גאַנצער קולטור אין לאַנד. אַן איר שטייט דאָס לאַנד פאַר אַ סכנה צו ווערן אַ ניי־יידישער שבט, אַ שבט וואָס „אין לו חלק ונחלה בישראל," אַ שבט וואָס האָט אַזאַ שייכות צו דער היסטאָרישער יידישקייט, ווי למשל דער קאָנסול אָוו דזשודאיזם, אָדער ווי די... כנענים. אָבער ניט דאָס בין איך איצט דאָ אויסן. זאָל עס זיין נאָר אַ שטיקל דערקלערונג פאַרוואָס אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט צו פאָרן אַרבעטן אין אַ יידישער שול אין קאַנאַדע, האָב איך דעם פאָרשלאָג אָנגענומען. דאָס פערזענלעכע צוזאַמען מיט דעם אַלגעמיינעם האָט געווירקט אַז מיר זאָלן באַשליסן צו פּרובירן זיך לאָזן צוריק אין גלות. דערצו נאָך איז געווען דאָס געפיל אַז מען פאָרט נאָר אויף אַ יאָר — צוויי. עס האָט זיך געבענקט נאָך יידישע יידן און עס איז ניט גרינג געווען צו פאַרלאָזן אַ יידיש לאַנד, אַן אמתער „יחד". איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט אַז עס וועט זיך מאַכן אַ מלחמה און

עס וועלן אוועק א סך יאָרן און וועט ווייס. אז די שיף האָט זיך אפגערוקט פון חיפער ברעג האָט עס געקלאפט אין הארצן; אז די שיף איז שפעטער מיט א פאָר וואכן אנגעקומען אין א קאלטער קאנאדער שטאט, זיך געטראָפן מיט יידישע יידן, האָט עס ווידער געקלאפט אין הארצן. אנדערע געפילן, אנדערע פראָבלעמען, אָבער דאָס הארץ קלאפט סיי ווי.

אין קאנאדע

א נייער קאפיטל, א נייע סביבה, נייע ארבעט, אן אומבאקאנטע נייע וועלט, עס איז ניט ארץ ישראל און עס איז אויך ניט ווילנע. עפּעס נייס, וועלן מיר זען, וועלן מיר פּרובירן. נאָך דאָ געגוג כוחות, נאָך דאָ גענוג פולווער אָנצוהייבן ווידער אמאָל פון אנהייב.

דעם זעלביקן אוונט ווען איך בין אראָפּ פון שיף איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויף א פאַרזאַמלונג פון געוועזענע תלמידים פון א יידישער שול מיט א זייער חשובן גאסט פון ניו יארק. איך בין געווען א גאסט וואס מען האָט אויף אים ניט געוואַרט, ניט גערעכנט זיך אז ער קומט.

דער עולם יונגע מענטשן איז פאַר מיר געווען לחלוטין ניי און פרעמדלעך. דאָס אָנטאָן... ניט אין ווילנע, ניט פריער אין רוסלאַנד, און זיכער ניט אין ארץ ישראל האָב איך ניט געזען קיין מיידלעך אזוי אויסגעפּוצט, זאָלן דערצו רויטערן פּאַפּיראָסן, געשמינקטע פּנימער, געפאַרבענע נעגל. איז עס מיר אויסגעקומען ווילד און אפשר אפילו ניט אנשטענדיק אביסל. הגם אויף דער שיף איז געווען א קאַנאַדער יידישע מיידל וואס איז געפאָרן אהיים פון ארץ ישראל. האָט זי זיך געזאָרגט אויף דער שיף: ווי וועט זי זיך באַווייזן פאַר אירע עלטערן אין פּאָרט, אז זי האָט ניט קיין מעגלעכקייט צו פריזירן די האָר. האָב איך דאָך שוין גע־דאַרפט ווייסן, דאָך איז מיר דער עולם אויסגעקומען ניט היימיש.

איך האָב זיך געפּרובירט צוהערן צו דעם לשון וואס מען רעדט צווישן זיך... קיין יידיש איז עס ניט, מן הסתם ענגליש. נאָך א גרעסערע דיסטאַנץ איז אויסגעוואַקסן צווישן מיר און דער דאָזיקער יוגנט... שפּעטער האָט זיך אָנגעהוי־בן די פאַרזאַמלונג, דער עולם זיצט א קאַלטער. עס רעדט דער חשובער ניו יאָר־קער גאסט... ניטאָ די דערהויבנקייט וואס אזא מין גאסט וואָלט ארויסגערופן אין ווילנע, ביי דער יוגנט. דער רעדנער רעדט, די יוגנט שווייגט, קאַלט, ווי עפּעס א פרעמדער וואָלט גערעדט צו זיי, אן אומבאַקאַנטער. ריכטיקער, אָט מען דאַרף אויסזיצן, עס פּאַסט ניט, אָבער אָנרירן רירט עס ניט אָן. ווער רעדט — דער עולם „חברהמאַנים" אין ארץ ישראל וואָלט דען איינגעזעסן? איך הער, דער רעדנער בעט ביי דער יוגנט, זיי זאָלן כאָטש א האַלבע שעה אין וואָך אָפּגעבן דער יידישער קולטור בחברותא. מיר איז עס אויסגעקומען דעמאָלט אזוי ווילד: וואָס הייסט? א נדבה בעט ער ביי זיי? און ווו לעבן זיי? ניט אין א יידישער

סביבה? קענען זיי זיין אין אַ יידישער סביבה און ניט דאַרפֿן נוצן קיין יידישע קולטור, בלויז אַ האַלבע שעה אַ וואָך, אַ מין צדקה לעניים?... שווער געווען דעמאָלט צו פאַרשטיין. מען האָט מיך אויך מכבד געווען מיט אַ וואָרט. וואָס איך האָב גערעדט געדענק איך ניט, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב באַליידיקט דעם ניו יאָרקער רעדנער, אַז איך האָב געענטפערט וואָס באַדייט בעטן ביי יידן אַ ביסל יידישקייט־פּראַקטיק ווי עפּעס אַ נדבה? גאַנץ מעגלעך אַז איך בין געווען אומטאַקטיש. פון דער יוגנט האָט קיינער ניט גערעדט. אויסגעהערט, אָפּגענומען עפּעס און —— אוועק. עמיצער האָט יאָ עפּעס ביי מיר געפרעגט: אַן עקזאָטישער פרוכט בין איך געווען פאַר זיי...

אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך שוין געווען אין דער שול וואָס איך האָב געדאַרפט מיט איר אָנפירן.

אין אַ יידישער שול אין אַמעריקע

גלייך ביים אָפּגיין פון באַן, ווו צוויי שול־טוער האָבן מיך אָפּגעוואַרט, האָב איך דערפילט, אַז פון אַן אָרגאַניזירטן, נאָרמירטן — גוט צי שלעכט — אָבער אַ פאַראייניקטן שולוועזן בין איך אַריבער אין אַן איינציקער שול, וואָס שטייט איינע אַליין, ניט פאַרבונדן מיט אַנדערע שולן. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ נייעס און ניט קיין אַנגענעמע, ווי ווייט די זאַך איז פאַר מיר געווען אומדערוואַרט איז קענטיק פון דעם דאָזיקן פאַקט: איך האָב זיך געלאָזט פאָרן פון ארץ ישראל אַזש קיין קאַנאַדע אָן אַ קאָנטראַקט, אָן אַן אָפּמאַך, אַפילו אָן אַן אינפאָרמאַציע וועגן מיין שכירות: וואָס הייסט? עס זיינען דאָ שולן, זיינען דאָך געוויס פאַראַן נאָרמעס, איינגעשטעלטע געהאַלטן, — וועל איך דאָך ניט גיין פאַרלאַנגען פאַר זיך עפּעס באַזונדערס. ווי אַלע אַזוי איך... אַז יעדער שול איז זיך אַ באַזונדערע מלוכה, און אין יעדער שול באַזונדער פירט זיך יעדער לערער באַזונדער זיינע פאַרהאַנדלונגען — דאָס האָב איך זיך טאַקע ניט פאָרגעשטעלט פריער. אין מיין גאַנצער פריערדיקער אַרבעט האָב איך עס ניט געטראָפן. און הגם די מענטשן פון דער פאַרוואַלטונג פון דער שול האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גאַנץ ווילע יידן, איז אָבער געווען און געבליבן די גאַנצע צייט אַ געפיל: מען אַרבעט ניט אין אַ גרויסער, אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, נאָר מען איז אָנגעשטעלט ביי אַ קליין גרופּקעלע מענטשן, באַלעבאַטים, וואָס ניט זיי און ניט די לערער „זייערע" זענען ניט, באַנעמען ניט דעם ברייטערן, אַלגעמיינערן, זאָל זיין אַבסטראַקטן באַלעבאָס צו וועמען מען דינט — דאָס יידישע פאָלק, אָדער די אידעע, די סיסטעם פון אַ געוויסער גאַנצקייט. ניטאָ קיין העכערע אינסטאַנץ איבער דער פאַרוואַלטונג, און די לערער פילן ניט, באַנעמען ניט זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר עפּעס וואָס איז העכער פון דער פאַרוואַלטונג... לכתחילה איז עס געווען אַ פאַרנעפּלטער אומקלאָרער געפיל. איך האָב נאָך ניט געוווּסט די גאַנצע טראַגישקייט פון די „לאַחדימדיקע" שולן, אָבער עס האָט זיך געפילט עפּעס. פאַרשטייט זיך, אַז עקאָנאָמיש האָט מען מיך „אַ ביסעלע" באַעוולהט. איך האָב אַפילו עס ניט געוווּסט, געמיינט: עס איז די נאָרמע אַזאַ... איך האָב, חלילה, ניט געהאַט קיין טענות צו די פריינדלעכע און ליבע מענטשן פון דער פאַרוואַלטונג. זיי זיינען דאָך ניט געווען שולדיק: אַז מען קען קריגן וואָלוועלער, פאַרוואָס זאָל מען צאָלן טייערער? זיי זיינען דאָך יידן־סוחרים. איך בין איצט אויך ניט אויסן עפּעס, — עס איז נאָר כאַראַקטעריסטיש די צופעליקייט, די ניט שטאַנדהאַפטיקייט פון די שולן בכלל, אויף אַלע געביטן.

דערצו בין איך נאָך אריינגעפאַלן אין סאמע מיטן פון אַ מחלוקת: אַ פּאָר אָנהענגער פון איקוף מיט די אָנהענגער פון ציק"א. די האָבן געוואָלט ברענגען איין שרייבער, יענע האָבן ניט געלאָזן.... פאַר מיר איז עס געווען אין גאַנצן אוממעגלעך צו פאַרשטיין: טאָקע, די ווילן יידישע קולטור און יענע ווילן יידישע קולטור, טאָ פאַרוואָס זאָל מען ניט גיין צוזאַמען? וויפל יידישע קולטורן זיינען דאָס דאָ? איך האָב אפילו געמאַכט אָפיציעל אַזאַ פאָרשלאָג... איך שטעל זיך פאָר מיט וואָס פאַר אַן אויגן מען האָט געקוקט אויף דעם גרינהאָרן, וואָס פאַרשטייט ניט אַז... ברויט דאַרפן אַלע, אָבער יעדער בעקער וויל זיין אַ באַלעבאָס פאַר זיך, און ער זוכט פאַר זיך באַזונדערע „פּאַטענטן" — זיין ברויט איז בעסער...

אמת, נאָך פון ארץ ישראל ביי די ערשטע פאַרהאַנדלונגען האָב איך געשריבן, אַז אויב עס זיינען פאַראַן וואָסערע עס זאָל ניט זיין סכסוכים, אפשר מיט דעם פריערדיקן שול־דירעקטאָר, צי וואָס עס איז, וויל איך בשום אופן די אַרבעט ניט נעמען... שפּעטער האָבן די מענטשן פריינדלעך געלאַכט מיר אין די אויגן: ווו האָט איר געזען אַ שול אָן קאָנפליקטן? זיכער זיינען דאָ ביי אונדז סיכסוכים, אָבער ווער האָט עס אייך געדאַרפט שרייבן?

אויף מאָרגן נאָך מיין קומען, פריטיקיצונאַכט איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט לכבוד דעם גאַסט. דאָ האָב איך זיך באמת דערפילט ווי אין ווילנע אַמאָל, היימיש, אַן עולם געקומען מסתמא זען רעם אָראָפּגעבראַכטן פּריץ. מער ניט עסן האָט מען אַנדערש געגעסן ווי אין ווילנע... רעדעס, שבחים, געווען אויך יוגנט, און אַ יונגע מיידל האָט אפילו גערעדט גאָר פיין. אַן איינדרוק האָט געמאַכט דער פאָרזיצער וואָס האָט געטראָגן בענקלעך אַז אַלע זאָלן האָבן ווו צו זיצן, אַ היימישער ייד. דער אָנפירער פון אָוונט האָט זייער פאָרזיכטיק מיר געגעבן דאָס לעצטע וואָרט: „כ'וויים ניט, אפשר איז חבר גאָלאָמב נאָך מיד פון וועג, וועט איר אַלע מוחל זיין"...

די צווייטע זאַך וואָס עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן — די אָרעמקייט פון דער שול. דער טינק פון די ווענט שיילט זיך ערטערווייז, עס זעען זיך אַרום די ציגל, אָט ווי ביי אַ יתום זעט זיך אַרויס די וואַטע פון אונטער דעם צעריסענעם אויבערשלאַק פון זיין יתומישן מאַנטלקע. עס האָט אַזוי ניט האַרמאָנירט מיט דעם וואָס איך האָב שוין באַוויזן צו זען אין די פּריוואַטע הייזער פון די שולטוערס.

שפּעטער זיינען צוגעקומען נאָך אומגעוויינלעכע זאַכן: לערער אָן קוואַלי־פיקאַציעס. וואָס הייסט מען שטעלט אָן פאַר לערער מענטשן וואָס האָבן ניט קיין לערער־דיפּלאָם?! ווי איז עס געמאָלט? ניט געוווּסט אַז אין אַמעריקאַנער יידישע שולן איז דאָ פּאָר אַ יידישן לערער אָן אַנדערע קוואַליפיקאַציע: קענסט ניט מאַכן קיין לעבן, און עברי קענסטו דאָך מסתמא, טאָ ווער אַ לערער...

שפּעטער מיט עטלעכע יאָר איז מיר אַליין אויסגעקומען אַנצושטעלן פּאַר א לערער א פאַרמער. אז איך האָב אים געפרעגט צי ער וועט קענען האַלטן די דיסציפּלין, האָט ער מיר גאָר ניט נאַריש געענטפערט: כ'ווייס? מיט פּירפּיסיקע בהמות בין איך גוט אויסגעקומען, מסתמא וועל איך זיך אויסטויגן אויך צו צווייפיסיקע. אָבער צום אָנהייב איז עס פאַר מיר געווען א בפירושע דערגראַ־דירונג פון דער לערער־פּראָפעסיע.

אין איינעם א נאָכמיטאָג, איך בין געזעסן ביי מיר אין דירעקציע, מען קלאַפּט אין טיר. — אריין! עס גייט אריין איינער פון די לערערס אין שול, ער פאַרשליסט נאָך זיך די טיר. ער האָט מיר צו זאָגן א וויכטיקע זאַך, וואָס קיינער טאָר ניט הערן... נאָך לאַנגע הקדמות און דערקלערונגען אין פריינדשאַפט, אז ער איז ניט ווי אַנדערע לערער, וואָס פאַרגינען ניט א דירעקטאָר, פאַרקערט, איז ער צום סוף ארויסגעקומען מיט זיין סוד: איך דאַרף זיך אָנהייבן אונטער־צושרייבן און צו דעקלארירן זיך דאָקטאָר גאָלאָמב...

— — איך האָב דאָך אָבער אויף דעם ניט קיין רעכט? איך האָב ניט אזא טיטול.
— עט, קיינער וועט דאָך ניט גיין נאָכזוכן, און גלייבט מיר, אז פאַר אייך און פאַר דער שול וועט עס זיין א סך בעסער...

איך האָב אָפּגעדאַנקט פאַר דער גוטער עצה, און פון דעמאָלט אָן האָב איך ניט געהאַט קיין צוטרוי צו דעם מענטשן. ביז היינט ווייס איך ניט צי ער איז דאָס געקומען פון זיין אייגענער איניציאַטיוו אָדער עמיצער האָט עס אים צוגע־שיקט מיט דעם כדי מסתמא, להגדיל תורה...

נאָך דעם האָב איך זיך דערוווּסט פון גרויסע קאָנפליקטן צווישן די לערער. עד היום ווייס איך ניט מיט וואָס מען האָט זיך ניט געקאָנט צעטיילן, סיידן יעדערער האָט געוואָלט געפינען חן אין די אויגן פון דער פאַרוואַלטונג אויפן חשבון פון אַלע אַנדערע לערער. די פאַרוואַלטונג האָט עס צום סוף פון פריערדיקן יאָר געהאַט אָפּגעזאָגט אַלע לערער און באַשטימט א קאָמיסיע וואָס דאַרף באַשטימען ווער עס וועט ארבעטן אויף ווייטער און ווער עס בלייבט אָפּגעזאָגט... איך בין אריין צו אַן עלטערן לערער אין שטוב. געפונען — א זון ליגט אין שפּיטאָל קראַנק, די שטוב — אַן אָרעמע לאָך, פון דאָך רינט, אַלץ איז אָפּגעריסן פאַרלאָזט. פאַר דער צייט פון די וואַקאַציעס, וווּזט זיך ארויס, צאָלט מען ניט די לערער. מען לערנט ניט, דאַרף מען ניט צאָלן. איך זע איצט פאַר זיך די אָרעמע שטוב, אזא שווערן איינדרוק האָט זי אויף מיר געמאַכט. און איבער אָט דעם לערער הענגט עס דער פּאַטום — צי וועט מען אים אָנשטעלן אויף דעם צווייטן יאָר צי ניט... איך האָב באַלד געפּרובירט ריידן מיט דעם וויכטיק־סטן טוער פון שול, וואָס איך האָב די ערשטע טעג טאָקע געוווינט ביי אים ביז איך וועל קריגן א דירה. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט א סך זאַכן, וואָס גיבן

ניט צו קיין כבוד ניט די לערער, ניט די שול־טוער. עס ווילט זיך אפילו איצט ניט דערציילן אַלץ.

שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו זען איין קאָנפליקט צווישן צוויי לערער. איך האָב אריינגערופן דעם עלטערן פון זיי באַזונדער און אים פּשוט געבעטן זיך ניט קריגן, ניט באַמערקן זיין קעגנער... ער האָט זיך פאַר מיר צעוויינט און דורך טרערן מיר צוגעזאָגט צו פאָלגן. איך האָב אריינגערופן דעם צווייטן, דעם מחבר טאַקע פון מיין „דאָקטאָר־טיטול", גענומען מיט אים ריידן, דערקלערן בעטן... עס גייט ניט: יענער איז אַזאַ און אַזאַ, און ער וועט גיין העכער, צו דער פאַרוואַלטונג וועט ער גיין זיך קלאָגן... איך האָב באַלד אָנגע־קלונגען צו צוויי פון די וויכטיקסטע טוערס פון פאַרוואַלטונג און אָפּגעמאַכט מיט זיי, אַז ווען עמיצער פון די לערער קומט מיט עפּעס טענות צו זיי, זאָלן זיי ניט אויפנעמען און אָפּשיקן צו מיר. זיי האָבן מיר געפאָלגט און — די קריגערייען צווישן לערער האָבן אויפגעהערט...

אין איינעם אַן אָוונט בין איך געקומען צו פרי צו א זיצונג, בין איך אַראָפּ אין קעלער זען ווי מען הייצט. די סיסטעם איז געווען א פרימיטיווע, ניט קיין אויטאָמאַטישע, פלעגט דער באַדינער אָפּט מוזן זיצן לעבן אויוון און שיטן קוילן. דער באַדינער איז געווען א קלוגער אוקראַינער. אַז איך בין געזעסן לעבן אים און אויסגעפרעגט וועגן זיין לעבן, האָט ער מיר גענומען האַלטן א גאַנצע לעקציע... אָנגעהויבן האָט ער בערך אַזוי:

— איך בין בלויז א „קערטיקער" (א היטער, א באַדינער) — דו א דירעקטאָר, אָבער דו ביסט א פרישער מענטש, ווייסטו נאָך ניט ווי מען דאַרף זיך פירן, ווער עס זיינען די וויכטיקסטע מענטשן דאָ און ווי מען דאַרף מיט יעדערן ריידן!... אַז איך האָב אים אָפּגעדאַנקט פאַר זיין פריינדשאַפט, האָט ער מיר גענומען דערציילן, ווי לערער האָבן זיך געיאָגט, זיך געשלאָגן, ער האָט זיי גע־דאַרפט פאַנאַנדערייסן. ווי עמיצער אין שול, א נייער מענטש, האָט ביי אים געפרעגט ווער עס איז דער רייכסטער, און ווי ער האָט יענעם אָפּגענאַרט, אָנגע־וויזן גאָר אויף א צווייטן... אא"וו. מיך האָט געברענט: ווי ווייט דאָס אַלץ איז פון דעם וואָס מיר פלעגן פאַרבינדן מיט דעם באַגריף שול!

אויף דער זיצונג האָב איך געמוסרט דעם עולם פון פאַרוואַלטונג. איך האָב זיי דערציילט וועגן מיין שמועס מיט דעם באַדינער. ווייזט זיך ארויס, אַז אַלע ווייסן דאָס, ווייל גלייך אויף מאָרגן נאָך דעם ווי ער, דער באַדינער, האָט מעשה וויִז אָפּגענאַרט יענעם לערער, איז ער אַוועק צו דעם וואָס ער האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר דעם רייכסטן און ער זאָגט אים אין זיין אוקראַאיניש:

... דיינע שיפן זיינען געקומען? אויף יענעמס פראַגע האָט ער אים דער־ציילט, און ער איז איצט דער רייכסטער, ווייל זיינע שיפן זיינען געקומען... אַלע האָבן דאָס געוווּסט און מען האָט פון וואָס צו לאַכן...

דאָס איז געווען די אַטמאָספער אַרום דער שול. לאָמיר זשע איצט זען וואָס עס טוט זיך אין שול גופא, די קלאַסן.

אין איין קלאַס לערנט א לערערין א מעשה וועגן א „פּראָסט רויטער גאָז און א פּראָסט בלויע גאָז" — אַן אַלטע רוסישע מעשהלע, וואָס אין רוסיש האָט עס א טעם און א פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער. אין יידיש איז עס געווען פרעמד. אין אַן עלטערן קלאַס האָט א לערער געלערנט רייזנס א דערציילונג „ווען עסט די מאַמע!" איבערגעלייענט, געשטעלט די טראַפאַרעט־פראַגעס צום אינהאַלט, — מאָרגן דאַרפט איר קענען דערציילן". אז איך האָב דעם קלאַס געשטעלט א פראַגע, וואָס איז דער הויפּטגעדאַנק פון דער דערציילונג, האָט קיינער פון די קינדער ניט געקאָנט ענטפערן. ווייזט זיך אַרויס, אז דער לערער האָט נאָך דער לעקציע געהאַט צו מיר טענות: ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אז א מעשה זאָל האָבן געדאַנקען, נאָך דערצו א הויפּטגעדאַנק?... ער האָט קיין מאָל ניט געהערט פון אַזוינע זאַכן. אין נאָך א קלאַס האָט דער וואָס האָט מיר געוואָלט שענקען א דאָקטאָר־טיטול געלערנט מענדעלעס דערציילונג ווי הערשעלע וויל ווערן א דאָקטאָר און ער רעדט איין אַן אָרעמען יתום יענער זאָל זיך מאַכן א ווונד און נאָך דעם היילן. אַזוי ווי דער לערער האָט דאָך שוין געוווּסט אַז דער „נייער פרינציפּאָל" שטעלט אַזוינע מאָדנע פראַגעס, ווי די הויפּט געדאַנקען פון א דערציילונג, שטעלט ער שוין אַליין די פראַגע, און אַז די קינדער ווייסן ניט ענטפערט ער אַליין: דער געדאַנק פון דער דערציילונג איז אַז... מען טאָר זיך ניט שפּילן מיט קיין טשוועקעס... אַזוי ווי איך שרייב ניט קיין אַנעקדאָטן־בוך, פאַרזיכער איך די לייענער אַז דאָס איז א פאַקט. איינער א לערער גייט אַריין אין דירעקטאָר־צימער און ער זוכט אין דער ביבליאָטעק. וואָס זוכט ער? — ער זוכט א כרעסטאָמאַטיע ווו עס איז פאַראַן א דערציילונג „חנוכה־געלט" פון שלום עליכם. זאָג איך אים: אָט שטייט דאָך א גאַנצ שלום עליכם, וואָס דאַרפט איר די כרעסטאָמאַטיע, איר קענט דאָך דאָס האָבן דירעקט?

— זעט, ער האָט זיך קיין מאָל ניט געכאַפּט, אַז מען קען אין קלאַס נעמען א בוך ניט קיין כרעסטאָמאַטיע... אין אַן עלטערן קלאַס האָט מען געדאַרפט אָנהייבן צו לערנען „דאָס מעסערל" פון שלום עליכם. איך האָב זיך אָפּגעזעצט מיט דעם לערער און געמאַכט מיט אים דעם גאַנצן פּלאַן פון דער אַרבעט, לויט דער סכעמע וואָס מיר האָבן נאָך אַמאָל אויסגעאַרבעט אין דעם ווילנער לערער־סעמינאַר. עס איז געווען אָנגעמערקט אַרבעט פאַר מינימום א פופצן־צוואַנציק לעקציעס. גוט, וואָס דען? אויף דער ערשטער לעקציע בין איך אַריין. צו מיין שרעק און פאַרוווּנדערונג האָב איך דערזען אַז דער לערער האָט פשוט איבערגע־לייענט פאַרן קלאַס דעם גאַנצן פּלאַן און ער איז שוין פאַרטיק מיט דער גאַנצער טעמע.

מיט אַן עלטערן קלאַס פון מיטשול האָב איך אָנגעהויבן צו לערנען איינע פון פּרצעס פאָלקסטימלעכע דערציילונגען. אויף דער צווייטער לעקציע האָב איך

דערהערט א פראַזע פון איין מיידל צו די אַנדערע „אי דאָ'נט לייק פרץ" — זי האָט פיינט פרצן, ער געפעלט איר נים. האָט עס מיר א ברען געטאָן: ווי און אין וואס איז דער יידישער אינהאַלט פון שול? אין נאך אן עלטערן קלאַס, שוין פון שטודירנדיקער יוגנט האָב איך געמאַכט מיין דעביוט מיט לייוויקס „א ליד וועגן זיך". דאָס ערשטע מאָל איז אויסגעקומען צו זען אזא קאַלטע באַציאונג צו א פּאָעמע. אין א צייט אַרום ערשט איז מיר דער ענין געוואָרן קלאָר: יידישע יוגנט אין אַמעריקע איז פשוט נים פעיק אויפצונעמען פּאָעזיע. דעמאָלט איז עס פאַר מיר געווען א ביטערע אַנטוישונג. עס איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר: מען דאַרף אין שול אַריינגעבן ערשט איצט א יידישן אינהאַלט — אן אויפגאַבע אויף א פאָר יאָר.

בלויז אייך לערער האָט זיך אָריענטירט אין דער נייער ריכטונג, וואָס מיר ווילן אַריינברענגען אין שול. ער האָט זיך טאַקע ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט.

מען האָט ערשט געדאַרפט איינפירן אין שול א יידיש־לימוד וואָס זאָל האָבן נים בלויז כרעסטאָמאַטיע־דערציילונגען וואָס זיינען על פי רוב בלויז איבערגעזעצט אויף יידיש, נאָר וואָס זאָל טאַקע אויך האָב א יידישן אינהאַלט, יידיש לעבן, יידישע פּראָבלעמען. מען האָט ערשט געדאַרפט אַריינפירן תנ"ך אין שול. דער עולם עלטערע קינדער, איבערהויפּט מיידלעך איז געווען דווקא א גוטער, א דאַנקבאַרער. זיי פלעגן קומען אין שול אין אָוונט, און זיי האָבן דאָ געפילט זייער היים, גאָר אַנדערש ווי זיי האָבן זיך געפילט אין דער אַלגעמיינער מיטלשול ווי זיי האָבן געלערנט אין דער פרי. מיט עטלעכע טעג שפּעטער פאַר מיר איז געקומען אין שטאָט אברהם רייזען, און עס איז פאַר מיר געווען א פריידיקע איבעררַאַשונג צו געפינען מיינע אַלע תלמידות אויף דעם אָוונט אין טעאַטער... די ערשטע סאַטיספאַקציע האָב איך געהאַט ווען די קינדער האָבן מיר אין עטלעכע וואָכן אַרום דערציילט: זיי האָבן אין דער הייסקול גערעדט מיט זייער לערערין פון ליטעראַטור וועגן פרצעס דריי מתנות. דערביי איז געפאַלן א פראַזע: „אָבער זי איז דאָך א גויה, טאַ ווי קען זי פאַרשטיין די נשמה פון א יידיש מיידל?..." דאָ האָב איך דערפילט אַז פרץ האָט „איינגענומען די קינדער" און אויפגעעפנט פאַר זיי א טירל צו דעם מאור שביהדות. מען האָט גערן געפירט שמועסן און דיסקוסיעס אויף יידישע טעמעס. היימישע יידישע קינדער, געווען צווישן זיי עטלעכע זינגערינס וואָס האָבן ליב געהאַט צו זינגען יידישע לידער. איין זאַך בלויז: דאָס ענגלישע לשון צווישן זיך פלעגט מיר מאַכן זיך פילן שלעכט. איך האָב אָפט געטראַכט, אַז איך האָב געטאָן א פעלער וואָס האָב נאָך פון ארץ ישראל נים אַנגעפרעגט וועגן דעם — איך וואָלט זיכער נים געפאָרן ווען איך וויים, אַז די קינדער ריידן צווישן זיך א פרעמדע שפּראַך. אין די שבתים און זונטיקס פלעגן זיי זיין אָפטע געסט ביי מיר. און אין שבתצונאַכט פלעגט מען מיך שלעפּן צו זייערע פּאַרוויילונגען אין שול אָדער אין פּריוואַטע היימען. איך האָב זיך געפילט מיט זיי גאָר נים שלעכט.

די אַרבעט איז אוועק צו בעסערס מיט א שנעלן טעמפּ ערשט אין צווייטן יאָר ווען עס איז געקומען פון ארץ ישראל אויך מיין פרוי און זי האָט איבער־גענומען דעם נייעם ערשט געגרינדעטן זעקסטן קלאַס טאָגשול. ביז דעמאָלט האָט די טאָגשול געהאַט בלויז פינף קלאַסן. דער קלאַס האָט אַלעמען איבער־ראַשט. די ענגליש־לערערין האָט זיך אַזש דערשראָקן: די קינדער האָבן זיך אַזוי פאַרטאָן אין די יידישע לימודים אַז זיי לייגן ווייניק אַכט אויף אירע לימודים. די שול האָט גענומען האָבן אונטערנעמונגען פון א נייעם כאַראַקטער: א סיום פון דעם תנ״ך עמוס, א ביאַליק אָוונט, א משלים־פּרימאָרגן וכדומה. איינער פון די שולטוער האָט מיר עטלעכע מאָל געפרעגט, ווי איך קען לערנען תנך ווי עס דערציילט זיך כסדר אַז גאָט האָט גערעדט, גאָט האָט געזאָגט און אַזוי ווייטער... און ער איז דווקא געווען א ייד א תלמיד חכם, א יודע ספר, אָבער די „קעמפערישע וועלטלעכקייט" פון די פריערדיקע יאָרן האָט זיך נאָך אין אים ניט אויסגעוועפּט, עס איז נאָך געבליבן שיריים פון יענע פריערדיקע צייטן, ווען א חנוכה־לאָמפּ איז אין שול געווען טריף, ווען פּורים איז געווען רעאַקציע. דערפאַר זיינען אָבער געווען כשר לכל הדעות ניי־יאָר־בעלער, כל נדרי־בעלער וכדומה. מען האָט אָבער דער אַרבעט ניט געשטערט, ניט געוואַגט צו פּראָטעסטירן קעגן דער „רעאַקציע" וואָס מיר פירן איין אין שול...

דאָך קען איך זיך ביז היינט ניט באַפרייען פון א חשד אַז ערגעץ אינעווייניק איז געווען א פאַרביטערטער, ניטאַרויסגעזאָגטער פאַריבל. איבערהויפּט האָט מען געקראָגן דרך ארץ נאָך דעם ווי מען האָט איין מאָל געבראַכט ברוך צוקערמאַנען צו א ביאַליק־נאַכמיטיק און ער האָט זיך גאָר סענטימענטאַל צעוויינט הערנדיק די רעפעראַטן און די דעקלאַמאַציעס פון די קינדער. עס איז אָבער יאָ געווען א פאַריבל ביי עטלעכע ווי־כטיקע שולטוער, איבערהויפּט אויף מיין פרוי, וואָס „מען האַלט זיך גרויס": מען קומט זעלטן צו גאַסט, מען פאַרבעט ניט צו זיך, — מען איז אַלץ פאַרנומען אין שול, מען מאַכט אונטערנעמונגען אָן באַזונדערע איינלאַדונגען צו דער פאַרוואַלטונג. אויפגעבראַכט איז מען געווען ווען מיין פרוי האָט אָרגאַניזירט אַן אויסשטעלונג פון די האַנטאַרבעטן וואָס זי האָט געפירט מיט די קינדער אין די פרייע זונטיקן, און זי האָט דערביי — אוי, וויי — פאַרגעסן צו מאַכן א וואָסער עס איז פאַראַד מיט רעדעס. די פּני האָט די אויסשטעלונג בויקאָטירט דערפאַר. אַנשטאָט דעם האָט אָבער די עלטערנשאַפט און די פשוטערע מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג שטאַרק זיך צוגעבונדן צו דער שול. עס איז אָבער געווען ניט אָן אַנעקדאָטן: איין פאָטער פון די חיפער וועלטלעכע האָט איין מאָל זיך דערשראָקן: זיין זון א תלמיד פון צווייטן קלאַס האָט א קוש געטאָן זיין חומש ווען ער איז אים אַראָפּגעפאַלן... אַזאַ רעאַקציע! א מיידעלע האָט געבעטן ביי איר מאַמען צו בענטשן ליכט. אָבער דאָס זיינען געווען בלויז אויסנאַמען, ניט מער.

צו דעם שבח פון וויכטיקערע שולטוער דאַרף איך זאָגן, אַז ניט נאָר זיי האָבן ניט געשטערט, ניט דיסקוטירט וועגן די נייע איינפירונגען, נאָר זיי האָבן געהאָלפן, געהאָלפן אַרויסגעבן נייע לערנביכער, געהאָלפן גרינדן אַ גאַנצן פאַרלאַג „פון קוואַל" געמאַכט אין שול אַ גרויסן רעמאָנט און אַזוי ווייטער. בלויז איין מאָל האָט זיך די אומצופרידנקייט אַרויסגעריסן אָפן — ווען מיין פרוי האָט אין דער פאַרוואַלטונג, נאָר מיט דעם מוטער־פאַרבאַנד אַליין געגרינדעט אַן אָפטיילונג פון דער שול אין אַ נייעם ראַיאָן. די אָפטיילונג האָט מען גערן אויפגענומען, זי איז שפּעטער געוואָרן די הויפּטשול בעת די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך נאָך שטאַרקער אַ רוק געטאָן אין יענער ריכטונג. אָבער דער פאָרזיצער פון שול האָט איין מאָל אין אַ זונטיק פאַרבעטן מיין פרוי און מיך זיך דורכצופאָרן אַ ביסל און אויפן וועג האָט ער אויסגעגאָסן זיין גאַנצע פאַרביטערונג: אונדז שיקט איר שוין גאָר אַוועק אין באַגאַדעלניע און איר פירט די שול שוין אַן אונדז. איך בין זיכער אַז עס האָט אים באמת ווי געטאָן.

די אַרבעט אין שול איז געווען אַ שווערע: פון ניין אין דער פרי ביז פיר נאָך מיטאָג האָט געאַרבעט די טאָג־שול מיט אַ הפסקה פון אַנדערטהאַלבן שעה אויף מיטאָג. פון פינף ביז אַכט ביינאַכט האָט געאַרבעט די אָוונטשול און די מיטלשול. ערשט נאָך דעם פלעגן זיין זיצונגען און באַראַטונגען. אַ גאַנצן טאָג געשפּאַנט. די לערער האָבן אין טאָגשול געאַרבעט בלויז איין האַלבן טאָג. אָבער דער פּרינציפּאַל האָט דאָך געדאַרפט זיין אין שול די גאַנצע צייט. לערער זיינען קיין מאָל ניט געווען וויפל מען האָט געדאַרפט און אַזוינע ווי מען האָט געדאַרפט. דאָס ערשטע יאָר האָב איך נאָך געהאָפט צו ברענגען אַ פּאָר לערער פון פּוילן פון די געוועזענע תלמידים פון דעם ווילנער לערער־סעמינאַר. אָבער איידער וואָס — איז אויסגעבראָכן די מלחמה און עס איז געוואָרן אוממעגלעך. דאָך איז אונדז פאַר די זעקס יאָר אַרבעט דאָרטן, געלונגען אַ סך! די טאָגשול האָט אַנשטאָט פינף קלאַסן געקראָגן זיבן קלאַסן, אַזוי אַרום האָבן די קינדער אין דער יידישער טאָגשול שוין געהאַט אויך איין קלאַס פון דער מיטלשול (הייסקול). אין פּראָגראַם פון שול איז אַריין תנ"ך, יידישע ליטעראַטור האָט דאָמינירט אַנשטאָט די כרעסטאָמאַטיעס, אין די עלטערע קלאַסן פון מיטלשול און פון די העכערע קורסן האָט מען שוין געקאָנט לערנען גאַנצע ווערק ווי „דער גולם" און „דער גייער". די סיסטעמאַטישע פּרויעקטצונאַכטן האָבן אַריינגעבראַכט אַ יידישן גייסט, עס האָבן זיך אַרויסגערוקט פעיקע רעציטאַטאָרס וואָס זיינען שוין געבליבן ביי דעם „באַרוף" אַזוי צו זאָגן אויך שפּעטער נאָכן ענדיקן די שול. מיר האָבן אפילו איינגעפירט קלאַסן פון גמרא אין די שבתים, און די קינדער פלעגן קומען אין דער קאַלטער שול אַריין צו די קלאַסן. פאַרשיידענע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען פון שול האָבן פאַרנומען אַן אָרט אין ישוב. מיר האָבן געגרינדעט אַ פאַרלאַג אַרויסצוגעבן לערנביכער וואָס האָבן זיך אַנגענומען אויך אין אַנדערע שולן. אונדזער פּרינציפּ איז געווען ניט בלויז יידיש־לשון, נאָר דורך

יידיש לשון אין דער יידישער קולטור אַריין. די עלטערע קינדער זיינען געוואָרן צוגעבונדן צו דער שול און זיי האָבן זיך אַפילו געפּרובירט פאַריידישן די היימען, צומאָל אַפילו קעגן דעם ווילן פון די עלטערן. עטלעכע יוגנטלעכע האָבן אַפילו דאָס איבערגעלעבט גאַנץ טראַגיש: די שול האָט זיי אָפּגעריסן פון דער געזעלשאַפט, פון דער גאַנצער סביבה. איין מיידל האָט צו מיר געהאַט טענות שפּעטער, אַז נאָך דעם לערנען „די גאָלדענע קייט" קען זי זיך ניט אַריינפּאַסן אין דער סביבה פון דער יוגנט: עפּעס קומען איר אַלע מענטשן אויס אַזוינע „קליינע־קליינע מענטשעלעך" אַז זי פילט זיך איינזאַם. ניט איין מאַמע האָט געהאַט צו מיר טענות, אַז „מיר האָבן שוין צופיל פאַרדרייט די קינדער די קעפּ". איך מוז אָבער זאָגן, אַז אַט די יוגנט האָט ניט געקאָנט שאַפן אין שטאָט א נייע סביבה, און זי האָט זיך געמוזט צופּאַסן, אָפּזאָגן זיך פון „גאַלאַמביזם" ווי איינע פון זיי, היינט שוין א יונגע דאַמע — האָט עס מיר פאַראיאָרן פאָרמולירט אין א בריוו. פינף יאָר נאָך אונדזער פאַרלאָזן יענע שטאָט זיינען מיר דאָרטן געווען צו גאַסט. די גאַנצע יוגנט איז געווען מיט אונדז, איין פריי־טיקצונאַכט האָבן מיר אַזוי פאַרבראַכט אין דער סביבה פון אונדזערע געוועזענע תלמידים, א גרויסער טייל פון זיי שוין יונגע פאַרלעך — ביז צוויי א זייגער ביינאַכט, ווען די שול איז שטאַרק אָפּגעקילט געוואָרן. אויף דעם אָוונט איז אויסגעקומען צו הערן פון דער יוגנט טיף דורכגעטראַכטע געדאַנקען, זאָרג און אויך טענות — די שול קען ניט זיין קיין אינדזל אין דער סביבה. עס איז אָבער דורכויס געווען קענטיק די השפעה פון דער שול.

אָבער דאָך, דאָך האָט די אַרבעט אָנגעהויבן צו דערעסן. פאַר די עלטערע טוערס פון דער שול איז מען שוין געוואָרן צו אַלט — קרעפּלעך ווערן דאָך אויך דערעסן, די אַרבעט גופא איז געוואָרן מער רוטינמעסיק, — און פאַר דעם האָט מען מורא געהאַט, עס האָט זיך געוואָלט נייע פאָרמעסטן, פּרובירן, עס האָט זיך אויך אָנגעהויבן בענקען קיין ארץ ישראל צוריק, הגם וועגן דעם האָט די מלחמה ניט געלאָזט אַפילו טראַכטן. אַז עס האָט זיך געמאַכט א נייער פאָרשלאַג, פון דער צווייטער זייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט מען עס אָנגענומען: א גרויסע, א סך א גרעסערע שול, נייע פאָרמעסטן, האָט עס געצויגן. דאָס איז געווען אין 1943. ווען איך האָב געמאָלדן דער פאַרוואַלטונג פון שול, אַז מיר גייען אַוועק, האָבן זיך אָנגעהויבן ווענדונגען. פון די קינדער, פון מוטערס אַפילו מיט עטלעכע צענדליק אונטערשריפטן. לסוף איז אַרויפגעקומען דער פאָרזיצער פון שול, און האָט גענומען איינטענהן. דער וויזיט איז אויסגעפאַלן גראָד אין דעם נאָכמיטאָג ווען מען האָט דורכגעפירט דעם טויטן דר' זשיטלאָווסקין פון קאַלגאַרי קיין ניו יאָרק. גראָד איז מיר אין זעלביקן טאָג אָנגעקומען א בריוו פון דער נייער שול, — און א פאָר זאַצן זיינען מיר שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן: עפּעס איז דער טאָן דאָרטן געווען ניט קיין פאַסיקער, — און איך האָב צוגעזאָגט צו בלייבן נאָך א יאָר אין דער זעלביקער שול: די פני פון דער פאַרוואַלטונג איז

אבער געווען אנגעשטויסן. ווי בראקירט מען עס זיי אויס? אזוינע פיינע מענטשן און גוטע יידן ווי זיי זיינען, — און מען גייט זוכן בעסערע. די קינדער פלעגן כמעט יעדער טאג ברענגען נייעס אז אין יענעם לאנד וווהין מיר קלייבן זיך צו פאָרן, זיינען נאָך דאָ מענטשן-פרעסער, מען שעכט מענטשן אין די גאסן אָן א פארוואָס און אָן א פארווען, די פענצטער אין די הייזער זיינען באשיצט מיט קראטעס פון גנבים און גזלנים, מען פלעגט ברענגען אויסשניטן פון צייטונגען מיט אזוינע ידיעות. אלץ כדי אונדז אָפּצושרעקן, מיר זאָלן ניט פארלאָזן די שטאט. און ניט דווקא קינדער פלעגן ווען אונדז אפשרעקן. געקומען א פרוי פון דארטן, געווען צו גאסט, האָט זי געבומען דערציילן מעשיות: מען טאר ניט טרינקען קיין וואסער, קיין מילך... ממש בערן שפאצירן אין גאסן און וועלף אין אלע געסעלעך, א פרוי אליין טאר ניט ארויסגיין אין גאס... די האָר האָבן זיך געשטעלט קאפויער פון די מעשיות. אָבער פארפאלן איין מאָל באשלאָסן, ברעכט מען ניט קיין ווארט.

וועגן די לעצטע 10‏-12 יאָר ארבעט איז נאָך צו פרי צו שרייבן.

צוגאָב

די תלמידים פון סעמינאר זיינען אלע מאָל געווען בריות אויף לידלעך, פאראָדיעס, קאריקאטורן. איין זאמלונג איז געווען געדרוקט (ליטאָגראפיש) אין 1926 לכבוד דעם ערשטן ארויסלאָז פון די ערשטע יונגע לערערס. ווען איך האָב זיך מיט זיי געזעגנט, האָט מען מיר מיטגעגעבן א געבונדענעם באנד. איך היט אים ווי א טייערן אָנדענק. פון דאָרטן גיב איך דאָ, עטלעכע אויסצוגן וואָס קענען ווייזן דעם געמיט און גייסט פון יענער הייליקער יידישער יוגנט, וואָס ס׳איז שוין ניטאָ מער אַזאַ. מיר, זייער לערער, איז עס באשערט, אָ וויי, צו שטעלן זיי די קליינע מצבה פון זייערע אייגענע שאַפונגען.

א גרופע סעמינאַריסטן מיט זייערע לערער

עס זיצן פון רעכטס: דוד לובאָצקי (מאטעמאטיק), פייוול טרויפיאַנסקי (סעקרעטאַר), א. גאָלאָמב, ד"ר י. ביבער, י. שער, ד"ר העלער (שטייט), גרשון פלודערמאַכער, נפתלי וויניק (פויליש) און יעקב גערשטיין

אחשורוש־שפּיל

ביי דער זייט רעכטס זיצט מאָטל גילינסקי („באַטקע"), וואָס האָט די שפּיל רעזשיסירט

H_2O

א גרופּע יונגע לערער, געוועזנ׳ע סעמינאַריסטן, ביים 2־טן שול־צוזאַמענפֿאָר אין וואַרשע: אונטן, פֿון רעכטס: פּאָראָזאָווסקי, וועלעס, יפה, גילינסקי („באטקע"). זיצן: ד״ר וויינרייך, גאָלאָמב, ראָזע סימכאָוויטש, ש. מענדעלסאָן, ברוידע. אויבן: שיפּרעס, טרויפּיאַנסקי, צוקערמאַן, קאַץ און קאַהאַנאָוויטש

די לעצטע פאַרזאַמלונג פון יידישן לערער־סעמינאַר, נאָך דעם ווי די רעגירונג האָט אים געשלאָסן

אַ קאַריקאַטור אויף גאָלאָמבן, 1927

א שרפה אין סעמינאַר

(עפּאָפּעאַ)

פראלן פלאמען, פייערן פון אלע זייטן,
ווי מכשפים וואָלטן רייטן,
און ס'פלאקערן העלע בונטן —
ס'האָט דער סעמינאר זיך אָנגעצונדן
און א געדראנג, א ווילד געפילדער, א מיש־מאש
אויף די לייטערס, דעכער, פענצטער מיט א רעש
לויפן אלע, פליען אלע, ווילד אין אימפעט
וואס ארויסצוכאפן פון דער שרפה דארט אויף גיך...
— מיט א האלב פארברענטער מאפּע אין דער האנט
רייסט זיך פלודערמאכער דורך דער וואנט
קלאָגט אויף חורבן גליל וואס דער פייער האָט פארברענט,
שטאָלץ דערמיט וואָס יהודה כאטש ראטעווען געקאָנט.
דרייסט און זיכער, פעסט און רויק
אויפן לייטער שטייט באזאכט,
שטייט ווירגילי, קוקט ווי ס'קראכט.
פלייצט מיט ימים וואסער אויף דער שרפה אין דער נאכט.
„וואָס איז דאָס פאר א גימנאסט?!
„האלט מען דען א פום אזוי?
גלייכער שפאן, די קני ניט בייג" —
גיט קאָמאנדעס סאָלאָוויי.
קלינגט פון דאך אראָפּ א קול
„ראזעם, מלאָדזשי פזשיאטשעלי!"
„פעסט און זיכער ווי פון שטאָל".
„ראזעם, מלאָדזשי פזשיאטשעלי!"
דונערט ברוידע אן א צאל.
מיט א שמייכל פון א ליטוואק,
און די אויגן פול מיט טרערן
זאמלט גאָלאָמב חברה יאטעם
און ער האלט אין איין דערקלערן:
וואס? לעשן סתם און ניט באטראכטן?
אָן עקספּערימענטן גאָר פארגעסן?!

דער פּלאַם איז דאָך צע אַ צוויי, (CO_2)
דאַרף מען מיט אַ האַ צוויי אַ לעשן! (H_2O)
טוט אַ שפּרונג דאַ אונדזער קעצל
„וואָס איז דאַ ניט צו פאַרשטיין?
האַ צוויי אַ מיט צע אַ צוויי —
כ'קען איך אַלץ דערקלערן שוין".
אונדזער זינגער שטייט אין דרויסן,
ליובט און דאַנקט דעם גאָט דעם גרויסן:
זאָל זיין געבענטשט דער גרויסער האַר,
וואָס באַפרייט האָט מיך פון סעמינאַר.
צו זיין אין סעמינאַר אַ לעקטאָר,
זאָגט פאַן יוזעף, איז פּיערוושי סאָרט
פעלט אַ ווידאָק דיר ווען אויס
האָסטו באַלד אים דאָרטן אויפן אָרט.
שפּרינגט דער ביבליאָטעקאַר גיך און גיכער,
גלייך אין צימער נאָך די ביכער!
כאַפּט די ביכער, בינדט מיט שטריק,
דורכן פענצטער גלייך צוריק:
„הערסט אַ חוצפּה פון דעם פייער?
האָסט פאַרשריבן זיך אין ריי?
חייקע איז פאַרשריבן, קעצל,
איצטער קומט די ביכער זיי!
פון איין זייט אַ יאַט ביי דער פּאַמפּע
פּאַמפּעט, שוויצט די גאַנצע צייט,
און אַ יאַטיכע אַ קאָזאַק
פּאַמפּעט פעסט פון צווייטער זייט.
„וואָס זשע זאָגט גאָר אויף דעם?" פרעגט לעווין
יאַ, איר פּאָמפּעט דאָך גאַנץ פיין,
אויב איך וועל נאָר חשק האָבן
וועל איך זיך אויך מטריח זיין...
מיידלעך דריי ביים הייסן אויוון
שטייען דאָרט און וואַרמען זיך
וועל איך זיך אויך מטריח זיין...
מיט אַמאָל זיי הערן: אוי, אַ שרפה!
ראַטעוועט זיך גיך, אויף גיך!
און ווי איין מענטש, ניט געקלערט
כאַפּן זיי אַרויס פון פייער
אַט דעם גרויסן וואַרמען אויוון,

דאס וואס איז זיי ליב און טייער.
— אוי גוואלד, אוי גוואלד!
סימכאָוויטש איז ניטא!
וואס וועט זיין, וואס וועט זיין?
סימכאָוויטש איז ניטא!
שטייט געווים אין פלאמען דארט
און האלט זיך אין איין פרייען
מאכנדיק א נייעם שעהן־פּלאַן,
א פרישינקן, א נייעם
א לעבעדיקס, א געניאלס,
אז ס׳וועלן וועלטן קלינגען!
זי אט וועלן מיר לויפן ראטעווען
פון די פייער־צונגען.

באמערקונג:

פלודערמאכער גרשון — דער לערער פון יידישער געשיכטע אין סעמינאר.
ווירגילי — איז ברוך מרדכי קאהאן — א פירער פון שולוועזן אין ווילנע.
סאָלאָוויי — דער ערשטער לערער פון גימנאסטיק.
ברוידע — דער ערשטער לערער פון פויליש.
קעצל — דער עילוישער תלמיד, שפעטער דירעקטאר פון ביאליסטאקער יידישער גימנאזיע.
אונדזער זינגער — מיינט מען יעקב גערשטיין.
פאן יוזעף — יוסף אראָנאָוויטש.

די לעקטארן

שמעו שמים —
הערט נאָר סעמינאַריסטן!
והאזינו ארץ —
און פארנעמט סעמינאַריסטקעס!
כי ה׳ דיבר — ווייל איך דער לעקטאָר רעד!
בנים גדלתי ורוממתי
איר וועט קינדער דארפן לערנען און דערציען
והם פשעו בי — ווען איר אליין וועט גאָר נישט קענען.
ידע שור קונהו וחמור
פון פערד און אייזלען לערנט איר לרוב
וישראל לא ידע, עמי לא התבונן
און יידישע געשיכטע ווילט איר ניט קענען
יאהאווע, יאהאווע! וואס האסטו געטאן?!
כ׳וויל נישט דיין קאווע, כ׳וויל ניט דיין מאָן.
וואס האסטו המנען געהאנגען גראד מאנטיק
ווען עס פאלט אוים מיין לעקציע?
יאהאווע, יאהאווע! איך קלאג איצט פאר דיר —
מיין ארעמע לעקציע: וואס האסטו צו איר?

פון פושקארניע

פון ווילנע ביז פושקארניע
און וואס הער איך אייך?!
מיינע פים צעהאקט, צעווונדיקט
איי, איך לאך פון אייך...
טראג איך מיר מיין מיסט אזוי זיך
אוי, וואס דארף איך אייך.
זעץ איך מיר אזוי קארטאפלעם
אוי, וואס הער איך אייך.
מעג זיך באטקע שרייען, שרייען
אוי, איך לאך פון אייך! כ׳טו זיך אן און
לויף צום באן גיך
אוי, וואס הער איך אייך!

באַטקע — מאָטל גילינסקי. צוליב זיין אָרגאַניזאַטאָרישער אַקטיוויטעט האָט ער געטראָגן דעם נאָמען „באַטקע". שפּעטער — דערציער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

אונדזער לערער גאָלאָמב

ווער האָט עס געהערט
און ווער האָט עס געזען?
אויף אזוינע קורצע פיסלעך
אזוי פיל קעפּ און הענט.

אוי, געוואלד א בריה
מיט אן אייזערנעם מוח:
אזוי פיל קעפּ צו טראגן
ווּ נעמט מען, גאטעניו, כוח?

מימיני מיכאל —
פון רעכטס העברעיש קנעלט ער
משמאלי גבריאל —
עקספּערימענטן שטעלט ער
אוי געוואלד א בריה...

מלפני אוריאל
דעם צווייטן קורס באטאניק
מאחורי רפאל
לערנט ער מעכאניק
אוי געוואלד...

ס'פּלאטערט פיזיק־כעמי
עס ראשו שכינת אל.
כאפּט מען נאר עס אנעט
וואלט געוועזן וויל
אוי געוואלד...

און טאמער איז עס קארג נאָך
לערנט ער אויך יידיש,
מיט טרוקענע ליטוואקעס —
א קאפּיטל חסידות.
אוי געוואלד...

צוועלף

(ניט פון בלאק)

צווישן חורבות, צווישן שטאָלן,
רווישיק טייכל, וואסערפאָלן
שטייט א חורבה האלב צעבראכן,
אלט די ווענט, שוין אפגעקראכן
איז פון זיי דער גלאנץ און פראכט,
שטייט די חורבה אין דער נאכט
שווארץ, און שאטנס קוקט זי שטום.
עס ליגט די נאכט צעשפרייט ארום.

אין דער חורבה, אין די בעטן,
אויף דער ערד און אויף טאפּעטן
ליגן יונגען א מאן צוועלף
ס'איז שוין שפּעט, א זייגער עלף.
ס'הערשט אן אומעט אומעטום.
ליגן זיי און שווייגן שטום.
א ליכטל אין א ווינקל ברענט,
ס'טאנצן שאטנס אויף די ווענט.

פון א בעט רופט איינער אויס:
ס'איז דער אומעט זייער גרויס,
„אומעט, אומעט, אומעטיק"
זאגט א צווייטער ברומענדיק.
הייבן אויף זיך אלע יאטן
וואס צו טאן זיך צו באראטן
ווערט א טומל, א גערויש,
ציט מען גאָר ארויס א פלאש
פול מיט בראנפן א פּאָר קוואָרט,
צו פארבייסן — לעקעך, טארט...
ווערט א שמחה, א גדולה,
היי, וועט מען עס טאן א הולע!
זאגט ארויסעט זייער באטקע,
און א מיידל גאָר א כוואטקע
נעמט זיך גלייך צו אלע זאכן
איינצוואָרדענען, צורעכט צו מאכן.
צינדט מען אנעט ליכט א סך,
ס'איז די גאנצע חורבה וואך.
און ארום איז אלץ פארמאכט, —
מען וועט הוליען היינטיקע נאכט.
און די יונגען אלע צוועלף,
ווי די הונגעריקע וועלף
האָבן זיך גענומען טרינקען
און צו עסן, און צו זינגען
און פון עסן גאָר א סך,
ניט געבליבן איז קיין זאך.
האָט מען זיך גענומען פאַר די הענט
אויסגעשטעלט זיך ביי די ווענט,
און די שווארצע וויכנע־דוואשע
נאכן טרינקען גאר נישקשה
האָט געהאלטן הויך א דרשה:
„לעבן זאל די חורבה־מאכט!"
דונערט, קלינגט עס אין דער נאכט.
און ארום איז רואיק, שטיל,
ס'ווייט א ווינטל אומעט, קיל.
און אין רוישן פון די וועלדער,
פון די זאנגען אין די פעלדער,
אין דעם מרוקן אין די שטאלן
ווערט דאס שרייען דארט פארפאלן.
אין דער חורבה, אין א ראד
דרייט מען זיך א קאראהאד.
א הויכער יונג אויף א קאטערינקע
שפּילט דארט צו א קאמארינקע.
נעמט מען באלד זיך צו די פלעשלעך,
רוישן קובקעס, קלינגען גלעזלעך,
קען מען באלד זיך שוין ניט שטעלן, —

נאר עס וועט נאך בראנפן פעלן...
און ארום איז אלץ פארמאכט,
וועט מען גנבען היינטיקע נאכט!
האָבן יאטן זאלבעצווייט
אין דער נאכט זיך באלד צעשפּרייט,
הויך געקראכן איבער דעכער,
אויסגעזוכט אין אלע לעכער
און געפונען בראנפן נאך
ערגעץ אין א בוידעמלאך.
און די יונגען ביי די ווענט,
מיט די גלעזלעך אין די הענט.
געענדיקט האָבן זיי פארבייסן,
אנגעטאן זיך אלע גאר אין ווייסן,
גענומען טאנצן האָט מען גיין
ביז אין ווייסן טאג אריין...
אויגן שיכור, מיד פארלאפן,
איז מען באלד געפאלן שלאפן.
און אויף מארגן, ווי סאלדאטן,
גייען גלייך די יאטן צוועלף
וואקלענדיק זיך איבער קלאדקע,
און פון פארנט גייט דער באטקע.
נאך אים גייט דער העלדטענאר,
זינגט א לידל מיטן כאר:
„מארש, חורביסטן" גיט א ברום
און ס'צעטראגט זיך ווייט ארום.
און אין זוניקן פרימארגן
ליגט דער סוד פון נאכט פארבארגן.
אלץ ארום האָט אויפגעוואכט,
...מ'האָט געהוליעט היינטיקע נאכט...

☆ ☆ ☆

א לעקציע כעמיע

מיטן ניגון „וואַרשעווער קאַדעטן"

דער קאָסמאָס איז פֿאַרבירגערט
פֿון אַלע מינים גאַזן,
טאָ ווּ זשע איז דער וווין־אָרט
פֿון זייערסן אין באַזן
טאַם טי די רי רי...

איך גיי אַרויס צום טאָוול,
אין קאָפּ ווערט אַ גערודער,
צוויי פּאָזיטיווע יאָנען
זיי ווערן ביי מיר ברידער
טאַם...

איך ווייס ניט ווי אַזוי
די פֿאָרמול אָנצושרייבן,
מיט זאַלצן און מיט באַזן
איז קאַטאָוועס ניט צו טרייבן.
טאַם...

ח' ריינהאַרץ פֿאַרבייסט די ליפּן
און ווערט ווי קאַלציום בלאַס,
אַ העזה דאָס צו זאָגן —
אַ זעעוודיקער גאַז!
טאַם...

איך קען עס ניט פֿאַרשטיין,
וואָס האָט מיט אייך געטראָפֿן,
אַזוינע מינים אַבסורדן,
ס'איז קיינמאָל ניט פּאַרלאָפֿן.
טאַם...

כ'וואָלט געגעבן ח'דאַמבן
אַ קורצן רעפֿעראַטל,
און זיבן קורצע זאַצן
וועגן קאַלציום־קאַרבאָנאַטן.
טאַם...

איך זאָג אייך, נו באמת,
עס איז ניט צו דערליידן,
אַזוינע פּוסטע מוחות,
עס איז ניט צום באַשרייבן!
טאַם...

דער צווייטער קורס איז היי־יאָר
געוואָרן אומדערטרעגלעך,
מיט יאָנען H_2O
ווי קען עס גאָר זיין מעגלעך!
טאַם...

איר מוזט אין אייערע מוחות
דאָס אַלעס קאָנצענטרירן,
די קומענדיקע וואָך
וועל איך אייך עקזאַמענירן
טאַם...

אין אָרדענונג ברענגט די מוחות,
עס וועט אייך גאָרניט שאַטן
איר זאָלט נאָר ניט פֿאַרבייטן
סולפּיטן מיט סולפּאַטן
טאַם...

פּרוווט איר נאָר דערנאָך
די כעמיע ניט צוקענען!
אַ צוויי וועל איך אייך שטעלן
אַ סוף זאָל דאָס שוין נעמען!
טאַם...

זאָגט מיר, ווי דערקענט מען
דעם פֿאָספֿאָר אין די ביינער;
ס'ווערט ליכטיק אין די אויגן
אז מען גיט שטאַרק אין די ציינער...
טאַם...

טעאָריע פון גימנאַסטיק

מיטן ניגון פון „ציפּ צאַפּיקל"

פון א. ליבערמאַן

מאָנטיק איז אַ טאָג אַ צרה,
די ערשטע שעה גימנאַסטיק טעאָריע,
ביטע חברים אַ ביסעלע שטילער,
ביטע חברים זיצן גלייך,
ביטע חברים אַ ביסעלע שטילער,
ביטע חברים די טובה מיין איך אייך.

ח' פּירער, נאָר אָן אַ שמייכל,
צו טעאָריע פון גימנאַסטיק
דאַרף מען האָבן שכל
ביטע חברים...

ח'טע צעדעראָוויטש ביטע קומט אַרויס,
אין פּייל־פּליין בויגט אייער קערפּערל אויס,
ביטע חברים...

ניי־ווילייקע, דיוועגישעק און סוויר
אַלע רעכטס, די קעפּ צו מיר,
ביטע חברים...

ח'טעם נישט אַזוי פאַרטראַכט,
אויף אייער רעכטן פוס גיט אַכט.
ביטע חברים....

וואַרט ח' גאָלדפאַרב קאָרעספּאָנדירט
און די ח'טע רינגלבלום עמיגרירט.
ביטע חברים...

לעקציעס

מיטן ניגון „איך וועל דיר שענקען בריזאנטעמען"

קומט געשיכטע מיניאטור,
קומט פיזיק מיט א לעקטור
און דערצו א לעקציע ארבעט:
„נאדעל, פאדען, ציט העריין,
קיין גערדאנג זאָל מיר ניט זיין,
האלקא, פארטוך און פאָדושקא.

ח' ווייניק איז שוין דאָ,
שמועסט מען א גאנצע שעה,
טעמעס פעלט נישט, גאָט צו דאנקען:
עטנאָגראפיע, אינסטיטוט,
פויליש קען מען זייער גוט,
נאָך וואָס דארף מען טאקע לערנען?

פונקטואציע — קיין איין וואָרט,
קיין איין קאָמא האָט איר אָרט,
און דערצו דער אינהאלט גופא,
ארטאָגראפיע זייער שלעכט.
און דער סטיל איז אויך ניט רעכט,
צווייטער קורס איר מעגט אייך שעמען!

קומט אריין ח' גערשטיין.
מוזן אלע זינגען גיין,
כאָטש מען קען נישט קיין סאָלפעדזשיא,
מוסרט ער א גאנצע שעה,
און קיין פעולה איז ניטאָ.
צווייטער קורס איר מעגט אייך שעמען!

באַמערקונג: — די לערערין פון האַנטארבעט האָט גערעדט אַ שוואַכן יידיש. נפתלי ווייניק — לערער פון פויליש און יידישער שרייבער.

אנטפלעקונגס מעטאד

מיט דעם ניגון פון „גיב מיר אן עצהלע"

פון א. ליבערמאַן

זיצט א סעמינאריסט פארטראכט,
שטארק פארקנייטשט דעם שטערן,
ארבעט איז פאראן א סך,
אויף מאָרגן מוז עס ווערן.
איך מוז נאָך ארבעטן...

דאלטאָן איז א מענטש געוועזן,
ווייזט אויס, גאָר ניט קיין שלעכטער,
פארזאָרגט אונדז סעמינאריסטעלעך
מיט אן ארבעט גאָר א רעכטער,
מיר מוזן ארבעטן,

זאָל איך מאכן געאָגראפיע
סיאַטקעס און פּשעקראָיען,
איך פיל בחוש, סאיז צוגעפּאסט
די ארבעט נאָר פאר גוים.
אוי, די סיאטקעלעך.

די געאָמעטריע האָב איך שוין
גערדייט אויף טויזנטערליי זייטן,
ס'ווילן זיך די ווענט ביי מיר
בשום אופן ניט מיידן,
זיי מוזן מיידן זיך!

און דער באלקן אין דער הייך
ליגט קאלט, אויסגעצויגן,
מיט די פאראלעלע גראָדע
רייצט ער מיר די אויגן
זיי מוזן מיידן זיך!

וואָס טויגן מיר די פליינעלעך,
די פּערפּענדיקוליאַרן?
ביים טאָוול וועל איך סיי ווי סיי
בלייבן נאָר צום נארן.
אוי, אוי, די פליינדעלעך!

איין האָפענונג בלייבט מיר נאָך,
איך האלט שטארק פון דער סברה:
אנטפלעקונג קומט אין דעם געביט,
ווו די זאך איז ניט קיין קלאָרע.
עס מוז אנטפלעקן זיך!

ח' גאָלאָמב האָט געלערנט אונדז
דעם מעטאָד ווי צו אכטן,
אז די אויפגאבע דערשיינט ערשט דאן,
ווען מען הערט שוין אויף צו טראכטן.
אוי, אוי איך טראכט שוין ניט!

און פלוצלונג, זע, די ווענט אָט דאָ
בפירוש פאראלעלע,
רירן זיך און מיידן זיך
אין דער הייך דאָרט ביי דער סטעליע.
אוי, ווי זיי מיידן זיך!

ווען איך וועל א לערער זיין,
אין שול שוין פראקטיצירן,
וועל איך מיינע קינדערלעך
מיטן אנטפלעקונגס מעטאד פירן,
אוי איז דאָס א מעטאָד!

ח׳ גאָלאָמב איז געפאַרן

רינגע איז א שטאָט א שיינע,
יאַטעס־דעמבעס, איינע אין איינע.
אוי דערציילט מען גאַנצע יאָרן,
א. גאָלאָמב איז געפאָרן.

יידן דאָרטן — קאַלטע בריאות,
קנאַקן רוסיש — גאָר א חיות.
אוי דערציילט מען...

נישט געהיצט זיך, נישט געברענט,
רעדן יידן גאָר אָן הענט!
אוי דערציילט מען...

ווו מען זאָל זיך ווענדן, קערן,
מוז מען וועגן בּרויען קלערן.
אוי דערציילט מען...

א חיות אין טראַמוויי צו פאָרן
די שענסטע פרויען קאָנדוקטאָרן
אוי דערציילט מען...

דער גרעסטער מענטש פון אונדזער דור,
פרוי בערז איז א יידענע מיט יעדער האָר.
אוי דערציילט מען...

אויף קאָנפערענצן האַלט מען אין איין טראַכטן —
מיט אכט טויזנט דאָלאַר וואָס זשע מאַכט מען?
אוי דערציילט מען...

און לסוף פון דער קאָנפערענץ
קומט די לעצטע קאָנסעקווענץ
אוי דערציילט מען...

נידער מיט די גרעניצן פון מלוכות,
כלל־ישראל טרינקט פון איין כוס!
אוי דערציילט מען...

זאָל לעבן די פרייע מלוכה
מיט דער פרייער ווילנעלע בראש!
אוי דערציילט מען...

נאָך א באַריכט וועגן מיינעם א וויזיט אין ריגע אויף אַ לערער־קאָנפערענץ אין 1929, ווען די יידישע שולן זענען דאָרטן געווען מלוכהשע.

☆ ☆ ☆

סימכאָוויטש

דו באשיצערין פון אשור,
זיי געבענטשט און זיי געאכפערט
פון זיין נאמען!
איך דער פאטער פון די היקסן,
איך דער קיניג פון די בבלים
קומען דאנקען דיך און לויבן
פון זיין נאמען.
אויף צעשטערטע אלטע טעמפלען,
אויף מצבות און רואינען
אויף אלטן ליים און קיילשריפט
זאלסטו דארט טרייסט געפינען.
ז. רייזען
מיט דעם קאפ אין ווילנע,
און אין ווארשע מיט א פוס,

שיקט דער ליבער לעקטאר
פון באן אונדז א גרוס
און ווארפט אונדז צו א לעקציע
פון באן־פענצטער ארויס.
מיר כאפן עס און קוויקן זיך
און ס'איז די שמחה גרויס.
דעם קומענדיקן פראפעסאר
בץ־ניימייער
א לויב, א לויב דעם גרויסן גאון!
תורות נייע טוט ער בויען.
ליב און הארציק, גרויס און טייער
איז פראפעסאר בץ־ניימייער,
דער בארימטער ליארמער־שרייער —
ברענען זאל ער אויפן פייער.

ניימייער — א בארימטער געאָלאָג. בץ — אן עילוי־תלמיד אין סעמינאר.

A. GOLOMB

Meio Século de Educação Judaica

Editôra «Monte Scopus»
Rio — 1957